This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-522

סאָוועטיש

7

1981

היימלאנד

סאָװעטיש הײמלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון סססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָװעטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקװע

7

יול

1981

אינהאַלט

מיר אינפֿאָרמירן אונדזערע לייענער. **דער וועג אין אָפּגרונט (די פּרעסע וועגן דער אליִע)** 3

כאָשעווער רעדאַקטאָר, איך שיק אײַך דאָ איין ליד מײַנע, בלויז איינע **(לידער פֿון בראָניע סיגעלניקאָווע, מענדל ליפּשיץ, פּיניע פּלאָטקין, דווירע כאָראָל, מישע מאָגילעוויטש, וועלוול ווערניק, כאַיִם גורעוויטש, מאַקס רִיאַנט)** . 18

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו. צוויי מונדירן (דערציילונג. קינסטלער — ה. אינגער) 22

פּיניע קיריטשאַנסקי. ווי א לעבנס־קוואַל (לידער) 60

אַלעקסאַנדער ליזען. נײַע מאָנאָלאָגן . . 62

מאָטל גרוביאַן. פֿון דער שעפּערישער ירושה. א לעגענדע וועגן גליק. צײַטן פֿון יאָר. היים. ביימער (לידער) 68

וואַלענטין טאָמין. לעקאָווער דעם לעבן (פֿראַגמענטן פֿון א בוך) 72

ווערק פֿון אויסלענדישע שרײַבער. **א. נ. שטענצל. דרײַ לידער** 120

מיר ענטפֿערן אף פֿראַגעס פֿון אונדזערע לייענער. **א פֿילם וועגן דער פֿאַרגאַנגענהײַט, וועלכע רעדט צום געוויסן פֿון די הײַנטיקע דורות** 122

פּאָרטרעטן פֿון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער. **הערש רעמעניק. שירע גאָרשמאַן** . . . 127

אונדזערע מיטיילונגען. **אַרן ירושלימסקי. ייִדישע קולטור־אוצרות אין דער אַלפֿאַרבאַנדישער לענין־ביבליִאָטעק** 134

שמועסן וועגן מוזיק און עסטראַדע. **ז. קאָמפּאַנייעץ. א נײַע מוזיקאַלישע פּלאַסטינקע** . . . 139

רעצענזיע. **נינע ווערלעכאָווא. די נאַכט ערעוו באַבי יאַר** 141

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. **מאַרגאַריטע נאָגטיעווא. א גרויסער מײַסטער** . . 146

עס ווערט פֿאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן. **דער גורל פֿון א ייִדיש־דיכטער אין ייִסראָעל** 149

הײַנטצײַטיקע רוסישע זינגלידער אין דער איבערזעצונג פֿון אַרן ווערגעליס 152

די פּאָטשט פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" 160

כראָניק 145, 149

מאַטעריאַלן פֿאַר א לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 167

לאָמיר זינגען נײַע לידער. **דאָס גלאָז. ווערטער פֿון ש. האַלקין. מוזיק פֿון ל. האָפּמאַן** . . . 168

רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער (שטעלפֿאַרטרעטער פֿון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער

דער וועג אין אָפּגרונט

(די פּרעסע וועגן דער אליע)

אין היינטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" וועצן מיר פאָר פובליקירן מאטעריאַלן וועגן דער אליע. די אַרטיקלען און נאָטיצן זײַנען גענומען פון פאַרשיידענע צײַטונגען און זשורנאַלן, אין וועלכע געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, פאַרפירטע דורך דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, דערציילן וועגן זייערע אומענטשלעכע ליידן, צעבראָכענע לעבנס, וועגן דעם, ווי זיי זײַנען געוואָרן א שפּילצײַג אין די הענט פון די ציוניסטן, וועלכע נוצן אויס די אומבאַהאָלפנקייט פון מענטשן, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין א פרעמד לאַנד.

פיל נײַס וועלן די לייענער זיך דערוויסן פון די מאטעריאַלן וועגן די „נוישרים", וואָס מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, ווי אויך וועגן דער באַוועגונג פון די יאָרדים. מיר ברענגען, אויסער דעם, אייניקע ידיעס וועגן דער עקאָנאָמיק פון ייִסראָעל.

ווי עס איז צו זען פון די פאַקטן, זײַנען די הויפּט־מאָטיוון, פאַרוואָס די ייִדן עמיגרירן פון פסער, — ניט דער גלויבן אין די ציוניסטישע „אידעאַלן", נאָר צומאָל רעליגיעזע סיבעס, ווי אויך א שטרעבונג צו פאַרייניקן זיך מיט קרובים, אָדער דער טריוויאַלער פאַרלאַנג צו אָנלעבן א קאַפּיטאַל אין דער „וועלט פון גלײַכע מעגלעכקײַטן", ווי דאָס האָט ניט איין מאָל צוגעזאָגט די בורזשואַזע פּרעסע, דערונטער די ציוניסטישע פון ייִסראָעל.

אָט דעם אומשטאַנד אַנערקענען די עמיגראַנטן — געוועזענע סאָוועטישע בירגער. אין פעווראַל 1977, לעמאָשל, האָט א גרויסע גרופּע יאָרדים פון ייִסראָעל זיך געווענדט צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס מיט א בריוו, ווו זיי האָבן געשריבן, אַז די עמעסע סיבע, וואָס האָט זיי באַוויגן צו פאַרלאָזן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, קאָן מען אויסדריקן מיט איין פראַזע: „מיר זײַנען סטימולירט געוואָרן אין דער מערהײַט דורך אונדזער באַלעבעסלדיקער פּסיכאָלאָגיע".
עס איז ניט צופעליק, וואָס אין די לעצטע יאָרן, ווי עס איז צו זען פון די ציוניסטישע אָנגאַבן, זײַנען 60 פּראָצענט ייִדן — עמיגראַנטן פון פסער — געפאָרן ניט קיין ייִסראָעל, נאָר אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די רייד וועגן דעם ציוניסטישן „נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פונעם ייִדנטום אין רוסלאַנד" רופן איצט אַרויס א שמייכל. דער „רענעסאַנס" האָט זיך אין דער פּראַקטיק אַרויסגעוויזן אַלס א שטרעבונג פון א הײַפל באַלעבעסלעך מיט א בורזשואַזער פּסיכאָלאָגיע אַרײַנצופאַלן אין א סאָציאַלער סוויווע פון פּריוואַט־אייגנטום. א געוויסער טייל פון די „ייִדישע רענעסאַנס־טוער", — אַנערקענט דער ייִסראָעלדיקער זשורנאַל „ציען" (פעווראַל 1978), — געהערט צו די „העלדן פונעם שוואַרצן מאַרק און צו אַנדערע פאַרברעכער".

קעדיי צוציען און פאַרפעסטיקן אין ייִסראָעל די אימיגראַנטן, האָט די ייִסראָעל־רעגירונג אָנגענומען א ריי מאָסמיטלען, וועלכע שטעלן אָפּ א קורצער צײַט די נײַע איבערוואַנדערער אין אַן עטוואָס פּריווילעגירטער לאַגע לעגאַבע די אַנדערע אײַנוווינער פונעם לאַנד: אין די ערשטע דרײַ יאָר פון זייער געפינען זיך אין לאַנד דאַרפן זיי צאָלן א קלענערן האַכנאָסע־שטײַער, זיי האָבן רעכט אַרײַנצופירן קיין ייִסראָעל טײַערע זאַכן אָן א טאַמאָזשנע־אָפּצאָל, זיי באַקומען

להאָטעס באַם אַרענדירן אָדער קויפן דירעס אדג. אין רעזולטאַט פון אָט די מאָסמיטלען איז נאָך שטאַרקער געוואָרן דער אַנטאַגאָניזם (וועלכער האָט שטענדיק געהאַט אַן אָרט אין ייִשׂראָעל) צווישן די נײַ־געקומענע און די אַנדערע בירגער. אָפּטער פון אַלץ האָבן אויסצושטיין אָנפאַלן די אימיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד—בענעגייע זיי דערגייט עס ביז אָפּענער סינע. ווי די ציִעניסטישע קוועלן מערקן אָפּ, האַלטן 60 פּראָצ. פון די „מיזרעך"־ייִדן אין ייִשׂראָעל און 66 פּראָצ. פון דער יוגנט אין עלטער פון 18 ביז 29 יאָר, אַז גראָד די „סאָוועטישע אימיגראַנטן זײַנען די הויפּט־סיבע פון דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע בײַ דער באַפעלקערונג אין לאַנד".

די פאַקטן באַווײַזן, אַז עס נעמט די איבערהאַנט אַן אויסגעשפּראָכענע טענדענץ צו פאַרקירצן אַלץ מער די עמיגראַציע פון אַלע לענדער, ניט נאָר פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, און פאַרגרעסערן די צאָל יאָרדים. די סיבעס זײַנען גאַנץ ערנסטע. עס פאַלט דער פּרעסטיזש פונעם ציִעניזם און פון ייִשׂראָעל צווישן דעם „וועלט"־ייִדנטום"; ס'ווערט שטײַפער די פּאָזיציע פונעם אַמעריקאַנער ציִעניזם, וועלכער איז קעגן דעם, אַז ייִשׂראָעל זאָל ווערן דער איינציקער צענטער פון די ייִדן אין דער וועלט; פאַר אַלעמען ווערט קלאָר די אומפעיִקייט פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִשׂראָעל צו באַזאָרגן מיט אַ מענטשלעכן לעבנס־ניוואָ די אימיגראַנטן; עס פאַרשאַרפן זיך די ווידערשפּרוכן צווישן די נײַגעקומענע און די פאַראָרעמטע מאַסן ייִשׂראָעלבירגער; שטאַרקער ווערט דער עקספּאַנסיאָניזם פון די רעגירונגס־קרײַזן; אין דער איצטיקער אומגעבונג פילט זיך די אָפּוועזנהײַט פון פּערספּעקטיוון פאַר אַן עמעסער פרידלעכער אײַנרעגולירונג אויפן נאָענטן מיזרעך.

פאַר דער איבערוועגנדיקער מערהײַט אויִלים ווערט דער „ציִעניסטישער גאַניידן", וועלכן מע האָט זיי צוגעזאָגט, פאַרוואַנדלט אין אַ געהענעם. זיי דערזעען זיך אין אַזאַ סיטואַציע, ווען מע קריגט ניט קיין דירע, קיין פּאַסיקע אַרבעט, עס ווערט קאַטאַסטראָפאַל נידעריק דער מאַטעריעלער ניוואָ, מע טרעפט אָן אויף אַ פײַנטלעכער באַציִונג מיצאַד יענע אימיגראַנטן, וועלכע זײַנען געקומען אין לאַנד פריִער. אַנדערש גערעדט, אין ייִשׂראָעל גופע האָט אַן אָרט די אָפענע טענדענץ צו פאַרקלענערן דעם ווּקס־טעמפּ פון דער באַפעלקערונג אויפן כעזשבן פון אויִלים.

מע דאַרף נאָך אויך נעמען אין אַכט, אַז די אָפיציִעלע אָנגאַבן וועגן דער עמיגראַציע פון ייִשׂראָעל אין אַנדערע לענדער זײַנען טאָמיד פאַרקלענערטע. ווי עס אַנערקענט דער ציִעניסטישער אויטאָר פּראָפ. היטעלמאַן, האָבן אין דער לעצטער צײַט אָנגעהויבן פאַרלאָזן די מעדינע אַפילו פאַרשטייער פונעם אָרטיקן איסטעבלישמענט. ס'זײַנען פאַראַן פאַלן, ווען אָנגעזעענע ייִשׂראָעל־דיפּלאָמאַטן זאָגן זיך אָפּ אומצוקערן זיך אַהיים.

אין דער פּערספּעקטיוו איז לאָגיש צו דערוואַרטן, אַז די ווײַטערדיקע אימיגראַציע קיין ייִשׂראָעל וועט זיך האַלטן אין איין פאַרקירצן, ביז עס וועט אינגאַנצן זיך אָפּשטעלן די אַליִעבאַוועגונג. ס'וועט פאָרקומען אַ סיסטעמאַטישע „לעוואַנטיזאַציע" פון דער מעדינע און אַ בעערעכדיקע אָדער אַבסאָליוטע פאַרקלענערונג פון דער צאָל ייִדן.

ניט דער שפּיגל איז שולדיק, נאָר די ווירקלעכקײַט (אַרום דער בראָשור פון „סאָוועטיש היימלאַנד", געווידמעט דער אַליִע)

איידער מע האָט אַנטדעקט דעם שפּיגל, האָבן מענטשן ניט געוווּסט גענוי, וויאַזוי זיי זעען אויס, סײַדן זיי האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן אָדער זיי האָבן אַרײַנגעקוקט אין אַ טײַך. דער לעגענדאַרער נאַרציס איז געווען פאַרליבט אין זיך און געגלייבט, אַז קיין שענערער פון אים איז ניטאָ, האָט ער אַזוי טיף אָנגעבויגן זײַן פּאָנעם צום טײַך, ביז ער איז אַרײַנגעפאַלן און דערטרונקען געוואָרן.

הײַנט, ווען מענטשן קענען שוין אַרײַנקוקן אין אַ שפּיגל און זען זייער געשטאַלט אין דער ווירקלעכקײַט, טרעפט זיך אָפּט, אַז ווען דער שפּיגל ווײַזט אויך מיִעסע שטריכן, שרײַט מען, אַז דער שפּיגל איז שולדיק.

עס טרעפט אויך, אַ געזעלשאַפט מיט אַ מיִעסן אויסזען געפינט, אַז שולדיק אין דעם איז די אָפּשפּיגלונג אין דער פּרעסע, אין דער ליטעראַטור און אין טעאַטער.

פּאָליטישע הערשער, וועלכע רופן אַרויס מיט זייערע מעַסים דעם שלעכטן און מיִעסן אויסזען פון דער געזעלשאַפט, האָבן טײַנעס צו דער אָפּשפּיגלונג און גוואַלדעווען, אַז דער שפּיגל איז קרום.

זיי זאָגן, אַז ניט זייערע מעַסים זײַנען שולדיק, נאָר שולדיק איז דער שפּיגל. זאָל מען צעברעכן אַלע שפּיגלען, זאָל נעמען אַ סאָף צו דעם, וואָס זיי ווײַזן, ווײַל דאָס איז „ליגן" און דער „עמעס" איז זייערער...

די ווירקלעכקײַט שווײַגט אָבער ניט. און ווער עס קוקט זיך צו איר צו, זעט די שוואַרצע פלעקן, די פינצטערניש, אין וועלכער מענטשן און פעלקער לעבן.

אין שײַכעס מיטן אויסזען פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ייִשׂראָעל, פון דער הערשנדיקער פּאָליטיק און מאָראַל, פון די שווערע עקאָנאָמישע לעבנס־באַדינגונגען פון דעם פאָלק, זאָגן אַ טייל שרײַבער און זשורנאַליסטן, אַז ס'איז קעדיי ווייניקער צו קוקן און שרײַבן, און ביכלאַל איז בעסער ניט ריידן וועגן דער מענטשלעכער דערנידעריקונג, וועגן מאַטעריעלער נויט און גײַסטיקער אָרעמקײַט, וועגן פאַלשע צוזאָגן און מיִעסע מעַסים, ווײַל מע שפּיגלט אָפּ די ווירקלעכקײַט אַזוי ווי זי איז... איז ניט שיין...

ווען „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געקומען און אין איינער פון זײַנע ביכער־בײַלאַגעס באַוויזן „דעם

וועג אין אָפּגרונט", איז מען אַרויס מיט אַ וואַיִצאַקו: „ס'איז ניט עמעס, ייִסראָעל איז הײַנט ניט קיין אָפּגרונט, ניט קיין גענעם (פאַר די פאָלקסמאַסן), נאָר בלויז אַ געווײנלעכע קאַפּיטאַליסטישע מעדינע". אין שײַכעס מיט אָט דער טײַנע ווילט זיך זאָגן, אַז ריישיס, איז ניט די מעדינע שולדיק אין דעם, וואָס זי טראָגט אין זיך די קרענק פונעם קאַפּיטאַליזם, נאָר די הערשער, די רעגירונג, די אונטערדריקער; וועהאַשייניס, ווייסט מען שוין פון לאַנג, אַז אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג איז אַ גענעם פאַר די אַרבעטנדיקע פאָלקסמאַסן.

ווען מיר רײדן און שרײַבן וועגן אָט דעם גענעם, קומען פאַקטן, קומט די ווירקלעכקײַט און באַשטעטיקט דאָס געזאָגטע און געשריבענע. די אַזויגערופענע אוילים, וועלכע שטײַגן אַרויס אין ייִסראָעל און פאָרן אַוועק, זײַנען די עמעסע אָפּשפּיגלונג פונעם אָפּגרונט, אין וועלכן מיר לעבן הײַנט.

אַפילע דער ציִעניסטישער זשורנאַליסט יויסעף גאָלדקאָרן, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט דער אַליִע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד (מער מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד, איידער מיט די אוילים) מוז ניט ווילנדיק אַנערקענען, אַז דער „עקאָנאָמישער כאַאָס", „די פּאָליטישע איזאָליאַציע", „די וואַקסנדיקע אַרבעטסלאָזיקײַט" זײַנען אַ פולער בײַטראָג צו דעם אָפּגרונט, איבער וועלכן ייִדן, וואָס פאַרלאָזן זייער סאָוועטישע היים, היטן זיך אויס ניט אַרײַנצופאַלן קיין ייִסראָעל.

די רעאַליטעט, אין וועלכער עס לעבן די פאָלקסמאַסן אין דער מעדינע, פאַרוואַנדלט פיל פון די אוילים אין יאָרדים, ווײַל איין יערידע (פון דער עקאָנאָמיק, פּאָליטיק, מאָראַל אאַוו.) שאַפט די צווייטע.

די אינפליאַציע, וואָס וואַקסט מיט אַ שנעלן טעמפּ, דער וואַקסנדיקער יאַקרעס, די אַרבעטסלאָזיקײַט, די טעמפּע ביוראָקראַטיע, די טעגלעכע גוואַלדטאַטן, פאַרברעכנס אינעם לאַנד — דאָס איז דער אָפּגרונט, דער גענעם, אין וועלכן עס איז ניט שולדיק דאָס פאָלק און, נאַטירלעך, די אָפּשפּיגלונג פון דעם אין „סאָוועטיש היימלאַנד" — אוואַדע ניט. ווער עס קומט הײַנט און זאָגט, אַז מע וואָלט געדאַרפט קריטישער זיך באַציִען צו „זייערע" דערציילונגען, צו „זייער" אָפּשפּיגלונג (אין דער בײַלאַגע צו „סאָוועטיש היימלאַנד"), רעדט געַנוי ווי די רעגירער פון ייִסראָעל, וועלכע האָבן טײַנעס צו די ספּיקערס אין דער טעל־אַוויווער טעלעוויזיע, צו אַ טייל זשורנאַליסטן, לעמײַ זיי ווײַזן ניט די צושויער און צוהערער דאָס „פּאָזיטיווע", וואָס איז פאַקטיש ניטאָ אין דערווירטשאַפט און אין דער הערשנדיקער פּאָליטיק.

די נעגאַטיווע בילדער און רייד — זאָגן די הערשער — ברענגען שאָדן... זייער הערשאַפט. זיי ווילן ניט אַנערקענען, אַז דער אויפן, וויִאַזוי זיי אַליין באַציִען זיך צו די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע פּראָבלעמען פונעם פאָלק און פונעם לאַנד, פאַרשאַפן דעם עמעסן שאָדן.

אוואַדע ווילן זיי, אַז די פאָלקסמאַסן זאָלן ניט זען און ניט הערן, וואָס עס טוט זיך דאָרט בײַ זיי, וואָס עס קאָכט זיך אין זייער פּאָליטישן קעסל.

— לעשט אויס די ליכטיקע שטראַלן, צעברעכט די שפּיגלען! פינצטער זאָל זײַן! — שרײַען זיי. — דער שפּיגל, די אָפּשפּיגלונג איז שולדיק...

איר האָט אָבער אַמאָל געזען, אַז אַ שפּיגל זאָל ווײַזן דאָס, וואָס עס איז ניטאָ?

ער קאָן ניט ווײַזן קיין זון־שטראַלן אין דער נאַכט־פינצטערניש. ער קאָן ניט זאָגן, אַז שוואַרץ איז ווײַס, אַז ווילדגראָזן זײַנען בלומען.

די ייִדן, וועלכע האָבן פאַרלאָזט זייער סאָוועטישע היים, זײַנען געווען צוגעוווינט צו אַ ווירדיק לעבן, זיי זײַנען ניט אויסגעשטעלט געווען צו לויפעניש נאָך אַרבעט, נאָך אַ דירע, צו זען אַרום זיך אַ געזעלשאַפט, וואָס ווערט צעפרעסן פון קעסיידערדיקע פאַרברעכנס, פון אַ טעמפּער ביוראָקראַטיע, פון אַן אומענטשלעכער באַציִונג צו מאַטעריעלע און גײַסטיקע נויטן.

זייער אַנטוישונג ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דער בראָשור „דער וועג צום אָפּגרונט".

אין עליִעזער שטיינבאַרגס מאָשל „דער שפּיגל און דער מיילעך" זאָגט דער שפּיגל: „איך אַ קינסטלער בין, פאַרשטייט איר מיך; אַ מאָלער בין איך — וואָס איך זע, דאָס מאָל איך"...

ש. בוים
(„דער וועג", טעל־אַוויוו)

ניטאָ קיין גליק אין דער פרעמד

אין פינסק בין איך געווען צוגאַסט בײַ דער מישפּאָכע שליאַקמאַן. די באַלעבאָסטע הייסט טעמע לוואָוונאַ, דער באַלעבאָס מיכאַיִל באָריסאָוויטש. זיי בײדע זײַנען איצט פּענסיִאָנערן. זי — אַ פּאַרטיי־מיטגליד פון 1939 יאָר, אַ סך יאָרן געווען אַ סאָוועטישע און פּאַרטייִשע טוערן. דער באַלעבאָס — אַן אַרבעטער, אַ מענטש מיט אַ סך פאַכן. זיי האָבן מיר דערציילט די טרויעריקע געשיכטע פון זייער פּלעמעניק. אַזויוויִ אַזאַ מײַסע איז פּאַשעט שווער צו גלייבן, האָט מען מיר באַוויזן אַ פּעקל בריוו זײַנע, אויף וועלכע עס שטייט דער שטעמפּל פון טעל־אַוויוו.

— מיט פינף יאָר צוריק האָט אונדזער פּלעמעניק יאַקאָוו וואָלפאָוויטש שליאַקמאַן, אַן אײַנוווינער פון קיִעוו, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטער פון אַן אָפּטיילונג אין רעפּובליקאַנישן פּסיכיִאַטרישן שפּיטאָל, אומגעריכט באַקומען אַן אײַנלאַדונג פון אַ ווײַטן קאָרעוו, ער זאָל אַרויספאָרן קיין ייִסראָעל. און ער איז געפאָרן. געקומען קיין טעל־אַוויוו, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער קלוימערשטער קאָרעוו איז ניט מער, ווי אַ קעסעף־ציִעניסט (קעסעף אין איוורית באַטײַט זילבער־געלט. אַזוי רופט מען די ציִעניסטן, וועלכע טראַכטן ניט וועגן „אידייען", דער ציִעניזם איז בײַ זיי אַ מיטל צו פאַרדינען געלט).

אינגיכן האָט דער פּלעמעניק זיך דערוווּסט, אַז ער איז ניט דער איינציקער, וואָס איז אַזוי פאַרפירט געוואָרן. מיט כאַפּן מענטשישע נעשאָמעס פאַרנעמט זיך דער אַזױגערופענער „געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט צו העלפן די סאָוועטישע ייִדן". די ציִעניסטישע אינסטאַנציעס טיילן דערוף אויס גאַנץ היפּשע סומעס. יענע, וואָס רופן אַרויס עמעסע און ניט עמעסע קרויווים, ווערן דערפאַר פייַן באַלוינט.

— איך האָב דערפילט, אַז עס רוקט זיך אָן אַן אומגליק, דאָס האַרץ האָט בא מיר אָנגעהויבן קלאַפּן מיט אומרו, — דערציילט טעמע לוואָוונא, — נאָר אומקערן אים פון וועג האָב איך שוין ניט געקאָנט. ער האָט דאָך פאַרן אָפּפאָרן אונדז גאָרנישט ניט דערציילט, קיין אייצע זיך ניט געהאַלטן, אַפילע ניט געזעגנט זיך. אַוועקגעפאָרן ווי אַ פרעמדער.

קעדיי וואָס גיכער קאָנען פאָרן, האָט ער אין איַילעניש זיך צעגעט מיט זייַן פרוי, ניט דערקלערנדיק די סיבע. אין קיִעוו האָט ער איבערגעלאָזט צוויי זין. דער עלטערער האָט שוין אַן אוניווערסיטעט־דיפּלאָם און אַרבעט אין אַן אינסטיטוט, דער ייִנגערער פאַרענדיקט דעם פערטן קורס פונעם פאַקולטעט פון אָנווענדנדיקער מאַטעמאַטיק באַם זעלבן קיִעווער אוניווערסיטעט, ער באַקומט אַ געהעכערטע סטיפּענדיע.

שוין דער ערשטער בריוו, וועלכן די פינסקער פעטער און מומע האָבן באַקומען פון יאַקאָוון, איז געווען פול מיט אומרו, ווייַל עס איז קלאָר געוואָרן, אַז צווישן דעם, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים און וואָס ער האָט באַקומען אין ייִסראָעל, ליגט אַ טיפער, פינצטערער טהאָם. יעדער נייַער טאָג, וועלכן ער לעבט אין דער פרעמד, פאַרשלעפּט אים אַלץ טיפער אין טהאָם.

— איך בין ניט איין מאָל געווען בא אים צוגאַסט אין קיִעוו, איך האָב געזען, ווי שיין ער האָט דאָרט געלעבט: אַ פּרעכטיק געזינד, זייער אַ פייַנע דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקייַטן אין צענטער פון קיִעוו, אַ באַליבטע אַרבעט. מענטשן זייַנען צו אים געגאַנגען ווי צו אַ ספּעציִאַליסט, וואָס ווייסט גוט זייַן פאַך. און דאָס וויכטיקסטע — ער האָט, נאַטירלעך, געהאַט אַלע רעכט פון אַ סאָוועטישן מענטשן.

געקומען קיין ייִסראָעל, האָט דער געוועזענער סאָוועטישער ספּעציִאַליסט־פּסיכיִאַטער געוואָלט פאַרנעמען זיך מיט מעדיצינישער פּראַקטיק. געוואָלט... פינף כאָדאָשים האָט ער שטודירט איוורית. קעדיי כאָטש ווי־ניט־איז לעבן, האָט ער פאַרקויפט אַלץ, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון קיִעוו, אַפילע דאָס רענצל מיט די מעדיצינישע אינסטרומענטן. טאָג נאָך טאָג איז ער געגאַנגען אין אָרטיקן ראַבינאַט בעטן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַן אייגענע פּסיכיִאַטרישע קליניק.

אַזאַ דערלויבעניש האָט ער ניט באַקומען, דערפאַר אָבער זייַנען געוואַקסן די כויוועס אין זייַן כויוועס־ביכל („טעודאַט") — דעם ערשטן דאָקומענט, וועלכן עס באַקומט באַם אויסשטייַגן פון אעראָפּלאַן אָדער פון צוג יעדער נייַ־געקומענער אימיגראַנט. און וואָס מער עס זייַנען געוואַקסן די כויוועס, אַלץ ווייניקער זייַנען פאַרבליבן מעגלעכקייַטן צו דעקן זיי.

איינמאָל האָט יאַקאָוון מאַמעש אָפּגעגליקט: אַ באַלעבאָס פון אַ פּריוואַטער פּסיכיִאַטרישער קליניק האָט צוגעזאָגט אים נעמען אַף אַרבעט, ביז עס וועט צוריקקומען איינער אַ דאָקטער פון דער קליניק. און גראָד האָט מען אַרייַנגעלייגט אין פּאַלאַטע דעם זון פון אַ באַוווּסטן אין שטאָט גוויר. אַף אָט דעם כוילע האָט דער באַלעבאָס באַשלאָסן צו קאָנטראָלירן די פייִקייַט פונעם אימיגראַנט. אַ האַלב יאָר צייַט האָט יאַקאָוו געהיילט דעם באָכער און, ווי זאָגט מען דאָס, פּאָשעט געשטעלט אים אַף די פיס. דער טאַטע פון דעם קראַנקן איז געווען שטאַרק צופרידן, ווייַל טעל־אוויווער פּסיכיִאַטאָרן האָבן אים שוין געהאַלטן פאַר אַ האָפענונגסלאָזן. ער האָט דעם באַלעבאָס פון דער קליניק געגעבן אַ פייַנעם האָנאָראַר, אָבער יאַקאָוו האָט באַקומען אַזויפיל, אַז אים האָט געקלעקט בלויז אַף צערעכענען זיך פאַר די וואַרמעסן, וועלכע ער האָט געגעסן אין דער נאָענטער גאָרקיך.

יאַקאָוו שליאַקמאַנען האָט עס, פאַרשטייט זיך, שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט זיך דערוועגט אַרויסצוזאָגן דעם באַלעבאָס פון דער קליניק זייַן געזעצלעכע פּרעטענזיע. אויסערלעך האָט דער באַלעבאָס אויסגעהערט אים גאַנץ איידל און אַפילע געזאָגט, אַז ער איז גערעכט. אַף מאָרגן אָבער, ווען שליאַקמאַן איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט דער שווייצאַר אים אָפּגעשטעלט: „דער שעף האָט פאַרבאָטן אַרייַנלאָזן דיך".

ער האָט באַשלאָסן אָנגעבן אַפן באַלעבאָס פון דער קליניק אין געריכט, זיך געוואָרפן פון איין אַנשטאַלט צום צווייטן, דערווייַזנדיק, אַז ער איז גערעכט, קעמפנדיק דערפאַר, אַז דער געריכט זאָל באַטראַכטן דעם איניען. אָבער די פעמידע פון ייִסראָעל הערט זיך ניט צו אין אַזעלכע פאַלן צו דער שטים פון אַן אוילע.

פאַרלאָרן יעטווידע האָפענונג צו געפינען אַרבעט, זאָל זייַן כאָטש שוואַרצע, האָט שליאַקמאַן געמאָלדן אין די מאַכט־אָרגאַנען, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון דער ייִסראָעל־בירגערשאַפט. דעמלט האָט דער ראַבינאַט דרייַ מאָל פאַרשפּאַרט אים אין אַ פּסיכיִאַטרישן שפּיטאָל.

טעמע לוואָוונא נעמט פאַנאַנדער אַ היפּש פּעקל בריוו.

— דאָרט, אין ייִסראָעל, האָט אונדזער פּלעמעניק פאַרלאָרן אַלע מענטשן־רעכט, — זאָגט זי ווייַטער, — די עלעמענטאַרע רעכט, וועלכע מע האַלט בא אונדז פאַר דער סאַמע געוויינלעכער זאַך. אין ייִסראָעל, האָט ער איין רעכט — צו שטאַרבן. און אויב לעבן, איז ווי אַ מאַרק־הונט, אין וועלכן קיינער נייטיקט זיך ניט.

איבערלייגנדיק די בריוו פון איין האַנט אין דער צווייטער, זאָגט טעמע לוואָוונא:

— אין די לעצטע דרײַ יאָר האָט יאַקאָוו ניט גע־ארבעט לויטן פאַך. און אָט שרײַבט ער ווידער, אַז יאָ, ער האָט מאַזל — איינע אַ רײַכע פאַמיליע נעמט אים צו זיך פאַר אַ דוואָרניק. ער וועט דאַרפן אויס־פילן גלײַכצײַטיק די פליכטן פון אַ וועכטער.

מיר לייענען דעם בריוו: „מע צאָלט מיר, פאַרשטייט זיך, גראָשנס, דערפאַר אָבער באַקום איך יעדן טאָג אַן אומזיסטן פרישטיק — אַ צע־לאָפּן־פּאַקעט, וווּ עס ליגט מילך מיט אַ בולקע.

און אָט זײַנען די שורעס, וועלכע ער האָט געשריבן ערעוו אָט דעם גליקלעכן טאָג, ווען דעם געוועזענעם דאָקטער־פּסיכיאַטער האָט אָפּ־געשפּילט דאָס גליק און ער איז מיט מאַזל גע־וואָרן אַ דוואָרניק און אַ וועכטער: „איך וועל מיסטאָמע שטאַרבן פון הונגער. עס איז ניטאָ וואָס צו עסן, און שטיין לעבן דער סינאַגאָגע, וואַרטן אַף אַ נעדאָווע קאָן איך ניט. איך האָב געפּרוווט אָפּשטיין עטלעכע שאָ און בין אַנט־לאָפן. סינאַגאָגעס זײַנען דאָ פאַראַן אַ סך, אָבער קיין בעטלער פעלן אויך ניט אויס”...

— אָט דעם בריוו, — זאָגט טעמע לוואָוונאַ, — האָב איך ניט לאַנג צוריק, ווען איך בין גע־פאָרן קיין קיִעוו, באַשלאָסן באַווײַזן יאַקאָווס געוועזענער פרוי. איך האָב אָפּאָנעם ניט באַ־דאַרפט אָפּעסן איר דאָס האַרץ, וואָרעם וואָס איז פאַר איר איצט יאַקאָוו? אַ מענטש, וואָס איז פון איר, פון די קינדער און פון אַלדאָס הייליקע אַנטלאָפן. ווער איז ער איצט ביכלאַל? אַ בעטלער אין דער „פרײַער” וועלט. אַ בעט־לער מיט אַ פּאַספּאָרט פון יִיסראַעל.

אָבער באַ אָט דער אַלטער פרוי, דער מאַמע פון זײַנע זין, וואָס האָט אים אַמאָל ליב געהאַט, האָט אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ. פון קיִעוו קיין טעל־אוויוו האָבן אָנגעהויבן אַלץ אָפטער געשיקט ווערן פּאַטשט־פּעקלעך.

— אָט, גיט אַ קוק, — טעמע דערלאַנגט מיר עטלעכע בריוו. — „אַ דאַנק פאַר די שיך”, „אַ דאַנק פאַרן בעט־וועש, פאַרן אָנצוג”... און איך אַליין שיק אים אויך די לעצטע צײַט פון מאָל צו מאָל אַ פּאַטשט־פּעקל. עפּשער דאַרף מען דאָס ניט טאָן, נאָר אַזוי זײַנען מיר שוין דער־צויגן...

אין איינעם פון יאַקאָווס לעצטע בריוו קיין פּינסק שרײַבט ער דירעקט צו מיכאַיל באַרי־סאָוויטשן:

„טײַערער פעטער מישע! מײַן לעבן איז שרעקלעכער איידער דער טויט. איך קאָן ניט אַראָפּשלינגען אַזאַ ביטערע קאַשע. העלף מיר! זאָל מען מיר דערלויבן אומקערן זיך אַהיים!”

— גוט, איך פאַרשטיי, — זאָגט טעמע לוואָוונאַ, — אַז מע האָט אַף די הענט אַזאַ פּעקל שרעקלעכע בריוו, טאָר מען ניט שווײַגן. איך האָב ניט קיין מאָראַלישע רעכט צו האַלטן באַ זיך אַזעלכע וואָ־גיקע באַשולדיקונגען קעגן דעם ציִוניזם און שווײַגן. די בריוו גיב איך לייענען די שכנים. איך גיי אַמאָל אַרײַן אויך צו יענע, וואָס הייבן אָן ריידן וועגן „אוועקפאָרן”.

אָט די בריוו פון אַן אויסגעניכטערטן מענטשן, אָט דער ביטערער עמעס, האָט אויס־געהיילט די פּינסקער אַרבעטערן פון אַ דיס־פּאַנסער סאָפיע אַגראַנאָווע, וועלכע האָט שיר ניט אָפּגעטאָן אַזאַ שרעקלעכן פעלער, שיר ניט געלאָזט זיך אײַנריידן פון די ציִוניסטן. באַקו־מען פון זיי אַן אײַנלאַדונג צו עמיגרירן, האָט זי שוין צונויפגענומען די נייטיקע דאָקומענטן. ערשט ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט טעמע שליאַקמאַן, האָט זי געענדערט איר באַשלוס. זי איז געקומען אין „אָוויר” מיט אַזאַ מעלדונג: „איך בעט אַנולירן מײַן באַקאַשע וועגן דער־לויבן מיר אַרויספאָרן קיין יִיסראַעל. פרײַער האָב איך ניט דורכגעטראַכט די פראַגע, און ערשט איצט פאַרשטאַנען, אַז די ציִוניסטן האַנדלען מיט מענטשן”.

וו. קאַזאַטשקאָוו
(„סאָוועטסקאַיאַ בעלאָרוסיאַ”)

לעאָניד און אַרקאַדי

זייער פאַמיליע איז ווײַנמאַן, זיי זײַנען אַ צווילינג — געבוירן געוואָרן באַ איין מאַמען מיט 26 יאָר צוריק. זיי האָבן געוווינט אין כאַר־קאָוו, געאַרבעט דאָרט אַלס מוזיק־לערער. איצט זע איך אין דער טעלעוויזיע, ווי זיי ריידן אַף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין ביירוט. שטייענדיק אונטער דער שאַרפער שײַן פון די יופּיטערס, דערציילן זיי זייער טרויעריקע געשיכטע.

איך קוק זיך אײַן אין זייערע פּנעמער, אין זייערע אויגן און פיל, אַז עס שטייען פאַר מיר אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע האָבן אין אַזאַ יונגן עלטער פאַרלאָרן זייער היימלאַנד, געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן לעבנס־מיטלען, אָן אַ האָפענונג אַף דער צוקונפט.

— אין אויגוסט 1976, — דערציילט לעאָניד ווײַנ־מאַן, — זײַנען מיר געקומען קיין יִיסראַעל. אָבער שוין אין אַ כוידעש אַרום האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מע האָט אונדז אָפּגענאַרט. קיין שטענדיקע אַר־בעט האָבן מיר ניט געקאָנט געפינען און געלעבט פון צופעליקע פאַרדינסטן. אָפט פלעגן מיר פּאַשעט הונגערן. מיר האָבן באַשלאָסן אַוועקפאָרן פון יִיס־ראַעל, אָבער דאָס איז גאָר ניט אַזאַ לײַכטע זאַך. אָפיציִעל עמיגרירן פון אַזאַ מדינע איז פּראַקטיש אומעגלעך. נאָך לאַנגע מאַטערנישן האָט מען אונדז אַרויסגעגעבן דאָקומענטן, אַז מיר זײַנען ניט קיין יִיסראַעל־בירגער. אָבער באַלד ווי מיר האָבן באַקו־מען אָט די דאָקומענטן, האָט מען אונדז באַשולדיקט אין קרימינעלע פאַרברעכנס. אַנדערהאַלבן יאָר האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונג און דער געריכט. אין משך פון אָט דער צײַט האָבן מיר קיין רעכט ניט געהאַט צו אײַנאָרדענען זיך אַף שטענדיקער אַר־בעט. אין מיטן הײַנטיקס יאָר האָט זיך אונדז סאָף־קאָלסאָף אײַנגעגעבן אַרויסצורײַסן זיך פון יִיסראַעל. מיר זײַנען געקומען קיין גריכנלאַנד. אין אַטען האָבן

מיר זיך געווענדט צו דער אַמעריקאַנער געזאַנד־שאַפט, זי זאָל אונדז דערלויבן אַרײַנפאָרן קיין אַמע־ריקע. מע האָט אונדז פאַרגעלייגט אַריבערגיין אין אַן אַנדער געבײַדע, ווו מע וועט אויספּורעמען אונדזערע דאָקומענטן. דאָרט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר זײַנען אין אַ טפיסע.

אַף מאָרגן זײַנען צו די ברידער אין קאַמער געקומען פינף מענטשן און פאַרגעלייגט זיי אונטערשרײַבן אַ פאַפיר אַף ענגליש, אַז זיי בעטן, די גריכישע מאַכט־אָרגאַנען זאָלן זיי העלפן אומקערן זיך קיין ייִסראָעל. ווען די ברי־דער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אונטערשרײַבן אַזאַ פאַפיר, האָט מען זיך אַף זיי אַרופגעוואָרפן און גענומען שלאָגן מיט שטעקנס. נאָך דער עקזעקוציע האָט מען אַרקאַדין און לעאָנידן געזאָגט, אַז זיי געפינען זיך אונטער אַ פּרע־ווענטיוון אַרעסט און לויט אַן אָפּמאַך מיט די מאַכט־אָרגאַנען פון ייִסראָעל וועט מען זיי סײַ־ווי אָפּשיקן צוריק.

— אײַנגיכן האָט מען מיך מיט לעאָנידן, — דער־ציילט אַרקאַדי, — אַוועקגעפירט צום „אַעראָפּאָרט. דאָרט האָבן אַף אונדז שוין געוואַרט אַגענטן פון שין־בעט (געהיים־פּאָליציי), אָנגעטאָנענע אין ציווילע בגדים.

אין ייִסראָעל האָט מען די ברידער דערלויבט נע־מען בילעטן קיין טערקײַ. אין זייערע פּאַספּאָרטן האָט מען געשטעלט טערקישע וויזעס, אָבער נאָך אין אַטען האָט מען בײַ זיי אָפּגענומען דאָס געלט און די זאַכן. מער ווי אַ כוידעש האָט לעאָניד נאָך דעם געקליבן געלט אַף אַ בילעט, אָפּגעזאָגט זיך פון אַלץ, געליטן, בײַ וועמען ער האָט נאָר געקאָנט. אָבער אין טערקײַ האָט זיך איבערגעכאַזערט די זעלבע געשיכ־טע, ווי אין גריכנלאַנד.

— איך האָב געמוזט גיין אין דער ייִסראָעל־גע־זאַנדשאַפט, — זאָגט לעאָניד, — און בעטן, מע זאָל מיר אַרויסגעבן אַ נײַעם פּאַספּאָרט. דער קאָנסול האָט שוין געוואַרט אַף מיר. שמייכלענדיק מיט כויזעק, האָט ער געזאָגט: „מע וועט אײַך דאַרפן אַרעסטירן און אַרויסשיקן קיין ייִסראָעל“. און אַזוי איז עס טאַ־קע געווען. שפּעטער האָט מיר מיטן ברודער זיך אײַנגעגעבן אַנטלויפן אַפן אינדזל ציפּערן, און איצט זײַנען מיר אין ביירוט...

עס ענדיקט זיך די פּרעסע־קאָנפערענץ, מע לעשט אויס די יופּיטערס. אָבער אומגערן קומט מיר אַפן זינען די לאַגע פון די אַנדערע געווע־זענע סאָוועטישע ייִדן, וועלכע האָבן געגלייבט דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. איצט לעבן אַ סאַך פון זיי אין באַראַקעס ניט ווײַט פון רוים אָדער וואַנדערן אַרום איבער פאַרשיידענע לענ־דער, זוכנדיק אַ היים. דערפירטע ביז ייִעש, ווענדן זיך די מענטשן מיט בריוו אין דער קאָ־מיסיע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניק־טע נאַציעס, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט די פראַגן וועגן מענטשן־רעכט, אין אַ ריי סאָוועטישע געזאַנדשאַפטן.

וו. פּ אַ ר ו ז י ן

(„קאָמסאָמאָלעץ קובאַני“)

„מע האַלט אונדז פאַר קיין מענטשן ניט“

דער אַרבעטער פון דער לוואָווער שיך־פאַראייניקונג נ. קליינער האָט עטלעכע כאָדאָ־שים פאַרבראַכט בײַ זײַן ברודער אין די פאַריי־ניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ער האָט באַזוכט טשיקאַגאָ, ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט, זיך געטראָפן מיט געוועזענע סאָוועטישע בירגער, וועלכע זײַנען געפאָרן קיין ייִסראָעל, קלוי־מערשט פאַראייניקן זיך מיט זייערע מישפּאָכעס. אייניקע זײַנען טאַקע געקומען קיין ייִסראָעל און גלײַך אַנטוישט זיך. אַנדערע האָבן דאָרט אַפילע קיין פוס ניט געשטעלט. אָבער אויך אין אַמעריקע האָבן אַף זיי קיין געבראָטענע טײַ־בעלעך ניט געוואַרט, עס איז זייער שווער אַרומצוגיין אָן אַרבעט. און אויב עמעצן איז געלונגען אײַנצואָרדענען זיך, האָט די ביטערע ווירקלעכקײַט אַרויסגעשטעלט אַנדערע פּראָב־לעמען: אַרבעט ניט לויטן פאַך, צײַטווײַליקע אַרבעט... אַן עמיגראַנט פון לענינגראַד האָט זיך געקלאָגט פאַר קליינערן: „זאַלבעפינפט זײַנען מיר, ביידע זין און די טאָכטער האָבן הויכביל־דונג. דאָס האָט זיי געהאָלפן צו קריגן דערווײַל אַרבעט אין אַ וועשערײַ. וואָס וועט זײַן ווײַ־טער?“

די וואָראָשילאָווגראַדער אײַנוווינערן ס. פערנאַיאַ האָט לויט אַן אײַנלאַדונג פון איר שוועסטער פאַרבראַכט צוויי כאָדאָשים אין אַמע־ריקע. דאָרט האָט זי זיך געטראָפן מיט אַ לוואָ־ווער פרוי, אַ דאָקטער. אין אַמעריקע, האָט דערציילט די פרוי, האָט זי געקאָנט אײַנאָר־דענען זיך בלויז אַלס אַ באַנאַכטיקע ניאַנקע אין אַ שפּיטאָל, ווו זי דאַרף אַרויסטראָגן די נאַכט־טעפּלעך.

גזעגנענדיק זיך מיט ס. פערנאַיאַ, האָט די גע־וועזענע לוואָווער דאָקטערשע געזאָגט צו איר: ווען איר וועט קומען אַהיים, שרײַבט אַף אַלע ראָגן: „מענטשן, טוט ניט אָפּ די נאַרישקײַט, האַרגעט ניט אַוועק אײַערע לעבנס, פאָרט ניט קיין ייִסראָעל, דאָרט וואַרט אַף אײַך הונגער, צאָרעס, דערנידערי־קונג. אין אַמעריקע וואַרטן אַף אײַך אַרבעטסלאָזי־קײַט און דאַלעס. מע האַלט אונדז דאָ אַפילע פאַר קיין מענטשן ניט. פאַר זיי זײַנען מיר אַף שטענדיק „גרינע“.

אַף אַ באַגעגעניש מיט לייענער אין לוואָוו האָט דער שרײַבער גריגאָרי מעדינסקי דער־ציילט, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פון ווין. דער אַווטאָר איז אַ געוועזענער לוואָווער אײַנ־וווינער יורי קאָוריגאַר. מיט פינף יאָר צוריק איז ער צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן אַרויסגע־פאָרן קיין ייִסראָעל. אין אַ האַלב יאָר אַרום זײַנען זיי אַנטלאָפן פון דאָרט און געפינען זיך ביז איצט אין ווין. דער שענסטער טרוים זייע־רער איז איצט — אומקערן זיך קיין סאָוועטנ־פאַרבאַנד. „אין מײַנע קינדער־יאָרן, — שרײַבט יורי קאָוריגאַר, — האָט זאָיע קאָסמאָדעמיאַנ־

סקאַיאַ אָפּגעגעבן איר לעבן פאַרן היימלאַנד, און איך האָב דאָס היימלאַנד פאַראַטן. איך האָב קיין שום נויט ניט געהאַט צו פאָרן קיין ייִשׂראָעל, איך האָב פּשוט ניט פאַרשטאַנען, וואָס איך לאָז איבער, פון וואָס איך אַנטלויף".

פינף יאָר פון מײַן לעבן, — שרײַבט ווײַטער יורי קאָווריגאַר, — זײַנען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַפן ווינט. פינף יאָר, אַז איך האָב שוין ניט קיין פרײַנט. פינף לאַנגע יאָר מוז איך זיך מאַטערן אין אַ וועלט, וואָס איז מיר פרעמד".

ל. גרינין
(„לוואָווסקאַיאַ פּראַוודאַ")

פרעמדע צווישן פרעמדע אין אַ פרעמד לאַנד

„ווען איך בין געפאָרן קיין ייִשׂראָעל, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל אָן קיינע שוועריקײַטן צוגעוווינען זיך צום היגן לעבן. איך בין דאָך אַ ייִדישע פרוי, איך וועל דאָרט זײַן צווישן ייִדן, אין אַ ייִדיש לאַנד. אַזוי האָב איך געטראַכט, נאָר דאָס לעבן האָט פון מיר געלאַכט"...

דאָס איז אַן אויסצוג פון אַ בריוו, וואָס אירינע באַראָדולינאַ האָט צוגעשיקט פון ייִשׂראָעל, וווהין זי איז מיט פיר יאָר צוריק אוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט אירע עלטערן.

אירינע האָט מיט אַ קורצער צײַט ביז איר פאַרלאָזן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד געענדיקט דעם וואָראָניעזשער מעלוכע־אוניווערסיטעט. „דאָרט, אינעם הייליקן לאַנד, — פלעגט זי זאָגן, ריידנדיק וועגן ייִשׂראָעל, — שעצט מען מענטשן מיט הויכבילדונג. דערצו איז דאָך מײַן פאַך אַ דעפיציטער: איך האָב געענדיקט דעם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט".

אירע נאָענטע פרײַנט, כאַווײרים אַף דער אַרבעט, אירע אָנפירער האָבן זיך באַמיט אויסהיטן זי פון אַזאַ געפערלעכן טראָט.

„ווי ביטער עס איז דער עמעסער עמעס. — שרײַבט איצט אירינע צו אירער אַ כאַווערטע אין וואָראָניעזש. — מיט אַ באַזונדערער סינע קוקן אַף אונדז, אימיגראַנטן, די סאַברעס. מע האַלט אונדז פאַר אַזעלכע, וואָס רײַסן אויס דעם ביסן פון מויל, וואָס זײַנען געקומען ראַבעווען דאָס לאַנד. זאָל גאָט אויסהיטן צו איבערלעבן אַזאַ באַציִונג..."

צי האָבן די באַראָדולינס פריִער וועגן דעם ניט געוווּסט? ליידער האָבן זיי יאָ געוווּסט, נאָר ניט געוואָלט גלייבן.

נאָר עפּשער האָט די באַראָדולינס פּראָסט־פּאָשעט ניט אָפּגעגליקט אין ייִשׂראָעל? אַזוינס טרעפט דאָך אויך!

די אינפאָרמאַציע, וואָס קומט אָבער אָן, רעדט וועגן דעם, אַז די שווערע לאַגע פון די אוילים איז אַ געוויינלעכע זאַך. ווען אַן אוילע פון סאָוועטנפאַרבאַנד גליקט אָפּ און ער אָרדנט זיך אײַן אין ייִשׂראָעל, איז דאָס, פאַרקערט, אַן עמעסער אויסנאַם־פאַל.

אַליין די ציִעניסטן זײַנען זיך מודיע, אַז די לאַגע פון דער מערהײַט אוילים איז אַ פאַרצווייפלטע. אָט וואָס עס שרײַבט, לעמאָשל, יאַ. צוויבאַק, אַ ציִעניסטישער טוער, רעדאַקטאָר און פאַרלעגער פון דער צײַטונג „נאָוואַיאַ רוסקאַיאַ סלאָוואָ", וועלכע דערשײַנט אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע: „דער אומגליק באַשטייט דערין, וואָס די עמיגראַנטן פאַלן אַרײַן אין ייִשׂראָעל, וואָס איז אַליין אַן אָרעם לאַנד און נייטיקט זיך אין הילף. אין אַזאַ לאַנד באַגעגנט מען די אָנגעקומענע ניט ווי העלדן, ווי די אוילים קוקן אַף זיך. זייער שווער איז אײַנצואָרדענען זיך און אָנהייבן אַ נײַ לעבן אין אַ נײַ לאַנד. דאָס דאַרף מען זאָגן וועגן דאָקטוירים, אינזשעניערן, אַדוואָקאַטן, וועלכע קאָנען זיך ניט אײַנאָרדענען אַף אַרבעט לויט זייער פאַך. וועגן שרײַבער, זשורנאַליסטן, דיכטער, פּעדאַגאָגן, וואָס זייער אַרבעט איז פאַרבונדן מיטן קענען די שפּראַך. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע באַלאַנגען אויך שוישפּילער, טוער פון דער טעלעוויזיע, קינאָ־אָפּעראַטאָרן, רעזשיסערן און אַנד."

דאָס אַרטיקל הייסט „מענטשן פון אַן אַנדער פּלאַנעטע". דער אויטאָר שטעלט זיך די אויפגאַבע צו דערקלערן די סיבע, פאַרוואָס די אוילים פון סאָוועטנפאַרבאַנד שטייען אויס אַזעלכע ליידן.

שולדיק אין אַלץ, — האַלט צוויבאַק, — איז די ספּעציפישע פּסיכאָלאָגיע פון די מענטשן, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס פאַרשווערט זייער אינטעגראַציע אין דער ייִשׂראָעל־געזעלשאַפט.

צוויבאַק דערציילט וועגן אַזאַ טראַגישן פאַל: קיין ניו־יאָרק האָט איינער אַן אוילע געבראַכט זײַן אַלטע קראַנקע מאַמע, וועלכע האָט פונעם שווערן וועג ניט געקאָנט האַלטן זיך אַף די פיס. מע האָט זי געמוזט פירן אין שפּיטאָל. אָבער אין שפּיטאָל האָט מען געפאָדערט צו 145 דאָלער פאַר אַ טאָג, דערצו דאַרף מען דאָס געלט באַצאָלן פאַר דרײַ טעג פאָרויס. דער עמיגראַנט איז אָנגעקומען אַרבעטן אַלס אופּראַמער אין אַ שנײַדער־וואַרשטאַט. ער האָט ניט געקאָנט אַרויסלייגן אַפן טיש אַזאַ סומע. האָט מען אים געהייסן, ער זאָל צוזאַמען מיט דער מאַמען זײַן אַזוי גוט און פאַרמאַכן די טיר פון יענער זײַט. האָט ער פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך און געמאַכט אַ סקאַנדאַל, געלאָפן אין צוויבאַקס צײַטונג זיך קלאָגן אַף די באַלעבאַטים פון שפּיטאָל. וואָס האָט געקאָנט טאָן צוויבאַק?

„ווי קאָן דאָס פאַרשטיין אַ געוועזענער סאָוועטישער בירגער, — קלאָגט זיך צוויבאַק. — באַ זיך אין דער היים וואָלט ער אַרויסגערופן די „גיכע הילף", און דאָ פאָדערט מען גאָר באַ אים 145 דאָלער אַ מעסלעס פאַר האַלטן אין שפּיטאָל די קראַנקע".

פאַרשטייט זיך, אַז אַ מענטש, וואָס איז צוגעוווינט צום מאָראַליש־פסיכאָלאָגישן קלימאַט פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ווען ער פאַלט אַרײַן אין דער וועלט פונעם קאַפּיטאַליזם, הייבט ער אָן פאַרגלײַכן די צוויי מינים לעבנסשטייגער און אַנאַליזירן זיי פונעם שטאַנדפּונקט פון דער אייגענער פּראַקטישער דערפאַרונג.

ל. נ. קאָמיסאַראָווא, וועלכע שטאַמט אויך פון וואָראָניעזש, איז פאַראַיאָרן געווען אין דער הויפּטשטאָט פון דער עסטרײַכישער רעפּובליק — אין ווין. פון מאָסקווע איז זי געפאָרן אין איין וואַגאָן מיט עטלעכע ייִדישע מישפּאָכעס, וואָס האָבן עמיגרירט קיין ייִסראָעל.

אַף דער טשעכאָסלאָוואַקיש־עסטרײַכישער גרענעץ האָט אין וואַגאָן זיך אַרײַנגעוואַלגערט אַ מאַכנע ווילע יונגען. די אַרבל פון די אויזבערהעמדער פאַרקאַשערט, אין די הענט אווטאָמאַטן. זיי האָבן זיך געשטעלט בײַ די טירן פונעם וואַגאָן און געשטאַנען דאָרט ביז דער צוג איז ניט אָנגעקומען קיין ווין.

— און מע האָט באַדאַרפט זען, — דערציילט קאָמיסאַראָווא, — ווי די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפירט ראַשיק, קאָלזמאַן זיי זײַנען געפאָרן אַף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, זײַנען דאָ מיטאַמאָל געוואָרן שטיל און אַראָפּגעלאָזט די נעזער. דאָס איז געווען באַזונדערס קאָנטיק, ווען מע האָט די ייִדישע פּאַסאַזשירן אויסגעשטעלט אין אַ קאָלאָנע צו צוויי, און אונטערן קאָנוואָי פון די זעלבע אווטאָמאַטלער אוועקגעפירט פונעם ווינער וואָקזאַל.

דאָס האָבן די עמיגראַנטן זיך געניייטיקט אין אַ וואַך? פון וועמען האָט מען זיי געדאַרפט באַוואַכן?

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, שפּאַצירנדיק איבער די ווינער גאַסן, האָט קאָמיסאַראָווא דערזען פאַרומערטע מענטשן מיט פּעקלעך, וועלכע האָבן זיך אײַנגעאָרדנט גופע אַפן טראָטואַר. קאָמיסאַראָווא האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס זײַנען געוועזענע סאָוועטישע בירגער, וואָס זײַנען פריִער געפאָרן קיין ייִסראָעל און איצט האָבן זיי געהאָפט, אַז ס׳וועט זיך זיי אײַנגעבן אומקערן זיך צוריק קיין סאָוועטנפאַרבאַנד.

איצט האָבן זיי זיך געפונען אין אַ ספּעציִעלן איבערוואַנדערונגס־לאַגער. לעבן אַף דער גראָשנדיקער הילף פון די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס איז געווען שווער, און ווער ס׳האָט זיך געפונען אין אָט דעם לאַגער מער פון אַ האַלב יאָר, האָט שוין אויך די גראָשנס ניט באַקומען. איז זיי געבליבן איין אויסוועג — אַף דער היגער „טאָלקוטשקע“ פאַרקויפן זייערע היימישע בעבעכעס.

די „טאָלקוטשקע“ אָבער האָט אַלעמען ניט געקאָנט אַרײַננעמען, האָבן זיי אויסגעלייגט זיך מיט זייערע זאַכן אַפן טראָטואַר, וואַרטנדיק אַ גאַנצע נאַכט אין דער ריי.

אַגעוו, אַ באַלערעוודיקער פּראַט: די אווטאָמאַטלער, וועלכע האָבן באַוואַכט די ייִדן אין וואַגאָן, ווען יענע זײַנען געפאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, זײַנען געווען ניט קיין עסטרײַכישע סאָלדאַטן, נאָר „סאָכנוט־וועכטער“, און די „סאָכנוט“, ווי מיר ווייסן, פאַרנעמט זיך מיט די איניאָנים פון די אוילים. זיי האָבן באַוואַכט די עמיגראַנטן ניט פון עפּעס אַ סאַקאָנע, נאָר פון דעם, זיי זאָלן זיך, כאָלילע, פון סאַמע אָנהייב אָן ניט טרעפן מיט עמיגראַנטן, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט דעם טאַם פונעם ייִסראָעל־„גאַניידן“.

אירינע באָראָדולינאַ, וועלכע איז פריִער געווען אָן אָנהעגנערן פונעם ציִעניזם, שרײַבט איצט צו אירע געוועזענע כאַווערטעס: „איך האָב זיך זייער פאַרבענקט נאָכן סאָוועטנפאַרבאַנד, איך כאַלעש זען אײַך. זאָגט, וואָס איר ווילט, עס איז אָבער זייער שווער צו אָפּגעוווינען זיך פון דער וועלט, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן און דורכגעלעבט די יוגנט“.

באָראָדולינאַ אַנטדעקט דאָ ניט קיין אַמעריקעס. וועגן דעם האָבן געוואָרנט אַלע גוטע מענטשן נאָך איידער זי האָט פאַרלאָזט וואָראָניעזש. זי האָט זיי אָבער ניט געגלייבט! זאָל זי האָבן טײַנעס צו זיך אַליין!

פ. איוואַנאָוו
(„וואָראָניעזשסקאַיאַ קאָמונאַ“)

פאַקטן, פאַקטן, פאַקטן...

מיט אַכט יאָר צוריק איז עליע טרעסט אוועקגעפאָרן מיט זײַן מישפּאָכע קיין קאַנאַדע, פון וואַנען ער האָט באַקומען אַן אַרויסרוף. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַרויסרוף איז געווען אַ פאַלשער, פאַבריצירט פון דער אָרגאַניזאַציע „בנײַ בריט“. דעם אַרויסרוף האָט אונטערגעשריבן טרעסטס פעטער אַלבערט קאָקאָטאָוו, וועמען די ציִעניסטן האָבן דערפאַר אויסגעצאָלט אַ געלט־סומע.

עליע טרעסטן מיט זײַן געזינד האָט מען אין מאָנטרעאַלער אַעראָפּאָרט אויפגענומען מיט גרויסע פײַערלעכקײַטן. אַף דער באַגעגעניש איז אַראָפּגעקומען „אַליין הערבערט לעווי“ — דער אָנפירער פון די קאַנאַדער ציִעניסטן. לעווי האָט באַקאַנט די מישפּאָכע טרעסט מיט אַ טוער פון דער קאַנאַדער געהיים־פּאָליצײַ, וועלכער האָט געמאָנט בײַ זיי שפּיאָנישע ידיִעס וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד.

עליע טרעסטן מיט זײַן שוועער שמועל בילסאָן האָט מען פאָרגעלייגט אַן אומזיסטע פאַרווײַלונגס־רײַזע — אַ טורנע איבער קאַנאַדע און די פאַרייניקטע שטאַטן — מיטן טנײַ, זיי זאָלן אַף די ספּעציִעלע פאַרזאַמלונגען אַרויסטרעטן מיט דראָשעס וועגן די „רעדיפעס אַף ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד“. זייער ערשטע אַרויסטרעטונג האָט געדאַרפט פאָרקומען אַף דער יאָרקאָנפערענץ פון „בנײַ בריט“ אין טאָראָנטאָ. בילסאָן האָט געהאַלטן אַ רעדע, ער האָט אָבער געזאָגט ניט דאָס, וואָס מע האָט אים געבעטן. „אײַער אָרגאַניזאַציע, — האָט ער געזאָגט, —

רופט מען אין סאָוועטנפארבאנד פאשיסטישע". די „בניי־בריטאָווצעס" האָבן אים אראָפּגעשלעפּט פון דער טריבונע. נאָך דעם דאָזיקן סקאנדאל האָט מיט בילסאָנען געהאט א שמועס דער פארביסענער אנטיסאָוועטיסט זאלצבערג. „בניי בריט", — האָט געזאָגט זאלצבערג, — האָט אויסגעגעבן מיליאָנען דאָלער אף דעם ארויספאָר פון סאָוועטישע ייִדן פונעם סאָוועטנפארבאנד. איך לייג אײַך פאָר אָנשרײַבן א בוך וועגן דעם, וואָס איר האָט איבערגעלעבט אין פּסער. איר וועט דערפאר באקומען א רײַכן האָנאָראר. נאָך מער, איר קאָנט פּאָשעט אונטערשרײַבן א שוין פארטיקן בוך. בילסאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט.

דעמלט האָט איינער פון די רעדלפירער פון די קאנאדער ציִעניסטן סידניי מײַסלין געזאָגט בילסאָנען און טרעסטן: „בניי בריט" האָט אויך אזעלכע מענטשן, וואָס וועלן אָרגאניזירן פאר אײַך א רײַזע אף יענער־וועלט". ווען עליע טרעסט האָט געזאָגט זײַן פעטער אלבערט קאָקאָטאָוון, אז ער איז אף אים אופגעבראכט פאר אזא שיינער „אײַנלאדונג", האָט יענער ארויסגעטריבן אים פון שטוב.

בילסאָן האָט דערלאנגט אין געריכט. זײַן אָנקלאָגע האָט דער אויבער־געריכט באטראכט אָנדערהאלבן יאָר. אין דער דאָזיקער צײַט האָט מען ארויסגעגאנוועט פון דער געריכט־קאנצעליאריע בילסאָנס וויכטיקע דאָקומענטן. מע האָט אים געדראָעט מיט מאָרד. ניט אויסהאלטנדיק די לאנגע אָשטערענגונג, איז שמועל בילסאָן געשטאָרבן פון אן אינפארקט.

איצט וווינט די מישפּאָכע טרעסט—בילסאָן אין דער געטאָ פאר אָרעמעלײַט, זי שטייט אויס אומענדלעכע דיסקרימינאציעס. די היים פון דער מישפּאָכע געפינט זיך אין א קווארטאל, ווו עס אָרודעווען שיקורים, פּראָסטיטוטקעס, באנדיטן.

...די געוועזענע סאָוועטישע בירגערן ס. אבראמאָווא איז געקומען קיין ייִסראָעל אין 1976 צוזאמען מיט איר זון אָלעג און מיט דער טאָכטער אסיע. ווי די מערהײַט אוילים, האָט אבראמאָווא געריסן זיך צוריק קיין סאָוועטנפארבאנד. די אגענטן פונעם ספּעציִעלן אמט („שין־בעט") האָבן זיך גענומען „באארבעטן" זי.

— מע האָט אונדז ניט געלאָזט רוען: ניט באטאָג, ניט באנאכט, — דערציילט ס. אבראמאָווא. — ניט געווען דער טאָג, מע זאָל ניט אופהערן צו דראָען אונדז. דעם 25 סענטיאבער האָט דער זון סאָפּקאָלסאָף באקומען א „דארקאָן"[1] (אן ארויספאָר־פּאַס), נאָר פארן אוועקפאָרן האָבן אים די ציִעניסטן דערמאָרדעט. מיך מיט דער טאָכטער האָט מען אויך געזאָלט דערמאָרדן, נאָר מיר זײַנען 12 אזייגער באנאכט אנטלאָפן אפן עראָפּאָרט און אינדערפרי ארויסגעפלויגן קיין ווין.

...דער געוועזענער שוישפּילער פון „לענקאָנצערט" פרידריךווישינסקי שרײַבט פון אמעריקע צו זײַנע באקאנטע קיין לענינגראד: „מיר לעבן דאָ ווי אין א קאָשמאר. אף אלעמען ציטערט די הויט. א וועלט מיט ארבעטסלאָזע, קיין קולטור אין געווייגלעכן זין פון וואָרט איז דאָ קימאט ניטאָ... אפן הארצן ליגט די גאנצע צײַט א שטיין. אלע געדאנקען מײַנע זײַנען אין לענינגראד. סארא גליק עס איז צו לעבן אין רוסלאנד..."

...אין אנגארא, לעם אירקוטסק, וווינט די פרוי אנע מיכײַלאָוונא פּערעוואָזקינא. איר זון אלעקסאנדער האָט כאסענע געהאט מיט א ייִדיש מיידל טויבע בערסונקאָווא. אירע עלטערן האָבן געלעבט אין קעשענעוו און זײַנען ארויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל.

אלעקסאנדער האָט געארבעט אף א זאוואָד אלס מעכאניקער, זײַן פרוי טויבע איז געווען א טעכניקער אין דער סטאָמאטאָלאָגישער פּאָליקליניק. טויבע האָט זיך דורכגעשריבן מיט אירע עלטערן, זיי האָבן זי אײַנגערעדט קומען קיין ייִסראָעל. אלעקסאנדער האָט אונטער דער ווירקונג פון זײַן יונגער פרוי אויך בעדייע געהאט צו פארלאָזן דאָס היימלאנד.

די מוטער אנע מיכײַלאָוונא האָט געפּרוווט דערווײַזן דעם זון, אז ער טאָר דאָס ניט טאָן. ער האָט אָבער געזאָגט דער מוטער: „איך וויל ניט, אז מײַנע קינדער זאָלן בלײַבן יעסוימים".

דאָס יונגע פּאָרפּאָלק איז ארויסגעפאָרן פון סאָוועטנפארבאנד אין 1978. דעם ערשטן בריוו פון דער שנור האָט אנע מיכײַלאָוונא באקומען פון איטאליע. טויבע האָט געשריבן, אז זיי לעבן אין א קאָטעדזש, דערנערן זיך גוט און באקומען שטיצע פונעם הילףפאָנד פאר די אימיגראנטן פון פּסער.

פון איטאליע זײַנען טויבע מיט אלעקסאנדערן ארויסגעפאָרן קיין אמעריקע.

דער פאָלגנדיקער בריוו פון אמעריקע, געשריבן פון דער שנור, איז שוין געווען ניט אזא פריילעכער. „מיר וווינען אין טשיקאגאָ. סאשע ארבעט אלס א מאליער, און דאָס איז נאָך זייער גוט. דאָ לעבט זיך ניט לײַכט. פאר דער דירע צאָלן מיר 250 דאָלער א כוידעש. די ערשטע צײַט האָבן מיר באקומען שטיצע פון דער ייִדישער פילאנטראָפּישער אָרגאניזאציע, איצט צאָלן מיר אויס די שטיצע, וועלכע מיר האָבן פון איר באקומען".

אין די ווײַטערדיקע בריוו פילט זיך די אומבאפרידיקטקײַט מיט דער לאגע, די נאָסטאלגיִע נאָך דער היים, די שווערע געפילן פון לעבן אין א פרעמד לאנד. דאָס פּאָרפּאָלק האָט ביטער כאראָטעפארן באגאנגענעם פעלער, פאר וועלכן זיי מוזן זיך איצט צעצאָלן. „איך ארבעט שוין ניט, — שרײַבט אלעקסאנדער, — מע האָט מיך פארקירצט. דער זון איז געווען שטארק קראנק. עס איז אָנגעקומען פונעם שפּיטאָל א כעזשבן אף 1.500 דאָלער, ווייסן מיר ניט ווי אויסצודרייען זיך. אמעריקע איז א לאנד, ווו עס לעבן גוט די גווירים. צוליב וואָס זײַנען מיר, שויטים, געפאָרן אהער?!"

רופינע אפאנאסיעוונא טימאָפייעווא וווינט אין מיכײַלאָווקע, אוסאָלסקער ראיאָן. איר ברודער ארקאדי אשירין — אין באָברויסק. דאָרט האָט ער כאסענע געהאט מיט א ייִדיש מיידל. פאראיאָרן האָט טימאָפייעווא זיך דערוווּסט, אז

[1] פונעם העברעיִשן וואָרט „דערעך" — וועג.

דער ברודער איז לויט דער פאָדערונג פון זײַן ווײַב אַרויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל צו אירע קרובֿים. רופינע אַפּאַנאַסיעוונאַ שרײַבט זיך איצט איבער מיטן ברודער און מיט זײַן ווײַב בעלאַ.

אין איינעם פון די בריוו שרײַבט בעלאַ: „כאָטש איך בין אַליין אַ ייִדישע, האַלט איך פאַר גרויסע נאַראָנים יענע אַלע, וועלכע זײַנען איבערגעפאָרן אַהער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. וווּ געפינט איר אויף דער וועלט נאָך אַזאַ גוט לאַנד, ווי רוסלאַנד? איך ווייס ניט, וויִאַזוי צוגעוווינען זיך צו אַזאַ לעבן, ווי דאָ, אין ייִסראָעל, וווּ יעדער ווינקל איז אָנגעשטאָפּט מיט גענאַרערײַ, וווּ יעדער איינער טראַכט נאָר וועגן זיך, וועגן זײַן קעשענע. אין ווײַסרוסלאַנד זײַנען פאַרבליבן מײַנע קינדער, איך בענק זייער נאָך זיי. איך קאָן זיי אַריבערנעמען אַהער, נאָר איך וויל ניט צעברעכן זייער לעבן. בײַ אײַך לעבן די מענטשן, אַרבעטן און שלאָפן רויִק. זיי טראַכטן ניט, אַז מאָרגן קאָן מען זיי אַרויסוואַרפן פון דער אַרבעט, און דאָ מוזסטו קעסיידער עס געדענקען. איך מיט אַרקאַדין בענקען זייער נאָכן סאָוועטנפאַרבאַנד און קאָנען זיך ניט מויכל זײַן, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט אונדזער היימלאַנד".

ב. רעזמאַן
(„וואָסטאָטשנאָ־סיבירסקאַיאַ פּראַוודאַ")

ווּ איז יושער?

מ. צאַנין שרײַבט אין דער טעל־אָוויווער צײַטונג „לעצטע נײַעס":

„די אַליִע־אינסטאַנצן שיקן אַרויס אין דער וועלט שליחים סײַ אויף צו סטימולירן די אַליִע פון יונגע מענטשן און סײַ אויף אײַנצורעדן די יאָרדים, זיי זאָלן זיך אומקערן קיין ייִסראָעל. אין דער זעלבער צײַט זעען מיר אַזאַ דערשײַנונג: די יונגע פאַמיליעס אין לאַנד גופא, די פאַמיליעס, אין וועלכע ער און זי האָבן אָוועקגעגעבן יאָרן דער מיליטער־דינסט און ער בלײַבט אַ זעלנער אין רעזערוו אויף 30 יאָר, — זיי דאַרף מען ניט ברענגען קיין ייִסראָעל מיט שליחים. זיי געפינען זיך אין לאַנד. ווען פאַר יעדער אַזאַ פאַמיליע זאָל די רעגירונג באַשטימען כאָטש אַ העלפט פון דעם, וואָס עס קאָסט ברענגען און אײַנאָרדענען אולים, אָדער אומקערן אין לאַנד יאָרדים, וואָלט ניט געווען אַזוי שטאַרק די פּראָבלעם פון פאַרביטערונג, וואָלט ניט געווען די וויסטע דערשײַנונג פון אונטערצינדן גומי־רעדער, באַריקאַדירן די וועגן און די גאַסן, וואָלט ניט געווען קיין סאַקאָנע פון אויפבלאָזן אַ קאָנפליקט צווישן איידעס[1], — אַ קאָנפליקט, וואָס האָט ניט קיין אַנדער יעסאָד, ווי דער ווילן צו זײַן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך, דאָס הייסט האָבן אַ מעגלעכקײַט צו פירן אַ נאָרמאַל לעבן אין גלײַכע באַדינגונגען".

[1] פונעם העברעיִשן וואָרט „עדה" — אַ געמיינשאַפט, אַ קעהילע.

די פּרעסע זאָגט אויס פון כיידער...

אין יאַנוואַר 1980 איז אין דער טעל־אָוויווער צײַטונג „מאַאַריוו" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ מיטיילונג: „ירושאָלאַיִם, 14 יאַנוואַר. אַ גרופּע יונגעלײַט פון דער רעליגיִעזער אָרגאַניזאַציע „גוש עמונים" איז באַפאַלן צוויי עמיגראַנטן און מערדעריש זיי געשלאָגן. די פּאָליציי האָט פעסטגעשטעלט, אַז די געליטענע זײַנען קאָרבאָנעס פון אַ טאָעס: די רעליגיִעזע עקסטרעמיסטן האָבן אָנגענומען די גרוזינער פאַר אַראַבער".

די גרוזינישע ייִדן זײַנען אין ייִסראָעל פאַררעכנט פאַר ספֿאַרדים. „אין ערגעץ אין דער וועלט, — שרײַבט דער פּוילישער פּובליציסט אַ. זשעראָמסקי אין זײַן בוך „מײַרעוו־צו פונעם טײַך יאַרדן", — איז ניטאָ אַזאַ צעטיילונג פון מענטשן, ווי אין ייִסראָעל. מע טיילט זיי דאָרט סײַ האָריזאָנטאַל, סײַ ווערטיקאַל"...

אין טעל־אָוויוו קאָן מען יעדן טאָג פון קאַיאָר אָן זען בײַ די טויערן פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אַ לאַנגע ריי מענטשן. ווי די צײַטונג „האַאַרעץ" שרײַבט, „קאָן צען־צוואַנציק מענטשן אָפּגליקן צו קריגן אַ וויזע אויף אַרויספאָרן קיין אַמעריקע"...

יעדן כוידעש פאַרלאָזן דאָס לאַנד צוויי טויזנט ייִסראָעל־בירגער. אַ. שאַראָן, דער מיניסטער פון דער לאַנדווירטשאַפט, האָט נאָכן אומקערן זיך פון אַ רײַזע קיין אַמעריקע געזאָגט: „ניו־יאָרק ווערט די גרעסטע ייִדישע שטאָט אין דער וועלט אויפן כעזשבן פון טעל־אָוויוו".

אַמעריקע און קאַנאַדע האָבן איצט אין צוויי מאָל מער ייִסראָעל־אינזשעניערן, איידער ייִסראָעל. העכער 10 פּראָצ. ייִדן פון ייִסראָעל — 350 טויזנט — וווינען איצט מיכוץ דער מעדינע. אַזאַ מאַסנווײַזע לויפערײַ איז אַ סימפּטאָם פון אַ קריזיס אין דער ייִסראָעל־געזעלשאַפט. דאָס זײַנען געצוווּנגען צו אָנערקענען אפילע די ציִעניסטישע צײַטונגען, די אָפיציִעלע פאָרשטייער פון טעל־אָוויוו. עמעס, מע טײַנעט דערבײַ: שולדיק זײַנען אַליין די אולים, וועלכע קלאָגן זיך אויף די קלימאַטישע באַדינגונגען פון דער מעדינע, אויף די שפּראַך־באַריערן, אויף די שוועריקײַטן פון דער מיליטער־דינסט, פון וועלכער עס זײַנען אין אָט דער גאַרניזאָן־מעלוכע ניט פרײַ אויך די פרויען. וואָס עמעס איז עמעס, ניט געקוקט אויפן סעפּאַראַטן פרידנס־אָפּמאַך מיט סאַדאַטן, איז ייִסראָעל אַ לאַנד, וווּ עס הערשט אַ מילכאָמע־אַטמאָספער, וווּ די קריגס־הויצאָעס אויף אַ נעפּעש פון דער באַפעלקערונג זײַנען די העכסטע אין דער וועלט.

שווער איז דער קלימאַט אינעם מידבאָר נעגעוו, אָבער נאָך שווערער און פּאָשעט געפערלעך איז אין די אָקופּירטע אַראַבישע געגנטן, וווּהין מע שיקט די אימיגראַנטן אין דער ערשטער ריי, קעדיי באַהערשן די פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס. און וואָס איז שײַעך די טײַנעס, אַז „די ייִדן קלאָגן זיך", איז וויאַזוי זאָלן זיי זיך ניט קלאָגן, אויב אין ייִסראָעל זײַנען די העכסטע שטײַערן, די פּרײַזן וואַקסן אַף 120—160 פּראָצענט יעדעס יאָר, די מעדינע איז אַ גענעם פון מאַסן־פאַרברעכנס.

פאַקטיש איז אין ייִסראָעל ניטאָ קיין אייניהײַטלעכע און פאַרגאַנצטע געזעלשאַפט. דעם האַלבן מיליאָן אַראַבער וויל די טעל־אַוויווער מאַכט ניט אַנערקענען פאַר פולבאַרעכטיקטע בירגער. אַף אַ נידעריקער בירגער־שטופּע געפינען זיך דאָרט ניט בלויז די אַראַבער, נאָר אויך די ספאַרדים, אײַנגעשלאָסן די גרוזינישע ייִדן.

די צאָל „מיזרעך"־ייִדן דערגרייכט איצט אין ייִסראָעל 60 פּראָצענט. דער לאָנדאָנער זשורנאַל „מידל איסט" האַלט, אַז דער וויכטיקסטער עלעמענט פון די אינערלעכע ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין ייִסראָעל אין מעשעך פון די 30 יאָר עקזיסטענץ פון דער מעדינע, איז די ענדערונג פונעם באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג — די ספאַרדיזאַציע פון דער ציִעניסטישער מעלוכע. דער אָנגעזעענער פּאָליטישער טוער פון ייִסראָעל ש. אַוונער האַלט אַפילע, אַז פאַקטיש עקזיסטירן איצט אין דער מעדינע צוויי ייִדישע נאַציעס — מײַרעווודיקע ייִדן און מיזרעכדיקע.

לויט די אָנגאַבן פון דער צײַטונג „האַ־אַרעץ", האָט אין 1971 דערגרייכט דער אַלגעמיינער ניוואָ פונעם אַנאַלפאַבעטיזם אין ייִסראָעל 13 פּראָצענט, צווישן די ספאַרדים — 70 פּראָצענט.

די גרוזינישע ייִדן ווערן אויסגענוצט אַף די שווערע אַרבעטן פון אָנלאָדן און אויסלאָדן פראַכטן, זיי זײַנען טרעגער אינעם אַעראָפּאָרט לאָד, דאָקערס אין אַשדאָד. די שקלאַפן־עקספּלואַטאַציע האָט ניט איין מאָל געדינט אַלס סיבע פון שטרײַקן און אַפילע פון בונטן (אין די יאָרן 1977—1979).

אין דער „ענציקלאָפּעדיע פונעם ציִעניזם און פון דער מעלוכע ייִסראָעל" לייענען מיר, אַז די יאָר־האַכנאָסע פון אַ שטאָטישן געזינד צווישן די „אייראָפּעיִשע ייִדן" באַטרעפט 3.700 דאָלער, בא די ספאַרדים — 2.800 דאָלער. אַ היפּשער כילעק איז אין די וווינונגס־באַדינגונגען: צווישן די אַמעריקאַניש־אייראָפּעיִשע ייִדן וווינען בא 5,8 פּראָצענט מער פון דרײַ מענטשן אין איין צימער, און צווישן ייִדישע געזינדן פון די לענדער פון אַזיע — 35,5 פּראָצענט. גאַנץ אָפט וווינען די ספאַרדים צו 9—10 מענטשן אין איין צימער.

פונעם געזאָגטן איז ניט געדרונגען, אַז די ייִסראָעל־בירגער, וועלכע שטאַמען פון די לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע, זײַנען גליקלעכע און זיי פעלט אויס נאָר פויגל־מילך. באַזונדערס קאָן מען דאָס ניט זאָגן בענעגייע די אוילים. לויט די לעצטע אָפיציעלע אָנגאַבן, באַשטייט אַ דריטל אוילים פון זייער אָרעמע בירגער, אָבער דעם גרונט־טייל צווישן זיי פאַרנעמען פאָרט די ספאַרדים. די פּראָציִעניסטישע אַמעריקאַנער צײַטונג „וואַשינגטאָן פּאָסט" האָט געשריבן, אַז אייניקע אימיגראַנטן אין ייִסראָעל לײַדן פון דיסקרימינאַציע בלויז דערפאַר, ווײַל זיי שטאַמען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. זיי פאַרשילטן דעם טאָג, ווען זיי האָבן באַשלאָסן אַוועקצופאָרן פון פּסר.

„וועטשערני טביליסי"

אימיגרירטע ייִדן זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן פון מײַרעוו־בערלין

אַ שווערע סיטואַציע האָט זיך געשאַפן אין מײַרעוו־בערלין, ווו עס זײַנען פאָרגעקומען געהיימע מאָרד־אָנפאַלן און אַ סקאַנדאַל מיט שטיצע־געלטער, אין וועלכן עס זײַנען פאַרמישט מער ווי 300 אימיגראַנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אַ פאָרשטייער פון דעם יוסטיץ־מיניסטעריום האָט איבערגעגעבן, אַז עס ווערט געפירט אַן אויספאָרשונג קעגן 312 „סאָוועטישע פּליטים", וועלכע ווערן באַשולדיקט אין באַנוצן פאַלשע דאָקומענטן. עס זאָל אויך זײַן אַ באַנדע, וואָס האָט געפעלשט די דאָקומענטן.

דרײַ ייִדן, וועלכע ווערן באַשולדיקט אין פעלשן דאָקומענטן, קעדיי געניסן פון די מײַרעוו־דײַטשישע שטיצע־געזעצן, וועלן אַרויסגעטריבן ווערן פון לאַנד.

די פעלשונגען זײַנען אַנטדעקט געוואָרן, ווען די פּאָליציי האָט פעסטגעשטעלט, אַז די צאָל ייִדישע פּליטים, וועלכע זײַנען אָנגעקומען קיין מײַרעוו־בערלין, איז אין 1974 געשטיגן פון 150 ביז 300 אַ יאָר און אין 1979 איז 680.

אימגיראַנטן, וועלכע שטעלן צו דאָקומענטן, אַז זיי זײַנען קאָרבאָנעס פון רעדיפעס, געניסן אווטאָמאַטיש פונעם סטאַטוס פון פּליטים און לויט די דײַטשישע געזעצן באַקומען זיי פאַרשיידענע הילף.

אייניקע פּליטים האָבן געהאַט דאָקומענטן, לויט וועלכע זיי זײַנען געווען סאָוועטישע בירגער, געבוירענע אַף דער געוועזענער דײַטשישער טעריטאָריע. מיט אַזאַ דאָקומענט באַקומט מען אַ פענסיע פון דער מײַרעוו־דײַטשישער רעגירונג.

„אונדזער וואָרט", פּאַריזש

מײַרעוו־דײַטשלאַנד — דער נײַער „גאַניידן"

פון פאַרשיידענע קוועלן קומען אָן אינפאָר־מאַציעס, אַז מײַרעוו־דײַטשלאַנד און באַזונדערס מײַרעוו־בערלין זײַנען געוואָרן אַ מאַקאָם־מיק־לעט פאַר ייִדישע עמיגראַנטן פון סאָוועטנפאַר־באַנד. קעדיי אָנצוקומען אַהין, שטעלט מען זיך ניט אָפּ פאַר אומלעגאַלע מיטלען. די מײַרעוו־בערלינער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אין דער לעצטער צײַט אַרעסטירט 59 ייִדישע אימי־גראַנטן פאַר באַנוצן זיך מיט פאַלשע דאָקו־מענטן, קעדיי באַקומען דײַטשישע בירגער־שאַפט. עס ווערן איצט אויסגעפאָרשט ניט ווײַ־ניקער ווי 1600 אַזעלכע פאַלן.

די אָנגעקומענע טײַנען, אַז זיי האָבן וויזעס, און זיי שטעלן צו די נייטיקע „באַווײַזן". אַ טייל פון זיי זײַנען יאָרדים און קומען אָן מיט דאָקומענטן פון ייִסראָעל.

אַ געוויסע צאָל טײַנעט, אַז זיי זײַנען בי־כלאַל ניט קיין פּליטים, נאָר עטנישע דײַטשן, וואָס „קערן זיך אום אַהיים". זיי קומט נאָך פון דײַטשלאַנד אַ רעשט אין דער פאָרם פון קאָמ־פּענסאַציע.

אופגעדעקט האָט זיך דער איניען, ווען מע האָט געפונען אַ דערשטאָכענעם אימיגראַנט לעבן דעם אוניווערסיטעט „קעמפּיס" און מע האָט שפּעטער אַנטדעקט אין זײַן וווינונג סאָ־וועטישע וויזע־באַשטעטיקונגען, בלאַנקען פאַר פּאַספּאָרטן אאַוו. עס זעט אויס, אַז ער איז גע־ווען איינער פון אַ גרופּע, וואָס האָט זיך פאַר־נומען מיט מאַכן פאַלשע דאָקומענטן. די גרופּע האָט אירע אָפּטיילונגען אין דײַטשלאַנד, ייִס־ראָעל און איטאַליע. צוויי פאַרדעכטיקע אין דעם מאָרד האָט מען באַפרײַט, אָבער זיי ווערן אָנ־געקלאָגט פאַר פעלשן דאָקומענטן. ווי באַוווּסט, איז צווישן ייִסראָעל און מײַרעוו־דײַטשלאַנד פאַראַן אַ דעפּאָרטאַציע־העסקעם. דערווײַל האָט מען נאָך ניט אָנגענומען קיינע מיטלען, ווײַל וועלכע עס רעדט זיך אינעם העסקעם.

מע לייענט די ידיִעות און עס נעמט אָן אַ כאַרפּע. די שווידערלעכע איראָניע פונעם גורל: ייִדן לויפן פון סאָוועטנפאַרבאַנד און זוכן אַ רעטונג דאַפקע... אין דײַטשלאַנד. אָן אַ ברעקל בושע. צו וואָס מע קאָן זיך דערקײַקלען!..

„אונדזער לעבן"

„וואָס וועט זײַן מיט מײַן טאָכטער?"

די מישפּאָכע גאַבײַ פאַרמאָגט אין ראַסטאָוו אַ שיינע, באַקוועמע דירע. אומעטום — גוט אויפ־געקליבן, אַן אָרדענונג, פײַן מעבל, צעשטעלט מיט געשמאַק. אַף די ווענט טעפּיכער, בילדער. קורץ, מע זעט, אַז עס לעבן דאָ אײַנגעפונדע־ווטע באַלעבאַטים.

יאַקאָוו ראַפּאַילאָוויטש האָט פאַר זײַן גאַנץ לעבן סאַכאַקל עטלעכע מאָל געביטן דאָס אַרב־בעטס־אָרט, אָבער ווו ער זאָל ניט אַרבעטן, האָט מען אים זייער געשעצט. זײַן ווײַב לייע איז יונגערהייט אָנגעקומען אין „הויז פון שוכ־וואַרג" אַלס אַ שטעפּערן, און דאָרט האָט זי אָפּגעאַרבעט באַ דרײַסיק יאָר. זי האָט באַקומען פיל לויב־גראַמאָטעס און דאַנק־פּאַפּירן.

דאָס פאָרפאָלק האָט צוויי טעכטער — יעווג־געניע (די עלטערע) און לאַריסע. ביידע האָבן זיי באַקומען הויכבילדונג — געענדיקט דעם ראָסטאָווער מעלוכע־אוניווערסיטעט.

אַ געוויינלעכע סאָוועטישע מישפּאָכע. אַזאַ, ווי טויזנטער אַנדערע. אָבער...

— שמועסנדיק מיט מיר, כאַפּט זיך לייע אַבראַ־מאָוונאַ אָפּ פאַרן האַרצן, שלינגט אַראָפּ אַ טאַבלעטקע און די אויגן זײַנען באַ איר נאַס. ווען ניט אָט דער כאַסן... — כליפּעט זי. די טאָכ־טער לאַריסע האָט באַשלאָסן כאַסנע האָבן פאַר אַ מענטשן, וועמענס מישפּאָכע און ער אַליין קלײַבן זיך פאָרן קיין ייִסראָעל...

— איך האָב דאָך איר געזאָגט, לאַריסען, איך האָב זי געוואָרנט, נאָר זי האָט ניט גע־פאָלגט. און אָט וואָס עס האָט זיך באַקומען. לייע אַבראַמאָוונאַ ווײַזט מיר אַ פּעקל בריוו. זי צעעפנט איינעם פון זיי:

„...איך ווייס ניט, ווי־אַזוי אַרויסרײַסן זיך פון אָט דעם גענעם, וועלכן מע האָט געמאָלט אַלס אַ גאַניידן... פון טאָג צו טאָג ווערט אין ייִסראָעל אַלץ שווערער צו לעבן: דער יאָקרעס וואַקסט, פונעם געהאַלט וועסטו דאָ קיין לעבן ניט מאַכן. קיין דירע קאָן מען איצט ביכלאַל ניט קריגן, און ווען וועט מען קאָנען, ווייסט איין גאָט אין הימל. איך וויל האָפן, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען, וועל איך דיר, מאַמע, אַלץ דערציילן. איצט וועל איך דיר שרײַבן איינס: אַלץ, וואָס מע רעדט אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד וועגן ייִסראָעל, איז הייליקער עמעס. קיין איין וואָרט איז ניט אויסגעטראַכט. איך האָב זיך אַליין איבערצײַגט אין דעם..."

די קריוועס פון לאַריסעס מאַן האָבן ניט אופגעהערט צו אײַנריידן זיי, אַז נאָך אַזאַ לאַנד, ווי ייִסראָעל, איז אַף דער וועלט ניטאָ. אין ער־געץ ניטאָ נאָך אַזאַ יוישערדיק לאַנד, איר קענט אויספאָרן די גאַנצע וועלט...

„איך געפין זיך איצט אין ייִסראָעל, איך זע אַלץ מיט די אייגענע אויגן. איך וועל שוין ניט ריידן וועגן דעם ביטערן גורל פון די אַראַ־בער — זייער לאַגע איז פּאַשעט אַ שווידערלעכע. פון דיסקרימינאַציע שטייען אָבער אויס אויך די ייִדן. אַשטיגער, יענע ייִדן, וועלכע זײַנען... ניט קיין ייִדן.

דאָס, וואָס איך האָב איצט געזאָגט, איז ניט קיין שפּאַס, נאָר אַ רעאַלע וואָר. לאָמיר נעמען אַ געזינד, ווו די באָבע איז ניט קיין ייִדישע. לויטן געזעץ איז אַ ייִד בלויז דער, באַ וועמען די מאַמע און די באָבע זײַנען ייִדן. אויב מע דערוויסט זיך צופעליק, אַז די באָבע איז ניט קיין ייִדישע טאָכטער, גיט מען וועגן דעם טיי־

קעף צו וויסן אין דער רעגירונג־ביוראָ און מע נעמט אָפּ באַ די אייניקלעך זייערע דאָקומענטן, קעדיי דאָרט אַרײַנשרײַבן זייער נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונג. אויב די באָבע איז אַ געבוירענע פון דײַטשלאַנד, שרײַבט מען אַרײַן אין די דאָקומענטן פון די אייניקלעך אין פּאַראַגראַף „נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונג" — „דײַטש", אויב די באָבע איז אַ געבוירענע פון רוסלאַנד — „רוס".

ווײַטער שרײַבט לאַריסע: „דאָס ערגסטע איז דאָס, וואָס איך זע ניט קיין רעאַלן אויסוועג פון מײַן לאַגע. איך אַרבעט זייער אַ סך, האָב דערלערנט איווריט, אַף די הענט האָב איך אַ דיפּלאָם פון אַן עקאָנאָמיסט, איך קען די מעלוכע־שפּראַך פון דער מעדינע און האָב זיך אײַנגעאָרדנט, קוים מיט צאָרעס, אַלס אַ פּאַרקויפערן אין אַ פּראָדוקטן־קראָם, וווּ איך מוז אַרבעטן צו 12 שאָ אין מעסלעס, און דער באַלעבאָס האָט ניט קיין צוטרוי צו מיר — איך בין דאָך געקומען פון מיזרעך..."

צום סאָף פון אונדזער שמועס זאָגט לייע אַבראַמאָוונא:

— מיינט ניט, אַז מײַן לאַריסע רײַסט זיך אַהיים בלויז דערפאַר, וואָס זי איז ניט איבעריק אײַנגעאָרדנט מאַטעריעל. עמעס, איר זעט דאָך אונדזער דירע, זי איז, ווי איר קאָנט אַליין פאַרשטיין, צוגעוווינט צו לעבן אַף אַלעם פאַרטיקן. איך מיט מײַן מאַן האָבן אונדזערע טעכטער אין קיין זאַך ניט אָפּגעזאָגט. אַגעוו, אין ייִסראָעל געהערט זי אויך ניט צום אָרעמען טייל פון דער באַפעלקערונג. זי קאָן זיך אָבער ניט צוגעוווינען צו די באַציִונגען צווישן די מענטשן. זי איז דאָך געבוירן געוואָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, עקלט איר פון אַזעלכע באַציִונגען, וווּ אָפּן ערשטן אָרט איז שטענדיק די מאַטבייע.

דאָרטן, אינעם קאַפּיטאַליסטישן ייִסראָעל, ווי אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, הערט מען שטענדיק דאָס ווערטל:

„אַף דרײַ זאַכן שטייט די וועלט: אַף געלט, אַף געלט און אַף געלט". מײַן טאָכטער קאָן דאָס ניט פאַרטראָגן, דערפאַר וויינט זי אין אַלע אירע בריוו צו מיר. וואָס וועט זײַן ווײַטער מיט מײַן טאָכטער, ווייס איך ניט...

ט. פּירסאָווא
(„קאָמסאָמאָלעץ", ראָסטאָוו־אָפן־דאָן)

קורצע ידיעות אין דער פּרעסע

דערמאָרדעט אַ ראָוו אין ברוקלין

אין ברוקלין (ניו־יאָרק) איז דערמאָרדעט געוואָרן אַ ראָוו מיטן נאָמען עלקאָנאָוו. ער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק עמיגרירט פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

דער מאָרד איז געשען אין דער פאַרשטאָט קרוינהייטס, וווּ עס וווינען אַ סך פרומע ייִדן און נעגערס. צווישן די נעגערס און ייִדן קומען פאָר אָפטע צוזאַמענשטויסן.

די ברוקלינער פּאָליציי האָט ניט געקאָנט פעסטשטעלן די סיבע פונעם מאָרד. דער ראָוו איז דערמאָרדעט געוואָרן אינמיטן גאַס, ווען ער איז געגאַנגען פון זײַן שטוב אין בעסמעדרעש.

אַ שטרײַק פון אוילים

אין כײַפע האָט אויסגעבראָכן אַ שטרײַק פון 913 אוילים. אין ייִסראָעל האָבן זיי זיך איבערצײַגט, אַז די „גאָלדענע בערג", וועלכע די ציִיאָניסטן האָבן זיי צוגעזאָגט, זײַנען אויסגעזויגן פון די פינגער.

דער שטרײַק האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעם, ווי דער 57־יאָריקער נאַפט־אינזשעניער ציצערמאַן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט אײַנאָרדענען זיך אַף אַרבעט. 28 כאָדאָשים האָט ציצערמאַן זיך געמאַטערט אין צוזאַמענוווינונג פונעם אַבסאָרבציע־צענטער, וועלכע איז געווען פול מיט אַזעלכע אָפּגענאַרטע, ווי ער. די שטרײַקער האָבן אַרויסגעטריבן פון אַלע דרײַ צענטערס דעם אַדמיניסטראַטיון־פּערסאָנאַל אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס מע צווינגט זיי צו לעבן אין אַזעלכע שענדלעכע באַדינגונגען. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַזוכן די לימודים פון איווריט, וועלכע זײַנען אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע אוילים.

די עמיגראַציע פון ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד

די אַגענטור „נאָוואָסטי" האָט אָפּגעלייקנט די ידיעה פון די מײַרעוו־קוועלן, אַז 120 טויזנט סאָוועטישע ייִדן וואַרטן אַף אַרויספאָר־וויזעס.

ווי די אַגענטור טיילט מיט, ליגן איצט אין „אָוויר" 11 טויזנט 845 ביטעס וועגן דערלויבן אַרויסצופאָרן. צווישן די, וואָס האָבן דערלאַנגט אַזעלכע ביטעס, זײַנען פאַראַן ניט בלויז ייִדן, נאָר אויך דײַטשן, שפּאַניער און גריכן.

פאַרוואָס פאָרן אַמעריקאַנער ייִדן קיין ייִסראָעל?

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אַ גרופּע אַמעריקאַנער ייִדן געענטפערט אַף דער פראַגע פון זשורנאַליסטן, פאַרוואָס זיי פאָרן קיין ייִסראָעל. אַלס איינע פון די סיבעס האָבן זיי אָנגערופן דעם וווּקס פון נאַרקאָמאַניע אין אַמעריקע. „מיר האָבן מורע פאַר אונדזערע קינדער", האָבן זיי געזאָגט.

די דאָזיקע עפּידעמיע האָט אָבער איצט פאַרפלייצט אויך ייִסראָעל. לויט די אָנגאַבן פון

דער פּאָליציי, איז צאָל איינוווינער פון ייִס־ראַעל, וועלכע זײַנען אין די לעצטע צוויי יאָר געוואָרן נאַרקאָמאַנען, אויסגעוואַקסן אָף 25 פּראָצענט. העכער 350 טויזנט איינוווינער פון ייִסראַעל האָבן אַמווייניקסטנס איין מאָל גע־נוצט נאַרקאָטיקעס און 100 טויזנט זײַנען גע־וואָרן פאַרפאַלענע נאַרקאָמאַנען. פון זיי זײַנען 80 פּראָצענט אַלט פון 25 ביז 35 יאָר, 10 פּראָ־צענט זײַנען קינדער און יוגנטלעכע אין עלטער פון 10 ביז 20 יאָר.

אויפגעדעקט פאַרברעכנס
צווישן די „נוישרים" אין רוים

די ייִדישע קרײַזן אין רוים זײַנען שטאַרק באַמרויקט פון די פאַרברעכנס, וועלכע די אי־טאַליענישע פּאָליציי האָט אויפגעדעקט צווישן די „נוישרים" — די ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע וואַרטן אין רוים אָף אַרײַנפאָר־וויזעס אין די מײַרעוו־לענדער.

א 30־יאָריקער ייִד פון מאָסקווע איז דער־שטאָכן געוואָרן אין א וואַלד הינטער רוים. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט א 32־יאָריקן ייִד פון מינסק, וועלכער ווערט באַשולדיקט, אַז ער איז באַגאַנגען דעם מאָרד.

די פּאָליציי באַשולדיקט די „נוישרים" אין שווינדלערײַ אַרום די וויזעס אין פאַרשיידענע מײַרעוו־לענדער. פאַר די דאָזיקע וויזעס נעמען זיי פון 1000 ביז 3000 דאָלער.

אין רוים געפינען זיך איצט אַרום 5000 „נוישרים". די פּאָליציי באַהויפּט, אַז צווישן די „נוישרים" זײַנען פאַראַן שווינדלער־באַנדעס, וועלכע פירן א קאַמף איינע מיט דער אַנדערער.

די דערקלערונג פון דער פּאָליציי האָט גע־מאַכט זייער א שווערן אײַנדרוק אָף דער ייִדי־שער קעהילע אין רוים.

אַליין שולדיק אינעם אומגליק

פון דניעפּראָפּעטראָווסק קיין ייִסראַעל איז אַראָפּגעקומען הערש שיפער. א גליק האָט אים געטראָפן: ער האָט דאָרט געפונען א רײַכן קאַ־רעוו. ווי נאָר ער האָט דערמאָנט דעם אופגע־קומענעם גוויר וועגן זײַן קרוויועשאַפט, האָט יענער אים געענטפערט:

— קאָרעוו־שמאָרעוו, מאַך זיך ניט נאַריש! דאָ איז דיר ניט סאָוועטסקע וולאַסט! דו קריג בעסער ערגעץ א 20 טויזנט פונט, וועסטו מיר ווערן דער בעסטער קאָרעוו...

— און אויב איך קען ניט קריגן די טויזנ־טערס, איך קען ניט עקספּלואַטירן יענעם?

— וועט מען דיך עקספּלואַטירן!

די ענגלישע צײַטונג „סאַנדי טײַמס" שרײַבט וועגן דעם, וויאַזוי די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין ייִסראַעל: „דאָ זײַנען ניטאָ קיין טײַכן מיט מילך און קיין בריג־נעמער פון האָניק. א שאָפער, וועמען מע האָט געשיקט קיין אַראַד, צוזאָגנדיק אים דאָרט אַרן־בעט, דרייט זיך אַרום שוין א יאָר צײַט אָן אַרבעט. זײַן פרוי, א צייכענערן, האָט קוים מיט צאָרעס זיך אײַנגעאָרדנט פאַר אַן אופראַמערן. א קוואַליפיצירטער שמיד קערט די גאַסן, קעדיי פאַרדינען אַפן שטיקל ברויט. דאָס זעלבע טוט א ריגער מוזיקאַנט, א טשערנאָוויצער אַדוואָ־קאַט אַרבעט אַלס א פײַערלעשער, א לענינגראַ־דער לערער זוכט אַרבעט, נאָר ער קאָן ניט גע־פינען, א קיִעווער דאָקטער לעבט זיך דורך מיט צופעליקע פאַרדינסטן".

די געוועזענע סאָוועטישע ביִרגער פלישער, רווינשווין, גאָלדבלאַט, וועלכע זײַנען אַנטלאָפן פון ייִסראַעל קיין ווין, שרײַבן אין זייער מעל־דונג צו דער סאָוועטן־רעגירונג: „די אומענטש־לעכע עקספּלואַטאַציע, די דערנידעריקנדיקע און שענדלעכע אַרבעט אין די אינטערעסן פון אָט די נידעריקע באַשעפענישן — די באַלעבאַ־טים, די אַכזאָרישע באַציִונג צו אונדז, סאָווע־טישע ייִדן, — דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט דאָס לעבן אין אַן אומדערטרעגלעכער פּײַן. מיר האָבן אין ייִסראַעל זיך אָנגעשטויסן אָף מיטלאַלטערלעכן אָבסקוראַנטיזם".

דער געוועזענער אָדעסער ביִרגער מאַקס קאָני, וועלכער איז איצט אַנטלאָפן פון ייִסראַעל, דערציילט וועגן זײַן לעבן אין אָט דעם לאַנד: „איך האָב א לאַנגע צײַט געזוכט אַרבעט. סאָף־קאָלסאָף האָט מיך גענומען צו זיך א באַלעבאָס פון א מעבל־פאַבריק. אין די כעזשבוינעס האָב איך זיך אונטערגעשריבן, אַז איך האָב באַקומען 700 לירעס, נאָר אָף דער האַנט האָב איך באַ־קומען ניט מער ווי 400. אין ייִסראַעל לעבט מען ניט, נאָר מע זשיפּעט".

אָט אין יוסעף רויזמאַנס טרויעריקע דער־ציילונג וועגן זײַן לעבן אין ייִסראַעל: „טאָג נאָך טאָג בין איך אַרומגעלאָפן זוכן אַרבעט. ווו בין איך ניט אויסגעווען: אין די אויטאָמאַ־טישע וואַרשטאַטן, אין די גאַראַזשן, אין קאָ־לערליי פאַבריקן, — אומעטום האָב איך געהערט איין ענטפער: „קיין שלאָסער דאַרפן מיר ניט"... מיט גרויסע שוועריקײַטן האָב איך געקראָגן אַרבעט אין א גלאָז־זאַוואָד, געהאָרעוועט צו 14—16 שאָ אין מעסלעס, נאָר געהאַלט האָב איך באַקומען אין 3—4 מאָל ווייניקער איידער א היגער איינוווינער..."

אַזעלכע בריוו קומען אָן אין די טויזנטער. אויב מע זאָל פאַראַלגעמיינערן די פאַקטן, באַ־קומט זיך אַזאַ בילד: צווישן דער אַרבעטסלאָ־זער יוגנט זײַנען 80 פּראָצענט אָוילים, צווישן די פּראָסטיטוטקעס — 70 פּראָצענט.

באַזונדערס שווער איז די לאַגע פון די פרויען. אין די ייִסראַעל־געזעצן איז ניטאָ קיין וואָרט וועגן דעם, אַז מע דאַרף די פרויען באַ־זאָרגן מיט אַרבעט, אַז די פרויען האָבן דאָס רעכט צו באַקומען פאַר זייער אַרבעט פונקט אַזויפיל, וויפל די מענער. די ניו־יאָרקער צײַ־

טונג „דיילי וואָרלד“ דערציילט, אז יעדע פערטע מישפּאָכע אין טעל־אוויוו לעבט אין אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פון די טרושטשאָבעס (הינטערשטאָטישע כאָרעווע הײַזער).

טשאָווע קאַלמאַן, וועלכע וווינט מיט איר געזינד פון נײַן מענטשן אין א פינצטערער כורווע, האָט געזאָגט אין איר שמועס מיטן קאָרעספּאָנדענט פונעם אַמעריקאַנער זשורנאַל „ביוסויק“: „איך ווייס, אז איך מיט מײַן מאַן וועלן שוין קיינמאָל ניט לעבן בעסער. איך בעט גאָט, אז אונדזערע קינדער זאָלן כאָטש וויסן פון אַן אַנדער לעבן“.

כאַים קופּערמאַן שרײַבט אין זײַן בריוו: „ווער עס קאָן נאָר, לויפט פון ייִסראָעל. אין די צײַטונגען לייען איך, אז צום אָנהייב פון 1978 זײַנען פונעם לאַנד אַנטלאָפן 300 טויזנט ייִדן — 10 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אין די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואַרטן אַף זיי אָבער די זעלבע צאָרעס. אין די סאָוועטישע געזאַנדשאַפטן אין רוים און אין ווין שטייען אין די רייען טויזנטער געוועזענע סאָוועטישע בירגער, קעדיי קריגן א דערלויבעניש צו אומקערן זיך קיין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אָבער שולדיק דערין זײַנען די עמיגראַנטן אַליין. מע האָט אונדז געוואָרנט, ווען מיר זײַנען געקומען בעטן א דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד: דער וועג אַף צוריק וועט זײַן פאַרמאַכט, מע דאַרף זיך ניט צוהערן צו די באָבעמײַסעס פון די ציוניסטישע בלאָפערס...

מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט אַמאָל געשריבן: „פאַר אונדז איז דאָס לאַנד, וואָס האָט געבוירן און באַהאַלטן א גאַנצע לאַנגע שורע אונדזערע עלטער־עלטערן, דאָס לאַנד, אין וועלכן מיר אַליין זײַנען געבוירן, אַרבעטן און וועלן שטאַרבן — אונדזער פאָטערלאַנד און קיינער איז נישט בעקויעך צו צערײַסן דעם בלוטיקן באַנד, וואָס פאַרקניפּט אונדז און אונדזערע קינדער מיטן באָדן פון רוסלאַנד“.

י. שולמײסטער
(„לוואָווסקאַיאַ פּראַוודאַ“)



בראַניע סינעלניקאָווע

ניצאָכן

קומט דער יאָמטעוו פון ניצאָכן,
ברענגט ער פרייד אין יעדן הויז.
וויפל אָרדענס בא מײַן שאָכן?
אלע נעמען בא אונדז אויס.

צייל איך, צייל איך די מעדאלן,
וואָס דער שאָכן האָט געבראכט,
און פארדינט האָט ער זיי אלע
אין מילכאָמע אפן שלאכט.

צוויי פאר ברעסט און צוויי פאר וואַרשע,
דרײַ פאר קיִעוו, צוויי פאר ווין,
צוויי מעדאלן נאָר פאר אָרשע,
פיר באקומען פאר בערלין.

ווי זיי בליאסקען עס און שײַנען
אלע פופצן אף זײַן ברוסט!
וואָס איז דאָ פון דעם צו טײַנען?
ער איז אלעמען באוווּסט.

מענדל ליפשיץ

עס לויפן ווערסטן

בין איך מיר געפאָרן אף א וואָגן,
האָבן מיך באגלייט אין וועג די רעדער,
עפּעס האָבן זיי געוואָלט מיר זאָגן,
זייער שפּראך פארשטייט אָבער ניט יעדער.

בין איך מיר געפאָרן אף א שליטן,
האָבן מיך באגלייט אין וועג די ווינטן,
מיך מיט שארפן שניי געוואָלט פארשיטן,
מיט דעם פראָסט פארפרירן אינעם ווינטער.

רוכעס, זאווארוכעס, איך אינמיטן,
און די וויוגע הערט ניט אוף צו וויען,
ווערסט ניט איבערמאכן אירע זיטן,
שניי פארוואנדלען ווערסטו ניט אין טויען.

די דראבינעס — זיי וויגן זיך,
און ראָבן פליִען דורך פארבײַ,
און ס׳לויפן ווערסטן.
וואָס דארף איך פון דער וועלט?
— א כאטקעלע, א נעסט־היים.

פינע פלאַטקין

אין כאַלעם

— פײַער! פײַער!..
שרײַט אין טרײַבל דער קאָמבאַט
און פאַרייכערט נאָכאַמאָל מאַכאָרקע.
כ'פיר אַרום מיט בלײַערס
דעם קוואַדראַט
אַף מײַן נײַער
פינפקילאָמעטראָווקע.
אין דער זעלבער רעגע
איך באַטראַכט,
ווו ס'איז גרינגער אַ פּלאַצדאַרם צו נעמען.
צושפּאַרן דעם דײַטש מע דאַרף צום טײַך,
ער זאָל אָפּטרעטן פון דאָרט
ניט קענען.

ווידער קלינגט,
און ווידער דער קאָמבאַט.
כ'גיי צום טעלעפאָן
און נעם דאָס טרײַבל:
— פינף אַזייגער אינדערפרי הייב אָן,
קיינער אין טראַנשייע זאָל ניט בלײַבן!
ניט פאַרגעס זיך, — גיט ער צו, — גענוי
מיט דער צווייטער ראָטע זיך פאַרבינדן...
— — — — — — — — — — — —

„שרײַ ניט אין דער פינצטער, — זאָגט
מײַן פרוי, —
זאָלן רויִק שלאָפן דײַנע קינדער".

דווירע כאַראַל

אוטאָ

פאַרבײַ פעלדער,
פאַרבײַ דערפער,
פאַרבײַ סעדער,
פול מיט צוויט,
אַף די ווייכע
גומי־רעדער
פליט אַן אוטאָ,
ווערט ניט מיד.

איבער אים
עס האָט אַ בושל
פליגל זײַנע
ברייט צעשפּרייט,
פּיסלעך געלע
אויסגעצויגן,
נאָכן אוטאָ
פליִען גרייט.

ווער וועט
איבעריאָגן וועמען?
ס'יאָגט דער אוטאָ
באַלד אַ שאָ,
און דער בושל
וויל ניט אָפּשטיין —
אַלץ נאָך דאָ
און אַלץ נאָך דאָ.

נאָר עס ווערן
מיד די פליגל
און צו אָטעמען
ווערט שווער,
נידערט צו דער ערד
דער בושל
איבער וועגן
פליט ניט מער.

אַף די שליאַכן,
אַף די שטויבן
יאָגט דער אוטאָ
איצט אַליין.
אינעם הימל
ווײַזט דער בושל
מער שוין ניט
זײַן פויגל־כיין.

און דער אוטאָ
צי מאַשין,
שנעל באַוועגט זיך
מיט בענזין,
און זײַן האַרץ
איז אַ מאָטאָר —
פעסט געבויט
און פעסט געשמידט
אָנגעטרונקען מיט בענזין,
יאָגט ער, יאָגט
און ווערט ניט מיד.

מישע מאַגילעוויטש

עס שמעקט מיט זון

אין אויסגעלייכטיקטן באַגין,
אונטערן הימל קלאָרן,
מיר האָט פאַרשמעקט מיט זון און קינד,
עס שמעקט מיט נײַ־געבאָרן.
איז וואָס זשע כידעשט מיך אַזוי,
וואָס וווּנדערט מיך, איך ווייס ניט,
קאָן זײַן, אַ טראָפּנדל פון טוי
ט׳מיך פּלוצעם אופגעטרייסלט.

ס׳האָט אין מײַן אויג דערלאַנגט זײַן שפּריץ
און לײַכט אַ שניט געגעבן.
כ׳האָב ווי דערזען די וועלט אָט איצט,
צום ערשטן מאָל אין לעבן.
און אלץ איז נײַ און אלץ עס שײַנט
אין פלאַם פון יונגע בליטן.
אפילע איך, אויך איך האָב הײַנט
מיט עפּעס זיך געביטן.

וועלוול ווערניק

צי קען איך דען?

צי קען איך גלײַכגילטיק הײַנט זײַן,
ווען ערגעץ־ווו עס הערשט נאָך פּײַן,
ווען מענטשן ציטערן פון קעלט
דאָרט, אין דער ניט באַהייצטער וועלט?

ווען ערגעץ־ווו דאָס בלוט זיך גיסט,
און ס׳טרוימט אַ הײַנטיקער פאַשיסט
פאַרלעשן זי, די זונען־שײַן...
צי קען איך גלײַכגילטיק הײַנט זײַן?

ווען לענדער לעבן נאָך אין נויט
און ס׳קלעקט פאַר קינדער ניט קיין ברויט,
ווען טשילי זינקט אינעם טעראָר —
דאַן ווערט פאַר מיר באַזונדערס קלאָר:

הײַנט גלײַכגילטיק איך בין ניט, ניין,
ווי די, וואָס ווילן ניט פאַרשטיין,
אַז אַראַדור און באַבי יאַר
ביז איצטער זײַנען אַ געפאַר!

כאַים גורעוויטש

קום צו פליען

פיניע פלאַטקינען

דאָ איז אַ פריילעכע אוויאַ־ליניע,
אהער אײַלן „טוען" אָן אַ שיר,
איך בעט דיך זייער, ליבער פיניע,
קום צו פליען קיין סיביר.

נאָך אַ גאַסט אַ הארציקן, אַ גוטן
זיך שטאַרק אזוי פאַרבענקט איך האָב,
ווי ס׳בענקט נאָך זוניקע מינוטן,
אַ פאַרקאָוועטע אין אײַז די אָב.

מיר וועלן דאָ אַרומגעאַרעמט שפּאַנען
און, ווי עס פירט זיך שוין בײַ לײַטן,
אַ שאָס טאָן מיט אַ פלאַש שאַמפּאַניער.
זיך מיט סוווענירן בײַטן:

דו מיר — א צווײַגל פון פּאַלעסיער דעמב,
איך דיר — א צווײַגל פון סיבירער צעדער,
און כ׳צווייפל ניט, אז מיטן אויסטויש דעם
וועט זײַן פולקאַם באַנוגנט יעדער.

אז קיינער וועט פון אונדז אוואדע
זיך ניט בלאָזן, זיך ניט היצן,
מיר זײַנען דאָך פון דער פּלעיאַדע,
וועלכע קוקט מיט איבל אָף אַמביציעס...

א פריילעכע איז דאָ די אווזאַ־ליניע,
אהער עס אײַלן „טוען״ אָן א שיר,
איך בעט דיך זייער, ליבער פּיניע,
קום צו פליִען אין סיביר.

מיר וועלן דאָ לייענען ביז א שאָ א שפּעטער,
ביז ס׳וועט זיך אויסלעשן דער סאַטורן,
דו — א נײַעם קראַנץ סאָנעטן,
איך — א בינטל מיניאַטיורן.

קום צו פליִען... דאָס איז וויכטיק,
דאָס איז פּאָשעט גוואלדיק גרויס!
ווען עס באַגעגענען זיך דיכטער,
דעמלט שפּילט די דיכטונג אויס.

מאקס ריזאַנט

מײַן וועג

אזויפיל וועגן אָף דער וועלט,
און מיר איז אויסגעפאלן איינער,
כ׳האָב אים באַצײַטנס ניט באַשטעלט,
ער זאָל זײַן ליכטיקער און ריינער.

ער האָט מיך אויסגעלערנט גיין,
און אויב ס׳איז פאלן אויסגעפאלן,
איז ווערט געוועזן, כ׳זאָל טיף פארשטיין
דעם זין פון אלע לעבנס־קוואלן.

צום גרינעם טײַגישן געצעלט,
צום טײַך, צום שטראָם האָט מיך געצויגן.
די טײַגע האָט צעפּראַלט די וועלט
פאר מײַנע נײַגעריקע אויגן.

געלויכטן העל האָט מײַן באַגער,
כ׳זאָל גוטע פרײַנט אין וועג געפינען.
און אויב ס׳איז גאַנץ מײַן ליבע ערד,
וואָס קען איך בעסערס זיך פארגינען?

כאסקל טאבאטשניקאוו

צווי מונדירן

דאָס שנײַדערישע צעכל באַם שטאָט־טעאַטער האָט געפירט באַלעבאַטיש און געניט דער אויסגעצייכנטער צושנײַדער איסאַק מונין — א מענטש מיט א גוטן שעם און מיט גאָר א שיינער רעפּוטאַציע אינעם שנײַדערישן וועלטל, וואָס האָט צו טאָן מיט גאַרדעראָב־אויס־שטאַטונג פאַר די טעאַטער־בינעס מיט מאַסקאַראַד־קליידער.

רעב יִיצכאָקל פון טולטשין האָט ליב געהאַט דאָס שניידערישע טעאַטער־צעכל מיט דער גאַנצער נעשאָמע. יאָרנוויַז, קאָן מען זאָגן, איז ער געוווינט צו דער ניי־מאַשין, צום שווערן אָפּגעליניעטן ניי־טיש. דעם טולטשינער שנײַדער וועט מען איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן אַרבעט, מיט קיין שטעקן פון דאָרט ניט אַרויסטרײַבן. יעדעס מאָל, ווען א טעאַטער־בעגעד ווערט אַרויסגעענדיקט, פילט דער טולטשינער באַלמעלאָכע, ווי עס קומט אים צו א פּוד געזונט. אַמאָל, אינעם שטעטל טולטשין, פלעגט מען נאָך צוגעבן מיט א ווארעם ווערטל: זע נאָר זע, ווי דאָס שנײַדערוקל שמעלצט זיך, ווי א קניידל אין פּוטער... אָוועקגיין פון דער דאָזיקער שנײַדער־אַרבעט? לוי מיט אן אלעף. וועלכער שוטע פאַרלאָזט דעם גאַניידן? ווו נאָך וועט ער געפינען אַזא גוטע באַהאַנדלונג מיצאַד די טעאַטער־גדוילים, וואָס האַלטן אים אין קאָ־וועד? די טולטשינער וואָלטן נאָך געוויס, אַף זייער אַמכאָ־אויפן, צוגעגעבן וויציק: רעב יִיצכאָקל זיצט באַ זיי, די טעאַטער־לײַט, אַף דער יאָמטעוודיקער פּאָליצע... א קליינִיקײַט, דער קינסטלער אַליין מיט די פאַרלאָזטע פּוכיקע באַקנבאַרדן לויבט זײַן אַרבעט אין טאָג

ארײַן, רופט אים ניט אַנדערש ווי „קאַלעגאַ“, „מאַעסטראָ“. מעג דאָך אוואדע דער שנײַדער זײַן באַ זיך גאַדלדיק, געהייכט און געקרוינט.

זינט דער שטאַט־טעאַטער האָט גענומען גרייטן די נײַע פאַרשטעלונג „באַם סוינע אין די נעגל“ לאָזט מען דעם צושנײַדער, רעב ייִצחאָקן, ניט צורו. מע שלעפּט אים פון אַלע זײַטן, דער ציט אים צום געהילף־רעזשיסער, יענער רײַסט אים צו די קינסטלער־דעקאָראַטאָרס, אפילו די פאַבריקמאַכערס פּאַרטומלען אים דעם קאָפּ. אַלע בעטן אייצעס, פרעגן שײַלעס, ווילן געווירע ווערן טשיקאַווע פאַסירונגען, גענויע פּראַטים פון פּאַרטיזאַנישן שטייגער, באַזונדערע כאַראַקטער־שטריכן פון די נעקאָמענעמער. מיט איין וואָרט, דערגרונטעווען זיך צו יעטווידער קלייניקײַט, מאַמעש ביז דער געאָגראַפישער אומגעבונג, ווו די פּאַרטיזאַנער האָבן געקעמפט, געוווינט טעטיק.

אָט דאָ לעצטנס איז דער טעאַטער־שנײַדער געוואָרן קעמוי דער צווייטער קאָנסולטאַנט פון דעם דאַזיקן ספּעקטאַקל, שיר ניט אַ שטיק געהילף באַם קינסטלערישן אָנפירער יורי קאָווטון.

דעם שנײַדערס כשיועס און אָנזען וואַקסט פאַר די אויגן טאָג צו טאָג. איסאַק אַראָנאָוויטש איז ניט געווינט טראָגן אַף זיך אַזאַ הויכע קרוין. בעעמעס, וואָס פאַר אַ קאָנסולטאַנט קאָן ער זײַן באַ דער קאָמפּעטענטער טעאַטראַלער רעזשי? שולדיק אין דעם איז בעפּיירעש געוועזן דער נײַער מעכאַבער פון דער דאָזיקער העראָישער פּיעסע איגאָר מאַרקושין.

— סאַקיאַ־מוני, — האָט דער נײַער אויטאָר געזאָגט, — כ׳מיין, אַז איַער טעאַטער־שנײַדער קאָן אײַך זייער נוצלעך זײַן מיט זײַנע דערינערונגען. סאַקיאַ־מוני, — פלעגט ער דערמאָנען באַ יעטווידער געלעגנהייט, — איז איינער פון די לעבנגעבליבענע איידעס, ער וועט אײַך געניער דערציילן פון דער ווירקלעך־פּאַסירטער געשיכטע, וואָס ווערט געשילדערט אין דער פּיעסע. דאָס איז אַ שטיק לעבן פון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

איצט, קלער איך, איז קלאָרער געוואָרן די ניט פאַרענטפערטע קאַשע, פאַרוואָס דרייט זיך אַפּן שנײַדער דאָס היטל. צו וואָס גיין זוכן אַנדערע קאָנסולטאַנטן, ווען דער אייגענער פּאַרטיזאַן, איסאַק אַראָנאָוויטש, אָדער ווי מע פלעגט אים רופן, רעב ייִצחאָקל פון טולטשין, געפינט זיך דערנעבן, אַן אינוויייניקסטער טעאַטער־מענטש, פון וועלכן מע קאָן ציִען די אַלע פּעדעם וועגן דעם ווירקלעך־פּאַרטיזאַניש לעבן אין שײַכעס מיט דער פּרעמיערע.

אין דער נײַער פּרעמיערע „באַם סוינע אין די נעגל“ זײַנען פּאַרטראַטן מיינסטנס יונגוואַרג, ווילע, ביז גאָר באַגאַבטע כעווירע, נײַגעריקע, טומלדיקע, ווילן זיי טאַקע וואָס גענויער דערקונדיקן זיך, מיט וואָס יעדער גרעזעלע האָט געאָטעמט אין פּאַרטיזאַנישן לאַגער אין יענער שווערער צײַט. און מאַכמעס דער טעאַטער־שנײַדער, איסאַק אַראָנאָוויטש מוניז, איז אַן אינוויייניקסטער, אַ דאָזיקער, דער איינציקער גוויִעס־איידעס, באַ וועמען מע קאָן שעפּן דאָס, וואָס אין דער פּיעסע איז קנאַפּ געזאָגט געוואָרן, דעריבער פלעגן די וויסן־דאָרשטיקע כעווירע הייס און פלאַטערדיק אַרופּוואַרפן זיך אַפּן אַלטן באַלמעלאָכע ווי די היישעריקן.

— דערציילט!

— נאָך, נאָך.

— און וויאַזוי...

יאָ, עמעס, אין פיל פּראַטים קאָן דער שנײַדער זיי מיטהעלפן, די ווינציק דערפאַרענע יונגעלײַט, אָריענטירן די אַקטיאָרן־אָנפאַנגער אין דער דעמלטיקער אומגעבונג, דערקלערן און דערמאָנען געוויסע שאַרפע סיטואַציעס, שטייגער־בילדער, צומאָל מעשונעדיקע באַדינגונגען, פאַרהעלטענישן אין יענער סוויווע, זיי, די יונגע אַקטיאָרן, זאָלן מאַמאָשעסדיק דערפילן די סאַקאָנע, די אויסערגעוויינלעך שווערע לאַגע, אין וועלכער די נעקאָמענעמער האָבן זיך געפונען. מעגלעך, די יונגע שוישפּילער וועלן אויך פאַר זייערע ראָלן אין דער פּיעסע אַנטפּלעקן נײַע כאַראַקטער־שטריכן פון יענער העראָישער טקופע.

דער שטיל־אַניוועסדיקער שנײַדער, רעב ייִצחאָקל פון טולטשין, האָט געהאַט, פאַרשטייט זיך, וואָס צו דערציילן דעם יונגוואַרג. ווי פיל אַנדערע, האָט דער טולטשינער באַלמעלאָכע דורכגעמאַכט דעם ביטערן און שווערן וועג פון אַ פּאַרטיזאַן אין די מילכאָמע־יאָרן.

יאָ, עס איז געווען וואָס צו דערמאָנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּרעמיערע. אוודע קאָן מען נאָך אַ סאַך דערציילן און דערגאַנצן צו מאַרקושינס פּיעסע, ביפּראַט נאָך, ווען די דראַמאַטישע האַנדלונג קומט פאָר בעערעך אין יענעם וואַלדזאַמדיקן קאַנט, ווו דער אָטריאַד זייַערער איז געווען טעטיק.

דער נײַ־אַנטפּלעקטער דראַמאַטורג, איגאָר מאַרקושין, וועלכער דעביוטירט מיט זײַן ערשטער דראַמע, איז זײַנערצײַט אַליין געווען אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין די שווערע

קאמפן פונעם ערשטן ביזן לעצטן טאָג. מעגלעך, אַז דאָס האָט ער, דער ווינצלער מאַרקושין, געקרוינט דעם פּאַרטיזאַנישן שנײַדער מיטן הייליקן נאָמען „סאַקיאַ־מוני"...

אָ, אין יענער גרויזאַמער צײַט האָט דער לוסטיקער באָכער מאַרקושין פאַרמאָגט אין זיך גענוג לעצאַנישע שטיק. דער זאַרגלאָזער ווינצלער, פלעגט אפילו ניט שאַנעווען די הויכע נאַטשאַלסטווע. צוליב אַן אײַנפאַל, צוליב אַ שאַרפזיניקער כאָכמע, אָדער סטאַם אַ קלוגער האַמצאָע האָט דער זשוואָוער פּאַרשוין געקאָנט זיך לאָזן גיין זיבן וויאָרסט צופוס... מער פון אַלע, ווען איך גערעדט וועגן זיך, האָט געהאַט אויסצושטיין פונעם יונג דער הינקענדיקער קאַניוך „מיטראָפאַן דער הייליקער" און דאָס שטאַב־שרײַבערל „אליאָשע האַלט מיך צו"...

זיי האָבן נעבעך געהאַט אָפּגעריסענע יאָרן פון אָט דעם כויזעקמאַכער און אָפּשפּעטער איגאָר מאַרקושין, געבערענטע ליידן. פאַרן מעגושעמדיקן קעכער „סאָוועלי קאָך קאַשע" האָט מאַרקושין אַף אַ קאָל, אויסווייניק, געלייענט קוזמאַ פּרוטקאָוון און סאַשע טשאָרני. דערפאַר פלעגט דער לעב־יונג באַלוינט ווערן מיט אַ צוגאָב־פּאָרציע קאַשע, דערבײַ פלעגט דער שאַלטיק מאַרקושין גליקלעך־פאַרשײַט אויסרופן בעקאָל־ראָם: נאָר מיטן שווייס אַף דײַן פּאָנעם וועסטו פאַרדינען דײַן ביסן!

אָט דאָ לעצטנס האָט אין טעאַטער זיך אַרײַנגעגאָסן אַ גרופּע יוגנטלעכע, וואָס זײַנען ערשט אַראָפּ פון דער סטודיע־באַנק. זיי זײַנען לעסאָטע, די יונגע סטודיסטן, נאָך גענוג גרין, קינדער, קאָן מען זאָגן, עס ליגט נאָך אַף זייערע אומשולדיקע פּנימלעך די שעמעוודיקײַט, די צוריקגעהאַלטנקײַט. מיט פּאָרזיכטיקע, ניט זיכערע טריט, אויס מוירע פאַרן הייליקן קונסט־טעמפּעל, באַטרעטן זיי די בינע־ברעטער דערשראָקן, פאַרציטערט, מיט גרויס טיאָכקעניש אין האַרצן.

— געוואַגטער! דרייסטער! — פּאָדערט פון די יונגע סטודיסטן פּעדאַגאָגיש־שטרענג דער הויפּט־רעזשיסער יורי קאָוטון, — דרייט זיך ניט אַרום אַף דער בינע ווי די מאַנעקענען. געדענקט, כעוורע, האָט גוט אין זינען די אַרומרינגלונג, די סוויווע, אין וואָסערע אומשטענדן אײַערע געשטאַלטן האָבן זיך געפונען. ניט געקינצלט, זײַט נאַטירלעכער, עמעסדיקער.

באַ יעדער מינדסטער געלעגנהײַט פלעגן די נײַגעריקע און לעבנסדאָרשטיקע סטודיסטן באַלאַגערן דעם טעאַטער־שנײַדער איסאַק אַראָנאָוויטשן, פאַרשיטן מיט קאָל־האַמינים פראַגן, שטעלן קאַשעס פון דער וועלט און דאָסראָוו נאַיוו־קינדעריש, טמימעסדיקע, ווי לעמאָשל: צי דאָס פלייש, וואָס זיי האָבן געגעסן צום געקעכץ, איז געווען פרייש?

— קינדער מײַנע, — בעט זיך מאַמעש באַ זיי דער שנײַדער, — פאַרוואָס פרעגט איר ניט, וויאַזוי האָבן מיר געקראָגן דאָס פלייש? וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, דעם ווורשט, וואָס איר רופט היינט אָן „הינטישע פריידן", האָט באַ אונדז, אין אַ ענגער שאָ, געהאַט דעם טאַם פון אַ קיניגלעכן מײַכל. אפילו געזשאַרעטע טשוועקעס וואָלטן מיר אויך פאַרדײַעט. פּאַסטן טאַנייסים איז געווען אַ וואָכעדיקער גאַנג. איך וויל, קינדער, איר זאָלט וויסן נאָך אַ וויכטיקן פּראַט, און דאָ גראַדע וועט זײַן צום אָרט צו דערמאָנען. וואָס נעענטער מיר האָבן זיך דערקליבן צו די פריצן און געהאַט מיט זיי, אַף אײַער לאָשן געפירט, אַ שטיקל דיאַלאָג, אַלץ בעסער האָבן מיר זיך דערנערט.

— איסאַק אַראָנאָוויטש, דערציילט, זײַט אַזוי פיל גוט, וויאַזוי פלעגט איר דורכקומען דעם ווינטער אונטערן אָפענעם הימל?

— דעם ווינטער? — פרעגט ער איראָניש מיט אַ שמוך פון אַ קלוגן זאָקן, — ווינטער ווייסט איר אַליין, מײַנע ליבע און טײַערע, איז אומעטום קאַלט. באַ אַ געפערלעכער אָפּעראַציע האָט מען ווינציק וואָס געלייגט אַכט אַף דעם סאַרפּענדיקן פראָסט. וואָס זשע מיינט איר? זײַנען טאַקע געווען פאַלן, ווען מע איז צוריק געקומען מיט אָפּגעפרוירענע איוורים. ווינטער־צײַט האָבן מיר זיך פאַרקליבן טיפער אין וואַלד, געררויעט נאַרעס, ווי דער מוילוואָרף, געגראָבן זעמליאַנקעס, אופגעשטעלט באַראַקן, וואַלד־שטיבלעך. נישקאָשע, עס איז געווען צו דערלײַדן, ביפראַט נאָך, אַז האַלץ אַפּן מאַרק האָט מען פאַרשפּאָרט גיין קויפן. דער געיעג אינעם ווינטער־סעזאָן, פאַרשטייט איר דאָך מיסטאָמע אַליין, איז פאַר אונדז געווען די סאַמע גינסטיקע צײַט. דײַגעט ניט, קינדער, מיט קיין צוניפגעלייגטע הענט זײַנען מיר אין וואַלד ניט געזעסן.

— צי האָט איר געהאַט דאָרט אַ באָד?

— פונוואַנען האָט איר געשעפּט וואַסער?

— ווי איז מען זיך נויהעג געווען מיט די שווער־פאַרווונדעטע?

— קינדער און פרויען זײַנען אויך געווען אין דער מאַכנע?

— וועלכע שלאַכט־אָפּעראַציעס איז אײַך פערזענלעך אויסגעקומען דורכמאַכן?

— וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג האָט איר געהאַט מיט דער גרויסער סאָוועטישער ערד?

— לויט וועלכע סטראַטעגישע פּרינציפּן האָבן די פּאַרטיזאַנער געפירט די קאַמפּן?

— פּאַכדאָנים זײַנען אויך געווען?

— נו, און פּאַרעטער?

אַלץ וויל דאָס יונגוואַרג וויסן. זיי באַמיִען זיך אַרויסקריגן פונעם פּאַרטיזאַנישן שנײַדער, סאַקיאַ־מוני, דאָס סאַמע פּאַרבאָרגנסטע און פאַרהוילעגע.

טיף פאַרוקט הינטער דער בינע, פּירן די טשוהונענע ספּיראַל־טרעפּלעך אין דער נידער צו א שמאָל, ווינציק באַלויכטן קאַרידאָרל, וואָס פירט אוועק צום שנײַדערישן צעך. אין די צוויי־דרײַ קעלער־כאַדאָרימלעך זיצן דערפאַרענע באַלמעלאָכעס, שנײַדער און שנײַדערקעס, געניטע מײַסטערס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט צוגרייטן האַלבאַשע צו יעדער פּאָרשטעלונג.

האַגאַם איסאַק אַראָנאָוויטשן רעכנט מען פאַר אַן ערשטראַנגיקן פאַכמאַן, א מײַסטער צווישן מײַסטערס, וואָס פירן אָן באַלעבאַטיש מיט דער גאַנצער שנײַדערישער אַרבעט, דאָך שטייט אין שפּיץ פון דעם דאָזיקן ספּעציפישן צעך איינע א יונגע פרוי מיטן נאָמען טאַמאַרע ראַשקאָווסקע, וועלכע באַזיצט טעאַטראַל־מאַלערישע בילדונג, קעמוי אַן אינזשעניער אינעם שנײַדערישן פאַך, א מענטש, וואָס איז באַקי, אויסגעקאָכט אין אַלע סוידעסדיקע טיפקײַטן פון טעאַטראַלער קאָסטיומעריע. דערצו נאָך איז טאַמאַרע ראַשקאָווסקע געבענטשט מיט הויכן פאַרשטאַנד און איידעלן געשמאַק צו דעם מין געביט.

דאָס מאָל האָט די געשולטע שנײַדער־קינסטלערן, טאַמאַרע ראַשקאָווסקע, אָפּגעטראָטן די פירערשאַפט איסאַק מונינען, ער זאָל צוגרייטן די אַלע טעאַטער־קליידער צו דער פּרעמיערע „באַם סינע אין די נעגל”. אַלץ, וואָס האָט געהאַט א שײַכעס צום ספּעקטאַקל־גאַרדעראָב, האָט זי איבערגעגעבן אין זײַן רעשוס און אונטער זײַן האַזשגאָכע. די טעאַטראַלע קליידער צו דער נײַער פּאָרשטעלונג זײַנען געניים געוואָרן לויט זײַנע אָנווײַזונגען און קאָנסטרוקציעס. ווער־ווער, נאָר דער אַלטער פּאַרטיזאַן, רעב ייִצכאָקל פון טולטשין, וועלכער האָט דוכגעמאַכט דעם שיווע־מעדורע־גענעם, געלעבט איין לעבן מיט פיל אַנדערע נע־קאָמענעמער, נייטיקט זיך ניט, מע זאָל אים אונטערזאָגן, וואָס פאַר א האַלבאַשע עס האָבן געטראָגן אין יענער גרויזאַמער צײַט די קאַמף־כאַווײרים זײַנע. ער ווייסט יאַקאָס אַליין ווי־עס־איז, אָן דער באַלעבאָסטעס הילף, אָנוואָרפן עסקיזן, צייכענונגען, מאָדעלן לויטן זיקאָרן.

די באַלעבאָסטע פונעם שנײַדער־צעך, טאַמאַרע ראַשקאָווסקע, האָט געהאַט אַף וועמען זיך פאַרלאָזן.

פון צײַט צו צײַט, ווײַט ניט אַף קאַטאָוועס, פלעגט באַמערקן דער הויפּט־רעזשיסער יורי קאָווטון:

— אַף אײַך, איסאַק אַראָנאָוויטש, ליגט א גאַנץ שווער פּעקל.

— דעהײַנע?

— ניט ווינציקער אַכרײַעס, — זאָגט ער, — טראָגט איר פאַר דער נײַער פּרעמיערע, ווי טשערעפּאַנאָוו, כ'מיין צו זאָגן מײַן געהילף. זײַט מויכל, איסאַק אַראָנאָוויטש, און גאַרטלט זיך גוט אונטער.

ס'א קאָוועד? וואָדען, אַוואַדע! נאָר דער טולטשינער שנײַדער איז זיי אַלעמען מויכל די יאַרמלקע, וואָס מע וויל אים דאָ אין טעאַטער אָנטאָן. דער בעסטער און שענסטער קאָוועד, גייט ער מיט דעם גאַנג, ווען יעדער איינער שטייט בא זײַן אַרבעט און טוט יוישערדיק דאָס, צו וואָס ער איז באַרופן.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם טעאַטער־שנײַדער, איסאַק מונין, באַזאָרגן צו דער צײַט דעם האַלבאַ־שע־רעקוויזיט פאַר יעדן אָנטיילנעמער. וועגן דעם דאַרף קיינעם דער קאָפּ ניט ווי טאָן... דעם אַל און די קלאָפּאָטעס נעמט ער אַף זיך אין דער פולער מאָס. אײַ אים קומט אויס די לעצטע טעג זיצן צוזאַמען מיט דער רעזשי אין פּוסטן טעאַטער־זאַל מער ווי אין שנײַדערישן צעך, האַלט ער, אַז דאָס איז טאַקע אַן אוולע פונעם הויפּט־רעזשיסער, יורי קאָווטון.

— אײַער אָנוועזנהײַט, איסאַק אַראָנאָוויטש, — נעמט ער אים פרײַנטלעך אונטערן אָרעם, — איז פאַר מיר פונקט אַזוי נייטיק, ווי דער שוישפּילער אַף דער בינע. יאָ־יאָ, איך זאָג עס אײַך גאַנץ ערנסט. אַף די רעפּעטיציעס, פרײַנט מײַנער, וועט איר גיכער כאַפּן די פאַלשע טענער פון דעם אָדער יענעם אַקטיאָר. בעט איך אײַך, איסאַק אַראָנאָוויטש, קוקט מיט אויגן, טראַכט מיט קאָפּ, פאַרגעדענקט יעדעס פּיצעלע. אײַערע באַמערקונגען זײַנען פאַר מיר זייער ווערטפול.

בא יעטווידער געלונגענער מיזאַנסצענע קערעוועט קאָווטון אויס זײַן שווערלעך גרויע געקרויזטן קאָפּ צום טעאַטער־שנײַדער איסאַק מונין, צינדט אָפּסנײַ אָן זײַן דורכגערייכערטע האַלב־פאַרלאָשענע פּיפּקע און קלײַבט טײַנעג.

— האָ?.. גאָרניט שלעכט, — פרייט ער זיך מיטן שטיקעלע ניצאָכן, וואָס איז פּאַרלויפיק ניט מער, ווי א גערעטענע דעטאַל אין דער פאַרשטעלונג, דערקלערט ער ווײַטער דעם שנײַדער נאָך מער צעוואַרעמט, — דאָס סאַמע איקערדיקע — אָנכאַפּן דעם אָקס פאַר די הערנער, טעאַטער האָט ליב אומגעריכטקייט. געשעענישן מוזן זיך אַנטוויקלען ניט אויף קיין באַנאַלן גראַדליניקן אופן. דער קאָנפליקט וואַקסט אָן אין דער האַנדלונג, בעהאַדראַגעדיק, וואָס א מאָל שטײַגט די אָנשטרענגונג, ביז עס רײַסן זיך אויף אַלע אָנגעצויגענע קנופּן, ווי א קנאַלנדיקער דונער צערײַסט די וואָלקנס אין הימל, — צעשטרייט, עטוואָס נערוועז נעמט ער רײַבן אין דער טונקלקײַט א שוועבעלע נאָך א שוועבעלע. ראַפּטום האָט דער רעזשיסער, יורי קאָווטון, האַסטיק זיך אופגעהויבן פונעם בענקל אין זײַן גאַנצן היפּשלעכן וווּקס און געפּאָדערט באַפעלעריש שטרענג:

— זײַט אַזוי פיל גוט, דערלאַנגט דאָס דריטע בילד פונעם צווייטן אַקט! וועד פויזעט עס אַרום מיטן רעפלעקטאָר? אַנאַטאָלי פּאַרפיריעוויטש, שליסט אויס די שײַן! רירעוודיקער!

דאָס דריטע בילד פונעם צווייטן אַקט האָט געזאָלט זײַן א מין לײַכטע אויסלאָזונג פון דער שפּאַנונג, צו האַמעטנע און געשמאַקלאָז שפּאַרן אַרויס די אומנאַטירלעכע סיטואַציעס, די איבערגעוואַלד אַרופגעצויגענע קאָמישקײַט. עס איז שוין ניט קיין הומאָר, נאָר לאַנגווײַליקײַט. די אַקטיאָרן קריכן פון דער הויט, אַבי אַרײַנוואַרפן א כאָכמעלע. אום יעדן פרײַז סטאַרען זיך די שוישפּילער אויף דער בינע אָנשטעקן דעם אוילעם מיט קוועלעניש. מע בראָקט כאָכמעס און ווערטלעך וואָס האָבן לאַכלוטן קיין שײַכעס ניט צו דער סצענע. די אַקטיאָרלעך טוען אַלץ, אַבי מע זאָל לאַכן.

— אומגעלומפּערט! אומגעלומפּערט! — כמורען זיך די שטאַרצנדיקע ברעמען אָנגערויגעזט, צאַרנדיק באַם רעזשיסער, — פלאַך! א פּוסטער נוס. אומזיסטע האָרעוואַניע, באַלאַגאַנשטשינע. גענוג, גענוג, גענוג... — פאַרשטעלט ער מיט די דלאָניעס די אויערן. דאָס שווערלעך פּולע פּאָנעם ווערט גלײַך פאַרצויגן מיט עפּעס א מין אויסדרוק פון דערווידערונג, ער קרימט די ליפּן, ווי זיי וואָלטן געווען אײַנגעריכט אין גאַל־ביטערניש — סטאָ־אָ־אָפּ! די מײַסע מיט דער קראָ טויג אויף צאָרעס. גענוג, איבערגענוג, — שווימט אַרויף א ווײַסלעכער שוים אויף זײַנע ליפּן, — האַלצעוואַטע, באַלאַגאַנשטשינע.

אין פּוסטן טעאַטער־זאַל און אויך אויף דער טויט־פאַרגליווערטער בינע שטייען שווערע שווײַגנדיקע מינוטן. סאַרא שטומע אופּרעגונגס־פּאַוזע הערשט סײַ אין צושויער־זאַל, סײַ אויף דער גערעמער בינע. די אָנגעלאָדענע שטילקײַט קרעכצט אַזש אונטער.

ניט ווינציק און ניט קיין סאַך דויערט די מאָדנע האַפּסאָקע.

— האָ?.. ווי געפעלט עס אײַך? — בויטעט אויף דער ערשטער דאָס אָנגעשטרענגטע שווײַגן יורי קאָווטון מיט נאָך אַלץ פײַערשפּריצנדיקע אויגן, — אײַך שאַקירט עס דען ניט, איסאַק אַראָנאָוויטש? — איז דאָס אופגעפלאַמטע פּאָנעם געווענדט צום שנײַדער, ווי ער וואָלט האָבן צו אים א טײַנע.

— איר פרעגט באַ מיר? — צוקט דער שנײַדער מיט אַן אַקסל, טיפער אַרײַנצײַענדיק דעם מיט א זײַט אָנגעשפּאַרטן קאָפּ, — וואָס ווייס איך און וואָס פאַרשטיי איך? טעאַטער, יורי אַלעקסאַנדראָוויטש, איז אײַער ברויט. — זשמורעט ער כיטרע צו. — איר זײַנט א ביסל א גרעסערער מיווין, מיין איך, אויף טעאַטער, הײַנט וואָס האָט איר באַ מיר וואָס צו פרעגן?

קוים צו באַמערקן, ווי דאָס אַרויסגעשפּראָצטע דריבנע שמייכעלע אויפן רעזשיסערס געזיכט האָט געמאַכט מילדער זײַן אויסזען.

— מידאַ! — טוט יורי קאָווטון א שלונג עפּעס אַזעלכס, וואָס שטערט אים אין האַלדז, — מיך אינטערעסירט אין דעם פאַל, — ווערט דער טעאַטער־לייטער אומגעדולדיק, — צי אַזעלכס האָט געקאָנט באַ אײַך פּאַסירן? צי די ווירקלעכקײַט איז ניט געפעלשט געוואָרן אויף דער בינע?

— יורי אַלעקסאַנדראָוויטש! — טוט דער שנײַדער ענערגיש זיך א דריי אויס מיטן פּאָנעם צום רעזשיסער, — איר זײַנט דאָך א קלוגער מענטש, ווי קומט עס צו אײַך שטעלן, האָט קיין פאַריבל ניט, אַזעלכע קלאָץ־קאַשעס? אין יענע ביטערע יאָרן, אין די שווערסטע צײַטן, ווען די מעדינע איז געשטאַנען פאַר א טויט־סאַקאָנע, איז אַלצדינג, גלייבט מיר, וואָס איר ווילט, פּאָרגעקומען מיטן לעבעדיקן נעפעש. אויב איר ווילט פון מיר הערן דאָס, וואָס איך טראַכט, איז הערט. דער כילעק איז אײַנדערינען, וואָס אין די פּאַרטיזאַנישע מאַכנעס איז עס געווען דאָס לעבעדיקע לעבן, און דאָ, ווי איר ווילט אײַך, איז עס טעאַטער. אין לעבן האַרגעט מען א מענטשן אויף אַן עמעס, און אויף דער בינע איז עס בלויז א קאַטאָוועס. דער קאָרבן וועט אין א מינוט אַרום לויפן פאַרײכערן א פּאַפּיראָס, אַרײַנשפּרינגען אין א בופעט נאָך א קופל ביר. עפשער ניט אַזוי?

— גרויסער אַלמעכטיקער בודאַ! — הייבט אויף דער הויפּט־רעזשיסער די הענט אינדער־הייך, — וואָס זשע האָט איר געוואָלט, אַז אַף דער בינע זאָל מען אויך האַרגענען אַף אַן עמעס?

— כאָלילע, זאָל גאָט אויסהיטן.

יורי קאָוטון קוקט אַפן שנײַדער אַזוי, גלײַך ווי יענעמס רייד וואָלטן אים אַף אַן עמעס ערגעץ־ווו פאַרטשעפּעט.

— וועמען גייט עס אָן, — צעגוואַלדעוועט זיך דער רעזשיסער אַף אַ קאָל, — וואָס דער געפאַלענער קאָרבן וועט דערנאָך טאָן הינטער די קוליסן? זאָל ער זיך גיין צו אַלדי גוטע יאָר. טעאַטער, ליבער פרײַנט סאַקיאַ־מוני, דאַרף באַווײַזן, דערווײַזן און איבערצײַגן. עס וועט אויסקומען צוזאַמען מיטן אַוטאָר גרינטלעך איבערבויען דעם צווייטן אַקט.

דער טעאַטער־שנײַדער איסאַק מונין איז, דעם עמעס גערעדט, ניט געווען אינגאַנצן מאַס־קים מיטן הויפּט־רעזשיסער. ער האָט געמאַכט פאַר זיך דעם כעזשבן: צופיל געזונט, קויכעס און טאַקע מאַמאָשעסדיק געלט האָט מען אַרײַנגעבראַכט אין דער נײַער פאַרשטעלונג. פרעגט זיך, צי מעג מען אָפּווישן מיט אַ גרינג האַרץ קימאַט אַ פערטל פונעם ספּעקטאַקל? אָבער פאַרן אויטאָריטעטן קינסטלער, וואָס האָט ניט קיין קליינעם שעם, קאָן ער זיך ניט שטעלן אַנטקעגן. דעריבער האָט ער פאַר אים געוויזן אַ גלײַכגילטיקע מינע, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צוגעבאַמקעט. מירן נאָך הערן, קלערט ער בא זיך, וואָס טשערעפּאַנאָוו וועט זאָגן דערוף.

— אײַך, יורי אַלעקסאַנדראָוויטש, איז ניט שײַעך אונטערזאָגן, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט. איר זײַנט אַליין אַ גוטער מייוון. אויב איר געפינט פאַר נייטיק מיט אײַער קינסטלערישן כוש עפּעס־וואָס ענדערן אין מאַרקושינס פּיעסע, הייסט עס, אַז איר טוט ריכ־טיק. די טעווע אײַערע פאַרטראָגט ניט קיין בראַק... עס איז טאַקע ווי אונדזערע טולטשינער פלעגן זאָגן: געשניצט און געמאָלט און אין דר׳ערד געלייגט.

דער צווייטער רעזשיסער, וואָס שטעלט דעם ספּעקטאַקל, וויקטאָר טשערעפּאַנאָוו, יורי קאָוטונס געהילף, בעט זיך אַ פאַרלוירענער מיט וואָרגנדיקע טרערן:

— עפּשער איז מעגלעך, — כליפּעט ער אַזש אונטער, — ענדערן בלויז אייניקע שטעלן אינעם בילד? איר ווייסט דאָך אַליין, יורי אַלעקסאַנדראָוויטש, וויפל בלוטיקע האַרעוואַניע מיר האָבן אַרײַנגעלייגט דאַפקע אינעם צווייטן אַקט און באַזונדערס אין יענער מאַסאָווער סצענע, — טרעטן אַרויס באַם קרענקלעכן וואַקס־געלן יונגנמאַן צעשוואומענע פלעקן אַף די אָנגעצויגענע דינהויטיקע באַקן. דער ניט דרייסטער טשערעפּאַנאָוו האָט געהאַט דעם פאָר־געפיל — ניט הײַנט־מאָרגן וועט מען אים פון טעאַטער מעשאַלייעך זײַן. די אַדמיניסטראַציע, זעט אויס, וויל פון אים פּאָטער ווערן. אַ סוואָרע, אַז ער איז אויך ווײַט ניט דער מענטש, וואָס קאָן זיך קעגנשטעלן אַזאַ קויעך.

— ענדערונגען? — בייזערט זיך ווידער דער גרײַז־גרויער מאַן, — וועגן וועלכע ענדע־רונגען קאָן דאָ גיין אַ רייד? אַ בינטל כאָכמאַטשעס פלאַפּלען נאַרישקײַטן, און מיר אַלע, זיצנדיק דאָ אין צושויער־זאַל, זײַנען מעכויעוו אויסהערן זייער טיפּשעס. און דאָס רופט איר אָן „סצעניש אויסלאָזונג"? טשע־פּו־כאַ! איך פרעג אײַך, מײַן טײַערער טשערעפּאַנאָוו, ווו איז אַהינגעקומען אײַער געהער, דאָס קינסטלערישע אויג? צי דען האָט איר פאַרלוירן דעם עסטעטישן געפיל? איצט זײַט אַזויפיל גוט, קאָלעגע, פאַרקאַשערט רעכט די אַרבל און נעמט זיך פונסנײַ אויסמויערן דעם צווייטן אַקט.

אַר־וואַ... לאָזט זיך אויס, אַז דער קינסטלערישער לייטער, דער סאַמע ליבסטער און איי־דעלער מענטש, פאַרמאָגט אין זיך אויך אַ גאַל. ווי קומט עס, פרעגט איבער בא זיך אין גע־דאַנק דער שנײַדער איסאַק מונין, אַז אַזאַ בעקאָוועדיקער פּאַרשוין, וואָס איז געשעצט און געקרוינט, זאָל אויך קאָנען אַרויס פון די קיילים און אויסזען ווי דער טערקישער מאַלעכ־האַמאָוועס? זע נאָר, ווי דער בייזער פּאָרעץ האָט זיך דאָס אַ ביסל צעיאַכמערט! אָט־אָט דאַרף שוין אויפגעפירט ווערן די פּרעמיערע, נעמט ער, דער אַכזער, און שאַפט אָפּ קאָרעוו אַ האַלבן אַקט... און גיי טו אים עפּעס — סמיק־דריק און פאַר צוריק. דער טשאַד איז אים אַרײַן אין קאָפּ, ער וועט, זאָגט ער, דעם צווייטן אַקט אינגאַנצן אָנהייבן גאָר אַנדערש.

— פון אַ גוטן, אינטערעסאַנטן ספּעקטאַקל, — האַלט נאָך בא אים דאָס הייסע בלוט אין איין קאָכן, — איז ניט נאָר אַ כילעל־האַשעם איבערפירן אַף בײַליקער כאַל־טורע. האָט קיין יעסורים ניט, טשערעפּאַנאָוו, דער פינאַנסאָווער העזעק וועט צוריקגעקערט ווערן מיט רעוואָכים.

און עס איז אַוועק אַ גאַנג — איין נאַכט, די צווייטע, די דריטע... דער גאַנצער צווייטער אַקט איז איבערגעקערט געוואָרן מיטן קאָפּ אַראָפּ. ריכטיקער, קאָן מען זאָגן, גאָר ווינציק איז געבליבן פון דעם, וואָס עס איז געווען פריִער.

יורי קאָווטון זשאַלעוועט ניט קיין קויעך. אָנשטאָט דער סצענע אַפן טײַך איז די האַנדלונג איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ פּאַרטיזאַניש בעדל, פּינקטלעכער וואָלט מען עס געקאָנט אָנרופן אַ מין דעזינפעקציע־קאַמערע — מע זשאַרעט און מע פּאַרעט קאָלערלײַ אַלטע, לאַנג געטראָגענע בגאָדים, וואַטניקעס, אונטערגעשלאָגענע סוויטקעס, שינעלן, בושלאַטן, לײַבעקעס, גימנאַסטיאָרקעס, הויזן. די עטלעכע פּריצן, וועלכע זײַנען גענומען געוואָרן לעבעדיקערהייט, רייניקן פֿון זיך אָפּ דעם ברוד און שמוץ, דעזינפיצירן זייערע קויטיקע קליידער, באַפרײַען זיך פֿון די אומרײַנע מיזעסקײַטן, טומע און דאָס ווערט דערהויבן ביז אַ סימבאָל. דער עפּיזאָד איז, נאַטירלעך, קאָמיש, פאַרשטאַרקט די אידײ פֿון דער גאַנצער פאָרשטעלונג.

— אָט דאָס איז עס, — קוועלט אָן דער טעאַטער־אָנפירער יורי קאָווטון, — איצט זע איך, סאָפקאָלסאָף, דאָס, וואָס איך האָב זיך געוואָלט די גאַנצע צײַט פֿון אײַך דערשלאָגן, — צו פּרידן נייגט ער זײַן גרײַזן קאָפּ פאַרן איבערגעמידטן און אויסגעצערטן טשערעפּאַנאָוון. — אייגנטלעך גערעדט, קאָלעגע, האָט איר זיך אַליין געפונען. מע דאַרף וועלן, וואַגן... איר פאַרשטייט, וויקטאָר, אַקשאָנעס, פּרינציפּיעלקײַט — דאָס איז דער עיקר, דער טאַמציס פֿון יעטווידן שעפער. קענען, ווייס איך גאַנץ גוט, קענט איר. די רעזולטאַטן זעט איר אַליין. אײַער האַרעוואַניע, זוכענישן זײַנען ניט אַוועק אין ניוועץ. ניין, איר זײַנט ניט געלאָפן, פּרײַנט וויקטאָר, כאַפּן דעם ווינט מיט די הענט. גלייבט מיטן גאַנצן האַרצן דאָס, וואָס איר נעמט זיך אונטער טאָן, דעמלט וועט אײַער מי קיינמאָל ניט גיין לעיבעד. אַז איר זײַנט באַגאַבט, פאַרשפּאָר איך אײַך זאָגן. איר טוט דאָס, פרײַנט מײַנער, צו וואָס איר זײַנט באַרופן. לײדער פּעלט אײַך זיכערקײַט, האָזע. אַן עכטער שעפער מוז זײַן געוואַגטער אין זײַן אַרבעט. דער „מע מעג" צי „מע טאָר ניט" האַרגעט אײַך אַוועק. האָט קיין מוירע ניט, שטעלט אָף זיך מער. נישקאָשע, אויב כאַפּן אַ גוטן נעריק, ווייסט כאָטש פאַרוואָס, עמעס, דער דריטער אַקט איז נאָך אויך רוילעך. נעמט אַראָפּ די שטאַמפּן, טוט זיך אָן אַ קויעך און באַפרײַט זיך פֿון די אַלע באַנאַלקײַטן, זײַט ניט געפּענטעט פֿון די אָנגעווייטע שאַבלאָנען. מאַרקושין האָט געגעבן גענוג סצעניש מאַטעריאַל, איר זאָלט מעכטיקער צעשפּרייטן די פליגל אײַערע.

דאָס באַטײַט — אי אויסגעזידלט, אי געלערנט, אי דערמוטיקט. דאָס איז די טעווע פֿונעם הויפּט־רעזשיסער יורי קאָווטון. שטראָפן, ווי אַ פרײַנט. שטרענגקײַט און מילדקײַט צו אַ יינגערן, צו אַ ווינציק דערפאַרענעם קאָלעגע איז שטענדיק געגאַן באַ אים צוזאַמען.

דער אויסגעשעפּטער בלייכער טשערעפּאַנאָוו האַלט די מידע, ניט דערשלאָפענע אויגן אַראָפּגעלאָזט פאַרן קינסטלערישן טעאַטער־אָנפירער, פילט זיך שולדיק, ווי אַ פאַרזינדיקטער שילער. דער יונגער רעזשיסער איז מיט זיך אַליין ניט צופרידן. איין־און־איינציק וואָרט פאַלט פֿון זײַנע קאַלטע צונויפגעצויגענע ליפּן:

— טויגעניכטס. — וואַרפט ער זיך פאָר פאַרדראָסיק און גיט נאָך שטילער צו — קלאָטשעמאַכער. באַרוף... — שטאַמלט ער אַ פאַרביטערטער, — וועלכער באַרוף?

בײַס די לעצטע רעפּעטיציעס איז טשערעפּאַנאָוו געוואָרן באַ זיך זיכערער, דערמוטיקטער, דרייסטער. אַ נײַע הויט איז אָף אים אַרופגעצויגן געוואָרן. נאָכן שמועס מיט קאָווטונען פילט ער זיך ווי אַן אַנדער מענטש.

דער טעאַטער־שנײַדער איז טאַקע ווירקלעך געוואָרן אַ שטיקל געהילף באַ וויקטאָר טשערעפּאַנאָוון, דער ערשטער קאָנסולטאַנט באַם יונגן רעזשיסער, אָבער ער האָט קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען אין די טיפקײַטן פֿון עמעסער בינע־קונסט, דעריבער האָט ער ניט געקאָנט אָפּגעבן דעם גאַנצן גערעכט בלויז דעם הויכוווקסיקן, גרויען מעפּורסעם. בעשום־אויפן קאָן מען ניט גרינג אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם פייִקן יונגן רעזשיסער וויקטאָר טשערעפּאַנאָוו. אינעם יונגן קינסטלער ליגן פונדעסטוועגן דערפינדערישע אײַנפאַלן, שיינע האַמצאָס, ער קאָן שאַפן טרעפלעכע סצענע־בילדער.

דאָס שנײַדער־צעכל איז פֿול מיט קאָלערלײַ פּאַרטיזאַנישער האַלבאָשע צו דער פאָרשטייענדיקער פּרעמיערע. דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך פילקאָליריקע רעקלעך, הויזן און העמדלעך, ווינטער־היטלען און שמויסלעך. באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט און כשיוועס גיט דער שנײַדער צו דעם טשאַקנדיקן מונדיר פאַרן פאַרשטעלטן דײַטשישן אָפיצער ריכאַרד צעלער.

די אַכרײַעסדיקע ראָל פירט אַ יונגער אַקטיאָר פֿון די געוועזענע סטודיסטן. ווערדליק דעם שנײַדער־מײַסטער דאַכט, איז דער יונגערמאַן מער דערפאַרן, עפּשער אויך געשולטער און בעלי־סאָפעק באַגאַבטער פֿון דער איבעריקער פלעיאַדע יונגוואַרג. אין מעשעך פֿון וואָסערע קנאַפּע דרײַ יאָר האָט דער באָכער, וועמען מע האָט גערופן היימישלעך, איידל פאַרצויגן,

ניט אָן וואָרעמער סימפּאַטיע פּאַשקע וואָראָנין, מיט ריזיקע שריט שנעל א רוק געטאָן זיך צו די געצײלטע פירנדיקע שוישפּילער, וועלכע האָבן שוין לאַנג דערוואַרט אַנערקענונג.

— אונדזער פּאַשקע וועט גאָר ווײַט אָנשפּאַרן, — זאָגן נעוויעס די טעאַטער־קאָריפייען, — דער יונגאַטש איז געבענטשט מיט טאַלאַנט. א בראָכע אױף זײַן קאָפּ! זאָל ער מאַצליעך זײַן אין אַלע זײַנע ווײַטערדיקע ראָלן.

צײַטנווײַז קומט אויס איסאַק אראָנאָוויטשן באומרויִקן אָט דעם צעפלויגענעם פּאַשקען, ער זאָל בימכילע נאָכאַמאָל אַראָפּלאָזן זיך מיט זײַן קאָוועד אינעם אונטערשטאָקיקן צעך מעסטן דעם אָפּיצערישן מאַנטל.

— א גרויסע נאַפּקעמינע, — ווערט זיך יעדעס מאָל קעגן שנײַדער דער צעבאַלעוועטער פּאַשקע וואָראָנין, — מער מיט א פּרימערקע, ווינציקער מיט א פּרימערקע. וואָס פּאַר א ווערט האָט עס? — דער צעטראָגענער באָכער וויל פּאָשעט ניט לײַדן, וואָס מע רײַסט אים צו אָפּט אָפּ פון די רעפּעטיציעס, — ניט אין מונדיר, דיאַדיע איסאַק, שטעקט דער שפּיץ... איך מײן מיט דעם צו זאָגן, אַז דער טאַמציס און דאָס גרונטיקע ליגט אין א סאַך מער ווירטיקערס.

— יונגערמאַן, איר האָט א טאָעס, — ציטערט אויף דער שנײַדער, — איר בלאָנדזשעט, — די ברילן האָבן זיך פון אופרעגונג אַראָפּגעגליטשט פונעם שטערן, — גראָדע אינעם מונדיר גייט עס. הערט מיט קאָפּ, וואָס איך רעד צו אײַך. אינעם אָפּיצערישן מאַנטל ליגט דער סאָד פון אײַערע געהיימע שליכעס. נאָך א דאַנק דער אוניפאָרם וועט איר זיך קאָנען אופהאַלטן צווישן די פּאַשיסטישע הענקער. דאָס גיט אײַך די מעגלעכקײַט אַרײַנדרינגען אין די סאַמע טיפעניש צו די מערדער, צו די בלוטיקע סאָנים.

— דיאַדיע איסאַק, איך וועל אײַך זאָגן צום גראַם, איר זײַנט פּאָשעט געדעדט, א שטיקל טשודאַק. מענטש איינער וואָס איר זײַנט. מיר איז נײטיק און בילכער פון אַלץ געפינען די נעשאָמע פונעם געשטאַלט, — שטעלט זיך אַזעספּאָנעמדיק אַנטקעגן דער יונגער היציקער אַקטיאָר פּאַשקע וואָראָנין. — אָן אײַסעק מיט א מונדיר. א כילעק א גרויסער, צי ער וועט זײַן ברייטער צי שמעלער, קירצער צי לענגער? — נאָכלעסיק ציט דער באָכער אַראָפּ דעם האַלב־אופגענייטן מאַנטל און טוט אים א שלײַדער צו דער ניי־מאַשין, ווי עפּעס אָן איבעריקע שמאַטע, — גענוג! פּאָטער, א סאָף. אױף מײַן וואָרט, איסאַק אראָנאָוויטש, אומזיסט ערגערט איר זיך. ניט קעדײַ גיין זיבן מײַל נאָך א טרונק זויערמילך. דעם עמעס זאָגן אײַך, איז מיר שוין דערעסן געוואָרן די דולעניש מיטן נאַרישן מונדיר. א גוואַלדאָוונע זאַך, עס טוט זיך כווישעך! אופגענייט, אויסגעפּרעסט און אויס מײַסע.

— אײַלט ניט אַזוי, יונגערמאַן, — טוט דער שנײַדער זיך אָן א קװיעך און פאַרהאַלט דעם ניט באַקלערטן באָכער, בא וועמען דער צעטראָגענער קאָפּ איז ערגעץ אין האָצעקלאָץ. — אַנו, גוטער ברודער, זײַט מויכל, — שטעלט איסאַק מונין ערנסט אים אָפּ בא דער נידעריקער טיר, — קומט אָקאָרשט אַהער נעענטער! זײַט נאָר ניט צעפלויגן. הערט נאָכאַמאָל, וואָס איך רעד צו אײַך. אין אַזאַ געפּערלעכער ראַזוועדקע מיט אַזאַ אויסערסט ווירטיקער שליכעס וואָלט איך אײַך מיט אײַער אומגעדולדיקײַט ניט געראַטן גיין. פאַרגעסט ניט, אַז איר שטעלט אויך אײַן א גרויסער סאַקאָנע אַנדערע מענטשן.

מעוווּלוולדיק קוקט דער יונגער אַקטיאָר פּאַשקע אָפּן שטרענג געוואָרענעם עלטערן ייִדן און קאָן בעשום־אויפן ניט באַגרײַפן, וואָס אַזעלכס וואָרפט דער שנײַדער אים פּאָר?

— איך זאָג נאָר איין זאַך, — באַטאָנט האַרב איסאַק אראָנאָוויטש, — אַז קיין רעכטער אויסשפּירער באַם סוינע אין הינטערלאַנד וואָלט איר ניט געקאָנט זײַן.

— מאַכמעס איבער וואָס?

— מאַכמעס איר טויגט ניט...

— זאָל זײַן אַזוי ווי איר זאָגט, אָבער שפּילן די ראָל פון א געוואַגטן אויסשפּירער טויג איך?

— דאָס, יונגערמאַן פרעגט באַם קינסטלערישן אָנפירער, יורי קאָוטון.

— און איר, הייסט עס, צווייפלט אין מײַנע אַקטיאָרישע מעגלעכקײַטן? מירן שפּעטער זען, נאָך דער פּרעמיערע, וואָס וועט איר זאָגן. איך קאָן קאָווירן, דיאַדיע איסאַק, דער ערשטער וועט איר קומען מיך באַגריסן מיט די שענסטע שמעקנדיקע בלומען.

— האַלעווײַ, — טוט דער שנײַדער פּאַר זיך א שטילן מורמל.

לענגער האָט דער שנײַדער מונין דעם צעפלויגענעם אַקטיאָר ניט געוואָלט פּאַרהאַלטן.

— זאָל גאָט העלפן, וואָראָנין, אײַערע האָפענונגען זאָלן מעקוייעם ווערן.

א שאָד, קלערט דער טולטשינער, וואָס דער כעוורעמאַן, ווי פייִק און טאַלאַנטפול ער זאָל ניט זײַן, באַציט זיך גרינגשעצעריש צו זײַן טעאַטראַלן גאַרדעראָב. אָן אַנדערער, א מער שטרענגערער, וואָלט געוויס צוגעגעבן: לײַכטזין. ניט באַטראַכט. דער קאָפּ איז אים אין בוי־

בעריק. און דער גלײַכגילטיקער נעפּעש, וואָס האָט נאָך געגנוג אויסצושטיין און בײַשטיין פאַרן גרויסן ניסאָען, קוקט אַף זײַן מונדיר מיט עפּעס א מין ייִנגלשער לײַכטקײַט. צידען זשע האָט אזוי געהאַנדלט דער דײַטשישער אָפיצער ריכאַרד צעלער, בײַס יענער, דער עמער־סער אויסשפּירער, האָט זיך געלאָזט צו די מעכאַבלים דורכפירן די פאַרגעבונג? ניין, ס׳איז גאָרניט דער שניט און אוואַדע ניט די פּירונג. קיין טראָפּן ענלעכקײַט צו דעם, וויאַזוי דער ווירקלעכער אויסשפּירער האָט זיך געגרייט אין וועג ארײַן. וויפל פאָרזיכטיקײַט אין יעדן מינדסטן שריט. נאָר די מעיושעוודיקײַט האָט דערמעגלעכט געמאַכט, אז דער וואָלגער לערער זאָל זײַן אנטשיידן. די אינערלעכע דיסציפּלין, די רויִקײַט האָבן אויסגעמיטן פּיל פעלערן. יעדער קלייניקײַט, וואָס איז אויסגערעכנט, אויסגעפּלאַנירט, האָט שטענדיק געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. ער האָט גוט פאַרשטאַנען די אכרײַעס, וואָס ער טראָגט פאַר די מוטיקע און שרעקלאָזע מענטשן.

א צעשטרייטער פון פּיל דערינערונגען, שטייט אזוי, פאַרזונקען אין מאַכשאָוועס, דער שנײַדער רעב ייִצכאָקל פון טולטשין, אָנגעשפּאַרט מיט א זײַט אַפן פענצטער־ברעטל, האַלטנ־דיק ווי פאַרגעסן דאָס נאָרוואָס ארײַנגעסילעוועטע בײַוועלע אין דער נאָדל און געדענקט ניט, כאָטש נעמט אים אראָפּ דעם קאָפּ, וואָס אייגנטלעך האָט ער באַדאַרפט אזעלכס טאָן מיט זײַן צוגעגרייטער נאָדל־פאָדעם? אנטקעגניבער ליגט אַף דער ניי־מאַשין צונויפגעקנאָרעט, העסלעך און נאַכלעסיק־פאַרוואָרפן דער אויסגעצירטער אָפיצערן־מונדיר. איין ארבל הענגט אראָפּ צום שווארצן רעדל, דער קאָלנער ווי בא א געקוילעטן גאָנער, אינגאַנצן טויטלעך. עפּעס האָט ער אליין, דער טולטשינער, אין דער אומאָנגענעמער ווײַלע פאַרלאָרן דעם כייי־שעק ווײַטער פאָרקען זיך ארום דעם עקלדיקן בעגעד. דער צאַצקענדיקער מונדיר זעט איצט אויס אין זײַנע אויגן, ווי א סטראַשידלע. עפּשער לוינט טאַקע ניט אָפּגעבן אזויפיל צײַט און מי פאַרן טעאַטראַלן מונדיר? די פאָרשטעלונג, קלערט דער שנײַדער, וועט ווינציק וואָס דערפון לײַדן. דעם אוילעם קימערט עס אויך קנאַפּ — אײַ־אײַ־אײַ, עס קערט זיך א וועלט, דער שפּיגלדיקער שינעל ליגט ניט אזוי אויסגעגאָסן אַפן יונג.

...גאָר אן אנדער זינען האָט געהאַט דער מונדיר אין יענער געפערלעכער צײַט פאַרן עמעסן אויסשפּירער. דאַכט זיך וואָס? א גאָרניט שעבעגאָרניט, געפונען אן איבעריק פּע־דעמל אינעם אויסגעשלײַפטן לעכל, פלעג עס אים, דעם וואָלגער לערער, שנײַדן באַם הארצן. ווער־שמועסט נאָך, ווען די נאָט באַם זוים איז, כאָלילע, ניט אזוי גלײַך פאַרגאָן אינעם אונטערשלאַק, נו, לאָמיר זאָגן, עטוואָס קרומלעך... אָדער באַם אויסציִען דעם אָרעם לויפן אָן קנייטשעלעך ארום עלנבויגן, זאָל גאָט שוימער־אומאַצל זײַן. „נאָר איינער, — נעמט טײַנען צו אים דער שנײַדער, — וועמען וועט עס אײַנפאַלן ארײַנקוקן אינעם אונטערשלאַק?” דעם קאַלטן שטרענגן בליק פונעם וואָלגער, ווי די שאַרפקײַט פון א כאַלעף, וואָס רירט זיך צו צום לײַב, האָט דער טולטשינער מאַמעש געפילט אַף זיך.

— סאַקיאַ־מוני! — זאָגט דער אויסשפּירער מיט א בייז געהעכערט קאָל, — ווילסט, אז דער מונדיר זאָל מיך ארײַנטרײַבן אין גרוב? געדענק, געטלעכער בודע, ניט נאָר מײַן אייגן לעבן ווערט געשטעלט אין קאָן. דער מונדיר, — וואָרנט ווײַטער דער וואָלגער, ווי ער וואָלט מיט א דימענט־קריץ דורכגיין איבערן הארצן, — דאָס איז מײַן פּאַספּאָרט... נייען טאַנדעט טויג פאַרן שווארצן מאַרק. איך פאָר ניט האַנדלען מיט די פריצן. איך גיי בא זיי נעמען די נע־שאָמע. איצט, קלער איך, סאַקיאַ־מוני, האָסטו מיך פאַרשטאַנען. טו, ברודער־לעבן, די ארבעט דײַנע אזוי, זאָלסט דערנאָך קאָנען זאָגן מיט א ריינעם געוויסן, כאָטש פאַר זיך אליין: מײַן גאַנצע שנײַדערישע קענטעניש, געניטקײַט, בעריעשאַפט ליגט אינעם מונדיר. גרעסערע מײַסטערשאַפט איז מיר ניט געגעבן געוואָרן. אָט אזוי, ליבער סאַקיאַ־מוני, לאָמיר זיך דערריידן, ווײַל איך צו דיר קיין טײַנעס ניט האָבן. אָפּגערעדט?

דעם מוסטער אויסצושטעלן און קאָנסטרויִרן אקוראַט דעם אָפיצערישן מונדיר איז גענו־מען געוואָרן פון אן איליוסטרירטן דײַטשישן מיליטער־זשורנאַל. אויסערן געמעל איז נאָך געלעגן אָפּגעוואָרפן אין א זײַט א קויטיקע, דורכגעלעכערטע אָפיצערישע אוניפאָרם. אָבער דער שינעל שטימט ניט אינגאַנצן מיטן ריכטיקן פאַסאָן און בעמיילע ניט מיט די געמעלן פונעם זשורנאַל. אָבער פאַרן פּאַרטיזאַנישן שנײַדער קומט די קויטיקע שמאַטע אויך צוניץ.

א שטאָך צו א שטאָך, מעיושעוודיק און געדולדיק ביז דער טולטשינער האָט ענדלעך גענומען צונויפשטעלן די פאַנאַנדערגעגלידערטע שנײַדערישע קאָנסטרוקציע לויטן זשורנאַל, און אָט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די אומצופרידנקײַט מיצאַד דעם קאַפּריזן באַשטעלער.

דער ווויקסיקער בלאָנדלעכער לערער פון דער ווײַטער וואָלגע האָט מיט רעכט געפאָ־דערט אקוראַטקײַט לויטן מוסטער פונעם מיליטער־זשורנאַל. אנדערש, זאָגט ער, נעמט ער ניט צו די באַשטעלטע ארבעט. וואָס זאָל אָבער טאָן דער טולטשינער שנײַדער, אז עס באַ־

קומט זיך באַ אים ניט שטענדיק אַזוי, ווי דער באַשטעלער וויל? דאַכט זיך פּײַן, ווויל, נאָר עס פעלט עפּעס אַזעלכס... שווער אים צוטרעפן. דער וואָלגער יונגערמאַן ווערט פון טאָג צו טאָג אומגעדולדיקער.

— זײַ נאָר, סאַקיאַ־מוני, מיר זאָלן ניט פאַרצײַען מיטן פאַרשאָלטענעם מונדיר ביז ענדע מילכאָמע. דער אָנגעמערקטער טערמין רוקט זיך צו וואָס אַמאָל נעענטער. די זייגער־ווײַזערס ווייסן ניט פון קיין כאָכמעס. איך האָב מוירע, מײַסטער מײַנער, מיר זאָלן ביידע ניט אַרײַנכאַפּן דעם עמעסן פּסאַק.

אין איינעם פון די ווינטער־אָוונטן קומט דער בלאָנדער לערער אַרײַן אין דעם נידעריקן, טיף אין שניי פאַרזונקענעם שנײַדער־שטיבל, אַן אופגעלייגטער, אַ ביסל צו אַ פריילעכער, מיט אַ היפּש פאַרפרוירענער אײַז־ליכט אין האַנט, ענלעך צו אַ יונגן הירש־האָרן.

— אַך, ליבער סאַקיאַ־מוני, — רופט דער וואָלגער אויס, — באַ דיר, ברודער מײַנער, איז אַן עכט גרויסשטאָטישע אַטעליע. דער אַרײַנגאַנג אין סאַלאָן איז פּרעכטיק געצירט אין... געפּריר־פּרענדזן. מע קאָן זאָגן, געזילבערט און געגילדעט, געשניצט און געטאָקט. אַ קייסערלעכער פּאַלאַץ.

נו, און אַז מע נעמט שוין יאָ אַ שנעפּסל, קלערט דער שנײַדער, דאַרף מען זײַן אַזוי קאָנדערדיק און האַפּערדיק? צי גיט ער זיך אָפּ אַ דין־וועכעזשבן, וואָס עס שטייט אים פּאַר? אָבער טייקעף, אין דער רעגע ענטפערט ער זיך אליין אין געדאַנק: טאַקע דערפאַר, וואָס עס שטייט אים פּאַר אַזעלכס, פון וועלכן די האָר קאָנען זיך שטעלן קאַפּויר, מעג מען זיך דערלויבן אַ ביסל ווילגיין. זאָל אים זײַן צו געזונט.

די שײַן פון נאַפט־לאָמפּ פאַלט אָפּן גאַסט ניט איבעריק ליכטיק. עס זעט גיכער אויס ווי אַ פײַער־אָפּשײַן פון צעגליטע קוילן אין אַן אײַזערן אייוועלע, וואָס איז פול מיט שאָטנס און שאָטנדלעך ארום. דערפאַר, אָפּאָנעם, זעט אויס דעם אויסשפּירערס ראָזולעך געזיכט צעשווומען און פאַרטונקלט. שפּעטער אַ ביסל, ווען דער גאַסט האָט זיך צוגעזעצט צום שנײַדער־טיש, האָט מען גוט געזען די איידלקײַט און די גוטמוטיקײַט פון דעם דאָזיקן מענטשן. זײַנע דין־געשניצטע ליפּן, קימאַט מיידלשע, זײַנען אָנגעגאָסן געווען מיט זאַפטיקער פרישקײַט און דאָס האָט דעם יונגן לערער געמאַכט נאָך כיינעוודיקער, צוגעגעבן זײַן באַכערשן אויסזען אַ מין וואַרעמע ליכטיקײַט.

— ווי לאַנג, סאַקיאַ־מוני, — טוט ער זיך פּלוצעם בייז אַ ריס פון דער באַנק, — וועלן מיר לעבן אַזאַ הינטיש לעבן? — די צען פינגער פון ביידע הענט קעמען פלינק דורך דעם ליכטיק־צעפּאַטלטן קאָפּ האָר, — נימעס געוואָרן, — בייזערט ער זיך נאָך אַלץ און אופגעקאָכטער, — דערעסן. צו אַלדי רוכעס! — אין אַ קורצער ווײַלע ארום גייט אָפּ דער קאַס, — דערלאַנג אהער דעם מונדיר! — איז דאָס קאָל זײַנס באַפעלעריש־שטרענג, — מירן נאָכאַמאָל מעסטן. עפּשער, סאַקיאַ־מוני, איז מעגלעך דעם אַנטיקוואַרישן לאָמפּ דײַנעם, פון נאַפּאָלעאָנס צײַטן, נעמען נעענטער צום שפּיגל?

— אוואַדע. דאָס איז אַפילע נייטיק.

זײַנע אויסגעשטרעקטע הענט גליטשן זיך גרינג אַרײַן אין די געפּרעסטע אַרבל. העכער און פעסטער ווערן באַם וואָלגער די פאַנאַנדערגענומענע אַקסלען אונטערן פריש־געניטן בעגעד, וואָס מאַכט אים מאַנצבליש שטאַלטנער.

— טאַקע. כאַראָשאָ. אָטשען כאַראָשאָ.

יאָ, איצט קאָן מען זאָגן בעפּיירעש דעם וואָלגער לערער, אַז ער זעט אויס מיט אַלע זײַנע פּאָוואָדקעס, ווי אַן עכטער דײַטשישער אָפּיצער. די אַרופגעזעצטע בלאַנקענדיקע שליפּן גיבן צו נאָך מער גלאַנץ און פּראַכט.

דאָס מאָל, דאַכט זיך, האָט אים דער טולטשינער געשטעלט צופרידן. סײַ די ברייטלעכע פלייצע, סײַ די צעשפּרייטע אַקסלען זײַנען מיליטעריש אָנגעצויגן און גיבן צו גוורע צו דער אויסגעגאָסענער פיגור. עס פעלט בלויז צום געפורעמטן, שיין געבויטן מיליטערישן שטאַלט היטלערס אײַזערנער קרייץ...

און דאָס איז דאָ.

גראַד די דאָזיקע אײַזערנע צאַצקע, זשמורעט דער בלאָנדער באָכער צו מיט אַן אויג, ליגט שוין פון אַ צײַט אַ צוגעגרייטע.

— זײַ רויִק סאַקיאַ־מוני, האָב ניט קיין יעסורים, — דערפילט דער שנײַדער אָף זיך יענעמס שעלמישן ווונק אָף זיך, אַ ווונק פון אַ לעבנסלוסטיקן מיליטער־יונג, וואָס האָט ניט פײַנט אַ באַרים טאָן זיך, — דער נייטיקער רעקוויזיט, — זאָגט ער, — ליגט שוין לאַנג אין מײַן פײַערקאַסע.

דעם טולטשינער שנײַדער בלײַבט נאָך איבער גאָר אַ קליין שטיקל ארבעט ארום דעם מונדיר: באצירן אים מיט אײדעלע זײַדענע פאָדעם־שטעך, עס זאָלן זײַן ווי אויסגעקריצט די אלע בייג־ליניעס בא דער געליאמעוועטער בוזעם־קעשענע. זיצנדיק אזוי אפן צושנײַד־טיש, פארוואָרפן אַ פוס אף אַ פוס, ווי די טעווע זײַנע איז בייס ער גיט זיך אָפּ אָט דער דינער פיליגראַנער האנט־ארבעט, וואָס צו אים איז דער טולטשינער ניט נאָר געניט, נאָר טאקע א גרויסער בעריע צווישן אמכאָ שער־און־אײַזן, ער האָט שוין צו אזא סאָרט ארבעט, ווי זאָגט מען, די ציין אופגעגעסן.

א פארכידעשטער, רוקט דער וואָלגער באָכער ארײַן זײַן פלאקסענע היפּשע היטשקע אין סאמע רעכטן געניי און גאפט מאמעש פונעם שנײַדערס מײַסטערשאפט, פון זײַן קישעפן מיט דער נאָדל איבערן געוואנט.

— ווונדערלעך! — שטוינט דער וואָלגער, — יוועליר־ארבעט.

די פלינקע נאָדל באם טולטשינער שנײַדער שווינדלט פארן אויג. כוץ דערפארנקײַט, קלערט פאר זיך דער גאסט, מוז מען נאָך באזיצן קינסטלערישן געשמאק, טאלאנט, אײַזערנעם גֶעדולד. דער באָכער קוקט ארײַן דעם שנײַדער אין די פינגער, א געפלעפטער פון איבערראשונג.

— סאקיא־מוני! — ער איז פול מיט היספּײַלעס, — דײַן ארבעט מעג מען פירן אף די גרעסטע אויסשטעלונגען. ביסט דאָך א ווירטואָז. איך קוק אף דײַן אויסגעפארטיקט שטיקל ארבעט און קאָן זיך גאָרניט אָנשפּיגלען. אַן אנטיק!

ווינציק שײַן פאלט פונעם נאפט־לאָמפּ. דערפאר לאָזן זיך קוים מערקן די אופגעלעבטע ווארעמע קנייטשעלעך, וואָס זײַנען ווי שפּראָצונגען ארויסגעטראָטן אפן שנײַדערס מידלעך פּאָנעם. ווי דען אנדערש? דער טולטשינער האָט זיך אין דער מינוט געשמאָלצן פון טײַנעג פונעם וואָלגערס שוואָכים, געהאט גרויס האנאָע פון די אלע קאָמפּלימענטן.

— נעם זיך נאָר ניט צופיל איבער, הייליקער בודא, — קלאפּט ער אים גוטברודעריש צו איבער זײַן פארלייגטער קני. — וואָס פעלט, סאקיא־מוני, אין דײַן גרויסארטיקער אטעליע? שײַן! מערער ליכט! — פירט דער וואָלגער מיט די אויגן איבער דעם שווערלופטיקן ענגן ווארשטאט, — עס פעלט יענע שטאָטישע עלעקטרע, וואָס זאָל אלץ ארומנעמען מיט בליציקן שימער. דײַן טשאדענדיקער לאָמפּ, וואָס הענגט איבער דיר, הארגעט אוועק די ריִע.

דערוף ענטפערט אים מיט א שמייכעלע, רויִק, געלאסן, דער שנײַדער:

— מײַן פאָטער, די ערד זאָל אים זײַן גרינג, — זאָגט ער, אראָפּקוקנדיק צו די גיךשוועבנדיקע פינגער, — האָט אויך אָפּגעארבעט א גאנץ לעבן בא א בלעכענעם נאפט־לאָמפּ און ס'איז געווען נישקאָשע, גאָט צו דאנקען. די ריִע איז בא אים ניט קאליע געוואָרן פון דער קארגלעכער שײַן. עמעס, אף דער עלטער איז ער טאקע בלינד געוואָרן, נאָר די בלינדקײַט איז געקומען צו אים, מאכמעס ער האָט איבערגעטראָגן אף זײַנע ביינער א שווערגעפערלעכע קרענק. א קרענק, וואָס האָט צו טאָן מיטן קאָפּ, ניט מיט די אויגן. ווער, אשטייגער, האָט אין ווינניצע ניט געקענט דעם טולטשינער שנײַדער מונינען? א יאָר צוויי פארן קריג האָבן זיך אלע מונינס, זעקס לײַבלעכע ברידער מיט אַן אלטן טאטן, אריבערגעצויגן קיין ווינניצע. א גרויסע שטאָט, א שיינע שטאָט. צו יענער צײַט בין איך שוין געווען א טאטע פון דערוואקסענע קינדער. דער פאָטער מײַנער, ווערליק עס געדענקט זיך, איז נאָך אין יענער צײַט, בא די יונגע יאָרן, געווען בארימט אין דער געגנט מיט זײַן מײַסטערישער ארבעט. די טשאקנדיקע און כאריפּעסדיקע יאָמטעוו־קליידער, וואָס ער פלעגט מאכן, האָבן ניט נאָר אין ווינניצע געהאט א שעם. ווו ערגעץ א שיין־אופגענייטער גארניטער, א גרויסארטיקער מאנטל, האָט מען געוווסט, אָן איבעריקע אויספרעגענישן, בא וועמען דער מאלבעש איז גענייט געוואָרן. דער אלטער טולטשינער שנײַדער מונין איז געווען א שעם־טאָוו מיט זײַן שנײַדערארבעט. כאסענע־קליידער, פלעגט די שטאָט וויסן, באשטעלט מען באם אלטן מונין. ער, דער פאָטער מײַנער, די ערד זאָל אים זײַן גרינג, וואָלט פאר אײַך אויסגעשטעלט א מונדיר אזוינס ווי אזעלכס, פרימאַ, אָדער ווי די דײַטשן זאָגן: פּערפעקט! אלע נאטשאלניקעס וואָלטן אײַנגענומען א מיסע־מעשונע פאר דעם אופגענייטן מונדיר. וואָס איז שײַעך ייִטור? שנײַדערס און שוסטערס, ווייסט איר ווויל, האָבן געשווירן באם בארג סינײַ, ניט נעמען קיין ייִטור... דער איינציקער שנײַדער, וואָס גאנוועט ניט בא ייִדן ייִטור, איז דער מויעל...

דער טולטשינער האָט נאָך לאנג דערציילט ניט נאָר וועגן פאָטערס כשיוועס און אנערקענונג אין זײַן הויכער שנײַדער־ארבעט, נאָר אויך וועגן זײַנע לײַבלעכע פיר ברידער שעראון־אײַזן, נאָדל־ארבעטער, מענער־שנײַדער, דאמען־שנײַדער. אלע פיר ברידער זײַנען מיט דער מאמעס מילך אופגעוואקסן שנײַדערוקעס. זאָל ער זיך פאָרשטעלן, דער וואָלגער בראָווער יונגערמאן, וואָס פאר א שטיל פרידלעך לעבן מע האָט געפירט אין ווינניצע און ארום

ווינִיצע. און בּאַ אַלע געלעגנהייטן, כאָזערט ער נאָכאַמאָל איבּער פאַרן וואָלגער לערער, ווי ער וואָלט אים וועלן איבּערצייגן, אַז קיין קאַפּצאַניש לעבּן, וועדליק דער זיקאָרן טראָגט, האָט מען, כאַלילע, בּאַ די מונינס ניט געוווּסט. אוואַדע זיינען געווען אַלערליי צייטן, אי בּעסערע, אי ערגערע, נאָר מיט קיין טאָרבּע איז מען איבּער די היזער ניט געגאַנגען. אין אַר־טעל? — אַדראַבּע. גייט מען מיט שער־און־אייזן אין אַרטעל. דאַפּקע אין אַרטעל האָבּ איך זיך דערפילט פאַר מער מענטש. בּרויט און צום בּרויט האָבּ איך שטענדיק, דאַנקען גאָט, גע־האַט פאַר ווייבּ און קינדער. אַ גוטער בּאַלמעלאָכע, זאָג איך, שטאַרבּט אין ערגעץ ניט פון הונגער.

דער וואָלגער איז געזעסן לעבּן שניידער, די אויגן צוגעזשמורעט, ניט קיין דערשלאָפע־נער און פון צייט צו צייט געגענעצט אין דער האַנט.

— איך דאַרף אייך זאָגן, — רעדט אין אים אַריין דער טולטשינער מיט עפּעס אַ באַזונ־דערער זיסקייט וועגן זיין היים, — אין אונדזער שטאָט האָט יעדער איינער געהאַט זיין אויס־קומעניש. מענטשן האָבּן געלעבּט אין ווינִיצע בּעקאָוועדיק, ווי אין אַלע גרויסע שטעט אין דער מעדינע — פריער מיט שפּיז־קאַרטלעך, שפּעטער האָט מען זיי אָפּגעשאַפן. נו, יאָ, שווערִיקייטן זיינען אומעטום געווען, אָבּער מיר האָבּן אַלץ אָנגענומען פאַר ליבּ, אַבּי קיין מילכאָמע זאָל ניט זיין.

ווען דער טולטשינער האָט דערפילט, אַז ער האָט אָנגערעדט אַ פולן פויק, ווייסעך וויפל מאָל דערציילט פאַרן פרעמדן יונגנמאַן וועגן פאָטער, בּרידער, וועגן ווייבּ און קינדער, וועגן דער פּרעכטיקער שטאָט ווינִיצע, האָט ער זיך לעסאָף געכאַפּט, אַז דער גאַסט זיינער שוויגט, ווי אַ פיש אין וואַסער. צי האָט ער בּעשאַסמייסע ניט געכאַפּט קיין דרעמל? נאָך שענער, ער ווייסט אַפילע אַקוראַט ניט, וויאַזוי מע רופט דעם וואָלגער לערער. עפּעס האָט ער יאָ צווישן די ציין שטיל און פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן: מאַ שמייכעם? מיט וואָס פאַר אַ נאָמען האָט מען אים געקרוינט?

ערשט אין אַ היפּשער ווײַלע אַרום טוט דער בּאָכער זיך אַ כאַפּ ווי פון דרעמל.

— וואָס פאַר אַ נאַפּקעמינע? — ענטפערט ער דעם שניידער גאַנץ וואַכנדיק, — אַ נאָמען ווי אַ נאָמען... פּעטיע איז גוט, וואַניע איז גוט, סערױאָזשע איז גוט... פאַראַן נאָך גענוג שיינע נעמען אויף דער וועלט: טאָליע, וואַסיע, ליאָניע, קאָליע, סאַשע, מישע, פעדיע... קלייבּ דיר אויס, סאַקיאַ־מוני, און רוף מיך אָן מיט דעם נאָמען, וואָס דיר געפעלט.

אַ מאָדנע בּריע. גאָר טשיקאַווע — דער טולטשינער ווערט ערנסטער, לייגט בּאַ זיך איבּער מיט פאַרטיפטער בּאַדאַכטקייט: ווער ווייסט, עפשער טאָר דער וואָלגער לערער ניט ניסגאַלע ווערן? זיין עמעסן נאָמען אַנטפּלעקן קאָן שעדיקן דער פּאַרטיי־ניקונג. דעם גאַנצן פּאַרטיזאַנישן אוילעם. אַ מענטש ווערט געשיקט, קלערט ער, אינעם סוינעס הינטערלאַנד מיט געהיימע שליכעס, מוז דער עמעסער נאָמען זיינער זיין אַנאָנים, פאַרבּאָרגן און פאַרשלאָסן פאַר איט־לעכן.

שטיל, מאַמעש ווי אַ געשפּענסט, פלעגט דער וואָלגער לערער זיך אַריינכאַפּן אינעם שניידערישן וואַלד־שטיבּל, צומיינסטנס שפּעט אין דער נאַכט, ווען קיינער זיצט ניט אין דעם וואַרשטאַט כוץ שניידער.

— פּרו־רו... פּר־רו... בּלאָזט דער אַריינגעקומענער גאַסט מיטן פולן וואַרעמען מויל אויף די אָנגעפרוירענע פינגער, — אַך, סאַראַ בּיטערע קעלט. דער פראָסט סאַרפּעט אויף צו פאַרקאָ־ליִעט ווערן. פּר־רו... פּר־רו...

— ס'אַ גוטער סימען, — בּאַגעגנט אים סאַקיאַ־מוני מיט אַ פריילעכן וויץ, — אַז דער פראָסט נעמט שטאַרק, זאָגט מען בּאַ אונדז אין ווינִיצע, בּרעכט ער דעם קאַרק.

— און בּאַ דיר, סאַקיאַ־מוני, — לויבּט דער וואָלגער דעם בּאַלעבּאָס, — איז וואַרעם, ווי אין אַן אויװער. אַ מעכייע! זעסט כאָטש, הייליקער בּודאַ, ווי דער פראָסט גייט אַרויס צוביסלעך פון מיינע פאַרפרוירענע בּיינער? אין דיין רעזידענץ איז אַ כ׳עסדיקע וואַרעמקייט.

— וואַרעם און ווייך, — שפּאַסט דער שניידער, — נאָר קיינער וויל מיר ניט מעקאַנע זיין אויף מיין גליק. טאָמער ווילסטו, ליבּער פריינט, זיך אָנפרעגן אויף אַ רעכטן ראַדיקוליט? רעוו־מאַטיזם? אָדער אַ פּאָדאַגרע? בּיטע, מיט אַלע קאַוועדן פאַר די סאָנים. זאָלן זיי פאַרמאָגן וואָס מער אַזעלכע שוויץ־בּעדלעך. זעסט דען ניט, בּאָכער, ווי די גרינע שימל־פייכטקייט שפּאַרט דאָ פון אַלע ווינקלען? פּילסט דען ניט, גוטער כאָווער מיינער, דעם דויכעק אין פרישער לופט? אַ מענטש, זאָגט מען, קאָן אַמאָל שטאַרבּן פון דאָרשט אינמיטן וואַסער. אַזוי איז מיט אונדזער שניידערישער אַטעליע. ווי דו זעסט, שטייט די מאַסטערסקאַיע אינמיטן וואַלד, נאָר אָטעמען איז ניטאָ מיט וואָס.

— ריכטיק, — באשטעטיקט דער וואָלגער יונגערמאַן, — ביסט געטראָפן. אין דײַן רײַכער פּאַסעסיע, סאַקיאַ־מוני, שטייט ווירקלעך אַ זויערע לופט. אַ העסלעכע לופט, וואָס שטיקט אין האַלדז.

— ניט נאָר אין האַלדז, — גיט צו דער טולטשינער פאַרדײַגעט, — נאָר אַפילו אין האַרצן. פּאַשעט אַ פאַרסאַמעניש פאַרן לעבעדיקן נעפעש.

— ריכטיק. בעפּיירעש שעדלעך. די אַלטע שאָפּענע פּעלצלעך גיבן אויך צו עפּעס אַ מין פאַרלעגערטן פּעגירע־רייעך.

בײַ דער געלעגנהייט דערמאָנט דער שנײַדער קימאַט מיט מיטלייד פאַרן באַנאַכטיקן גאַסט די צוויי־דרײַ אינוואַלידן פון דער געזונטוואַרנדיקער קאָמאַנדע, וועלכע זײַנען צוגעשטעלט געוואָרן צו דער שנײַדערישער אַרבעט דאָ אין דער שטיקנדיקער מאַסטערסקאַיע, אָבער לאַנג זיך האַלטן איז זיי ניט אויסגעקומען, מאַכמעס די זויערע לופט האָט זיי פאַרטריבן פון דער שנײַדערישער אַרבעט. אַנדערע צוגעשיקטע האָבן זיך נאָך ווינציקער באַשעפטיקט אינעם פאַרדומפּענעם שטיבל. מע איז געלאָפן פונעם שעדלעכן העקדעש, ווי פון אַ מאַגייפע. בלויז אים אײנעם, דעם געדולדיקן האַרעפּאַשניק, דעם פאַראַקשנטן באַלמעלאָכע איז אַ היפּשע צײַט אויסגעקומען בלײַבן אַליין אין דער אַזױגערופענער „גאַז־קאַמערע". דער טולטשינער שנײַדער האָט ניט געהאַט קיין רעכט פאַרלאָזן דעם שנײַדער־צעך, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ וויכטיקן פּאָסט אינעם טיפן, קימאַט אומצוטריטלעכן וואַלד.

פון טאָג צו טאָג ווערט דער שנײַדער־צעך פּולער מיט קאָלערלײַ צײַגן. די אַרבעט וואַקסט. וואָס מער מע גייט אַרײַן אינעם ווינטער, אַלץ מער איז דער שנײַדער־צעך פאַר־וואַלגערט מיט נײַע באַשטעלונגען. אָט דאָ, ערשט ניט לאַנג, האָט מען געבראַכט צו פירן פון ערגעץ צוויי אָנגעטאַסאַוועטע פורלעך מיט פאַרשיידענער האַלבאַשע. דערנאָך, אין וואָסערע צוויי־דרײַ מעסלעס, האָט מען אָף אײנער אַ סטאַנציע אָפּגעשלאָגן אַ וואַגאָן מיט ציווילע קליידער. בעמעשעך פון גאָר אַ קורצער צײַט איז געוואָרן פונעם וואַלד־שטיבל פאַר געניי אַ לאַגער־סקלאַד פאַר געוויינלעכע בגאָדים. גראָד אין דער־אָ צײַט דאַרף זיך טרעפן, עס זאָל צו אים, צום טולטשינער שנײַדער, אַרײַנפאַלן אינמיטן פלוצעם אויסשטאַטן דעם אָפיצערישן מונדיר. דאָס איז ניט גלאַט אַזוי פון דער האַנט, אויסשטוקעווען דעם מאַלבעש אָף איין פוס. פאַר אַזאַ איידל שטיקל אַרבעט פאָדערט זיך צײַט.

— איר באַהערשט כאָטש גוט די דײַטשישע שפּראַך?

— פאַר מײַנעטוועגן וועט קלעקן, — ענטפערט דער גאַסט דעם שנײַדער מיט אַ שמייכל, — איך קלײַב זיך פאַר זיי ניט האַלטן קיין וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן. דאָס, וואָס איך דאַרף פּויעלן בײַ די דאָזיקע ווילדע כײַעס, וועט מיר לאָשן סטײַען. נאָר וואָס זשע דען פעלט מיר יאָ אויס? אַ ביסעלע אַקטיאָרישע שפּיל. ווינטשנסווערט פאַרמאָגן, פאַר אַזאַ פאַרשווין ווי איך בין, גרעסערע און טיפערע פייִקײַטן צו דער איבערגעשטאַלטונג. אָט די אייגנשאַפט וואָלט מיר אוודאי זייער צוניץ געקומען אין מײַן איינציקער ראָל. דער פרידלעכער באַרוף מײַנער איז צו זײַן אַ לערער. פאַר דער מילכאָמע האָב איך אונטעריכט אין די עלטערע קלאַסן און אויך אין אַ טעכניקום פאַר געאָלאָגיע די דײַטשישע שפּראַך און ליטעראַטור. ווי דו זעסט, פרײַנט מײַנער סאַקיאַ־מוני, קומט מײַן פאַך, דער לערער פון דײַטש, זייער גוט צוניץ. דער באַשײַמפּערלעכער לימעד פאַרן סוינע קאָן אונדז דינען. דאָס דײַטשישע לאָשן איז מיר נאָך נאָענט דערפאַר, וואָס איך בין אַליין געבוירן געוואָרן אין אַ דײַטשיש דאָרף בײַ דער וואָלגע. אַלע מײַנע סוידעס, גרויסער בודאַ, האָב איך פאַר דיר אַנטפּלעקט. בעטן בעט איך דיך, זאָלסט ניט פּלאַפּלען איבעריקס אין דײַן אַטעליע. ווייסט דאָך אַליין, מענטשן קומען צו דיר אַרײַן אַלערליי. זײַ פאָרזיכטיק, היט זיך. דו, סאַקיאַ־מוני, ביסט בײַ מיר באַגלייבט. דיר קאָן איך פאַרטרויען, אָף דיר קאָן איך זיך פאַרלאָזן.

און דאָך איז דער פרידלעכער לערער פון אונטער דער וואָלגע געבליבן פאַרן שנײַדער אַ רעטעניש. פריִער, בעשאַס ער האָט געניײט און קאָנסטרויִרט לויטן מוסטער־זשורנאַל דעם אָפיצערישן אָנצוג, האָט ער גאָר קיין צײַט ניט געהאַט זיך אַקוראַט צוקוקן צום שטרענגן באַשטעלער. דער שנײַדער האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט איבערן מונדיר מיט האַרץ און נעשאָמע, ניט געשפּאָרט קיין קויכעס.

העט שפּעטער, בעערעך אין אַ וואָך אַרום, ווען דער בלאָנדער יונגערמאַן איז נעלעם געוואָרן, האָט דער שנײַדער געגומען טיפער קלערן, וואָס איז עס געווען פאַר אַ מין נעפעש אָט דער בלאָנדער לערער פון דער וואָלגע? נאַכט איז נאָך נאַכט איז ער פונעם שנײַדער ניט אָפּגעטראָטן — דער מונדיר... האָט ער געהאַלטן אין איין מאָנען, געטשעפּעט זיך צו קליינ־קײַטן — דער מונדיר... זעט אויס, אַז דאָס איז אים געגאַנגען אין לעבן. וואָס איז עס פאַר אַ פּעדעמל, און וואָס איז יענץ פאַר אַ קנייטש?

וויפל מוט, געוואגטקייט, אײַנשטעלעניש, האלט דער טולטשינער אין איין קלערן, מוז דער וואָלגער אין זיך פארמאָגן? ווי עס שײַנט, האָט דער יונגערמאן געהאט אין זיך דעם גוואלדיקן אינערלעכן קויעך, וואָס האָט אים געקאָנט לאָזן אפילע גיין אפן שארף פון א מעסער. ניט גלייבן אין זײַנע ריזיקאלע אופטועך, אין זײַן אנטשלאָסנקײַט, איז קימאט ווי אָפּגעפרעגט. נאָר ווער, פרעגט זיך, קאָן ארויס גאנץ מיטן לעבן פון דער סאקאָנע? טאָמער כאָלילע־ווע־כאָס, די שאָ זאָל קיין שאָ ניט זײַן, כאפט ער זיך ארײַן אין דער פאסטקע, ווען די ראָצכים אים ניט שוינען, מ׳וועט פון אים שנײַדן פאסן לעבעדיקערהייט. נו, און אז עמעצער פון די וואלד־מענטשן, נאָענטע גוטעברידער פאלן דורך, קומט אפן געדאנק אן ענלעכע מאכשאָווע, באגייט מען זיך דען מיט זיי לײַטישער, פילן זיי דען ניט קיין געבראָטענע ליידן ביז דער טלײַע?

שטענדיק פעלט עמעצער, און אָפּטמאָל ניט איינער פון די צוריקגעקומענע. אינעם טיף־פארשנייטן וואלד האָט ענדלעך זיך אומגעקערט דער „דײַטשישער אָפּיצער” פון זײַן שליכעס. פאר גרויס סימכע האָט דער טמימעסדיקער שנײַדער, סאקיא־מוני, שטילערהייט געלאָזט א טרער, א שווערע ווארעמע טרער. בעסאכאקל איז דער וואָלגער באָכער דאָרט אָפּגעווען אינעם געגנעם צווישן די הענקער בעערעך א וואָך, מעגלעך אפילע א טאָג צען, נאָר פארן טולטשינער, וועלכער האָט זיך פון א צײַט געהאט צוגעווינט פארהאלטן זיך מיטן טשיקאַוון פארשוין היימיש נאָענט, האָבן זיך די טעג געצויגן אָן א סאָף. געדאנקלעך איז דער טולטשי־נער געווען מיטן אויסשפירער אין יעדער שווערער מינוט זײַנער ערגעץ דאָרטן צווישן די מעכאבלים, אומגעדולדיק ארויסגעקוקט מיט הארץ־ציטערניש ביז מעשוגאס. אָף קיין רעגע האָט ניט אופגעהערט עגבערן אין מויעך — דער מונדיר... צי דער מונדיר וועט אים, כאָלילע, ניט אונטערפירן? אָפּטאָן אָף טערקיש? ס׳איז דאָך דער דרויסנדיקער פאספאָרט... דער מונ־דיר... דער מונדיר... שלאָגט אים נאָך שטארקער דאָס הארץ פאר מוירע.

אָבער דער טולטשינער האָט שטארק געגלייבט אינעם וואָלגער לערער, וועלכער האָט פארמאָגט אין זיך גלויבן, צילגעווענדטקײַט, וועט זיך ניט אָפּשטעלן פאר קיין זאך, ער וועט נעמען דעם אָקס פאר די הערנער. מיט אזא אײַזערנעם ווילן, מיט אזויפיל אײַנגעשפארטקײַט מוז ער זיך אומקערן פון זײַן שליכעס לעבעדיק און גאנץ.

דער צוריקגעקומענער אויסשפירער האָט שטיל זיך ארײַנגעשארט, טאקע בישטיקע, צום שנײַדער אין ניי־שטיבל ארום האלבער נאכט. די איינציקע דערפרייענדיקע בסורע, וואָס דער באָכער האָט אים מיט פארגעניגן אָנגעזאָגט, עפשער א ביסל צו שטיל און סוידעסדיק, אז דער מונדיר האָט אויסגענומען דאָרט אָף יענער זײַט.

— דאָס גאָר? — קוקט דער שנײַדער אים אין די אויגן קימאט מיט פאריבל, — דאָס איז אלץ, וואָס איר האָט מיר צו דערציילן?

— ווינציק, סאקיא־מוני?

זאָל עס דער שנײַדער האלטן פאר א וויץ? צי עפשער וויל דער יונגערמאן גלאט פאר־ווײַלן זיך א ביסל איבער א שויטע? צי מיינט ער טאקע בעעמעס, אז דער טולטשינער איז אזא אָפּגעריסענער נאָר?

— וועמען, — זאָגט ער, — ווילט איר שטעלן צו לײַטיש געלעכטער?

— סאקיא־מוני...

— איר זײַנט דאָך ניט געגאַן אהין, — מינעט זיך באם שנײַדער דאָס פּאָנעם און ער זאָגט באלײדיקט, — אָף קיין קערמעשל מיטן מונדיר, דארף מען קלערן, אויספײַנען זיך און באריי־מען פאר די פּאָן־באראָנען, ווי א בעטלער מיט דער נײַער טאָרבע?..

— אָ, גרויסער בודאָ! — רופט דער וואָלגער פריילעך אויס, — איך האָב ביז אהער ניט געוווסט, אז דו קאָנסט אזוי שארף און כיטרע ארײַנזאָגן. „מיט דער נײַער טאָרבע...” כא־כא־כא... ניט קיין שלעכטער זאָג. ניין, ברודער־לעבן, איך בין צו זיי ניט געגאנגען זיך בארימען מיט דײַן וווּנדערלעך־אופגענייטן מונדיר. זיכער ניט. ס׳איז געווען, שטויס זיך אליין אָן, עפּעס־וואָס בילכערס...

דערבײַ ציט דער אופגעלייגטער באָכער ארויס פאמעלעך א פלאש ווײַן מיט א גאָלדענער עטיקעטקע. אָף זײַן פארויטלט פּאָנעם בלאָנדזשעט נאָך אלץ ארום א לוסטיק שמייכעלע.

— איצט זעסטו, שנײַדערוקל, מיט וואָס איז אויסגעקומען זיך פארנעמען? — פון דער צווייטער קעשענע נעמט ער פאָרזיכטיק ארויס מיט צוויי שפּיציקע פינגער א שמאָל שאכטל שמעקנדיקע שאָקאָלאדקעס, — הײַנט האָב איך ספּעציעל פאר דיר, סאקיא־מוני, גאָר א באַ־זונדערע מאטאָנע אָף מעכײַע זײַן די נעשאָמע — אויסערגעוויינלעכע פּאפּיראָסן, ערשטסאָר־טיקע, טערקישע... דאָס דאָזיקע גוטס האָט מיר איבערגעגעבן איינער א בראווער מאיאָר מיט

גאַר אַ באַזונדערן איידעלן פּאַרצוף, איך זאָל די מאַטאַנע זײַנע איבערגעבן דיר אין די הענט אַרײַן. אַ מין שטיקל אוואַנס, זאָלסט פאַר אים אויך נעמען נייען אַזאַ פּראַכטיקן מונדיר.

— טאַכריכים! — שרײַט אויס דער שנײַדער אין צאָרן, — טאַכריכים מיט אַלע קאָוועדן. אַט באַלד וואַרף איך אַלע מײַנע אַרבעטן און נעם זיך נייען פּאַרן... די ערד זאָל אים אײַנשלינגען!

— אַט אַ קאַפּ, — טוט דער גאַסט מיטאַמאָל אַ פֿריילעכן פּאַטש זיך אין שטערן, דאָס וויכטיקסטע, נו, דאָס סאַמע נייטיקסטע, סאַקיא־מוני, האָב איך פֿאַרגעסן דיר איבערגעבן. פֿאַראַן אַ שאַנס פֿאַרן קיין פּרײַסן צום מאַיאָר מיטן ווײַבערשן פּאָנעם אהיים אַף אַלעם גרייטן. זײַן עקסעלענץ וועט אַלץ טאָן, קעדייי אַרויסקריגן פֿאַר דיר די נייטיקע פּאַפּירן. רײַזע־הויצאָעס נעמט ער אַף זיך. עס וועט דיר דאָרט, באַ זײַנע עלטערן, זײַן גוט ווי די וועלט. נאָר דאָס טעלערל פֿון הימל וועט דעם שנײַדער פֿעלן. מײַנסטו עפּשער, אַז דער פּאַן פּריץ איז געווען איינער? באַלאַנים האָבן זיך געפֿונען צווישן די אָפֿיצערלעך, קאַלערליי מיליטערישע באַאַמטע, מער מיט אַ ביסל. אַלע מאַנען פֿון מיר איינס און דאָס זעלבע. זיי כאַלעשן, גייען אויס, איך זאָל זיי אָנגעבן דעם פֿינקטלעכן אַדרעס פֿונעם צויבער־מײַסטער, סאַקיא־מוני...

באַ דער גוטער פֿלאַש ווײַן און באַ די באַטאַמטע שאַקאַלאַדקעס איז מען אײַנצווייען אַרײַנגעזעסן ביז פֿאַרטאָג.

אומעטום, אין דער ברייט און אין דער לענג פֿון דער גרויסער צוואָרפּענער אַלטער און נײַער שטאָט, זײַנען פֿאַנאַנדערגעקלעפּט ריזיקע פּרישע אַפֿישן וועגן דעם, אַז דער היגער דראַמאַטישער טעאַטער גרייט אַ נײַע פֿאָרשטעלונג „באַם סוינע אין די נעגל". בלויז לויטן נאָמען פֿונעם ספּעקטאַקל איז געווען צו זען, אַז די געשעענישן וויקלען זיך פֿאַנאַנדער אין יענע שווערע אומפֿאַרגעסלעכע יאָרן פֿון דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע.

הייסע ליבהאָבער, פֿאַרקאָכטע אינעם טעאַטער, פֿרעגן זיך נײַגעריק נאָך: ווען וועט די פּרעמיערע געוויזן ווערן? דער אינטערעס צו דער נײַער פֿאָרשטעלונג וועקט דעם טעאַטער־אוילעם, מאַמעש דאָס כּיעס גייט זיי אויס. ווער פֿון די באַליבטע שוישפּילער וועלן זײַן פֿאַרטראָטן אינעם ספּעקטאַקל? ווער וועט פֿירן די הויפּט־ראָלן? גאָר קנאַפּלעך ווײַזט מען אַרויס אינטערעס צום לאַכלוטן אומבאַקאַנטן מעכאַבער. קיינעם גייט איבעריקס ניט אָן, אַפֿילע פֿון די גאָר הייסע, שטאַרק אײַנגעליבטע אין טעאַטער, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער אַוטאָר? צי ברענגט ער עפּעס נײַס אַרײַן אין דער הײַנטצײַטיקער דראַמאַטורגיע?

גאָר אַנדערש האָט געקוקט דער טעאַטער גופֿע אַפֿן באַגאַבטן, ניט איבעריק יונגן, נאָר פֿיל צוזאָגנדיקן, אַוטאָר. דער דאָזיקער, דערוויל נאָך ווינציק אָנזיכטיקער, מאַרקושין פֿאַרמאָגט אַ פֿײַנעם כּוש צום סצעניש זשאַנער. אָט דער מאַרקושין וועט נאָך מיט דער צײַט, האָפֿט די טעאַטער־רעזשי, ווײַזן זײַנע ווײַט ניט קיין מיטלמעסיקע פֿייִקײַטן, וואָרעם ער, דער דראַמאַטורג־אָנפֿאַנגער, באַזיצט יענעם געבענטשטן פֿונק, וואָס אָן עכטער טאַלאַנט קאָן זיך אָן אים ניט באַגיין. דער מעכאַבער גופֿע האָט עס בוילעט דערוויזן מיט דער ערשטער פּיעסע זײַנער „באַם סוינע אין די נעגל". האַגאַם דער דורכשניטלעכער באַזוכער, וואָס קומט קוקן טעאַטער, איז גאַנץ קאַלטבלוטיק צו דעם, ווער ס'האָט געשאַפֿן דאָס סצענישע ווערק.

די לעצטע וואָך גייען צו צוויי־דרײַ רעפּעטיציעס אַ טאָג. די ענדגילטיקע פּראָבעס ווערן דורכגעפֿירט באַ פֿולער באַלײַכטונג, מיט דעקאָראַציעס און מוזיק. דער קאָלעקטיוו האָט געלייגט גרויסע האָפֿענונגען אַף דעם ספּעקטאַקל.

אין דעם נײַעם ספּעקטאַקל האָט דער שנײַדער איסאַק אַראָנאָוויטש געשפּילט, זיצנדיק אַף די רעפּעטיציעס, ניט קיין קליינע ראָל. ער איז שיר ניט די רעכטע האַנט באַם קינסטלערישן לייטער. סײַ די שוישפּילער, סײַ די בוטאַפֿאָר־קינסטלער, ווי אויך די פֿאַריקמאַכערס און די רעדאַקטאָרן פֿלעגן אָפֿט זיך אַרײַנכאַפּן אין טריום מיט פֿיל ספּייקעס, אומקלאָרקײַטן, זוכנדיק באַם טעאַטער־שנײַדער אַ גוטע אייצע.

אויף־און־אָפּ לויפֿט מען אַף די טשוהונענע ספּיראַל־טרעפּלעך, דעריקערשט הערן זיך די פֿריילעכע דריבנע טריט פֿון די יונגע אַקטיאָרן, וואָס האָבן אָט דאָ אַקאָרשט פֿאַרענדיקט די טעאַטער־סטודיע. מע לאָזט דעם שנײַדער ניט צורו. טאַקע דערפֿאַר מאַכמעס דאָס יונגוואַרג איז צומיינסטנס פֿאַרטראָטן אין דער פּיעסע.

די אַלע געשילדערטע בילדער אַף דער בינע זײַנען בעפּיירעש גאָרניט קיין שלעכטע, אײַנגעגעבענע, אופּריכטיקע און אויך טשיקאַווע. מענטשן ריידן זאַכלעך, געקליבן אַ וואָרט צו אַ וואָרט, קיינער פּלוידערט ניט גלאַט סטאַם, קיינער באַגייט ניט קיין נאַרישקײַט... דורכפֿאַלן, פֿאַרלוסטן, טראַגישע אומגליקן ווערן דאָ, אין דער דראַמאַטישער האַנדלונג, פֿאַרוויכערט, צוגעקעמט. נישקאָשע, ניט געפֿערלעך, מע קאָן באַ אַזאַ שווער לעבן ווײַטער ציִען די

ליאַמקע. איין גאָט ווייסט דעם עמעס, וויאַזוי דער שנײַדער רעב יִצחאָקל פון טולטשין האָט ניט איין מאָל געבעטן אַף זיך דעם טויט. נאָך שפּעטער־צו, ווען עס איז אַף אַלעמען געקומען א בעסער שטיקל צײַט, האָט אין הארצן אָנגעהויבן יאַטרען נאָך א גרעסערע ווונד: ווו איז אהינגעקומען די מישפּאָכע? אין ווויניצע איז געבליבן זיצן א ווײַב מיט צוויי קינדער, שווער און שוויגער, דעם ווײַבס ברודער, נעבעך א באַל־מום מיט א היפּש געזינדל, קרויווים פון זײַן צאַד און פון איר צאַד. גאָט ווייסט, ווו זייער געביין איז אהינגעקומען!

ס׳איז כּילעק א ביסל, זיצן געמיטלעך דאָ אין טעאַטער־זאַל א זאַטער, ריין אָנגעטאָן, א צוגעפּוצטער, אפן הארצן איז דיר גרינג, אַפילע אופגעלייגט, דער געמיט דײַנער איז מיט קיין שום אומרו ניט באַלעסטיקט, טראַכט דער שנײַדער, מע קאָן זיך אָנטאָן די מי, אַז מע וויל מיטפילן די גרויליקע איבערלעבונגען. אָבער ווי נאָר עס קומט די האַפּסאָקע, לויפט מען שנעל אין פאָיע צום באַלאַגערטן בופעט. עס פעלט אויך ניט אויס קיין נאַטירלעכע קינע. מענטשן קוקן מיט אופגעריסענע אויגן, ווער וואָס פאַר א קלייד עס טראָגט, וואָס פאַר א מאָדערנע פריזור די אָדער יענע דאַמע האָט זיך אין פאַריקמאַכערסקע געלאָזט אויסטראָצלען. מע וועט צווישן זיך שטיל אָפּשאַצן, זאָגן מעווינעס וועגן דער שפּיל, צוטיילן קאָוועד די אָנגעזעענע שוישפּילער, וועלכע פירן דאָס קרענצל אינעם ספּעקטאַקל.

הײַנט פרעגט זיך, צו וואָס איז נייטיק דעם רעזשיסערס קאָכעניש? ערגער, בעסער, באַם טעאַטער־אוילעם וועט פון דעם דער מאָגן ניט קאַליע ווערן. און אַז דער הויפּט־רעזשיסער, יורי קאָוטון, פרעגט איבער באַם שנײַדער, צי לעבט ער איבער און דערמאָנט זיך די פאַרגאַנגענהײַט פון די געשילדערטע סצענעס, צי האָט ער דערפילט יענע גרויזאַמע צײַטן, שעמט זיך דער טולטשינער א ביסל צו זאָגן פאַרן גאַדל דעם ריינעם עמעס, קומט ער אָפּ מיט א לײַכטן שאָקל: ניטשעוואָ... גאַנץ נישקאָשע... מע קאָן קוקן.

אָבער זײַן עמעסער עמעס וואָלט געווען דאָס, וואָס ער קלערט באַ זיך אין הארצן — איין זאַך איז געפינען זיך דאָרט אינעם געווירבל, אין דער גרויזאַמער סאַקאָנע, ווו דער פאַרטיזאַנער איז אויסגעשטעלט אַף אומקום, ווו דער מאַלכאַמאָוועס באַגלייט דיך אומעטום ווי א שאָטן. א צווייטע זאַך, ווען קיין שום געפאַר באַדראָעט דיך ניט... איבער דײַן קאָפּ לויערט ניט די האַק און די טלִיע. דאָ אין טעאַטער דאַרפסטו אין זינען האָבן, אַז דער יאָמטעוודיקער גאַרניטער דײַנער זאָל זיך ניט פאַרקנייטשן. דאָס, וואָס עס קומט פאָר אַף דער בינע, וועקט, פאַרשטייט זיך, ווײַטע דערמאָנונגען, אומגעריכטע צופאַלן — אי גליקלעכע, אי אומגליקלעכע, שיידונג מיט פרײַנט, טאָגטעגלעכע אײַנשטעלענישן. באַ יעטווידער געהיימער אַקציע מוז מען גיין אַף קאָרבאָנעס. אָבער זיצנדיק אין צושויער־זאַל, ווייסטו און געדענקסט דײַן וואַרעמע ליכטיקע היים, דײַן פרידלעכע וועלט און דײַן ווויל געזיכערט לעבן אַף דער ערד.

...נו, יאָ, אַזוי קאָן מיסטאָמע אָנשטויסן זיך דער קינסטלערישער אָנפירער, מיט וואָס די געדאַנקען זײַנען פאַרנומען באַם טולטשינער. איסאַק אַראָנאָוויטש וועט זיך מיט קאָוטונען איבעריקס ניט גיין שפּאַרן. דער שנײַדער ווייסט אָבער צו גוט פון אייגענער דערפאַרונג, אַז עס איז דאָ א כּילעק צווישן ווירקלעכן לעבן און טעאַטער־שפּיל. אַלץ, וואָס די פאָרשטעלונג ווײַזט פאַרן אוילעם אַף די בינע־ברעטער, איז דאָרט, באַ די פאַרטיזאַנער, ווירקלעך געווען, אָבער דאָס פאָרגעקומענע, די אַלע פּאַסירונגען ווײַזט דער טעאַטער אַפילע קיין טויזנטל כּיילעק ניט. צי דען האָבן די פאַרטיזאַנער גערעדט מיט אַזאַ הויך לאָשן? געשליפן וואָרט און וואָרט, די רייד זאָלן זײַן קײַלעכדיק, גלאַטיק. די אַרויסגעבראַכטע ווערטער זאָלן אַרויסקומען ווי גאָלדענע קייטעלעך? ווען די פאַרטיזאַנער זײַנען אַזוי קלוג, דורכגעטריבן, דערפינדעריש און ווײַטזיכטיק וואָלטן ניט געווען אַזויפיל פאַרלוסטן. ווײ־ווײ, נאָר איין גאָט אין הימל קאָן מויכל זײַן, וויפל פעלערן מע איז באַגאַנגען בעמעשעך פון די וואָסערע דרײַ יאָר. אַף דער בינע איז אַלץ מיט א געדאַנק פאָרויסגעזען, דורכגעטראַכט, אָנגעשלאָגן מיט שיינע אײַנפאַלן, שאַרפע קאָנפליקטן. ווער קאָן צום טעאַטער האָבן טײַנעס? א ספּעקטאַקל מיט אַלע, ווי מע זאָגט, פישטשעווקעס. א שווער דורכגעאַקערט לעבן, פול מיט פּײַן, גרויל און סאַקאָנע, קאָן מען, זעט אויס, ניט נאָכמאַכן. עפּשער בלויז אָנדײַטן, קוים־קוים לאָזן הערן מיט רעמאָזים, דער אוילעם זאָל האָבן א פאָרשטעלונג. דערפאַר, מאַכט פאַר זיך אַליין דער שנײַדער זײַן קורצע אויסטײַטשונג, רופט זיך עס „פאָרשטעלונג”...

א שיין ביסל יאָרן אַרבעט דער טולטשינער שנײַדער אין היגן דראַמאַטישן טעאַטער, אומגעפער באַ א פערטל יאָרהונדערט. דער גוט באַקאַנטער טעאַטער האָט זיך מיט זײַן פרוכטבאַרער שעפערישקײַט און טעמאַטישער הײַנטצײַטיקײַט דערוואָרבן זייער א בעקאָוועדיקן נאָמען. קימאַט אומעטום זײַנען די אָנצאָליקע גאַסטראָלן דורכגעגאַנגען מיט דערפאָלג. דעם טולטשינער איז אויך איבערגעפאַלן א געוויסער כּיילעק קאָוועד ניט נאָר מיצאַד דער קינסטלערישער אָנפירונג. איסאַק מונין איז ניט איין מאָל דערמאָנט געוואָרן אין די רעצענזיעס,

ניט איין מאָל האָט מען דעם שנײַדער באַלוינט מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן אין טעאַטער גופא.

איסאַק מונין האָט ניט געפּירט קיין כעזשבן, וויפל אַרבעט־שאָען דער צעך נעמט צו. ווען עס איז נייטיק, איז דער מײַסטער אַפן אָרט. זעלטן־ווען ער האָט זיך געקאָנט פּאַרגינען אָפּרוען פון אַ טעאַטער־פּאָרשטעלונג אָדער פון אַ גענעראַלער רעפּעטיציע. קאַלזמאַן די בינע וואַכט און די אַקטיאָרן אייסעקן זיך דאָרט, דאַרף דער שנײַדער־צעך זײַן טעטיק און דער הויפּט־מײַסטער, רעב ייִצחאָקל, מוז דערלאַנגען פּאַרע, ניט שפּאָרן זײַנע קויכעס, בייגן דעם רוקן. ווער שמועסט נאָך, אַז די היים זײַנע, דאָס צווייצימערדיקע דירעלע, שטייט אין הויף, אינעם לינקן פליגל, דאָרט ווו מע האָט ארופגעזעצט נאָך אַ שטאָק, דאָס אַליין רעכנט זיך בעמיילע, אַז ער איז טאָג ווי נאַכט אָף זײַן פּאָסטן. ניט אָפּצוטיילן די שטוב און דאָס אָרט פון זײַן אַרבעט. טאָמער קומט אויס בלײַבן אַן איבעריקע שאָ אין דער היים, מיינט ער שוין גאָט ווייסט וואָס אין זײַן טעאַטער טוט זיך.

אינעם איבערגעבויטן הויז, וואָס געפינט זיך אין טעאַטער־הויף, ווױנען געקרוינטע, פּרעמירטע און פּאַרדינסטפולע. דעם טעאַטער־שנײַדער איסאַק אַראַנאָוויטשן איז אויך אויסגעטיילט געוואָרן אַפן העכסטן שטאָק אַ ביז גאָר פײַן דירעלע. דער טולטשינער האָט זיך אָט דאָ לעצטנס געלאָזט נייען אַן עלעגאַנט פּוטערל מיט אַ לאַנג אָפּגעלייגטן שאַליקאָוון קאָלנער. פּאַרגרייט אַף ווינטער־צײַט אַ פּיזשיקאָווע היטל, וואָס איז ענלעך צו עפּעס אַ מין האָמענטאַש, ווי ס׳איז די הײַנטיקע מאָדע. ביכלאַל, דאַרף מען באַמערקן, האָט דער טעאַטער־ליב געהאַט האַלטן זיך ציכטיק, ריין, צוגעפּוצט און געפּעכלט, וואָרעם ער האָט צו נאָענט געפילט די אַרומרינגלונג, די אייגנאַרטיקע סוויווע פון קונסט־טוער, אַקטיאָרן, מאָלער, מוזיקער, וואָס האָבן געהאַט די טעווע אַליין אײַנפירן נײַע מאָדעס אין דער קליידונג. אַ שוואַרץ שניפּסל אונטער אַ קלאָר ווײַסן קראַגן, דאָס קאָן ער זיך פּאַרגינען טראָגן אַפילע אין אַ געווינלעכן טאָג. אַפן מיזיניק־פינגער איז דער נאָגל שוין לאַנג פּאַרלאָזט. ברילן טראָגט איסאַק אַראַנאָוויטש ברייטלעכע, פּירעקעכיקע אין ברוינלעכע רעמעלעך. אַ זײַטיקן, לאָמיר זאָגן, לאַכלוטן אַ פרעמדן, וואָלט דער טעאַטער־שנײַדער אויסגעזען ווי עפּעס אַ מין אויסלענדישער טוריסט, אָדער אַ זינגער פון אַן אַנסאַמבל, וועלכער איז געקומען אַהער אַף גאַסטראָלן. יעדנפאַלס, לויטן אויסערלעכן אויסזען און לויט דער קליידונג האָט מען דעם טולטשינער, אָן ספק, געקאָנט צורעכענען צו דעם קינסטלערישן אוילעם.

דעמלט, ווען דער מעכאַבער פון דער פּיעסע „באַם סוינע אין די נעגל” איגאַר מאַרקושין איז פון אַ ווײַטלעכער געגנט און פון אַן אַנדער רעפּובליק געקומען צו פאָרן אַף דער פּרעמיערע, האָט דער אַלטער באַקאַנטער סאַקיאַ־מוני איינער פון די ערשטע אים פאַרבעטן צו זיך אַהיים אַף אַ מיטיק. דער געוועזענער פּאַרטיזאַנער און איצטיקער דראַמען־שרײַבער, מאַרקושין, האָט די פּרײַנטלעכע אײַנלאַדונג פונעם אַלטן קאַמפס־כאַווער אָנגענומען מיט קאָוועד און דאַנקבאַרקײַט. בײַס דער ערשטער באַגעגעניש האָט מאַרקושין אים פּעסט אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע אָרעמס און פרייליך, רוישיק אויסגעשריִען בעקאָל־ראַם: „סאַקיאַ־מוני, קאַמענגי גיגאַנט!”

— געדענקסט, ברודער־לעבן, ווי מיר האָבן געגעסן פון איין שיסל, געלעגן אַף איין גערלעגער און געוואָרגן ווערעמעדיקע פריצן?

טאַקע אינעם זעלבן טאָג, נאָך דעם קורצן אָבער זייער וואַרעמען קאַבאַלעס־פּאָנעם מיצאַד דעם קינסטלערישן אָנפירער, איז מען זאַלבעצווייט — דער אויטאָר פון דער פּרעמיערע און דער טעאַטער־שנײַדער סאַקיאַ־מוני — דערוויל אַרײַנגעשפּרונגען אַף איין פוס אין ווײַנקראָם און געגומען צו גלעזער ווײַן לעקאָוועד דער באַגעגעניש.

— אַפילע ווען דו פּאַרבעטסט מיך ניט, אַלטער טערעך, — רופט זיך אָן דער אופגערעגטער מאַרקושין, — וואָלט איך אַלצייגס געקומען צו לויפן. — ער נעמט פונעם שנײַדער קיין אויג ניט אַראָפּ, קוקט אַף אים מיט כידעש און אַנציקונג. — אַ שאָד, סטאַרינאַ, וואָס איך האָב דיך אַרויסגעפירט אין מײַן פּיעסע, ווי אַ פּאָזיטיווע קאָלאַריטפולע געשטאַלט. מיינסט, כ׳האָב דערפון ניט געקלערט? עפּעס האָסטו זיך ניט געלאָזט נעמען אַף דער פּען. פּאַרשטייסט דאָך אַליין, סאַקיאַ־מוני, אַז איך בין נאָך ווײַט ניט קיין געניטער דראַמאַטורג, וואָס זאָל שטיין פּעסט אַף די פיס. איך לאָדע נאָך ניט אײַנגאַנצן מיט דער פּען. מיר שטודירן איינער דעם אַנדערנס כאַראַקטער, מיר האַלטן ערשט בײַ דער טכילעסדיקער באַקאַנטשאַפט... מעגלעך, מיר זאָלן שטילערהייט זיך פּאַנאַנדערגיין און אויס שידעך...

ראַפּטום טוט זיך דער צעפּליוגענער מאַרקושין אַ כאַפּ אוף ווי אַן אָפּגעבריטער:

— ביסט כאָטש אַ מיוון, וואָזוי אונדזער יורי קאָוונטשיק האָט איבערגעקנאָטן אומבעראַכמאָנעסדיק דעם טעקסט מײַנעם? נו, זאָג אַליין, סטאַרינאַ, וואָס האָב איך געקאָנט טאָן?

כ'בין דאָך אַן אָנפאַנגער, מײַן ערשטער ארויספּאַר. גיי זײַ אַ קלוגער און פּרוּוו ארויספירן אזא געשטאַלט, ווי אַ שנײַדער אין אַ פּאַרטיזאַנישער מאַכנע...

אָר־ווא... עס גייט אים טאַקע שטאַרק אָן אין לעבן, צי מאַרקושין וואָלט אים, רעב ייצ־כאָקל פון טולטשין, אַרויסגעפירט אין זײַן פּיעסע ווי אַ קאַראַקטעפולע פּאָזיטיווע געשטאַלט, צי ער וואָלט אים ניט אַרויסגעפירט — אַ כּילעק אַ גרויסער. ווּעמען, לעמאַשל, וויל דער שנײַדער וויסן, וועט דערפון ווערן גרינגער? גאָר אַ קליינע נאַפּקעמינע, עס גייט אים קנאַפּ אָן. דער איקער שעבעיִקער אין דער פּיעסע איז דאָך דער העל־בלאָנדער באָכער פון דער וואָלגע... טאַקע אין אים, אינעם יונגן לערער פון דער דײַטשישער שפּראַך, האָט מאַרקושין אַרײַנגעלייגט נעשאָמע, האַרץ. דער פּאַרטיזאַנישער אויסשפּירער האָט זיך גראַדע באַם מע־כאַבער באַקומען נאַטירלעך, עמעסדיק, פּולבלוטיק. בלויז פאַר דעם זייער אײַנגעגעבענעם ראַזוועדטשיק אַליין דאַרף מען דעם אויטאָר בענטשן און לויבן.

דער זעלבער מאַרקושין, ווי אין יענע אומפּאַרגעסלעכע יאָרן, צעוויכערט, צעפּאַטלט שטייט ער אַצינד פאַרן געדולדיקן שנײַדער אי גליקלעך, אי עטוואָס אָנגעברוגזט, אי נאָכ־גיביק, אי אופגערעגט, אַ זשוואַוער, ווי די טעווע זײַנע איז, לעבעדיק, צעוואַרעמט. דער מענטש ווייסט ניט, וואָס הייסט זײַן געדולדיק, רויק. אין זײַנע געדיכטע קוטשמעס האָר ליִכטן דורך ווײַסע פּאַסמעס. פּולער און אָנגעבלאָזענער זײַנען פאַר דער צײַט געוואָרן באַ אים די אויגן־קישעלעך. ווי־ניט־ווי שנײַדן זיך טיפער אײַן די קנייטשן אפן צעשוווּמענעם געזיכט, אָבער האַלטן האַלט ער זיך יונג, ענערגיש, מײַסע באָכער, נאָר ער איז שוין ווײַט ניט דער, וואָס ער איז צוריק מיט יאָרן געווען.

— שאַ, — טוט ער זיך פּונסנײַ ווילד אַ וואָרף, — געדענקסט, סאַקיאַ־מוני, פּעטרוסן? כ'מיין יענעם שוואַרצכיינעוודיקן כּעוורעמאַן, וועלכער האָט געבראַכט פון ערגעץ די צוויי פּיצלעך קינדער... דער באָכער האָט זיך אָנגעגעבן אין דער מאַכנע לעכאַטכילע פאַר אַ גריך פון סע־וואַסטאָפּאָל. קאָנסט זיך נאָך אַלץ ניט דערמאָנען? נו, דער, וואָס האָט שפּעטער געדרייט אַ ליבע מיט קלאַוואַטשקען, — ווערט מאַרקושין אומגעדולדיק, — געדענקסט נאָך אַלץ ניט? אָך דו, סאַקיאַ־מוני, אומגליקלעכער סקלעראָזניק! ווער האָט ניט געקענט די בילד־שיינע מוידז? אײַ, עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם פון זייער הייסער ליבע, זאָלסטו וויסן זײַן, אַז אינ־דערינען איז געווען שולדיק טאַקע יענער יונג פון דער וואָלגע, דער ראַזוועדטשיק. אָבער דערציילן וויל איך דיר וועגן גריך. דאָס האָט ער דאָך דערטאַפּט דאָס פּאַסיקע שטיקל כּסוי־רע פאַר דעם אָפּיצערישן מונדיר. ווּעסט מיר גלייבן, סאַקיאַ־מוני, ביז דער לעצטער מינוט האָב איך קיין אַנונג ניט געהאַט, כאָטש איך בין געשטאַנען נאָענט צו נאַטשאַלסטווע, פאַר ווּעמען די אוניפאָרם ווערט געניצט. דער דורכגעטריבענער גריך האָט אָבער געקראָגן דאָס, וואָס מע דאַרף פאַרן וואָלגער.

— צי מיינסטו ניט, מאַרקושין, יענעם הויכן טאַטער, וואָס האָט געטראָגן אַ זילבערנעם צײַלעם אפן האַרצן? עפּעס אַ שטיקל סעמינאַריסט, דוכט מיר, איז ער געווען פאַר דער מיל־כאָמע אין אַ דוכאָוונער שקאָלע.

— אָט־אָט, — דערפרייט זיך מאַרקושין, — אָט דעם זשוק מיין איך טאַקע.

— דער טונקעלער טערק, האָב איך נאָך דעמלט באַמערקט, שנײַדט זיך אָף אַ גאַלעך. אָף זײַן צנ־עסדיק פּרום פּאָנעם האָט גערוט די שכינע אַליין.

— אַ נײַס אַ ביסל, אין יענער צײַט האָט מען געמוזט אפילע צווישן קרויוים, נאָענטע מענטשן מאַסקירן זיך. ווען דו ווייסט, וואָס פאַר אַ באַבניק דאָס איז געווען! די וועלט פאַר־מאָגט ניט אַזוינס און דאָך, ווי דו קוקסט אים אָן, אַ גרויסער אײַנשטעלער, אַ מוירעדיקער ריזיקאַנט.

— און מיר, ווּעדליק איך דערמאָן מיך, — זאָגט דער שנײַדער, — האָט זיך שטענדיק אויסגעוויזן, אַז דער צו פרומער באָכער מיטן מיזרעכדיקן פּאָנעם בענקט נאָך אַ קלויסטער, נאָך אַ ריאַסע.

— יאָ־יאָ, עמעס, ביסט גערעכט, סאַקיאַ־מוני, דאָס איז אויך ריכטיק. יענער האָט שטיי־לערהייט ליב געהאַט אַ שפּרונג טאָן אין דער פינצטער. אַ גוואַגטער פויגל געווען.

— מעגלעך. כ'האָב אים געקענט ווינציק.

— טאָ הער זיך טאַקע ווײַטער צו, — שפּאַרט פון מאַרקושינען אַ פרישער שטראָם מיט רייד, — לאָזט זיך אויס גאָר אַ שיינער סאָף מיטן גריך. דער סעוואַסטאָפּאָליער, ווּעמען מע האָט געהאַלטן פאַר אַ גײַסטלעכן, איז געווען ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַ באַברויסקער יידישער באָכער. האַ? ווי געפעלט עס דיר, סאַקיאַ־מוני? — שווימען אין זײַנע צעבליצטע אויגן שעלמישע שיידימלעך, — הער נאָר אַ מײַסע. אָט דאָ, צוריק מיט אַ שטיקל צײַט, איז מיר אויסגעקומען זײַן אין מינסק, האָב איך געהאַט דעם זכוס באַגעגענען זיך מיטן גריך פאַ־

נעם־על־פּנים. איצט שטעל דיר פאָר, סאַקיאַ־מוני, אַז דער יונגער גאַלעך אונדזערער אַר־בעט אַפן אויטאָ־זאַוואָד אַלס פירנדיקער אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר... אָט אַ רועך, שוין איינ־מאָל אַ רעכטער פויגל. פון אַזאַ סעמינאַריסט מעג מען קלײַבן נאַכעס.

— אויב דער גריך אָדער דער באַברויסקער ייִדישער באַכער, וועד ער זאָל ניט זײַן,— גיט צו דער שנײַדער מיט הארץ,— האָט אין יענער סאַקאָנע־צײַט זיך אײַנגעשטעלט ברענ־גען אין וואַלד צוויי פּיצלעך קינדער, מעג מען אים רעכענען פאַר אַ צדיק.

מאַרקושין האָט פעסט געדריקט דעם שנײַדער די האַנט.

— פּאַרמאַגסט,— זאָגט ער,— אַ גוטע נעשאָמע, סאַקיאַ־מוני.

אין יענע ווײַט־פאַרגאַנגענע יאָרן איז אָט דער לעבױנג, מאַרקושין, געווען אַן אַנזיכטי־קער פאַרשוין צווישן די פּאַרטיזאַנער. דער פריילעך־לעבעדיקער באַכער האָט געשפּילט גאָר ניט קיין קליינע ראָל צווישן די מאַכנעס. דאָס געדענקט דער טולטשינער אויסגעצייכנט. דעמלט נאָך, באַ זייער שווערע אומשטענדן, אָסיען־צײַט, אין ערשטן יאָר פון דער מילכאָמע. בלאָטעס און קאַליוזשעס זײַנען אומעטום געשטאַנען ביזן גאַרטל, קאַלטע רעגנס האָבן אומופהערלעך געגאָסן, איבערן הימל הענגען שווערע פינצטערע כמאַרעס. אָט דעמלט, אין יענעם פאַרצאָרנטן הארבסט, האָט מען דערפילט נאָך שטאַרקער דעם קלאָגעדיקן מאַצעוו אָף די פאַרכאַפּטע שטעטעכים... ניט קיין פּראָוויזאַנט, ניט קיין האַלבאַשע, אָפּגעריסענע, אויסגע־הונגערטע. האָט אַ קליין הײַפעלע נעקאָמענעמער בעראָש מיט אָט דעם האָפערדיקן יונג, איגאָר מאַרקושין, געשלעפּט זיך איבער בײַוועגן, געבראַדיעט איבער טײַכן און טײַכלעך, זומפּן און בלאָטע־שליים, וואַנדערנדיק פון איין אָרט צו אַ צווייטן. דעם זשוואָון לעבעדיקן יונג מאַרקושינען איז איבערגעגעבן געוואָרן פון דער העכערער פּאַרטיזאַנישער פירערשאַפט דורכצופיירן פאַר די קלענערע און גרעסערע מאַכנעס דעם וועג צו אַ נײַעם מאָקעם, וואָס געפינט זיך, לויט די ידיעס, אָף אַ מער געזיכערטן אָרט. אַפן קליינעם הײַפל פּאַרטיזאַנער האָבן ניט אופגעהערט לויערן די דײַטשישע מעכאַבלים, אָבער די שרעקלאָזע קעמפער זײַנען ווײַטער געגאַנגען אינעם געפערלעכן וועג. איידער מע האָט זיך אַריבערגעצויגן דאַרעמדיקער צום טײַך בוג, איז געפאַלן דער קאָמאַנדיר ריבניק. אין אַ פּאָר טעג אַרום — ווידער אַ פּריי־שער קאָרבן, דער פאַרטרעטער זײַנער יאַקאָוו סאַוויטש און ווײַטער... גאָר אין אַ קורצער צײַט האָט מען געטראָפן אַ דערשטאָכענעם דעם שטאַב־נאַטשאַלניק דמיטרי קורגאַנאָוון.

אין די פאַרייניקטע פּאַרטיזאַנישע מאַכנעס האָט געהומען אַרודוועון אַ פּײַנטלעכער קויעך. פאַרטײַעטע גיפטיקע שלענג האָבן זיך זאַנאַדיעט אין דער פּאַרטיזאַנישער זאַגע מיטן צוועק אונטערצוהאַקן די וואָרצלען פון דער פאַראייניקונג. אָף מאַרקושינען איז געפאַלן דער גוירל אָפּרייניקן זיך פון די פאַרעטער, פּאַטער וועדן ווי אַמשנעלסטן פון די באַנדיטיש־פּאַ־שיסטישע הינט.

קיין שום אָפּעראַציעס זײַנען לעצטנס ניט דורכגעפירט געוואָרן. דער סאַמע שווערסטער און פאַרביטערטער קאַמף איז פאָרגעקומען אין דער פאַרייניקונג גופע. אַלע נאַטשאַלניקעס, פונעם קלענסטן ביזן העכסטן, זײַנען געשטעלט געוואָרן אָף די פּיס. אָף אייניקע צווייפל־האַפטע, גאַנץ אָנגעזעענע פּאַרשוינען איז אַפילע געפאַלן אַ כשאַד. מע האָט געמוזט שטרענג פּאַרשן, קיינעם ניט שוינען, אַנדערש האָט באַדראָעט פאַרניכטונג... ערשט דאָרט, אַפן נײַעם פלאַץ, ווען אַלע האָבן שוין געהאַט זיך איבערגעפּעקלט אין דעם היפשן וואַלד, ווו די נאַטור־שיצונג איז פונדעסטוועגן געווען פאַר די פּאַרטיזאַנער אַ שטיק געווינס, דעמלט ערשט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער העכסטער הארבקײַט די עמעסע פּראָפילאַקטיק. פון דער „גרויסער ערד” זײַנען אונטערגעוואָרפן געוואָרן פרישע קויכעס, געניטע קאָמאַנדירן. זיי, די נײַע מענטשן, האָבן זיך געשטעלט באַם רודער און געפירט ווײַטער די שיף. גאָר גיך איז אײַנ־געשטעלט געוואָרן דער נייטיקער רעזשים לויט אַלע קלאָלים פון מילכאָמע. מיט דער העכ־סטער שטרענגקײַט איז אַלצדינג געשטעלט געוואָרן אַפן ריכטיקן אָרט.

טרעפט אַנומלטן, דער צעטראָגענער מאַלעך מאַרקושין ווערט פאַרשווונדן. כאָלילע, ער איז פון קיינעם ניט באַפלעקט און באַשמוצט געוואָרן, זײַן גוטער נאָמען האָט נאָך לאַנג געשעמט צווישן די כאַווירים זײַנע. נאָר איין גאָט אין הימל האָט געוווסט, וווהין דער באַ־כער איז פלוצעם פאַרשווונדן געוואָרן. צווישן די אין שלאַכט געפאַלענע האָט ער זיך ניט גערעכנט. באַ וועמען פרעגט מען און ווער ווייסט ענטפערן? גיי טרעף, וואָס מיטן יונג האָט פּאַסירט?

אַהאַ, צו וועסנע־צײַט האָט דער באָכער זיך צוריק געיאַוועט.

— מאַרקושין?

— יאָ, ווי איר זעט, מײַנע טײַערע, שטייט פאַר אײַך מאַרקושין אַ לעבעדיקער.

— געזונט זאָלסטו זײַן, פּרינצעלע! זאָג זשע נאָר, הארצעלע, קרוינעלע, ווו ביסטו נעלעם געוואָרן?

— אהין, — ווײַזט ער, ווי א הייליקער מיט פאַריסענע אויגן צום הימל, — אַף אַן אאודיענציע... אויג אַף אויג מיטן קאַוויאָכל. — דערבײַ נעמט ער כיטרע, שטיל, מאמזעריש אַרײַנרוימען אַפּן אויער, — נאַ באָגאַ נאַדייסיאַ, אַ סאַם ניע פּלאָשײַ...

די, וואָס האָבן גוט געקענט דעם לוסטיקן באָכער, דעם פריילעכן וויצלער, זײַנען געווען העכסט צופרידן מיט זײַן אומדערווארטן אומקערן זיך. מע האָט זייער גוט געוווסט, אַז איגאָר מארקושין איז איינער פון די גרינדער פון דער געשאַפענער פּאַרטיזאַנישער באַזע אַף דער אָקופּירטער סאָוועטישער ערד. אין מעשעך פונעם איין־און־פערציקסטן און צוויי־און־פערציקסטן איז די ניט איבעריק גרויסע מאַכנע פּאַרטיזאַנער צעוואַקסן געוואָרן אין אַ מעכטיקער ברייט־צעוואַקסענער איינהייט, וועלכע איז באַשטאַנען פון געשולטע מאַנשאַפטן, ספּעציעלע גרופּעס, אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געהאַט זייערע באַשעפּטיקונגען און זייערע אויפגאַבעס.

מארקושינען איז אָנגעטרויט געוואָרן, אויסער, פאַרשטייט מען, די פּליכטן זײַנע, אויסצופילן צוזאַמען מיט דער גרופּע געוויסע קאַמפּס־אָפּעראַציעס, אויך פירן אַ צעצווײַגטע פּאָליטמאַסאָווע אַרבעט אין איינער פון די פאָרגעשריטענע מאַכנעס און דאָרט האָט ער זיך טאַקע גערעכנט פאַר אַ צווייטן, צי פאַר אַ דריטן קאָמיסאַר. מאַכמעס זײַן הייסבלוטיקייט, היציקן טעמפּעראַמענט, צי עפּשער דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט געקאָנט רעכט נעמען אין די הענט, פאַרלוירן גיך די רויִקייט און דעם געדולד; מעגלעך אויך דערפאַר, וואָס דער מענטש איז וויניק מיליטעריש געשולט געווען, האָט די פירערשאַפט זיך אָפּגעהאַלטן צו שטעלן אים בעראָש פון אַ טעטיקער קאַמפּס־גרופּע. וואָס איז שײַעך ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, צו דעם האָט ער לאַכלוטן ניט געטויגט. זעלטן צו געפינען אַ צווייטן, וואָס זאָל זײַן נאָך מער צעשטרייט און אומבאַהאָלפן ווי מאַרקושין. דער צעפּלויגענער קאָפּ זײַנער האָט פּאָשעט ניט געטראָגן צו געוויינלעכע פּראַקטישע טועכצן. נאָר קוים האָט זיך געפונען אַזעלכער, וואָס האָט ניט געלייענט יעסענינען, בלאָקן, מאַיאַקאָווסקין אָדער באַגריצקין, אַכמאַטאָווען, פּאַסטערנאַקן צי סוועטלאָוון, אַף יענעם האָט מאַרקושין געקוקט מיט אויגן פון אַ קאַטייגער, דער איז בײַ אים געווען פאַררעכנט פאַר אַ פּוסטן קאָפּ. אין יענער ביטערער צײַט האָט מען דעם צעפּלויגענעם מאַלעך געהאַלטן פאַר עפּעס אַ מין ווינט אין פעלד, אַן אומאָרגאַניזירטע בריִע, וואָס לעבט העפקערדיק אָן אַ דין־וועכעזשבן. מיט איין וואָרט, קיין אַנדער נאָמען, ריכטיקער געזאָגט, צונעמעניש ווי „אײַדאַבורע” האָט מען ניט געקאָנט צוטראַכטן. עס געפינען זיך אָבער אַזעלכע, וואָס פאַרגרעסערן זײַנע שוואַכקײַטן און בײַ אַ געלעגנהײַט טרײַבט מען אַף דעם פריילעכן יונג רעכילעס, אַז ער האָט ניט פײַנט אַ הוליע טאָן, אַרײַנגיסן אין לאָמפּ ביז די ווײַסע שיידימלעך נעמען איבער אים געוועלטיקן... דאָס איז שוין בייזע רייד, לאַנגע צינגער, פּיסק־מעלאָכע. מאַלע־וואָס מענטשן פּלעכטן פּליאָטקעס און צעלייגן די בילבולים אַף טעלערלעך. אינדערעמעסן איז מאַרקושין געווען אַן אָפּנהאַרציקער מענטש, אַ צוגעלאָזטער פאַרשוין, אַ גוטע נעשאָמע. וואָס דען? ער האָט ליב געהאַט פאַרברענגען מיט אַ קאָמפּאַניע.

ווי עס איז שוין געזאָגט געווען, פלעגט דער באָכער פון דער וואָלגע זיך אַרײַנכאַפּן אין שנײַדער־שטיבל, ווען די ווינטער־נעכט זײַנען געווען פאַר אים צו פּוסט און נודנע. פּונקט קאַפּויער, גראָד פאַר אַלע איבעריקע נעקאָמענעמער איז עס די פּאַסיקסטע צײַט אַף דורכצופירן אַ שטיקל אַרבעט. דער לערער פון דער וואָלגע (קיינער ווייסט ניט זײַן עמעסן נאָמען) האָט קיין שום פאַרבינדונגען ניט געהאַט מיט די וואַלד־מענטשן. פאַרקערט, ער באַמיט זיך אויסמײַדן, ווי ווײַט מעגלעך, באַגעגענישן מיט די קעמפּער. דער וואָלגער האַלט זיך פּונדערווײַטנס, אָפּגעפרעמדט, קאַלט און אַף וויפל עס לאָזט זיך — אָפּגעשיידט. ניט איין מאָל האָט מען באַם שנײַדער נאָכגעפרעגט: ווער איז ער, אָט דער וווקסיקער בלאָנדין?

— איך ווייס? — ענטפערט דער טולטשינער טאַמעוואַטע, — אַ מענטש, און גאָר. אַף דער וועלט זײַנען פאַראַן קאָלערליי ברויִם: פריילעכע, אומעטיקע, קלוגע און נארישע, לוסטיקע און באַטריבטע. יעדן מין נעפעש האָט דער אייבערשטער באַשאַפן מיט זײַן כיין־פּינטל.

— זעט אויס, אַ פרישינקער, — פּרווון אַנדערע טרעפן, — דורכגעשלאָגן זיך אַף אַ סטעזשקעלע צו אונדז.

— מיסטאַמע אַרויסגעריסן זיך פון די כײַישע לאַפּעס, — גיט צו אַ צווייטער, — גיי ווייס, מיט וואָס דער אָדער יענער פאַרשוין שמעקט? פייגל פליִען אַרום אין הימל אַלערליי.

בלויז איין איסאַק אַראָנאָוויטש האָט געוווסט, כוץ, פאַרשטייט זיך, העכערע נאַטשאַלסטווע, עטוואָס מער וועגן וואָלגער לערער. אָבער דער שנײַדער האָט גוט אין זינען געהאַט, אַז אַזעלכע זאַכן צעפּויקט מען ניט.

א סאך לענגער, ווי אלע איבעריקע אַרויסהעלפער אין דער שנײַדערישער אַרבעט, האָבן זיך געהאַלטן באַם שנײַדער אין דער מאַסטערסקאַיע די צוויי צוגעלאָנטשעטע ווײַבלעך, וועלכע האָבן אַלצדינג פאַרלוירן, כוץ זייערע צעבראָכענע נעשאָמעס. זיי זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן נוצלעכע מענטשן דאָ אין וואַלד, באַ דער שנײַדערישער אַרבעט. באַזונדערס האָבן זיי זיך געכאַפּט דעם סטרי אין די פאַרשיידנמיניקע שאַפּענע פעלצן און פעלצלעך, אַרויסגעווייזן מאַמעש כאַריפעס אינעם צוקלייבן דעם טוכלע פאַרלעגערטן וואָל, קונציק, געשיקט קאָמבינירט גאַנצע שטיקער פון אַלט־צעפליקטע קאַזשוכן — דאָ אַרויסגעשלעפּט אַן אַרבל, דאָרט א פּאָלע, אויסגעשניטן דעם רוקן, אַרויסגעכאַפּט א שטיק פּלייצע און אַזויאַרום צונויפגעשטוקעוועט א גאַנץ פעלצל. באַ די פּאַדאָליער ווײַבלעך איז גאַרניט געגאַן אין ניוועץ. פון די אָפּגעפאַלענע שטיקער שאַפן־פעלץ האָט מען צונויפגעשטעפט פּושטן, לאַטשן, הענטשקעס.

דער באַלעבאָס פונעם שנײַדער־שטיבל, דער הויפּט־מײַסטער איסאַק אַראָנאָוויטש האָט זיך געקאָנט דערלויבן א פּאָר מאָל אין טאָג אַרויסגיין אין דרויסן אָנשעפּן זיך מיט פרישער לופט, דורכלופטערן ווי עס געהער צו זײַן די לונגען, וואָרעם ער פלעגט אָפט פאַלן פון די פיס, ניט נאָר אויס מידקײַט, נאָר אויך צוליב דויכעק אין לופט. א דאָרשטיקער און אַן אויסגעהונגערטער האָט דער שנײַדער געלעכצט נאָכן ביסל זויערשטאָף, דאַפקע וווינענדיק אינמיטן געדיכטן וואַלד.

זיצנדיק אַנומלטן באַנאַכט מיטן וואָלגער לערער, רופט זיך פּלוצעם אָן דער גאַסט אומגעריכט:

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, סאַקיאַ־מוני, — פּאַלט אים אײַן, דעם וואָלגער באָכער, זייער א מאָדנער געדאַנק, — הער מיך נאָר אויס מיט קאָפּ: נאָך דער מילכאָמע, אויב עס וועט אונדז זײַן באַשערט בלײַבן לעבן, וואָלט איך דיר געייעצט אַריבערצײַען זיך צו דער וווּנדערלעכער רוסישער וואָלגע מאַטושקאַ־רעקאַ. דאָרט וווינען ליבע מענטשן. די וואָלגער וועלן דיר געבן א נײַע היים און שעצן מיט גאָלד גלײַך.

ענטפערט אים דערויף דער שנײַדער באַטריבט:

— עמעס, פון מײַן היים איז טאַקע געוואָרן א כורבן. אָבער די נײַע היים, וואָס דו לייגסט מיר פאָר אָף דער ווײַטער וואָלגע, איז מיר אויך ניט אײַנגאַנצן צום האַרצן, האָב קיין פּאַריבל ניט. יאָ, יאָ, מאַסקים, הונדערט מאָל געגרעכט, ווילע מענטשן, גוטע מידעס, קאָנען אַרײַנגיין אין יענעמס לאַגע, לײַטישע, דערבאַרעמדיקע, ווײַזן אַרויס מיטגעפיל, באַהאַנדלען יענעם שיין און איידל, נאָר קיין גרויס גליק נאָך אַזאַ מוירעדיקן בראָך, נאָך אַזאַ גענעם וועל איך דאָרט, דוכט מיר, אויך ניט האָבן. א צעריסן געמיט איז שווער צו היילן. נו, זאָגט מיר, וואָס איז דאָ פּולע, אז מע וועט הויך שעצן מײַן שנײַדערישע מעלאָכע? זאָל שוין אפילע זײַן, ברודער־לעבן, ווי איר זאָגט, קיין אומקאָװעד וועל איך דאָרט ניט האָבן און דאָך וועל איך זיך פילן ווי א גאַסט. דער סאַמע ליבער און כאַשעווער גאַסט, מײַן טײַערער, איז פאָרט ניט מער ווי א גאַסט. שווער אָפּרײַסן זיך פון דער לאַנג געוווינטער היים, וואָס איז טיף אײַנגעבאַקן אין האַרצן. אײַך איז ליב די מאַטושקאַ־רעקאַ, און באַ מיר איז אויך פאַראַן עפּעס טײַערס און הייליקס. ריכטיק, די וואָלגע איז גרויס און שיין, ברייט און טיף, נאָר דער דניעפּער איז מיר נעענטער.

מער האָבן זיי זיך צו דעם דאָזיקן שמועס ניט אומגעקערט.

אין איינער פון רעב יִיצכאָקלס האַפּסאָקעס, אַרום מיטיק־צײַט איז אים אויסגעקומען צופעליק באַגעגענען דעם כירורג, דאָקטער לעטשענקאָ. יענער האָט אויסגעזען טויט מיד, שרעקלעך פאַרמאַטערט, קרענקלעך אונטערגעבראָכן. סאַראַ געעלטערט פּאָנעם... פון אונטערן צעקנייטשטן מאַנטל לויכט אַרויס דער זוים־ראַנד פונעם ווײַסן כאַלאַט. דעם כירורג לעטשענקאָ איז שווער קוקן אָפּן בלאַנקענדיקן שניי, וועלכער שנײַדט צו שאַרף מיט זײַן פינקלדיקן בלענד אין די צוגעזשמורעטע אויגן. ווען דער מידער דאָקטער האָט זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם אָנגעשטויסן אינעם שנײַדער, האָבן זיך קוים געעפנט זײַנע שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך.

— מײַן שוואַכע ריע, — קלאָגט זיך דער דאָקטער, — פאַרטראָגט ניט די אולטראַ־פיאָלעטעווע שטראַלן.

— דאָקטער, איר זעט שלעכט אויס, — דריקט דער שנײַדער אויס זײַן מיטגעפיל, — מער פעלט אונדז ניט, איר זאָלט זיך, כאָלילע, אַליין אַנידערלייגן צו בעט.

— דערבײַ האַלט עס נאָך ניט. אָף וועמענס הענט וועלן דעמלט איבערגיין מײַנע כאַלאָיִם? א גאַנצע נאַכט און א גאַנצן פרימאָרגן האָב איך געהאַט צו טאָן מיטן מעסער און מיט דער זעג. טפו, דער טײַוול זאָל עס נעמען, איין אָפּעראַציע נאָך דער צווייטער. איינעם פון טיש אַראָפּגענומען און א צווייטן גלײַך אַוועקגעלייגט. אַן עמעסע בוינע. דאָס איז ניט קיין לאַזאַרעט פון פאַרווונדעטע, נאָר א יאַטקע... ליבער איסאַק אַראָנאָוויטש, פאַר אײַך שטייט

ניט קיין כירורג, נאָר א קאַצעוו. שנײַדט, בראָקט, האַקט... איך בין דאָך דאָ ניט מער ווי איינער, איר פאַרשטייט צי ניין? דער זעקסטער האָט אָקאָרשט, פּרי׳ער מיט א האַלבער שאָ, אויסגעהויכט די נעשאָמע אונטערן מעסער. אזא יונגער, שיינער באָכער, בלוט און מילך. פון זײַן צעלעכערטן אינגעווייד האָב איך ארויסגעצויגן צוועלף שפּליטערס און צוויי קוילן. מעגלעך, אז בא אנדערע אומשטענדן, אין נאָרמאַלע קלינישע באַדינגונגען, וואָלט מען דעם אײַזערנעם יונג געקאָנט ראַטעווען. ליידער, — לאָזט ער אראָפּ שולדיקלעך דעם קאָפּ, — איז מיר די כירורגישע אָפּעראַציע ניט געלונגען. איך קאָן זיך דאָס ניט מויכל זײַן. אָך, ליבער איסאַק אראָנאָוויטש, ווי איך האָב געוואָלט, דער באָכער זאָל בלײַבן לעבן. זײַנע לעצטע ווערטער — „כ׳האָב נאָך די וועלט ניט געזען”... — ליגט בא מיר אינעווייניק, אָט דאָ אין הארצן, ווי דאָס פאַרגייענדיקע קאָל פון אן אומשולדיק קינד. צום גרויס באַדויערן, האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן ראַטעווען דעם יונג. מײַן ווילן איז געווען א סאַך גרעסער ווי די מעגלעכקײַט. איין ברייערע איז געבליבן, לאכט נאָר ניט פון מיר, איסאַק אראָנאָוויטש, מיספּאַלעל זײַן... ווי א נארישער גוילעם האָב איך טיף אין הארצן טפילע געטאָן, אָבער דער „אלמעכטיקער” האָט מײַן קאָל ניט פאַרנומען. אָפּשרײַען דעם וווּנדערלעכן באָכער אף אזא פאַנאַטישן אויפן האָט, פאַרשטייט זיך, קיין פּולע ניט געהאַט.

— ערגערט זיך ניט, דאָקטער, — טרייסט אים דער שנײַדער, — עס מאַכט זיך אזעלכס. א דאָקטער איז ניט קיין מאַלעך פון הימל, — נעמט ער פרײַנטלעך אים אונטערן אָרעם, — אָן אײַך, טײַערער דאָקטער, — מוטיקט ער אים, — וואָלט געווען פיל ערגער.

— אָן אײַך אויכעט, סאַקיאַ־מוני.

— א גלײַכעניש א ביסל!

שפּאַנענדיק אזוי פּאַמעלעך אינצווייען איבערן וואַלד מיט דער אויסגעטראָטענער ווײַס־צוגעבלויטער סטעזשקע, עטוואָס ארוף העכער, בא א זײַט, פּאַזע דעם וועג, וואָס פירט צו די אין שניי פאַרזונקענע קעלער־שפּײַכלערס, פאַרבײַ דער טונקעלער קוזניע, וואָס איז אײַנגעהילט אין זויערן רויך, האָבן זיי, דער כירורג און דער שנײַדער, פּונקט אָנגעטראָפן אפן אלטן קאָמיסאַר טימאָפיי טימאָפייעוויטש, א מענטש, וואָס האָט שוין אריבערגעטראָטן די מיטעלע יאָרן, מיט א ברייט פלאַטשיק פּאָנעם, אדורכגערעשעט מיט געפּאָקטע גריבעלעך, ווי ער וואָלט אָפּגעלעבט א לעבן אין א ווײַטן מידבאָר פון הייס־גלי׳ענדיקע זאַמד־ווינטן. אָנגעטאָן איז דער אלטער קאָמיסאַר אין א שאָפּענער קורטקע, שטײַף אונטערגעצויגן די לענדן אונטער א ברייטלעכן סאָלדאַטישן רימען. די וואַטאָווע הויזן ארײַנגעטאָן אין יוכטעווע ריזיקע שטיוואַלעס. יעדן שווערן טראָט, וואָס ער שטעלט, הילכט אָפּ לעבעדיק־קוויטשיק אף א מעהאַלעך.

— ביידע, זע איך, זײַנט איר געקומען זיך קלאָגן, — זאָגט דער אלטער וואָיאַקע אומצופרידן, — נאָך אזא בלוט־באָד, נאָך אזויפיל פאַרלוסטן. — בייז, אָנגעבלאָזן קוקט ער קרום און מיט צאָרן, — נו, דערלאַנגט אהער אײַערע טײַנעס, איך הער אײַך מיט אָנגעשטעלטע אויערן. נו? — גורט ער אָן דעם רוקן, וואַרטנדיק ווי אף א שווערער לאַסט. וואָס זשע שווײַגט איר? רעדט! איך וויל הערן פון אײַך דײַטלעך לאָשן! שיט ארויס אלע אײַערע פּרעטענזיעס. איך ווייס, אז אײַך איז אויך ניט זיס.

— אומזיסט, טימאָפיי טימאָפייעוויטש, לאָזט איר צו אונדז אויס דאָס ביטער הארץ, די שווערע דאָסאַדע, — נייגט דער דאָקטער לעטשענקאָ דעם מידן קאָפּ אף א זײַט, ווי ער וואָלט מיט דער מילד־געלאַסענער, פרידלעכער געמיטלעכקײַט וועלן פאַרווייכערן, אף וויפל עס וועט זיך לאָזן, דעם זאָקנס פײַנלעכע קלעמעניש. — מיר האָבן פאַר אײַך, טימאָפיי טימאָפייעוויטש, — זאָגט ווײַטער דער כירורג. — זיך ניט וואָס צו קלאָגן. צו וועמען קאָן מען האָבן טײַנעס? וואָס זאָל מען טאָן? אזא גוירל איז אונדז אויסגעפאַלן. ניין, ניין, קאָמיסאַר, קיינע שום באַקאַשעס. גאָר פּאָשעט, מיר האָבן זיך אף א היימישן אויפן מיט אײַך געוויטעוועט. אז מע באַגעגנט אפן וועג א נאָענטן מענטשן, זאָגט מען אים, ווי דער שטייגער איז, דאָברי זדראָוויע, א געזונט אף אײַך...

— ווירקלעך אזוי, גאַנץ ריכטיק, ליבע מענטשן. אף אײַך וויל איך אויך זען געזונט און אלדאָס גוטס. זײַט מויכל אן אלטן אויוווערבאָטל, אָדער, ווי איר האָט ליב מיך אָנרופן, „אלטער אשמעדײַ”, — ווערט דער קאָמיסאַר גנעדיקער, — די נערוון, צו אלדי שווארצע יאָר, האָבן א ביסל נאָכגעלאָזט. דער לאַזאַרעט, — ווענדט ער זיך ווידער צום מיד־אויסגעשעפּטן דאָקטער, — דער לאַזאַרעט, זאָג איך, איז מיסטאַמע בא אײַך פיל און פול. א קאָפּ אף א קאָפּ?

— פרעגט ניט, טימאָפיי טימאָפייעוויטש.

— האָבן מיר דאָס געהאַט א נעכטעלע, נו־נו...

— ווער־ווער, נאָר מיר האָבן דאָס גוט געפילט.

— אזעלכע נעכט געדענק איך שוין לאַנג ניט. אונדז האָט עס אָפּגעקאָסט געוווּג. קיין אנדער ברירה איז ניט געווען. מע האָט געמוזט גיין אף גרויסע קאָרבאַנעס, שווערע פאַר־לוסטן. נאָר זיי, די מענוואָלים, וועלן אויך, דוכט מיר, אזוי גיך ניט קאָנען קומען צו־זיך. דעם שאָדן, וואָס די כעוורע האָבן אָנגעטאָן דעם דײַטשישן גאַרניזאָן, וועלן זיי לאַנג האָבן צו געדענקען. דאָס איז ניט נאָר פאַר זיי א העזעק, נאָר אויך א שטיקל מאַפּאָלע. דער דרייסטער אָנפאַל פון אונדזערע כעוורע האָט געוויזן באַשײַמפּערלעך, אַף וואָס מיר זײַנען פייִק, — בלויז אַף איין ווײַלע טוט ער פאַר זיך א קלער, — אײַך, דאָקטער, פעלן געוויס אויס, — זאָגט ער באַזאָרגט, — מעדיקאַמענטן, אײַנבונד־מאַטעריאַל?

— יאָ, עס פעלט, טימאָפּיי טימאָפּייעוויטש, ניט אויסצורעכענען, וואָס אונדז פעלט. האַ־לעווײַ וואָלטן מיר פאַרמאָגט דאָס, וואָס אונדז גייט אָפּ, — ענטפערט אומעטיקלעך דער דאָק־טער לעטשענקאָ, — עס קומט אויס נוצן אין דער ארבעט פּראָסטן פּויערישן לײַוונט אָנשטאָט מאַרליע.

— עפּשער איז נייטיק אופשטעלן נאָך א באַראַק פאַר די פאַרווונדעטע?

— נייטיק, קאָמיסאַר, ווי דאָס לעבן.

— דאָס גראַדע איז לײַכט צו פּויעלן. לאָדנאָ, הײַנט נאָך, דאָקטער, וועט די בוי־קאָמאַנ־דע זיך שטעלן צו דער ארבעט. בילכער פון אלעמען זײַנען די פאַרווונדעטע. פאַר די קראַנ־קע, ליבער דאָקטער, וועלן מיר שאַפן דאָס שענסטע און בעסטע, — שנײַדט דורך מיט דער קאָליקער האַנט דער אלטער וואָיאַקע ענערגיש די פראָסטיקע לופט, — מיר וועלן אלץ טאָן פאַר זייערטוועגן, אלץ, וואָס מיר האָבן בעיאַד, גאָרניט זשאַלעווען.

ווײַט אין דער נידער, דורך דעם בלוילעכן געפּריר־נעפּל, קוים צו כאַפּן מיט דער ריע, באַוועגט זיך א טונקעלער פּלעק איבערן ווײַסן פּליין. צײַטנווײַז ווערט דאָס פּויזענדיקע שפּרענקעלע פאַרזונקען אינעם בלענדנדיקן שניי, דערנאָך פּויזעט ווידער אַרוף דאָס באַוועג־לעך־צאַפּלדיק קנײַלעכל אַפן שעמערירנדיקן שניי.

טימאָפּיי טימאָפּײעוויטש איז געוואָרן ערנסט און אומרויִק; וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? פּיל צעדרויבלטע שאָטנדלעך נעמען זיך וויברירן אַף זײַן צעגריבלט פּאָנעם, וואָס צווינגען דעם דערפרערנעם קאָמיסאַר ווערן אָנגעשטרענגט.

— יענע זאָגע, — זאָגט ער אַ היפּש ביסל צערודערט, — איז דאָך לאָכלוטן פאַר אונדז אַ טויטע. ווער האָט עס דערוועגט ברעכן די אײַנגעשטעלטע אָרדענונג? מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט מען געוואָגט אַרײַנרײַסן זיך דורך יענעם, שטרענג פאַרבאָטענעם טויער? — נעמט ער זיך בײזערן, ער האָט זיך טיף אײַנגעקוקט אין יענער ריכטונג, פונוואַנען דער באַוועגלעכער טונקעלעך פלעק האָט זיך געהאַלטן אין איין דערנעענטערן. — ווו זײַנען פאַרשווונדן געוואָרן די וואָך־פּאַטרולן? — נערווירט ער ביז מעשוגאַס. — איך וועל קײנעם ניט שוינען...

דער דאָקטער און דער שנײַדער זײַנען בײדע ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

ביסלעכווײַז שנײַדן זיך אויס בוילעטער די קאָנטורן פון אַ פערד מיט אַ שליטן. דער פרײַערדיקער וועג, וואָס פלעגט פירן צו די ליים־גריבער און צו דער ציגעלניע, ליגט איצט דרעמלענדיק פאַרשאָטן אונטער אַן אומבאַרירטן שניי־צודעק. יעדעס מאָל קומט אויס דעם האַלב פאַרפרוירענעם אָנטרײַבער דורכשלאָגן פאַרן געשפּאַן אַ וועג. דערפאַר, אַפּאָנעם, טוקט ער זיך מיט זײַן פערד און שליטן צו אָפט אין די טיפע אָנגעטראָגענע שניי־הורבעס. דער אָנטרײַבער מיט זײַן פערד און שליטן ווערט אַלע ווײַלע פאַרזונקען און שווימט ווידער אַרויס אַף דער אויבערפלאַך.

אין איין אויגנבליק איז בײסמײַסע צוגעלאָפן גאָר אַ יונג באָכערל אין אַ צעכראַסטעט פּעלצל, אָן אַ היטל, צעשויבערט, ווי פון אַ וויכער געטראָגן.

— מע האָט געקלונגען פון זעקסטן פּאָסט, — ראַפּאָרטירט דאָס באָכערל צעטראָגן אין איין אָטעם, — ניט ווײַט פון כוטאָר ווישניאַקאָווקע, וואָס געפינט זיך לעבן דער אָזערע, האָט מען געפונען אונדזערן אַ מענטשן, וואָס טראָגט אַף זיך אַן אָפּיצערישן מונדיר.

— האַ? — פרעגט איבער דער קאָמאַנדיר. — ווען? וויאַזוי?

דאָס יונגע באָכערל צוקט אַ פאַרלוירענער מיט די אַקסלען, ער ווייסט ניט.

— טויט?

— נאַפּאָוואַל אָוועקגעלייגט. דער גוף זײַנער איז פאַרפרוירן, ווי אַ ביין.

טימאָפּיי טימאָפּײעוויטש האָט זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געבן, שטעלנדיק ברייטע טריט אַנטקעגן דעם פערד און שליטן, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צו דער טעריטאָריע פון דער דריטער מאַכנע.

באַם שנײַדער האָט שיִר ניט געפּלאַצט דאָס האַרץ. ער קלאַמערט זיך אָנמעכטיק אינעם כירורג לעטשענקאָ, זוכט ווי אַ בלינדער אַן אָנשפּאַר. אַ קורצע ווײַלע פילט דער שנײַדער, ווי די ערד נעמט זיך וויגן אונטער די פיס. ווען ער האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אַף אומצופאַלן, האָט דער דאָקטער אונטערגעלייגט זײַנע מאָגערע הענט.

— איסאַק אַראָנאָוויטש, וואָס איז מיט אײַך?

— אייסעך־וואָס, — שטאַרקט זיך דער טולטשינער מיט אַלע קויכעס. איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, — גאָרניט מיט גאָרניט. קאָפּ־שווינדל. עס וועט באַלד איבערגיין.

— קאָפּ־שווינדל, — זאָגט דער דאָקטער לעטשענקאָ ערנסט, פאַרוואָרפנדיק דעם שנײַדער, — איז אויך ווײַט ניט קיין פריילעכע קרענק. דעם געפאַלענעם האָט איר געקענט באַם לעבן? — פרעגט זיך נאָך דער דאָקטער.

— אַ קליין ביסעלע. — ענטפערט דער שנײַדער שפּאָרעוודיק אײַנגעהאַלטן. — קיין כאַווער איז ער מיר ניט געווען צו אַ קאָמפּאַניע. געקענט האָבן מיר זיך פונדערווײַטנס...

— אַצינד, טײַערער פרײַנט, איסאַק אַראָנאָוויטש, קומט שנעלער אין לאַזאַרעט, וועל איך אײַך געבן די נייטיקע רעפּוע. איר מוזט, פרײַנט מײַנער, אָפּט זײַן אַף דער לופט. רײַסט ניט אַרונטער אײַער לעצט ביסל געזונט. עס שטייט אונדז נאָך פאָר היפּשע פּעק איבערצוואָרפן.

דעם דאָקטער איז אויסגעקומען אונטערשטעלן אַן אַקסל, בייס זיי האָבן זיך אינצווייען געלאָזט אַראָפּ דעם געשלענגלטן, גאַנץ טיף פאַרשנייטן בערגל, צום מעדפּונקט. אין דער ניי־דער צום פרונט פונעם לאַזאַרעט איז שוין געשטאַנען דער שליטן, פאַרזונקען ביז די ברייט־לעכע פליגל אין פוכיקן שניי. אומעטום אַרום פערד און שליטן ליגן צעפלויגענע שטרויע־לעך, אַזעלכע ציטעריקע, צונויפגעדרייטע, דורכגעפרוירענע, קלעפּן זיך צו דער זויבערער ווײַסקײַט. דאָס קליינע שטיקל פלאַץ ווערט עפּעס גרוילעכער פון דעם פאַרפאָרענעם שליטן.

דער אויסגעצויגענער וואָלגער לערער, אַן אײַז־פאַרקליאַקנעטער, איז געלעגן מיטן אָפּענעם פּאָנעם אַרויף, גליווערדיק פאַרשטאַרט. די זעלבע פריש ראָזלעכע באַקן, די זעלבע יונגע ליי־טערקײַט אינעם העלן געזיכט, נאָר שוין אַצינד עטוואָס געלאָשן, ווי מיט אַן אײַז־הײַטל פאַרצויגן.

טימאָפּיי טימאָפּייעוויטש האָט זיך שווערלעך־זקייניש אַראָפּגעלאָזט אַף די קני און שטיל געוואָרגן אין זיך די טרערן, אונטערכליפּענדיק, פּאָטערלעך געקושט דעם ווײַסן אַנטבלויזטן שטערן. דער פּאַרפּרוירענער גוף האָט זיך ווי צונויפגעגאָסן מיטן פּראָסטיקן שניי.

— קאַלזמאַן מיר לעבן, — ברענגט דער קאָמיסאַר שטיל אַרויס, — וועלן מיר דיך שטענ־דיק, קאַמפּס־ברודער אונדזערער, טרײַ האַלטן אין זיקאָרן און אין האַרצן. די ערד זאָל דיר זײַן גרינג!

דער באַטריבטער שנײַדער האָט געוואָרפן אַ זײַטיקן בליק און באַמערקט, ווי דער נײַער מונדיר איז ערטערווײַז דורכגעברענט. אָט די דאָזיקע נישטיקע פּיצלדיקע גרײַפּעלעך האָבן פּאַרמאָגט דעם שטאַרקן טײַוולאָנישן קויעך דורכצוועגבערן אַף דורך און דורך דעם יונגן גע־זונטן קערפּער... עפּעס גלייבט זיך ניט, אַז מער וועט דער שלאַנקער וואָלגער לערער ניט אַרײַנקומען אין שנײַדער־שטיבל.

ערשט אַרום פּאַרנאַכט האָבן זיך פּאַרזאַמלט באַם אָרן העכערע קאָמאַנדירן, פּרײַנט, כאַ־ווערים. זיי זײַנען געקומען זיך געזעגענען מיטן אַנאָנים, אָפּגעבן אים דעם לעצטן קאָוועד. בעלי־סאָפּעק האָבן אייניקע פּאַרטיזאַנער גוט געוווּסט וועגן דעם לעגענדאַרן וואָלגער לערער, וואָס פּאַר אַ באַדײַטנדיק אָרט ער האָט פּאַרנומען צווישן די נעקאָמענעמער. געציילטע האָבן וועגן אים געוווּסט גענויער, פּראָטימדיקער, וואָס דער באָכער האָט מיט זיך פּאָרגעשטעלט.

אַפן דריטן צי אַפן פערטן טאָג נאָך דער קווורע, אונטער אַ פּראָסטיק אויסגעשטערנטן הימל, פּונקט אין אַזאַ ווינטער־נאַכט האָט אַ היפּשע גרופּע פּאַדריוווניקעס, בעראָש מיטן אַלטן קאָמיסאַר טימאָפּיי טימאָפּייעוויטשן, בישטיקע אַרויסגעשלײַכט זיך פונעם לאַגער, ווי די גע־שפּענסטער. גוט באַוואָפּנט, אָנגעלאָדן מיט האַס און צאָרן, האָבן זיי זיך געלאָזט צו דער ווײַטלעכער קנופּ־סטאַנציע. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אין פּאַרטיזאַנישן שטאַב אָוועק־געלייגט אַפן לאַנגן טיש דעם אָפּיצערישן מונדיר פונעם געפאַלענעם אויסשפּירער און פּאַר־זיכטיק, געהיט, ווי פּאַר אַן איידעלער קאָמפּליצירטער אָפּעראַציע, געקישעפט אַרום אים, גע־זוכט, „געגנישטערט און אַלע עקספּערטן זײַנען געקומען צו איין באַשלוס: פּאַלמעסן דעם מונדיר.

סאַקיאַ־מוניס אופגעגנייטע אוניפּאָרם איז צענומען געוואָרן אַף באַזונדערע טיילן און טיי־לעכלעך. מ׳האָט אופגעטרענט ווו ערגעץ אַ נאָט, אַרויסגעצויגן דאָס אונטערגעבעט האָר־דעקל, סאָפּקאָלסאָף אָנגעטאַפּט באַ דעם האַנט־לײַסטל, העכער דעם אָרעם, פּאַרוקט אינעם אונטער־שלאַק, דאָס, וואָס דער אויסשפּירער האָט פּאַרשטופּט, באַהאַלטן מיט אַזויפּיל באַוואָרעניש און זאָרג. אינעם דינעם פּאַסיקל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר זײַנען געווען אָנגעצייכנט שטריכעלעך, צוויי־פּונקטן, קלאַמערן, רינגעלעך גרעסערע און קלענערע. דעשיפּרירן דעם קאָד אַף אַ פּאַרשטענד־לעך לאָשן וואָלט עס אוודע אָנגעפּילט ניט ווינציק זײַטלעך פּאַפּיר. דאָרט זײַנען מיטגע־טיילט געוואָרן ביז גאָר וויכטיקע ידיִעס, וואָס האָבן אַ באַטײַט ניט נאָר פּאַר די פּאַרטיזאַנער גופּע, נאָר אויך פּאַר דער „גרויסער ערד״, פּאַרן פּראָנט.

...דאָס טשוהונענע איירועלע אין שנײַדער־שטיבל שטייט קימאַט אויסגעלאָשן.

די עלנטע פּאַדאָליער ווײַבער שלאָפן אין זייערע אָנגעפּרינדעטע גראָבע קליידער נאָכן שווערן טאָג אַרבעט ניט נאָר טיף און געשמאַק, ווי מע איז געוווינט צו זאָגן, מע שלאָפט ווי די געהאַרגעטע. אינדערהייך, אַף אַ באַרג אַלטע זאַכן, האָבן זיי זיך פּאַרקליבן אַף נאַכט־לעגער און דריכנען אינעם אָנטאָן, כאָטש עס שאַרײַעט שוין אַף טאָג. מעגושעמדיקע פיגורן ייווײַזן די צעשפּרייטע שאָטנס, וואָס פאַלן פונעם צוגעדרייטן נאַפט־לאָמפּ. אַ זויערלעכע צע־פּרײַעטקײַט פון צוגעלגערטער האַלבאָשע ציט פון אַלע זײַטן, באַזונדערס לאָזט זיך פּילן ענלעך עפּעס צו שאָפּן־שוויס... דער טולטשינער איז אַזוי אָפּגעזעסן אין זײַן רעזידענץ אַ גאַנצע נאַכט באַם הוילן צושנײַד־טיש, די קנאָכיקע הענט־פּויסטן אונטערגעשפּאַרט אונטערן קאָפּ, האַלב וואַכנדיק. „גאָטעניו, גאָטעניו, — גרילצט די טויבע שטילקײַט אים אין האַרצן, — צוואָס האָסטו אָנגעשיקט אַזאַ בלוט־מאַבל אַף אונדז? נעמסט אוועק אָן אַ קאָפּ ראַכמאָנעס דאָס שענסטע און דאָס בעסטע...״

איידער אין וואַלד האָט אָנגעהויבן ווערן רעכט ליכטיק, האָבן געגומען מוירעדיק קנאַלן הילכיקע אופּרײַסן. יעדעס מאָל טוט אַ ריס אַוף אַזאַ שרעקלעכער דונער, גלײַך ווי די וועלט גייט אונטער. ערד און הימל מישן זיך אויס פון אַזעלכע דונערן. ניט טויט און ניט לעבעדיק לאָזט זיך דער צעטומלט געוואָרענער שנײַדער גיך אין דרויסן אַרויס — וואָס איז געשען?

פּול, איבערפּול שטייט דער וואַלד מיט אופגערודערטן טומל. באַיאָרטע מענטשן, ווײַבער, קינדער זײַנען אויסער־זיך פון פרייד. שפּרינגען, טאַנצן, פּאַטשן מיט די הענט, באַגריסן איי־נער דעם אַנדערן, ווי אַף אַ גרויסער סימכע. אַלע, גרויס און קליין, שײַנען פון נאַכעס, פּאַר־

גיסן טרערן פון פרייד, זינגען, מע ווארפט זיך איינס דאָס אַנדערע אַפּן האַלדז. דער וואַלד־הימל שטייט דורכויס אין קנוילן רויך, שיר ניט ווי מע פּילט דעם זויער־ביטערן טאַם פון שוועבל־גאַז. אין די אויגן שפּיגלען זיך מאַמעש אַף די ווײַטע צעבושעוועטע סרייפע־פלאַמען. וואָס אַמאָל לאָזן זיך שטאַרקער הערן די טראַסקענדיקע אָפּהילכן, כאָטש זיי טראָגן זיך פון גאַנץ ווײַטע שטרעקעס.

אין צעוואָרפענע ערטער וואַרפט זיך דורך דער וואַלד־אוילעם מיט אַ שאַרף־בײַסיק וואָרט, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט האַס און צאָרן:

— זאָלן זיי זיך פּרעגלען, די פאַרשאָלטענע מערדער, אַף דער פּאַרטיזאַנישער סקאָווראָדע...

— אונדזער טימאָפיי טימאָפייעוויטש דערלאַנגט די שלענג פעפער מיט כריין!

— זיי וועלן גיך אָנהייבן כאָרכלען ווי פאַר דער גסיסע.

שווערע קלאַפּעס, פאַרביטערטע זילזולים, גיפטיקע שעלטענישן ליגן באַ איטלעכן אַפן צונג.

שוואַרצע קנוילן רויך הענגען איבער די ווײַטע האָריזאָנטן און פאַרשטעלן דעם אָנברוך אַף טאָג, שווער ווערט געבוירן דער אָנקום פון העלן פרימאָרגן. נאָר דער מיט הימל, וואָס איז גרוי און פאַרטשאַדעט, נעמט ערטערווײַז אַרוף אַף זיך די דריבנע קאַיאָר־שפּורן, פּיצל־דיקע ראָזלעכע פלעקן. ערגעץ פלאַקערן נאָך סטראַטעגיש וויכטיקע אָביעקטן.

און דאָך האַלט עס נאָך, זעט אויס, זייער און ווײַט צו דעם ענדגילטיקן זיג. די כײַע ווײַזט אַרויס אַ ביז גאָר פעסטן ווידערשטאַנד, שטשירעט מיט די ציין, ברילט באַ יעדער דורכפאַל, באַ יעדער מינדסטער מאַפּאָלע... יאָ, דער סוינע איז נאָך גענוג שטאַרק און מעכטיק. דער לעצטער אַנטשיידענער בראָך שטייט אים נאָך פאָר.

ניט ווינציקער פון אַלע פרייט זיך אויך דער שנײַדער רעב ייִצכאָקל פון טולטשין. דער כילעק באַשטייט נאָר אינדערינען, וואָס ער טראָגט שטיל די גדולע אין זיך, גייט ניט צופיל אַרויס פון די קיילים, כאָטש ער איז פונקט ווי אַלע איבעריקע באַהערשט מיט דערהויבענע געפילן, מיט גוטע ליכטיקע האָפענונגען.

אין יענעם ווינטער־פרימאָרגן איז דער אומענדלעכער וואַלד פּראַסטיק פאַרקאָוועט גע־וואָרן אין עפּעס אַ באַזונדער שטילער ווײַסקײַט, פּאַרכטיק שטיל געוויגט זיך. אַף לאַנג איז באַם שנײַדער געבליבן טיף אײַנגעקריצט אין זיקאָרן דער ברייטביינערדיקער אַלטער קאָמי־סאַר, מיטן אויסגעסאָרפּעטן מידבאָר־פּאָנעם טימאָפיי טימאָפייעוויטש און זײַן שרעקלאָזע קאָ־מאַנדע פּאָדריוויניקעס — אַ קויעך, וואָס האָט זיך אָצינד מער געפּילט ווי ווען־עס־איז צווישן די נעקאָמענעמער.

איגאָר מאַרקושין, דער אַלטער פרײַנט און פּאַרטיזאַנישער קאַמפּאַס־כאַוער, איז געקומען צו סאַקיאַ־מוניס מיטיק פּײַן אויסגעפּוצט און וויל אופגעלייגט. דער טולטשינער שנײַדער איז פאַר מאַרקושינען געוועזן איינער פון די נאָענטסטע פרײַנט, צו וועמען מע קאָן זיך לאָזן מיט אַן אָפּן האַרץ, ווי צו אַן אייגענעם ברודער.

דאָס שיין פאַרוויקלטע פּעקל, אײַנגעבונדן אין זײַדענע סטענגעס, מיט דער גוטער פלאַש ווײַן האָט מאַרקושין ברייטהאַרציק אַוועקגעשטעלט אַפּן סאַמע מיט פונעם רייך־געדעקטן טיש.

— זאָל מיר געגעבן ווערן די רעכט, אַלטער פרײַנט מײַנער סאַקיאַ־מוני, צולייגן מײַן שטיקעלע כיילעק, — זאָגט ער ניט הויך, נאָר קימאַט פײַערלעך, — צו דײַן פּײַנעם קיבעד.

— מאַרקושינס שטיקלעך... אײַ מאַרקושין, מאַרקושין, און עס איז דיר קיין בושע ניט? שעמען מעגסטו זיך. ביסט מײַן גאַסט און ווילסט מיט דײַן צוגעלייגטן כיילעק פאַרמינערן מײַן ביסעלע פאַרגעניגן, וואָס איך האָב געוואָלט הײַנט האָבן. דײַן צושטײַער, מאַרקושין, איז איבעריק. אַף מײַן וואָרט, לאַכלוטן איבעריק. באַ מײַן טיש, מעגסטו מיר גלייבן, ווערט גאָרניט פעלן.

— בייזער זיך ניט, סאַקיאַ־מוני. נו, גוט גוט, זײַ מיר דאָס מאָל מויכל, סטאַרינאַ, רעכן, אַז איך בין באַגאַנגען אַ פעלער. ביסט אין אַלע צײַטן, זינט איך געדענק דיך, סטאַרינאַ, געווען צו מיר גוט און צוגעלאָזן. בעט איך דיך, זײַ ניט פאַרכמורעט, קרים זיך ניט. ווילסט, איך זאָל נעמען דאָס פּעקל און טראָגן צוריק אין קראָם אַרײַן?

— נאַרישקײַטן.

גרינג און שטיל, קימאַט אומבאַמערקט איז אַרײַנגעקומען אין זאַלכל די באַלעבאָסטע אַליין — אַ ריינע, אַ ציכטיקע, אַ ווײַבל פון העכער די מיטעלע יאָרן, בעטעווע אַ שווײַגנ־דיקע און אַ צוריקגעהאַלטענע. איר טונקל מאָגער פּאָנעם, אָולדיק, ווי זי וואָלט זיך באַמיט

אויסבאַהאַלטן פאַר אַ זײַטיקן ווי ווײַט מעגלעך די סימאָנים פון אינווייניקסטן צאַר. איר פּרי־
אַלט געוואָרן פּאָנעם מיט די צוגעשטילטע אויגן האָבן אײדעס געזאָגט וועגן אירע גײַסטיקע
ליידן. עס האָבן זיך לײַכט געלאָזט מערקן די אַלע פאַרהוילענע שראַם־צייכנס פון אַ צעבראָ־
כענער נעשאָמע.

— פּרײַנט מאַרקושין, זײַט באַקאַנט, — דאָס איז מײַן לײַבלעכע שוועסטער.

— דינע, — ברענגט די שוועסטער זײַנע אַרויס טמימעסדיק איר נאָמען, — דינע אַראָ־
נאָוונע, — שמייכלט זי דריבנע מיט דער גענוגער מאָס העפלעכקײַט, — מאַרקושין... מע דערמ־
מאָנט אײַך אָפּט אין דער דאָזיקער שטוב. בעט איך אײַך טאַקע, מאַרקושין, פילט זיך בא
אונדז ניט ווי קיין גאַסט, נאָר ווי אַ ליבער היימישער מישפּאָכע־מענטש.

— פאַר דיר, שוועסטער מײַנע, שטייט דער לעבעדיקער איגאָר מאַרקושין, — רופט דער
שנײַדער אויס פריילעך אויפן גאַנצן קאָל, — שטעלסט זיך ניט פּאָר, דינע, וואָס פאַר אַ שעם
דער שעלמאַק האָט זיך דערוואָרבן. אַ לעץ צווישן כעוורע לייצים. קוקסט אים אָן, דינע, אַך,
איז דאָס אַמאָל געווען אַ יאַט מיט ביינער... מיראָוואָי פּאַרען.

— כוץ אַלעמען, — גיט נאָך מאַרקושין אַליין צו סאַרקאַסטיש, האַלב אין שפּאַס, — איז
דער באָכער זײַנערצײַט באַרימט געווען מיט זײַן שיקרעס, אַ שיקאָרניק אײנער אין דער
וועלט. אָן אַ קאָפּ ראַכמאָנעס געקוילעט צוויפיסיקע כײַעס און געזשליאָקעט סאַמאָהאָן אַף
וואָס די וועלט שטייט. אַזוי, גנעדיקע פרײַלן, איז געגאַן אונדזער וואָכעדיק לעבן באַם סוינע
אין הינטערלאַנד. דער גוירל איז אויסגעפאַלן אַף אונדז, מענטשן פון וואַלד, נעמען נעקאָמע.
זאָל דער אַלמעכטיקער אין די הימלען אונדז שטראָפן מיט דער גרעסטער שטראָף, אויב מיר
זײַנען געווען אומגערעכט. צו יעדער צײַט, דינע אַראָנאָוונע, זײַנען מיר גרייט זיך שטעלן
אַפילע, זײַט מוכל, אין אונטערוועש פאַר זײַן גערעכטן מישפּעט.

אוואַדע איז מאַרקושינען געווען זייער אָנגענעם צו פאַרברענגען באַם יאָמטעוודיקן טיש,
טרײַבן שפּאַס, לעצעווען, לאָזן זיך ווילגיין, צופּעפּערן מיט אַ שאַרף וואָרט, פאַרווײַלן די
שטוב־באַלעבאַטים מיט אַ פריילעכער כאָכמע, אַ שאַרפזיניקער וויץ גייט אויך ניט אַרום טיש
אין ניוועץ. דעריקער, עס איז דאָ וועגן וואָס זיך דערמאָנען. ווי פלעגט מען זאָגן אין טול־
טשין? דאָס שווער איבערגעלעבטע לויפט ניט אָפּ ווי דאָס וואַסער...

און דאָ, אינמיטנדערינען, גאָר פּלוצעם, שטעלט זיך אַרײַן אַ שלאַנקע שיינע מויד, אַ רוי־
שיק־טומלדיקע. אינײַנעם מיט איר האָט זיך אויך אין שטוב אַרײַנגעריסן עפּעס אַ מין אומרו,
יוגנט־ברויז, שטורמישער אימפּעט און אויך יענער גוטער באַקאַנטער קאָקעטישער רייץ, וואָס
טראָגט אין זיך אי דערהויבונג, אי גלאַנץ, אי אַנציקונג.

— אַך, ווי פײַן! — בלײַבט זי פאַרכידעשט שטיין אינמיטן זאַלעכל מיט אַ פּאָר אופגערי־
סענע צעצונדענע אויגן, — דאָס, פאַרשטיי איך, הייסט אַן עמעסע סודע. קיינער ווייסט ניט,
ווי איך האָב ליב היימישע פײַערלעכקײַט, — פאַלט דאָס שלאַנקע מיידל אַרײַן אין היספּײַ־
לעס, — מיר איז זייער ליב און טײַער, — זאָגט זי אַ צופרידענע, — אָט די פּראָסטע יאָמטעוו־
דיקע אינמיטנדערוואָכנס, וואָס ווערן ניט אָפּגעצייכנט אין קיין שום קאַלענדאַר. אַצינד לאָזט
מיר כאַפּן אַ רעכטן קוק אויפן באַלסימכע אַליין. — טוט זי כײַנעוודיק אַ וואָרף דעם געלאָקטן
קאָפּ האָר צום אַקסל.

דער טולטשינער האָט אָנגעקוועלט פון זײַן געראָטענער פּלעמעניצע. דאָס שיינע כײ־
נעוודיקע מיידל איז שוין לאַנג באַ אים פאַרעכנט אין האַרצן, ווי אַן אייגענע טאָכטער. ער
קלײַבט פון איר, ניט שעמענדיק זיך פאַרן גאַסט, גרויס טײַנעג.

— האַ? — ווינקט ער צו אַ גליקלעכער צו מאַרקושינען, גלעטנדיק זיך דערבײַ די רייך־
ראַזירטע באַקן. — ס'איז דאָ אַף וועמען אַ קוק צו געבן? — באַרימט ער זיך ווי אַן אייגענער
פּאָטער, — קום אַהער, טאָכטער! באַקאַן זיך מיטן נײַעם דראַמאַטורג איגאָר מאַרקושין.

ווירקלעך טאַקע, מיט איר דערשײַנען איז ווי געוואָרן ליכטיקער און פריילעכער אין אַלע
ווינקעלעך.

— עמעס, — אַבסאָליוט ריכטיק. יאָ, סאַקיאַ־מוני האָט קיין טאָעס אין כעזשבן ניט גע־
מאַכט, — טוט דער אויסגעסטראָצלטער גאַסט האַסטיק אַ הייב זיך אויף פון דעם ווייכן אַלט
געניצטן שטול, — אַזוי רופט מען מיך אַ גאַנץ לעבן, איגאָר מאַרקושין, — פאַרנייגט ער זיך
העפלעך און קושט איר די האַנט, — מאַרקושין איגאָר דעניסאָוויטש, — כאַזערט ער נאָכאַמאָל
איבער און גיט צו אַף זײַן אויפן, — פּראָשו ליוביט אי זשאַלאָוואַט.

— רופט מיך פּראָסט, פּאָליע.

— פּאָלינאַ...

— פּאָליע און גענוג. קוויטן, איגאָר דעניסאָוויטש, וועל איך אײַך אונטערטראָגן נאָך
דער פּרעמיערע.

— די שענסטע און שמעקנדיקסטע קוויט זײַנט איר אַלײן, פּאַלינאַ.

— פּאַליע.

זי האָט לײַכט אַ שמייכל געטאָן און ניט אָן ביטל פאַר זיך אַ קלער געטאָן: אַרטיסטן, מוזיקער, מאָלער, דראַמאַטורגן האָבן אַלע אײנע און די זעלבע טעווע: צוּוואַרפן גלאַט סטאַם ביליקע באַנאַלע קאָמפּלימענטן, וואָס אַרט עס זיי? דאָס דאַזיקע אַרטיקל קאָסט ניט טײַער...

ווינציקער פון אַלץ האָט מען באַם רײַך־סערווירטן טיש גערעדט וועגן דער נײַער פאַר־שטעלונג. ס'איז געווען בילכערס וואָס דערמאָנען, כּוץ מאַרקושינס פּיעסע, דער שנײַדער רופט עס אָן אויף זײַן אויפן „קלאַפּ־סעדרע". אַלץ טאַקע וועגן די אומפאַרגעסלעכע מילכאָמע־יאָרן, זייערע פאַרטיזאַנישע דערינערונגען, וואָס מע האָט צוזאַמען אין יעסורים און אין פּײַן דורכגעמאַכט דאָרט, אָפן קלײנעם שטיקל ערד.

אַך, ווי אָט דער לוסטיקער מאַרקושין שילדערט לעבעדיק די אַלע אופגעטויכטע עפּיזאָדן, סצענעס, סיטואַציעס, צוזאַמענשטויסן. וועגן יענע לעגענדאַרע מענטשן, וואָס ער דערציילט, רעדט ער מיט אַזאַ געטרײַשאַפט, מיט אַזויפיל האַרץ און נעשאָמע, איבערגעגעבנקײַט, אַז עס איז מאַמעש צו באַוווּנדערן, ווי זיי זיצן באַ אים נאָך אַדהײַנטיקן טיף־טיף אין בלוט, ווי פאַר־ביק, קאַלירפול ער מאָלט זיי מיט אַלע פּישטשעווקעס. יעדער אײנער פאַרמאָגט זײַנע אײַגנ־געבוירענע אייגנשאַפטן, זײַנע פּרימכעס, שטייגער, האַלטונג, כאַלאַסן. סאַראַ אונטערשייד פון איין געשטאַלט ביזן צווייטן, פּילערלײַי נאַטור־כאַראַקטערן, געוווינהײַטן, קאָל־האַמינים מי־דעס, טנועס, האַווײַעס, מײַלעס, כעסרוינעס. מאַרקושין מאָלט יעדן באַזונדער בוילעט, אָנ־שוילעך, מיט אַלע אָפּשניצלעך פון דעם אָדער יענעם פאַרשוין.

— איר מעגט זיך דערלויבן, איגאָר דעניסאָוויטש, — פּראַלט אויס דאָס מיידל, אַ באַגײַס־טערטע מיטגעריסן פון זײַנע וווּנדערלעכע פּאַסירטע מײַסעס, וואָס ער דערציילט מיט אַזאַ פאַרינטריגירטער שפּאַנונג און לעבעדיקן אינטערעס, אַז זי ווערט אַזש פאַרצאַפּלט, — איר זײַנט מעכויעוו עס טאָן, אָנשרײַבן אַ גרויסן פּרעכטיקן ראָמאַן וועגן אײַערע געוואַגטע לײַט פאַרטיזאַנער. באַשרײַבן די אַלע מענטשן אָן פּוצן און אָן איבעריקע שלייערלעך, אַזוי ווי איר דערציילט, זיצנדיק אָט דאָ באַם טיש... אַגעוו, — איז פּאַליע נאָך אַלץ פאַרכאַפּט מיט דער לעצטער שפּאַנענדיקער געשיכטע, — ווי, זאָגט איר, האָט מען גערופן יענעם פאַרשוין אין די גומענע שטיוול מיט דער אָפּגעקראָכענער קעציש׳ער פּאַפּאַכע, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען טאַמעוואַטע, אַ האַלב שטומער איבער די הײַזער רייניקן קוימענס?

— קיסליצע...

— קיסליצע, כאַ־כאַ, — נעמט שטיקן אין דעם מיידל אַ קײַכעניש, — קיסליצע... וועמען איז עס אײַנגעפאַלן צוטראַכטן אַזאַ מאָדנעם נאָמען? אַ האַמצאָע פון אַ דורכגעטריבענעם קאַ־טאַוועסטרײַבער, אַ פאַרשלעפּטע קרענק.

דער פּעטער אירער ווײַזט מיטן ווונק אָף מאַרקושינען.

— דאָס איז ער, טאָקטער, געווען אַזאַ מאַזיק, אַזאַ מאַרשאַלעק אָף אַזעלכע האַמצאָעס און אײַנפאַלן. אַ צווייטן שפּיצקאָפּ ווּסטו מיט קײן ליכט ניט געפינען. וואָס אָט דער קאַל־בוּיניק, דער דורכגעטריבענער שעלמאַק האָט זיך געקאָנט דערלויבן זײַנערצײַט, איז גאָרניט איבערצוגעבן מיט ווערטער.

מאַרקושין האָט זיך פון די רייד געמאַכט ניט הערנדיק און ניט ווּיסנדיק, ווײַטער געגער־מען דערציילן אינעם פּריזערדיקן נוסעך וועגן דער קיסליצע, נאָר עטוואָס אײַנגעהאַלטענער און געלאַסענער.

— ...דער דאַזיקער, שטענדיק אין סאַזשע פאַרויכערטער, פאַרמורזעטער יונגאַטש איז פאַרעכנט געווען אין דער אויסשפּיר־גרופּע. שטעלט אײַך פאָר, ליבינקע טאָקטער, אַז דער קוימענקערער, די קיסליצע פלעגט אָפּט ברענגען פון זײַנע שליכעס ווערטפולע ידיעס. נײן, טײַערע, איר האָט קײן אַנונג ניט, וויפל נוץ האָט געבראַכט אַזאַ סאָרט נעפעש... נאָך דער באַפרײַונג איז די אָפּגעלאָזענע ברי׳ע באַלוינט געוואָרן מיט אַ הויכן אָרדען, בעפּיירעש אָן ערלעך פאַרדינטן אָרדען.

— נו, און יענער בלאָנדין, דער לערער פון דער וואָלגע, פאַר וועמען סאַקיאַ־מוני, דער פּעטער מײַנער, האָט געגנייט דעם דײַטשישן אָפיצערן־מאַנטל? — פרעגט ווײַטער די פלעמע־ניצע פּאַליע, — יענער, זעט אויס, איז באַ אײַך געווען גאָר אַ וויכטיקער מענטש?

— געוויס, אָן סאָפּעק אָן אויסערגעווײנלעכער, אַ געוואַגטער, אַן אײַנשטעלער. דער וואָל־גער באָכער איז געווען בראַוו און מוטיק אין אַלע זײַנע געפערלעכע אָפּעראַציעס.

— דער מענטש, ווערדליק איך שטעל מיך פאָר, האָט געקאָנט, ניט וואַקלענדיק זיך, גײן אָף אַלץ. — שטעלט דאָס מיידל פאַר זיך פעסט, — ווען דאָס איז געווען נייטיק, פאַר דער זאַך.

— ריכטיק, ליובעניו, אבסאָליוט ריכטיק, — כאַפּט אונטער מאַרקושין, באַגײַסטיקנדיק פּאַליעס געדאַנק, — פֿאַרן וואָלגער לערער, כּיעס מײַנער, איז געשטעלט געוואָרן מער קאָמפּליצירטערע אויפֿגאַבעס, ברייטערע און טיפֿערע פֿאַרגעבונגען מיט א פֿיל גרעסערן פֿאַרנעם. עמעס, דער אויסשפּירער אונדזערער האָט געהאַט דעראָבערט פּילזײַטיקע דערפֿאַרונג, געענדיקט א ספּעציעלע מיליטער־שול, דורכגעמאַכט היפּשע פּראַקטיק, פֿאַרמאָגט גענוג געניטקײַט, באַקי געווען אין דער דײַטשישער אַרמיי־סיסטעם. דאָס אַליין איז שוין געווען א יעש פֿאַר אונדז. אוואַדע האָט דער וואָלגער געמוזט זײַן פֿאַר איטלעכן פֿאַרבאָרגן, פֿאַרהוילן. צײַטנווײַז פֿלעגט ער פֿאַרשווונדן ווערן אויף וואָכנלאַנג. זײַנע דעראָבערטע יעדיעס, איבערגעכאַפּטע פּלענער, דיסלאָקאַציעס, מאַנעווורירונגען האָבן געהאַט אַן אויסערסט וויכטיקע באַדײַטונג אַפֿילע פֿאַר דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפֿט אויף דער „גרויסער ערד”. אין מײַן פּיעסע „באַם סוינע אין די נעגל” פֿיר איך אַרויס דעם דאָזיקן ווונדערלעכן געשטאַלט אונטערן נאָמען סאָוועע פּאַנקין. וועגן אַזעלכע העלדישע קעמפֿער וועלן נאָך געשאַפֿן ווערן אין פֿאָלק גענוג לעגענדעס, נאָר דאָס איז שוין א טעמע, ווי זאָגט מען, פֿאַר זיך.

— אַנטשולדיקט, פּרײַנט מאַרקושין, איר פּערזענלעך האָט געקענט דעם לעבעדיקן וואָלגער לערער, סאָוועע פּאַנקינען?

— ווינציקלעך. נאָר ווייסן ווייס איך וועגן זײַנע טאַטן, שרעקלאָזע מײַסים. איך ווייס געניי, ווי ער האָט געקאָנט פֿאַראַכטן סאָקאָנעס, גרייט צו יעדער צײַט נעמען דעם אָקס פֿאַר די הערנער. דער צוגערעקאָמענדירטער ראַזוועדטשיק האָט אין זיך פֿאַרמאָגט אַן אײַזערנעם ווילן. דער מענטש איז פֿול געווען מיט ענערגיע, פֿעסטקײַט און אַנטשלאָסנקײַט.

— ווערדליק מיר געדענקט זיך, — דערמאָנט זיך דער שנײַדער, — האָט דער וואָלגער לערער מיט קיין פֿיזישער גוווּרע באַזונדערס זיך ניט אויסגעטײלט. א וווּקסיקער, שמאָל אין די ביינער, איך וואָלט אַפֿילע געקאָנט זאָגן, א גאַנץ איידעלינקער יונגערמאַן. אַן עמעסער אינטעליגענט, ווי עס פּאַסט זײַן א לערער. זײַנע ברעמען האָבן געהאַט א ליכטיקן קאָליר, א סאַך העלער פֿון די נידעריק געשוירענע האָר. עלף צי צוועלף מאָל איז דער וואָלגער יונגערמאַן געקומען אין שנײַדער־שטיבל אויף פּרימערקעס. די וועלט פֿון שנײַדערס, וואָס איך קען, האָט נאָך פֿון אַזעלכס ניט געהערט. דאָס לעצטע מאָל האָט ער דעם מונדיר אַרויסגעטראָגן פֿון דער מאַסטערסקאַיע אינמיטן דער נאַכט אײַנגאַנצן א פּאַרטיקן. ווערדליק מיר האָט זיך געדאַכט, איז דער מעפּונעק אַרויס פֿונעם שטיבל א צופֿרידענער. מע דאַרף אין זינען האָבן, אַז ער איז געווען, ווי מיר רופֿן עס אָן, זייער א קאַפּריזנער זאַקאַזטשיק. געטשעפּעט זיך צו קליינינקײַטן, גלײַך ווי איך האָב בעעמעס געהאַט צו טאָן מיט א שטרענגן אָפֿיצער. עפּשער צען מאָל אויף דער מינוט, פֿאַר מײַנע אויגן, האָט זיך געביטן די מינע אין זײַן פּאָנעם. אָט זע איך אים, ווי ער איז נערוועז אויפֿגעבראַכט, דערצאָרנט און טייקעף, טאַקע אין דער זעלבער מינוט, זע איך אים שוין א צוגעלאָזטן, א מילדן, מיט אַזאַ ווויל און גוט שמייכעלע, וואָס קײַקלט זיך ליב איבער זײַנע פֿריש ראָזלעכע באַקן, אַז עס ווערט דערפֿון וואַרעם אין האַרצן. אין אַזעלכע מינוטן איז דער לערער געווען מאָלע־טאַם. אָבער גאָר אין א קליינער ווײַלע אַרום לעשט זיך פּלוצעם אין אים אויס דאָס גוטע, לעבעדיקע פֿײַערל און עס בלײַבט קיין זייכער ניט פֿון זײַן מילדקײַט. פֿילסט מיט אַלע כושים, ווי פֿון זײַן שטילן און געצוימטן קאַס הייבט אין דיר אָן פֿרירן דאָס בלוט. עפּעס ווי א מין גליוווער, באַמערקסטו, פֿאַרציט זײַן אויסערלעכן אָנבליק. דער שטרענגער זאַקאַזטשיק מײַדט בעקיוון אויס צו געבן א קלאָרע טשוווּע, דרייט זיך אויס פֿון אַרויסברענגען אַן איבעריק וואָרט. ווען דער געהיימער פֿאַרשוין איז דאָס לעצטע מאָל אַרויסגעגאַן מיטן אויפֿגענייטן מונדיר פֿונעם הילצערנעם שנײַדער־שטיבל, געדענק איך נאָך ווי הײַנט, האָט ער שטומערהייט אויפֿן ווונק א מורמל געטאָן אין קאַלטן פּראָסטיקן דרויסן און סוידעסדיק, מיט א געהעכערט קאָל, אײַנגערוימט אויפֿן אויער, ווי ער וואָלט אָנגעטראָפֿן גאָר אומגעריכט אויף אַן אויצער... „זעסט, סאַקיאַ־מוני, — זאָגט ער א גליקלעכער מיט א פֿאַרהאַלטענעם אָטעם, — דער מוילעד איז אויפֿגעגאַן אין הימל...” און כאַפּט מיך אַרום האַלדזן און קושן, ווי סאַמע דער מאַזלדיקסטער אין דער וועלט. „ס׳איז א גוטער סימען... עס וועט זײַן רעכט! — רופֿט ער אויס באַגײַסטערט, — ווינטש מיר, ברודער, צו, עס זאָל זײַן מיט האַצלאָכע”. גלייב מיר, טאָכטער מײַנע, כ׳האָב דעם לערער ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. א מעשונע מאָדנער נעפֿעש. ערשט איצט, ווען איך קוק זיך אַרום נאָך אַזויפֿיל יאָרן, שטויס איך זיך אָן, וואָס פֿאַר א מערקווירדיקן פֿאַרשוין כ׳האָב באַגעגנט אין מײַן לעבן. דעם וואָלגער לערער וועל איך לאַנג האָבן צו געדענקען.

ווידער צו קעלישקעלעך, נאָכאַמאָל לעכאַיִם, צוגעביסן מיט היימיש געבאַקענעם לעקעך, כאָטש אויפֿן טיש איז אָנגעשטעלט פֿון קאָלטווו, עס פֿאַרכאַפּט מאַמעש דער אָטעם פֿון די באַטאַמטע געקעכצן. אָבער פֿאַרבײַסן מיט לעקעך, מיט היימישן קאָרענעם לעקעך, האָט עס עפּעס

גאָר אַ באַזונדער טאַם. ווי זאָגט די באַלעבאָסטע אין שטוב, דינע: ס'איז עטוואָס, טאַקע אַ קאַפּעטשקע, אי היימישער אי בעסער. זאָל עס אונדז דערמאָנען די אַלטע גוטע היים ווינעצע...

— עסט און טרינקט געזונט, מאַרקושין. זאָל אײַך ווויל באַקומען!

דאָס גרייטן און צונעמען פונעם טיש, דערלאַנגען אַלע מאָל פרישע מײַכאָלים — דאָס האָט געגומען אויף זיך דאָס זשוואָווע כּיינעוודיקע מיידל, וועמענס שטראַלנדיקע יונגע שיינ־קייט עס האָט באַשיינט די סודע. קיינעם האָט אַזוי ניט געפּאַסט דאָס קורצע ווײַסע פאַר־טעכל און דאָס זויבערע קרוינדל מיט די אויסגעשניטענע שפּיצן, ווי פאַליען. אַ ביסל טענצל־דיק, גרינג און געשיקט האָט זי זיך באַוועגט אַרום טיש, ווי אַ דערפאַרענע קעלנערין.

— גנעדיקער מאַרקושין, טוט מיר צוליב און וואַרפט אַוועק דעם פּאַפּיראָס אײַערן. ספּעצ־יעל, בלויז פאַר אײַערטוועגן זײַנען געגרייט די דאָזיקע קיניגלעכע האָלובצעס, געפילט מיט הינערשן ביילעק. קוקט זיך אײַן, וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע קרויט־קליידעלעך זיי טראָגן. נו, נו, וואַרט נאָך אויס אַ ווײַלינקע מיט דער מײַסע וועגן נײַ־יאָר, ביז איך וועל צוריקקומען פון דער קיך. איר זײַנט דאָך, ווי זאָגט מען, אַ שטיקל פּסיכאָלאָג, דאַרפט איר דאָך גוט וויסן, וואָס הייסט ווײַבערשער נײַגער.

— דאָס, וואָס עס ווילט זיך מיר דערציילן, איז אויך אָן עפּיזאָד פונעם וואַלד־לעבן.

פאַליעס פינקלדיקע אויגן האָבן קרום, מיט אַ מין לײַכט־שפּילעוודיקן פּאַריבל, אַ בלענד געטאָן.

— אַבי ניט קיין געפּעפערטע אַנעקדאָטן. בלויז פאַר מאַנצבלען.

— כאַלילע, קיין געפּעפערטס און קיין געזאַלצנס, — ענטפערט מאַרקושין, צוזשמורענדיק מאַמזעריש אַן אויג, — וועל איך פאַר אַזעלכע אומשולדיקע קינדער, ווי איר, פאַלינע, ניט גיין דערציילן אַנטקעגן נאַכט. איך בין אַליין אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער.

— אַ ראַכמאָנעס אויף אײַך. טאַקע אַ גרויס ראַכמאָנעס...

דאָס מיידל האָט זיך אָבער גלײַך געכאַפּט, אַז זי פאַרהאַלט זיך צו היימיש מיט מאַר־קושינען. פּרוּווט זי גלײַך אָפּן אָרט, ניט איבעריק דרייסט, פאַריכטן איר טאָעס מיט עפּעס אַ מין פאַרלוירענער אָפּהענטיקײַט. דאָס מיידלשע פּאָנעם איז טייקעף פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ שעמעוודיקער רויטקײַט.

— מאַנצבלען, — זאָגט זי עטוואָס שטילער, — מאַלע־וואָס מאַנצבלען קאָנען זיך דער־לויבן. זיי פלוידערן אָפּטמאָל אַזעלכס, אַז עס ווערט פאַשעט פינצטער אין די אויגן.

— אײַער צניעסדיקײַט, — וואַרפט מאַרקושין אַרײַן, שפּילעוודיק־לײַכט, אַ שטיין אין גאָרטן, — וועט קיינער, גאָט באַהיט, מיט גוואַלד ניט צוריבן.

דערויף ענטפערט אים דאָס מיידל אַ ביסל צעשטרייט, אַפילע בייזלעך, נאָר ניט באַליי־דיקט, — איר צילט, ווי אַ גוטער סנײַפּער, דאָס מוז איך אָנערקענען. נישקאָשע, איגאָר דעני־סאָוויטש, קיין באַלכויוו וועל איך ניט בלײַבן.

מאַרקושינס גוטמוטיקע שמייכלען, די צוגעלאָזטקײַט, דאָס כיינדלען זיך, לאָזט זיך גרינג טײַטשן: פאַלינקע, איר זײַנט באַ מיר אַ באַגלייבטע. אײַער געוויסן וועט ניט דערלאָזן, איר זאָלט מיר אָנזעצן.

דער פײַערלעכער מאָלצײַט לעקאָוועד דעם גאַסט, איגאָר מאַרקושין, האָט זיך אַרײַנגע־צויגן אין דער נאַכט. פרײַער הייבט מען זיך ערשט אָן פּילן דעמלט, ווען מע רוקט אָפּ דאָס בענקל פונעם טיש, וועלכער האַלט דיר די גאַנצע צײַט אַ צוגעשמידטן. די באַלעבאָסטע פון דער שטוב, פאַליעס מוטער, נאָך וועמען עס גייט נאָך אַ כמורער שאָטן, האָט עס דאַפקע געמאַכט שטיל און אומבאַמערקט, גלײַך ווי דאָס צונעמען פונעם טיש ווערט געטאָן ניט מיט אירע הענט. פון איין וואָרט, וואָס זי ברענגט פּאַמעלעך און זייער לאַנגזאַם אַרויס, ביז אַ צווייטס איז דאָס געפּעס קימאַט בעלעם געוואָרן. דער גאַנצער קרעדענץ, ווי אָף אַ קאַנווייער, האָט זיך שנעל געגרוקט צו דער קיך.

ערשט איצט האָט מאַרקושין געהאַט אַ מעגלעכקײַט באַטראַכטן די וווּיל־אײַנגעאָרדנטע ווינונג, אײַנגעקוקט זיך אין די קאָלערליי פּאָרצעליי־כפייצים, מאָדערנע פיגורלעך, אין די געצײַלטע אָריגינעלע אייל־פּאַרביקע נאַטיורמאָרטן, אַקוואַרעלן. אַ סוואָרע, אַז דאָס מיידל האָט אַ שײַכעס צו מאָלערישער קונסט. דאָס פֿײַנע איידעלע קינד, דער ליבלינג אין שטוב, פאַליע, האָט אויסגעשטאַט די זעלטענע אַנטיקלעך לויט איר אײַנזען און געשמאַק. נאָך דעם ווי זי האָט דערעדך־אַגעוו אַ זאָג געטאָן: אָף דער קונסט־אויסשטעלונג אינעם נײַעם מוזיי בין איך ניט פון די לעצטע... איצט האָט ער שוין אוואדע ניט געהאַט וואָס צו צווייפלען אין איר באַרוף.

— וואָס־וואָס, — רופט זיך ענדלעך אָן מאַרקושין צום שטוב־באַלעבאָס, — נאָר א דירעלע, סאַקיאַ־מוני, האָסטו פאַר זיך און פאַר דײַניקע אָפּגעשפּאָרט גאָר א ווילע. מע מעג דיר מע־קאַנע זײַן.

— אַף קיין גרייט טעלערל האָט מיר קיינער, טײַערער פרײַנט מאַרקושין, גאָרניט אונ־טערגעטראָגן. עמעס, דאָ ביסטו אינגאַנצן גערעכט, דאָס דירעלע איז ווײַט ניט פון די ערג־סטע. כ׳האָב זיך, דאַנקען גאָט, ניט וואָס צו קלאָגן. ביז איך האָב דערלעבט זען דאָס וווינ־אָרט, מײַן מאָקעם־מענוכע, זײַנען מיר שיר די אויגן ניט אַרויסגעקראָכן. האָסט באַדאַרפט געוועזן זען, ברודער מײַנער, פריִער מיט א דרײַ — פיר יאָר, אין וואָס פאַר א קיוועור דײַן פרײַנט סאַקיאַ־מוני האָט געוווינט. דערציילן וועגן זיך איז טויזנט און איין נאַכט. פון דער גאַנצער מישפּאָכע, באַרעכן נאָר, א ווײַב, קינדער, ברידער, האָט זיך קוים געפונען איין־און־איינציקע שוועסטער מיט דער פּלעמעניצע פּאָליע, זאָל לעבן און געזונט זײַן, דעמלט נאָך א ברעקל קינד פון וואָסערע צוויי — דרײַ יאָר. צו דעם אַלעם שטעל זיך פאָר, פרײַנט מאַרקושין, אַז די טרויעריקע יעדיִע וועגן דינעס אומגעקומענעם מאַן מײַן שוועסטער דערהאַלטן, ליגנדיק אין קימפּעט. דאָס קינד איז געוואָרן א יעסוימע נאָך איידער עס איז געבוירן גע־וואָרן. הא, ליבער מאַרקושין, עס האָט עפּעס א גוטן טאַם? מיט איין וואָרט, כ׳בין דעם קינד געוואָרן קימאַט ווי א טאַטע. אופגעכאָוועט, געשטעלט אַף די פיס, אַן אַנדער ברײרע האָב איך געהאַט? הײַנט, קיין אײַנהאָרע, רעכנט זי זיך שוין פאַר א זעלבשטענדיקן מענטשן. זעסט דאָך אַליין, א שיין כיינעוודיק מיידל, א יונגע באַגאַבטע קינסטלערן, א גוטע פאַרדינערן, און ס׳איז טאַקע דאָ אַף וועמען א קוק צו טאָן, הא? א שאָד, וואָס די מאַמע אירע קרענקט א ביסל אונטער. זי האָט נאָך ניט אויסגעגאָסן, זאָגט זי, אַלע טרערן, וואָס ליגן אַף איר אויס־געבראָטן האַרץ. הײַנט וואָס זאָל איך שוין זאָגן? ווער בין איך און וואָס בין איך אַף דער וועלט? א שוועסטער איז ניט קיין ווײַב, און א פּלעמעניצע, ווי ליב זי זאָל ניט זײַן, איז פאָרט ניט קיין אייגענע טאָכטער. איך וואָלט שוין אַצינד געקאָנט האָבן צוויי אויסגעוואַקסענע זין און אַזאַ ווילע טאָכטער, ווי אונדזער פּאָליע איז. זיי זײַנען יונגערהייט, די קינדער מײַנע, פאַרשניטן געוואָרן פון די מערדער, און מיך, דעם אַרומגעצופּטן, אָנצווײַגיקן בוים איז באַ־שערט געוועזן בלײַבן לעבן. דאָס איז דען ניט דער ערגסטער כויזעק? דאָס איז א שפּאַס פון דעם, וואָס געפינט זיך אין די הימלען, אַזאַ שפּאַס, וואָס ערגער קאָן מען גאָרניט צוטראַכטן.

אַרײַנגעטאָן אין־זיך, אָנגעשטרענגט, פאַרכושט, שלאָגט מאַרקושין איבער קימאַט בייזלעך דעם פרײַנט זײַנעם:

— סאַקיאַ־מוני, וואָס פּיקסטו מײַן האַרץ? ווילסט באַ מיר אַרויסרופן ראַכמאָנעס?

— זאָל גאָט אויסהיטן, כאָלילע, ראַכמאָנעס, מאַרקושין, איז א ביטער וואָרט. איך בין אויסן איין זאַך דיר צו זאָגן, אַז די גרויליקע אַכזאָריעס, נעגישעס, וואָס מע האָט געטאָן מיט מענטשן, מיט אומשולדיקע קינדער, זקיינים, זאָל קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן, אַף לאַנגע, לאַנגע דוירעס זאָל עס טיף זיצן באַ אַלע פעלקער אין זיקאָרן. אפילע די, וועלכע האָבן ניט איבערגעלעבט די אַלע גרוילטאַטן, זאָלן געדענקען די פאַרברעכערישע מילכאָמע. עלטערן זײַנען מעכוייעו דערציילן די קינדער, און קינדער דאַרפן דערציילן קינדס־קינדער.

— עמעס, שווערע בלוטיקע בלעטער זײַנען אַרײַנגעשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע, — גיט צו מאַרקושין מיט א געדריקט געמיט, — די קומענדיקע דוירעס וועלן דערשיטערט ווערן פון אַזעלכע ווילדקייטן. אומעגלעך צו גלייבן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

— אונדז וועט לאַנג אויסקומען זיצן שיווע, — האָט דער אַלטער מײַסטער טריב אַראָפּ־געבייגט זײַן שווערן סיוון קאָפּ, — אומעטום גריבער, ריוון, יאַרן, קרוטשעס... ניט אַרײַנגע־כענענדיק די צעזייטע און צעשפּרייטע מאַסן־קוואָרים, גאַז־קאַמערעס, קרעמאַטאָריעס.

דער גאַסט האָט א סאַך גערייכערט, איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. קיין נײַס האָט פאַר אים דער שנײַדער סאַקיאַ־מוני ניט אַנטפּלעקט. מאַרקושין ווייסט ניט ווייניק פון פיל שוי־דערלעכע מילכאָמע־טראַגעדיעס, וואָס מענטשן האָבן איבערגעלעבט אין יענע גרויליקע יאָרן. ווער קאָן וועגן אָדער מעסטן די אַלע אויסגעשטאַנענע פּלאָגן? מענטשן אָבער בלײַבן מענטשן, דאָס לעבן גייט ווײַטער אָן אַן אָפּשטעל, דאָס איז דער אייביקער געזעץ פון דער נאַטור, זי זאָרגט ניט פאַרן קלאָל, נאָר פאַרן מין. צוריקערן דאָס אָנגעוווירענע איז אומעגלעך. מיט זיצן שיווע, ווי סאַקיאַ־מוני דריקט זיך אויס אַף זײַן אויפן, וועט מען די בייזע כײַיִש וועלט ניט ענדערן און ניט אויסבעסערן. אַזוי איז שוין אײַנגעשטאַלירט געוואָרן. א שוואַכער קלאָגט זיך, און א שטאַרקער שלאָגט זיך.

— נאָר פאַרן עמעסן עמעס, פאַר גערעכטיקײַט! — לאָזט אויס מאַרקושין מיט א געהע־כערט קאָל, — שטרײַט — דאָס איז לעבן.

אין די פּאַטעטישע רייד האָט דער עלנטער טעאַטער־שנײַדער קיין רעכטן אָנהאַלט ניט געפֿונען. עפּעס פֿעלט אין זײַ מאַמאָשעסדיקס, אַף וואָס צו אָנשפּאַרן זיך. דערפֿאַר, אַפּאָנעם, שוועבט פֿאַר אים לײַכט דורך דער אַרויסגעבראַכטער געדאַנק, וועלכער קלינגט אָפּ פּוסטלעך, רירט ניט די נעשאָמע, — יאָ געזאָגט, ניט געזאָגט, קלוג אָדער נאַריש, טיף אָדער פֿלאַך. אַ קליינע נאַפּקעמינע. קיין שפּורן זײַנען פֿון די הויכע רייד אין האַרצן ניט פֿאַרבליבן. ביס־לעכווײַז קומט דער שנײַדער צו־זיך, פֿאַרבעט העפֿלעך זײַן גאַסט אָפּן גרין־אַרומגעוואָקסענעם באַלקאָן.

— זעסט, מאַרקושין, די קרוין פֿונעם קאַשטאַן־בוים הענגט דורכויס, ווי אַ פּאַנאַנדערגע־נומענער שירעם. באַלד וועסטו, כאָוואָר מײַנער, דערפֿילן אַ דערקוויקעניש אין די ביינער. הערסט, מאַרקושין, מײַן בעסטער טײַנעג איז, ווען איך קאָן אין אַ פֿרײַער שאָ זיך וווילטאָן און זיצן אין אָוונט אָט דאָ אָפּן באַלקאָן. דער הויף אונדזערער בליט קימאַט ביזן ערשטן שניי.

— עך, סטאַרינאַ, אַלטער טערעך וואָס דו ביסט. — נעמט ער אים פֿעסט אַרײַן אין די אָרעמס. — אומזיסט האָב איך געמיינט, אַז דו ווילסט אַף זיך אָנטאָן אַ זאַק מיט אַש אַפּן קאָפּ, אַז דיר איז גאָרניט ניכע, דאָס לעבן איז דיר דערעסן געוואָרן, נימעס די וועלט. לאָזט זיך אויס — כאַפּ ניט!.. וויפֿל צאַר דער לעבעדיקער מענטש זאָל ניט טראָגן אין זײַן נעשאָמע, מיט וויפֿל ווייטעקן ער זאָל ניט זײַן באַלייגט, דאָך שלאָגט אין אים דער גרויסער דראַנג צום לעבן. עך, סאַקיאַ־מוני, קאַמענע גיגאַנטן!

— נאָר איינער, — ווערט מיטאַמאָל באַם שנײַדער ליכטיקער דאָס פּאָנעם, — לעבעדי־קערהייט באַגראָבט זיך קיינער ניט. ווי לאַנג עס רירט אָן אייוועך, פֿאַרלירט מען ניט די האָפֿענונג. יאָ, עס טרעפֿט צומאָל אַ שווערע מינוט, ווען דאָס לעבן איז דיר ניט ניכע. זײַ מיר הונדערט מאָל מויכל.

די זשוואָווע פֿאָליע האָט אַרויסגעטראָגן אַף אַ געזילבערט טעצעלע מינעראַל־וואַסער, ערשט אַרויסגעכאַפּט פֿונעם אײַז־קעלטער. די טונקעלע פֿלאַש איז נאָך געווען באַהויכט מיט טראָפּנדלעך.

— ביטע, — פֿאַרנייגט זיך די פֿלעמעניצע כיינעוודיק, — אָנגעשעפּט אָקאָרשט פֿונעם צווי־בער־קוואַל. פֿאַר אײַך, מײַנע גנעדיקע סולטאַנען, — און ווידער זיך פֿאַרנייגט פֿאַרן גאַסט מיט אַ רעווועראַנס, — זאָל אײַך וווּיל באַקומען.

— אַ שיינעם דאַנק, פֿאָליע. איר האָט מיר פּונקט צוגעטראָפֿן, מײַן טײַערע, ליכטיקע באַסמאַלקע! — דערלויבט ער זיך ווידעראַמאָל קושן איר שיין־אויסגעטאָקט הענטל. — כ׳האָב שוין בעדייע געהאַט בעטן באַ אײַער מוטער אַ ביסל סאָדע און אַ גלאָז קאַלטע וואַסער. נאָך מיטיק מוז איך עס אײַנעמען, ווי אַ צוגעשריבענע רעפֿוע. דאָס איז אַ סימען, אַז די זיקנע רוקט זיך אַף מיר, אַטאַקירט פֿון אַלע זײַטן. כאָטש דאָרט, — ווײַזט ער אַף דער ריזיקער פֿונדאַמענטאַלער געבײַדע, — מיינט מען, אַז איך בין ערשט פֿונעם אייעלע אַרויס. אַ יונגער דראַמאַטורג, אַן אָנפֿאַנגער, אַ צוזאָגנדיקער טאַלאַנט, וואָס דאַרף זיך ערשט צעבלײַען און צעוואַקסן.

— מענער האָבן אַ שלעכטע טעווע, — באַמערקט פֿאָליע מיט אַ גוט, ליב שמייכעלע, — מענער צײַען מיט גוואַלד אַף זיך די עלטער. אַ מאַנצבל אין די פּופּציקער איז אין סאַמע רעכטן בלי. מיט אײַער באַגאַבונג, פֿילגעשעצטער מאַרקושין, וועט איר נאָך דערלאַנגען, גלייב איך, אַזעלכס, אַז די בינע וועט זיך ברעכן.

— טאַקע? איר זאָלט מיר נאָר זײַן געזונט און שטאַרק, שיינהייט מײַנע. צופֿיל גלייבט איר אין מײַנע שעפֿערישע מעגלעכקײַטן, איר זאָלט זיך כאָטש דערנאָך ניט אַנטוישן. אָפּנ־האַרציק גערעדט, לייג איך אַף זיך גאָר קליינע האָפֿענונגען.

— באַשיידנקײַט, — זאָגט דער שנײַדער פֿילדײַטיק, — איז טאַקע זייער אַ גוטע מײַלע. ווער קאָן זאָגן, אַשטייגער, אַז אַניוועס באַ אַ מענטשן איז אַ שלעכטע מידע? דער כיסאָרן אָבער באַשטייט אין דעם, וואָס צופֿיל אַניוועס איז אַ האַלבער שטאָלץ. אַניוועס איז ווי אַ צווייזײַטיקע מאַטבייע.

— סאַקיאַ־מוני! — רופֿט אויס מאַרקושין הויך אַף אַ קאָל, — איך דערקען דיך ניט, דרינגסט, ווי אַן עמעסער דענקער, — קלאַפּט ער דעם שנײַדער צו גוטברודעריש אין פּליי־צע, — פּאַשעט ניספּאָעל צו ווערן! לאָמיך טאַקע הערן דײַן פֿילאָסאָפֿישן טײַטש. באַשיידנקײַט, זאָגסטו, איז אַ צווייזײַטיקע מאַטבייע? אין וואָס זשע באַשטייט די צווייזײַטיקייט?

— פֿון איין זײַט שאָפֿלדיקײַט, — דערקלערט דער שנײַדער גאַנץ פּאַשעט, — און פֿון דער אַנדערער זײַט איז עס שטילע גאַדלעס.

— זדראַוואָ! — פֿאַלט מאַרקושין אַרײַן אין היספּײַלעס, — אַ געזונט זאָל קומען אַף דײַן קלוגן קאָפּ. גאַ־אַלדו! איך מוז עס גלײַך באַ זיך פֿאַרצייכענען.

...סאָף וואָך, שאַבעס אָף זונטיק, זײַנען אַלע, די קלײנע שנײַדערישע מישפּאָכע, געגאַנגען אין טעאַטער קוקן מאַרקושינס פּרעמיערע „באַם סוינע אין די נעגל“. סאָפּקאָלסאָף האָט דאָס מײדל געפֿונען די געלעגנהײט אָפּצוגעבן דעם „כוויוו“ מאַרקושינען.

— זעט נאָר, — מאַכט זי, — ווי די טעווע אירע איז, צוגײגנדיק דעם געלאַקטן קאָפּ אָף אַ זײַט, דערבײַ שטראַלן אירע אויגן שאַרף און רײצנדיק, — איר זאָלט זיך האַלטן נאָענט צו די פּײַערלעשער, — זאָגט זי, — באַ אַ גרויסן דערפֿאָלג ברענגען די פּײַערלעשער נוצן דעם אוטאָר...

— נעשאָמקעלע, האַרץ מײַנס, כ'האָב אײַך זײער גוט פֿאַרשטאַנען, — פֿאַרנײגט זיך מאַרקושין מיט עפּעס אַ מין מאָדנע קאָמיש-טעאַטראַלע האַווײַע, — איצט, ליבע פֿאַליע, זײַנען מיר פֿול-שטענדיק קוויט. אָפּצאָלן אַ כאָכמע פֿאַר אַ כאָכמע איז די העכסטע מאַדרײגע.

— אַ דאַנק פֿאַר אַ קאָמפּלימענט.

דער טעאַטער-שנײַדער, איסאַק אַראַנאָוויטש, האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרײַנגײן אין דער לאָ-זשע פֿאַר בעקאָוועדיקע געסט. מאַרקושין איז דאָרט אויך לאַנג ניט געזעסן, מאַכמעס וויקטאָר טשערעפּאַנאָוו, דער געהילף פֿונעם הויפּט-רעזשיסער, אַן אומגעדולדיקער, היפּש צעטראָגן, איז נאָך פֿאַרן ערשטן קלונג געקומען צו לויפֿן אַ פֿאַרשמײַעטער אים רופֿן, דעם אוטאָר פֿון דער פּיעסע, דעם באַלסימכע, צום קינסטלערישן אָנפֿירער יורי קאָוטון. יענער, דער טעאַטער-לײטער, וועלכער געפֿינט זיך ערגעץ פֿאַרשטעקט אין אַ קלײניטשקער קאַבינע, דאַפּקע אין פּאַרטער, עטוואָס לינקס, קימאַט באַ דער טיר און וואַרט מיט אַן אומרויִק האַרץ אָף דעם אָנהײב פֿון דער פּרעמיערע.

דער צו רוישיקער טומל, דוכט זיך, טראָגט זיך פֿון די באַלקאָנען און דעריקער פֿון דער הויכער גאַליאָרקע. עס זשומעט און ווימלט, קאָכט און קלאַקאָטשעט, ווי אין אַ ריזיקער פֿאַב-ריק. דער טעאַטער איז איבערגעפֿולט. אַזױפֿיל אוילעם האָט שוין לאַנג דער טעאַטער-בנינען ניט אַרײַנגענומען אין זײַנע ווענט. פֿאַרהעלטניסמעסיק שיטערלעך איז בלויז געווען אין דער זײַט לאָזשע, באַם עק בעלעטאַזש, וווּ עס איז געזעסן די אומעטיקע, שטיל געלאָשענע, דינע אַראַנאָווונע, דעם שנײַדערס שוועסטער און די פּלעמעניצע פֿאַליע אַ יאָמעטוודיק-צוגעפּוצטע.

דער טעאַטער ראַיעט ווי אַ מוראַשניק. מענטשן, קײן אײַנהאָרע, — אַ יאַם. פֿאַרן פֿול-אָנגעפּראָפּטן אוילעם, געפּאַקט און געשפּיקעוועט, האָט דער ברײטער סאַמעטענער פֿאָרהאַנג טויבלעך פֿאַרשטעלט, ריכטיקער געזאָגט, די ווימלעניש אָף דער בינע, ער איז געווען אַ מין מעכיצע צווישן די זשושוער און די שוישפּילער. דער געוודער פֿון די בינע-דעקאָראַטאָרס, עלעקטריקער, אויסגעמישט און איבערגעקנאָטן מיט צענדליקער פֿאַרגרימירטע אַקטיאָרן, האָבן מיט זײער האַרמידער איבערגעשטיגן דעם געפּילדער, וואָס שטײט אין זאַל פֿונעם טעאַטער.

דער מעיושעוודיקער טעאַטער-שנײַדער, איסאַק אַראַנאָוויטש, האָט זיך בענימעסדיק שטיל פֿאַרשלאָגן אין אַ ווינקל ערגעץ הינטער אַ דיקטעווע שטיק דעקאָראַציע, וואָס האָט געזאָלט דינען פֿאַר אַ באַוואַקסן וואַלד-בערגל אין אײנער פֿון די סצענעס. די פֿאַרבײַשוועבנדיקע פּיעסע-געשטאַלטן, איבערגעטאָנענע, פֿאַרגרימירטע, האָבן אין זײַן מויעך געוועקט אומפֿאַר-געסלעכע בילדער... צײַטנווײַז האָט דער שנײַדער געשפּירט אַ קענטלעכע סוויווע, אַן אַרומ-רינגלונג פֿון היימישע און נאָענטע. וויי-ווײ, וויפֿל גוט באַקאַנטע פּנעמער, וויפֿל גוטעברײ-דער דערמאָנען זיך אים!

קײנער דולט ניט דעם שנײַדער דעם קאָפּ, און דאָס אַלײן איז שוין עפּעס ווערט. די צופֿרידנקײט פֿון בלײַבן אַלײן מיט די אײגענע ראַיוינעס, זאָל אַפֿילע זײַן בלויז אָף געצײל-טע מינוטן, לאָזט זיך מערקן אָף זײַן רויִק, געדולדיק פּאָנעם. דער שנײַדער זעט גוט, ווי דער רעזשיסער, וויקטאָר טשערעפּאַנאָוו, לויפֿט אַרום איבער דער בינע אַ ווילד-צעטראָגענער, כאַנפֿעט און פֿאָדעט אַרום די אָנגעזעענע אַקטיאָרן, אײַסעקט זיך מיט זײ, פֿאַר וועמען ער ווײַזט אַ האַכנאָעדיק קנעכטיש שמײכעלע און פֿאַר וועמען אַן אומצופֿרידענע מינע, שיר ניט מיט רוגזע, און דעם, וואָס איז אים קלאָל ניט נײטיק אין דער געגעבענער מינוט, באַמערקט ער ביכלאַל ניט. דאַנקען גאָט, טראַכט פֿאַר זיך איסאַק אַראַנאָוויטש, אַבי דער באַשעפֿטיקטער רעזשיסער, אָף וועמען עס דרײט זיך צופּיל דאָס היטל, באַאומרויִקט אים ניט און לאָזט אים דערוויַיל צורו.

פּלוצעם, טאַקע מיטאַמאָל, איז די ראַכוועסדיקע בינע געוואָרן לײדיק פֿון די אָנטײלנע-מער. אַ ווײַלע הערשט אָף דער סצענע עפּעס אַ מין אומהײמלעכע שטילקײַט. קילע ווינטע-לעך האָבן גענומען לויפֿן אַהין און אַהער פֿון אַלע זײַטן. דעמלט, ווען דער שווער-סאַמעטע-נער פֿאָרהאַנג האָט לאַנגזאַם זיך פֿאַנאַנדערגערוקט, איז פֿון צושויער-זאַל אָנגעלאָפֿן אַ ווײ-

כערדיקער געבריל... דערנאָך, אין א קורצער ווײַלע ארום, בלײַבט הענגען צווישן דער בינע און טעאטער־זאַל א שווײַגעניש. א שווײַגן, וואָס איז פול מיט דערוואַרטונג.

דער קלײניטשקער טעאטער־אָרקעסטער לאָזט הערן זײַנע ערשטע צעצויגענע קלאַנגען פון מעשענע בלאָז־אינסטרומענטן.

די האַנדלונג הייבט זיך אָן ווי פון א מיט געשעעניש — דער פּלוצעם אויסגעבראָכענער קאָנפליקט ארום דעם אָפּגעשטויסענעם יונגן פּארטיזאַן, וועלכער איז ארײַנגעפאלן אין פּאַכעד, בייס ער האָט געדארפט אויספילן אן אכרײַעסדיקע שליכעס... דאָס דאָזיקע בילד האָט דער שנײַדער געזען ווייסעך וויפל מאָל. די סצענע, דעם עמעס גערעדט, האָט אים ווינציק־וואָס גערירט בייס די פילצאָליקע רעפּעטיציעס. אָבער איצטיקס מאָל איז די געשיכטע געווען אזוי שפּאַנענדיק, אז א סקרוך איז אים אזש דורכגעגאַן איבערן לײַב. דאָ אין טעאטער אף דער פּרעמיערע, בא א פול געפּאַקטן זאַל, האָט ער די געשאַפענע סיטואַציע דערפילט א סאך עמעסדיקער. אוואדע האָט געדראָעט מיט סאַקאָנע, מעגלעך אומקום, דעריבער האָט דער קאַראַוואַן פורלעך געמוזט אומקערן זיך ליידיק, אָן שפּײַז־פּראָדוקטן. פּאַכעד האָט באַהערשט די שעלוכים אינמיטן וועג און גוירעם געווען דערצו, זיי זאָלן פאַרקערעווען דעם דישל אף צוריק.

בעראָש פון דעם פערד־און־וואָגן־קאַראַוואַן איז געשטאַנען דער ראַבער טשיזשיק, א געוואַגטער און א דרייסטער, אן אײַנשטעלער, א ריזיקאַנט, קאָן מען זאָגן, און גראַדע אינמיטן וועג, בא דער גוט דורכגעטראַכטער אָפּעראַציע, באוואָרנט פון יעדן מין ערנסטן איבערפאַל, האָבן זיך אים אינמיטנדערינען האָר־און־נעגל געשטעלט קאַפּויר. דער בראַווער כעוורעמאַן האָט מיטאָמאָל פאַרלאָרן דעם מוט און איז ווי פון דער העלער הויט געוואָרן גאָר אן אַנדערער. אין דעם צעבושעוועטן מאָמענט האָט דער ראַבער טשיזשיק געקראָגן קאַלטע פיס, און גיי מאַך עפּעס. ווען מע האַקט אים די אָדערן, וואָלט קיין בלוט ניט געגאַנגען.

פון אזא אומגעריכטן פאַל, וואָס איז בלויז א פּראַט אין דער פּיעסע, הייבט זיך אָן דער ספּעקטאַקל. באַם אווטאָר מאַרקושין איז די דאָזיקע סצענע גאָר א זײַטיקע, ערגעץ אינדערמיט פון דער פאָרשטעלונג, אָבער דעם הויפּט־רעזשיסער, יורי קאָווטון, איז אײַנגעפאַלן צוליב קינסטלערישע טײַמים, דערבײַ האָט ער געהאַט זײַנע קאַוואָנעס, אָנפאַנגען די הערויִשע פאָרשטעלונג דאַפקע פון אָט דעם זײַטיקן בילד.

דער אומדערפאַרענער דראַמאַטורג, זעט אויס, האָט זיך מיטן קינסטלערישן אָנפירער איבעריקס ניט געוואָלט אַמפּערן, בעמײַלע האָט יענער אַלצדינג אין דער פּיעסע איבערגעשטעלט און איבערגעקערט מיטן קאָפּ אראָפּ, הײַנט וואָס האָט ער זיך מיט אים וואָס צו דינגען איבער א קליין נישטיק בילדל?

דער שנײַדער האָט מער פון אַלעמען געזאָרגט פאַרן יונגן אַקטיאָר פּאַוועל וואָראָנינען, ער זאָל, כאָלילע, ניט דורכפאַלן אין דער הויפּט־ראָל פונעם סאָוועטישן אויסשפּירער צווישן די פאַשיסטישע קלאָווים, אָנפרעגן זיך אף א בילבל... ווערדליק אָט דאָס צעפלויגענע באָכערל, וועמען מע רעכנט פאַר זייער א באַגאַבטן אַרטיסט, איז צעשטרייט און צעטומלט, נעמט ניט אוף די גרויסע סאַקאָנע ערנסט, טיף דורכגעטראַכט, קאָן ער זיך דאָ, גאַנץ מעגלעך, זייער שיין אויסגלישן.

באַם ערשטן אופטריט אף די באַלויכטענע בינע־ברעטער, וועלכע זײַנען אזש העל־ווײַס פון ליכטיקן בלענד, ארײַנפאַלנדיק אינעם פריילעך רוישיקן קאַפּעשאַנטאַן צווישן בינטלעך האַלב־נאַקעטע יעפּייפעס, האָט דער פאַרשטעלטער אָפיצער, סאַשקע וואָראָנין, געהאַלטן זיך אַריסטאָקראַטיש, דזשענטלמעניש, מיט דער גענוגנדיקער מאָס העפלעכקײַט, ווי עס פּאַסט פאַר א שטאָלצן דײַטשישן אָפיצער. ווי שפּאָרעוודיק, מיט אזויפיל אָנגעבלאָזענעם גאַדלעס ער ברענגט ארויס דאָס וואָרט! (ס'איז טאַקע, ווי מע פלעגט זאָגן אמאָל אין טולטשין, א רענדל א וואָרט...).

לעכאַטכילע האָט דער טעאַטער־שנײַדער זיך אליין געכידעשט: גוואַלד, ריבוינעשעלוילעם, פונוואַנען קומט צו אָט דעם ווינציק אופמערקזאַמען, פאַרכושטן באָכער זײַן אזוי געהיט און געוואָרנט, מעסטן די ווערטער, האַלטן די אויערן אָפן, אָנגעשפּיצט? ווי קונציק ער קאָן צווינגען זיך צו זײַן אינגאַנצן אַנדערשדיק... סאַראַ אויסגעמושטרירטער געמיט, סאַראַ אײַזערנער געדולד. שווער צו גלייבן, אז דאָס איז ווירקלעך דער צעזשוזשעטער און צעכראַסטעטער לעביונג פּאַשקע וואָראָנין? ווו איז פאַרשווונדן געוואָרן דער צעטראָגענער וויכערדיקער באָכער מיט אַלע זײַנע אײַנפאַלן און אָפּשניצלעך? דער שנײַדער פאָלגט ווײַטער נאָך מיט אינטערעס דעם עלעגאַנטן אָפיצער, אויסגעשולטן הויפּטמאַן, ווי ער טוט זיך מיט שטאָלץ ווירדיק א הייב אוף פונעם באַר־טישל, לייגט שנעל צו א פּאָר פינגער צום שטערן און לאָזט זיך האַסטיק מיט אן אופגעהויבענעם קאָפּ צום ארויסגאַנג. דער גוט מושטרירטער דײַטשישער אָפיצער ריכאַרד צעלער, אָנגעטאָן אינעם גלענצנדן, פײַן אויסגעפורעמטן מונדיר, האָט א

לעצטן מאָל זײַטיק געוואָרפֿן אַ שטרענגן בליק אין בליציקן טריומאַ. קיינעם פֿון זײַנע טיש־פּרײַנט, אויס גרויסהאַלטערײַ, שטײַף געקנעפּלט, ניט דערלאַנגט די איידעלע אַדעליקע האַנט זײַנע. פּרעטענציעזע פּאַריסן האָנאַריש דעם קאָפּ, האָט ער מיט היפֿשער גײַווע פֿאַרלאָזט די פרײלעך־ווימלדיקע קאָמפּאַניע.

נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל, גוואַלד געשריִען, ס׳איז פּאַרט ניט יענער פּאַשקע וואָראָנין, וואָס פֿלעגט שטענדיק שפּילן שילער־ראָלן אָדער אַקטיווע יוגנטלעכע „פּראָזזוואַדסטווענין־קעס״. דער יאָט איז אָפּילע אָף די רעפּעטיציעס וויט ניט געווען אַזאַ, ווי דאָ אָף דער בינע. וואָס האָט דער שנײַדער אין די מינוטן יאָ געקלערט? ווען מע טוט אַ צי אַראָפּ דעם פּרעכ־טיק אופגעניייטן אָפּיצערן־מאַנטל פֿון זײַנע אַקסלען, וואָלט פּאַשקע וואָראָנין מיסטאָמע גלײַך פֿאַרלאָרן די אָנגעבלאָזענע שטאָלצקייט און בעמיילע מיט דעם וואָלט דער יונגער אַקטיאָר אויך אָנגעוואָרן די אַכטונג און רעספּעקט צום אָפּיצערישן ראַנג, וועלכן ער פֿירט אָף דער בינע אַזוי גרויסאַרטיק. ניט אַנדערש, קומט אויס באַם שנײַדער, אַז מע דאַרף טיף אַכטן דאָס קלייד, וואָס דו טראָגסט אָף זיך, און אַז מע קלערט זיך אַ ביסעלע טיפֿער אַרײַן, ווי עס טוט עס אַצינד מיט פֿאַרשטאַנד פּאַשקע וואָראָנין, איז דער מונדיר זײַנער אַ שיצונג פֿאַרן אויס־שפּירער. דער וואָלגער לערער האָט עס זייער גוט פֿאַרשטאַנען באַם לעבן, — מע באַגריסט דעם מענטשן, אַפּילע צווישן טאַליאַנים, נאָך די קליידער...

העט שפּעטער, אין דער לעצטער סצענע פֿונעם ערשטן אַקט, האָט דער שנײַדער דער־פֿילט און באַנומען, וואָס פֿאַר אַ דורכגעטריבענער פֿוקס און וואָס פֿאַר אַ גערעאָטענער יונ־גאַטש אָט דער יונגער באַגאַבטער פּאַשקע וואָראָנין איז אָף די בינע־ברעטער. דאָס קעפּעלע שפּילט! הערט זיך נאָר אײַן אין דער קלוגער שאַרפֿקייט, אין דעם כאַריפּעסדיקן רעמעז, ווי וויט דאָס וואָרט צילט! דער כאַכעם, פֿלעגן אַמאָליקע לײַט זאָגן אַ קלוג וואָרט, סייכלט זיך אַפּילע פֿון דער טליע... ס׳אַ זאַג, האַ?!

פֿון בילד צו בילד פֿילט דער שנײַדער, אַז ער קערט זיך אום צו יענע אומפֿאַרגעסלעכע יאָרן פֿון פּאַרטיזאַנישן לעבן. היימישע מענטשן, באַקאַנטע פּנעמער דערוועקן אין זײַן נעשאָמע דאָס פֿאַרגאַנגענע און איבערגעלעבטע. די וויט פֿאַרטראָגענע געשעענישן לעבן אָפּסנײַ אוף אין דער פֿאָרשטעלונג. ביסלעכווײַז הייבט ער אָן טיפֿער באַגרײַפֿן, אַז טעאַטער איז אַ מין שטיק קאָנדענסירט לעבן. דאָס סאַמע איקערדיקע פֿון מענטשלעכע פֿאַרהעלטענישן ווערט אין אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג עמעסדיק דערהויבן.

אומגעריכט האָט עמעצער פּעסט, ביז ווייטעק, אַ דריק געטאָן דעם אַקסל זײַנעם.

— מאַרקושין?

דער מעכאַבער פֿון דער פּיעסע איז געשטאַנען הינטער זײַנע פּלייצעס אָן אַנציקטער, אָפֿן מויל־און־אויערן, די אויגן אויסגעלופּעט, פֿאַרגאַפּט.

— ששאַ־אַ, — טוט ער אים אַ קוועטש אַ צווייטן מאָל נאָך שטאַרקער, — לאָז הערן אַ וואָרט, אַלטער בודאַ, — מאַרקושין האָט זיך אויסגעצויגן אָף די שפּיץ פֿינגער העכער זײַן קאָפּ און מיט דער אָנגעשטרענגטער ריִע דורכדרינגלעך אַרײַנגעקוקט אינעם שפּאַלט פֿון דער שטיק דעקאָראַציע. — דערקענסט דעם לערער פֿון דער וואָלגע? — פֿרעגט ער, אַ פֿאַרטראָגע־נער, באַם שנײַדער, ניט וואַרטנדיק אָף קיין טשוווע. מאַרקושינס צוגעדעמפּט קאָל בלײַבט הענגען אַ ווײַלינקע אין כאָלעל, דערנאָך גיט ער צו אַ סאַך שטילער, ווי פֿאַר זיך אַליין: — זײַנע פּאָוואַדקעס... זײַן שטאַלטנע פֿיגור. נאָר מיט דעם קליינינטשקן כילעק, וואָס דער וואָל־גער איז געווען העל־בלאָנד, אַ מער ליכטיקער.

— און אויך ווינציקער דעליקאַט, — באַמערקט אַגעוו־אורכע דער שנײַדער, — וויט ניט אַזוי ביינעוודיק. אָף וויפֿל עס געדענקט זיך מיר, איז יענער געווען פֿיל ערנסטער, שטרענגער און מינאַסטאַם ניט גערעדט אַזוי שיין, כאַכמעדיק־קלוג. דער וואָלגער איז געווען אין לעבן איינפֿאַכער, אַניוועסדיקער, פּראָסטער. אַ מענטש אָן אויבערקעפּלעך, אָן כאָכמעס.

— וואָס גלײַכסטו, סאַקיאַ־מוני? יענץ איז געווען דאָס האַרבע לעבן און דאָס, וואָס מיר קוקן, איז דאָך טעאַטער...

— אָט־אָט, — כאַפּט אונטער דער שנײַדער, — זייער ריכטיק באַמערקט. האָסט געזאָגט, מאַרקושין, אַ גלײַכע זאַך. יענץ איז געווען לעבן, אַ לעבן, ווי מע פֿלעגט זאָגן אין אונדזער קאַנט, מיט גרינגע ווערעם און קופּערנע פּיסלעך. אַלע טאָג האָט מען זיך געזעגן מיטן מאַלכאַמאָוועס. ניט געווען קיין מעגלעכקייט מאַכן אַ טראָט צוריק. ווילסטו בלײַבן לעבן, האַרגע דעם סוינע!

מאַרקושין איז נאָך אַלץ געווען פֿאַרכאַפּט מיט דער פֿאָרשטעלונג און מיט די פֿירנדקיע שוישפּילער.

ביסט כאַטש אַ מיליון, סאַקיאַ־מוני, וויאַזוי מע שפּילט טעאַטער? — קאָן ער רויק ניט איינשטיין, אַזוי האָט עס אים צענומען. — יעדער איינער פון די שוישפּילער איז אין זיין ראָל גערעכט, וואָרהאַפטיק, ערלעך, — לויבט ער די אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאַקל, — די אַקטיאָרן וויזן כאַראַקטער, פּסיכאָלאָגישע פּאַרטיפטקייט. הײַנט די ווונדערלעכע אויספאָרמירונג, לעבעדיקע געשטאַלטן, איבערצײַגן דיך אין זייערע טאַטן, אין זייער האַנדלונג. אַ ליאַדע פּערסאָנאַזש, מעג עס זײַן פון די קלענסטע ראָלן, ווערט דאָ דערהויבן צו קונסט. דער סאַמע ראַפינירטער פּײַנשמעקער וועט דאָס באַשטעטיקן.

— נו, יאָ, ווי דען אַנדערש? — טוט דעם שנײַדער בעפּיירעש האַנאָע, וואָס מאַרקושין לויבט דעם טעאַטער־קאָלעקטיוו און נעמט זיך ווײַטער באַרימען מיט דער ברייטקייט פון אַן אינווייניקסטן מענטשן, אַף וועלכן עס פעלט אויס אויך ניט קיין אַבי־וואָס פּאַראַ ביילעק קוגל, — אַנדערש קאָן עס בא אונדז אין טעאַטער ניט געמאָלט זײַן, — זאָגט ער מיט ווירדע, ווי דאָס וואָלט געגאַנגען אַ רייד וועגן זײַנע קרוווים, — בא אונדזער יוראַטשקע קאָוטונען איז ניטאָ קיין מײַסעס. וואָס הייסט שפּילן שלעכט? דער קינסטלערישער לייטער איז אַ מענטש אָן פּניעס. דעם עמעס וועט ער זיך ניט שעמען זאָגן דעם אייגענעם טאַטן. אין טעאַטער, נעשאָמע מײַנע, זאָגט ער צום אַקטיאָר, וואָס איז אים ניט געפעלן, האָסטו ניט וואָס צו טאָן. זוך זיך צו, פּרײַנטעלע, אַ מער פּאַסיקע פּאַרנאָסע. מעגסט מיר גלייבן, רעדט ער דאַפקע מיט גוטן צום טויגעניכץ, אַז איך בין דיר ניט קיין סוינע. בא אונדז אין טעאַטער וועסטו קיין האַניק ניט לעקן. צו וואָס, פרעגט זיך, פּאַרוויסטן זיך אַליין דאָס יונגע לעבן? און שוין אָפּגערעדט. ניטאָ וואָס ווײַטער זיך דינגען מיט אונדזער יוראַטשקען. ווילסטו, שויטע איינער, די אַקטיאָרן זאָלן שפּילן שלעכט. ניין, טײַערער מאַרקושין, ס׳איז ניט די שטוב און ניט דער אַדרעס.

איסאַק אַראַנאָוויטש האָט זיך ווײַטער אַרײַנגעטאָן מיט האַרץ און נעשאָמע אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אַף דער בינע.

— וואָס זאָגסטו, מאַרקושין, אַף אונדזער פּאַשקען? — קוועלט אָן דער שנײַדער, — אָט דאָס פאַרשטיי איך הייסט אַן עמעסער אַקטיאָר. אונדזער ליבלינג פּאַשקע וואָראָנין שפּילט גרויסאַרטיק. איך בין שוין אַ שיין ביסל יאָרן אין דעם דאָזיקן טעאַטער־קאָלעקטיוו, און יעדעס מאָל, הערסט מיך, מאַרקושין, און יעדעס מאָל, זאָג איך, אַנטפּלעקט דער אָדער יענער אַרטיסט אַ נײַ ווינקעלע. און נאָך דאַכט מיר, אַז יעדער איינער פון זיי פּאַרמאָגט אַ באַהאַלטענעם קאָרב מיט אוצרעס.

ביסלעכווײַז געוווינט זיך צו דער שנײַדער מיט פּאַשקע וואָראָנינס געשאַפענעם געשטאַלט און וואָס אַמאָל זעט ער מער אין אים דעם וואָלגער לערער. אַ מין שײַן פון זעלבן ליכט, אַ פונק פון זעלבן פײַער.

אויב איגאָר מאַרקושין האָט זיך דערלויבט פאַר פרייד אַ קוש טאָן דעם שנײַדער סאַקיאַ־מוני, איז עס געווען אין זײַן נאַטור און פונעם ריינעם האַרצן.

— סאַקיאַ־מוני, — לויפט ער יעדעס מאָל צו ראַשיק, צעפּאַלאַשעט, אָן אָן אָטעם, — הערסט כאַטש, וואָס עס טוט זיך אין זאַל? מע צענעמט די ווענט, מע ברעכט שטולן, עס טוט זיך דאָרט כוישעך. סאַקיאַ־אַ־אַ מו־ו־ו־נ־י־י! — רופט ער אויס אַף אַ קאָל, — הער זיך אײַן, וואָס דאָרט טוט זיך. — מאַרקושין כאַפּט זיך, ווי אַ דולער פאַרן קאָפּ, שפּרינגט און טאַנצט פאַר סימכע. בליציקע פײַערן שפּריצן פון די אויפגעריסענע אויגן, — אַזאַ טריומף!.. אַזאַ נײַ־צאַכן!

צעפּאַטלט, מעשונע אומגעלומפּערט, לויפט מאַרקושין אַרום פאַרשמײַעט איבער די קוליסן פון איינעם צום צווייטן, כאַפּט זיך מיט יעדן איינעם קושן און האַלדזן. מעגלעך, דער באַלסימכע האָט שוין ערגעץ־ווו, שטילינקערהייט געכאַפּט אַ קויסע — אויך אַ קליינע אוולע, זאָל אים ווויל באַקומען. דער שנײַדער וויל ניט לײַדן, לעמײַ מאַרקושין שטערט אים קוקן די פאַרשטעלונג. וואָראָנינס אויפטריט האָט ער בעשום־אויפן ניט געוואָלט דורכלאָזן. דער אויסשפּירער, פּאַשקע וואָראָנין, האַלט אים ווי מיט צוואַנגען, נאָענט צו זיך, סײַ מיטן קלוגן וואָרט, מיט דער קלוגער האַמצאָע זײַנער, און סײַ מיט די דרייסטע האַסאָגעס און מײַסים. קיינער, דוכט אים, האָט אַזוי גוט ניט געשפּילט און פאַרשטאַנען די געהיימע שליכעס, וואָס דער אויסשפּירער איז מעכוּיעוו אויסצופּילן. דעריבער פילט דער שנײַדער שטאַרקער די סאַקאָנע, וועלכע הענגט יעגעם איבערן קאָפּ, די טליע, וועלכע לויערט ווי אַ שאָטן. איטלעכס מאָל, ווען דעם איבערגעטאָנענעם אָפּיצער ריכאַרד צעלער גאַלינגט קונציק אויסדרייען זיך פון געפאַר, אויסמײַדן אָן אומגליק, איבערשפּרינגען אַן אָפּגרונט, ווערט דער שנײַדער אויפּגעריכט, מאַמעש גליקלעך און נאָך מער מיטגעריסן מיט דער אָנגעשטרענגטער שפּאַנונג,

פרייז זיך ווי אַ ייִנגל מיט יעדן קלענסטן דערפאָלג. דער שנײַדער איז אַרײַנגעטאָן מיט זײַן גאַנצן וועזן, פאַרכאַפּט, גלײַך ווי די האַנדלונג האָט צו אים גופא גאָר אַ באַזונדער שײַכעס.

מיד, אויסגעשעפּט, אַ דורכגענומענער אין שווייס, טראָגט זיך שנעל דורך די אַלעמען גוט באַקאַנטע פיגור פונעם שטרענגן דײַטשישן אָפיצער. פּאַשקע וואָראַנין האָט קימאַט ניט געענטפערט אויף די לויב־אויסרופן, נאָר גלײַך פון דער בינע האַסטיק געלאָזט זיך צו זײַן אָפּגעצוימט ביידערל, איינע פון די קאַבינעס, וווּ מע גרימירט זיך און מע קאָן אַ ביסל אָפּ־רוען. באַ וואָראַנינען אין דער גרימיאָרקע שטייען שוין פון אַ צײַט אויסגעשטעלט קוישלעך בלומען, וואַרעמע ווינטש־בריוועלעך אַרײַנגעשטעקט און פיל פאַרײַנטלעך־האַרציקע טעלע־גראַמעס.

פאַרייניווגס, עפּשער עטוואָס שפּעטער, האָט מען דעם טעאַטער־שנײַדער איסאַק אַראַ־נאָוויטשן געגעבן צו וויסן, אַז פּאַשקע, דער אויסגעשפּילטער פּאַוועל וואָראַנין, וויל אים זען, אויב ער איז איבעריקס ניט פאַרנומען, טאַקע באַ זיך אין דער גרימיאָרקע. זאָל ער זיך אָנ־טאָן די מי און זײַן אַזוי פיל גוט אַרײַנקומען צו אים.

אָ, מיטן שענסטן קאָוועד.

דער שנײַדער־מײַסטער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, ביפראַט נאָך איצט, בײַס דער האַפּסאָקע. דער פּילצוזאָגנדיקער פּאַשקע וואָראַנין איז איצט, אינמיטן גאַנג פון דער פּרע־מיערע, אויסגעוואַקסן מיט הונדערט קעפּ העכער אין זײַנע אויגן.

איסאַק אַראַנאָוויטש האָט פּריִער פון אַלץ באַמערקט אינעם קליינעם צימערל, ווי דער אָפיצער־מונדיר איז געהאַנגען אַקוראַט אויף אַ באַזונדער הענגער, ניט נאַכלעסיק פאַרוואָרפן, ווי דער באַכער איז געוווינט גרינגשעצעריש באַגיין זיך מיטן מאַלבעש... זינט דער טעאַטער־שנײַדער האָט אים אַ פּאָר מאָל ערנסט געוואָרנט מיט יענע ווערטער פונעם ווירקלעכן אויס־שפּירער: „דאָס איז דער דרויסנדיקער פּאַספּאָרט... מע מוז פילן אַכרײַעס...", פון דעמלט אָן, דוכט זיך דעם שנײַדער, האָט דער באַגאַבטער באַכער וואָראַנין באַקומען מער סייכל און אָנ־געהויבן האָבן אָפּשײַ צום מונדיר, ניט אַזוי ווי עס פלעגט טרעפן פריִער פאַר די אָנאַליקע רעפּעטיציעס — אַ וואָרף, אַ שלײַדער, ווי עפּעס אַ בײַזאַך פון קנאַפּער וויכטיקײַט, ווייס איך וואָס, אויך מיר אַן אייסעק. דער באַכער האָט לעצטנס גוט פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף טײַער האַלטן דאָס, וואָס דאַרף האָבן אַ פּאָנעם פאַר דער פײַנטלעכער גאַס און פאַר די סאָנים. אויב מע וויל זיך אַרײַנטראַכטן, איז עס אויך אַ מין געווער.

פּאַוועל וואָראַנין איז געזעסן אין אַן אַלטן ווייכן שטול, אָפּגייענדיק מיט פּאַטיאָקעס שווייס. די ליכטיקע שײַן איז פונקט געפאַלן אויפן ווייס־געשמירטן פּאָנעם פון עפּעס אַ מין צינקעווער זאַלב און צוגעגעבן אַ קרענקלעכע מאַטע פאַרב דער צאַרטער הויט. איסאַק אַראַ־נאָוויטש האָט געזען, ווי דער יונג זיצט אַן אַרויסגעשלאָגענער פון די קויכעס. קעדיי דער־קלײַבן זיך צו אַ ווערטפולן אַרטיסט, ווערן אַן עכטער קינסטלער, קלערט דער שנײַדער פאַר זיך, מוז מען גוט האָרעווען, אַרײַנלייגן ניט ווייניק קויעך, ניט שאַנעווען דאָס האַרץ, די נעשאָמע, זײַן טאָמיד אײַנגעשפּאַנט אינעם שווערן יאָך, שלעפּן, טאַסקען, בערג איבערקערן. מיט איין וואָרט, איבערגעבן זיך צו דער זאַך ביז לעצט. דאָס געזונט רײַסט מען אונטער, ביז מע דערלעבט זען עפּעס נאַכעסדיקס. טעאַטער־מעווינים רופן עס אָן אַ סאַך איידעלער — קנעטן און שטאַלטיקן, שאַפן דאָס עכטע און טיפּישע. דער געבענטשטער מיט טאַלאַנט, פּאַש־קע וואָראַנין, האָט מיט האַצלאָכע דערוויזן, צו וואָס ער איז פייִק, אָבער מיט וואָס פאַר אַ פּרײַז צאָלט ער?

קוקנדיק אויפן אויסגעמאַטערטן, שווער־אָטעמענדיקן פּאַשקען, ווי דאָס העמד איז אויף אים נאַס, ווי ער איז אויסגעשעפּט, פּונקט ווי נאָך אַ שווערן געפעכט אויפן רינג, וווּנדערט זיך ניט, דער אַלטער וועטעראַן, ער ווייסט וויל, אַז נאָר דורך מי, נעשאָמע־יעסורים, פּלײַס, געדולד, קומט מען צו מײַסטערישער עכטקײַט און וואָרהאַפטיקער פולקומקײַט.

— זײַט מיר מויכל, אַראַנאָוויטש, מײַן פאַרעכקײַט. עפּשער אומזיסט באַאומרויִקט אײַך. נאָר וועדליק מיר דאַכט, האָט ערגעץ געפּלאַצט אַ נאָט. ניין, ניין, דערלויבט, איך וועל אליין דעם מונדיר אַראָפּנעמען פונעם הענגער.

מיט ווײפל פאַרזיכטיקײַט דער טעאַטער־בעגעד ווערט איבערגעגעבן דעם מײַסטער. אָט אַזוי און נאָר אַזוי, לויפט שנעל דורך אַ געדאַנק באַם שנײַדער, וואָלט געהאַנדלט דער וואָל־גער. אָ, יענער האָט גוט פאַרשטאַנען די ווערט פון דער אויסערלעכער שיצונג. יענער פלעגט עס אָנרופן מיטן סאַמע פּינקטלעכסטן וואָרט — דער דרויסנדיקער פּאַספּאָרט... פּאַוועל וואָ־ראַנין, דער אויסגעשפּילטער אַקטיאָר, האָט עס מיט אַ קליינינקער פאַרשפּעטיקונג באַנומען.

— איך האָב זיך ניט געריכט אויף אַזאַ פּוראָר, — קוקט דער שנײַדער אין אַ זײַט אַ צו־פרידענער, עטוואָס פאַרשעמט. — עס גייט דערוווּיל ניט שלעכט. די ראָל פונעם ראַזוועדטשיק

פירט איר מיט גרויס דערפאָלג. פארן טעאַטער איז עס ניט קיין קלענער ניצאָכן. אלץ, וואָס ווערט דורכן אויספֿירער אופגעטאָן, טאקע בעפֿיירעש מיט גרויס מעסירעסנעפעש, איז באַרעכטיקט. איך גלייב דעם דאָזיקן מוטיקן מענטשן, אין זיין דרייסטקייט, אין זיין גוורע. מיט אזאמינס האָב איך זיך אנומלטן באַגעגנט אויג־אף־אויג. איר זייַנט אופריכטיק ביז די שפּיץ פינגער, ליבער וואָראָנין, ניט געקינצלט. אלץ, וואָס איר האָט צו טאָן אינעם גאנג פון דער פיעסע, איז בארעכטיקט. אייַער שפּילן איז עמעסדיק און נאַטירלעך.

— א דאנק! — טוט דער אקטיאָר מיט דערעכערעץ זיך א הייב פון דעם שטול.

— אייַך קומט א דאנק, וואָראָנין, א לויב־וואָרט און א בראָכע.

— רימט מיך ניט צופיל, — פארהאלט וואָראָנין א ביסל לענגער די ברייטלעכע, האָריקע האַנט פונעם שנייַדער. פינקלדיקע טראָפּנדלעך פארקלייַבן זיך בא אים אין די אויגן־ווינקלען. — מיר האָבן אייַך אלע ליב, אראָנאָוויטש. איר ווייסט אפילע אליין ניט, וואָס פאר א זעלטענער מענטש איר זייַנט. די אלע קוישן בלומען, וואָס איר זעט פאר זיך, ליבהארציקער סאקיא־מוני, זייַנען אויך צו אייַך אדרעסירט. אינעם ספּעקטאקל האָט איר אריינגעטראָגן א היפּשן צושטייַער.

— נו, נו, איבעריק. לאכלוטן איבעריק, — קנייטשט דער שנייַדער מיט די אקסלען און כמורעט זיך אפילע, — צו וואָס טרייַבן קאַטאָוועס. איר זייַנט זיך איר, דער אויסגעצייכנטער ארטיסט, דער ליבלינג פונעם אוילעם, פּאוועל וואָראָנין, און איך בין זיך איך. א גלייַכעניש א ביסל. אויב איר ווילט שוין זייַן אינגאנצן אָפּנהאַרציק און אופריכטיק, קערן אויך א ביסל די קוישן בלומען צו איגאָר מארקושינען, דאָס יאָ. ער האָט ערלעך פארדינט דעם קאָוועד.

— ריכטיק, ריכטיק, — כאַפּט פלאמיק אוף דער יונגער אקטיאָר. — מארקושינען קומט אָן סאָפעק, די געהויבענע קרוינשטול. אָבער איר, סאקיא־מוני, זייַנט אויך ניט קיין פינפטע ראָד צום וואָגן.

ווי א לעבנס-קוואַל

א גוטער כאַלעם

דער רעגן קלינגט, דער רעגן קלינגט
אין די פאַרכאַלעמט-בלויע שויבן,
איך כאַפּ פון שלאָף זיך אויף, ס׳אַנטרינט
די טיפע נאַכט פון מײַנע אויגן.

אָט גיי איך פון דער שטוב אַרויס,
ס׳איז שטיל, עס שלאָפן די טראַמוויַיען,
אַף הויכן באַרג, ווו ס׳בלויט אַ הויז,
דאָרט שטייט אַ דרוקערײַ אַ נײַע.

מיט מײַנע לידער כ׳גיי אַהין
(כ׳האָב נאָך דער אַרבעט זיי געשריבן),
און ס׳איז מיר גוט, און שווער, און גרינג,
און עפּעס מורמלען שטיל די ליפּן.

אָ, לידער מײַנע, וויי און מוט,
מיט אײַך געפּרילינגט און געווינטערט,
עס שטראָמט אין אײַך אײַן ווארעם בלוט,
ווי בא דער מאַמען מיט די קינדער.

עס האָט די זון זיך העל צעבלאַנקט,
אין אַלע פענצטער זיך צעצונדן,
און ס׳טוט מיר באַנק, און ס׳טוט מיר באַנק,
אַ גוטער כאַלעם איז פאַרשוווּנדן.

א מיידעלע אין סקוווער

אַ קליינינק מיידעלע האָט אָפּגעבראָכן
אַ צווײַגל פון אַ בוים און איז צופרידן,
זי האָט געגנומען אינדערלופטן פאָכען,
געמיינט — אָט שפּילט זי אַף אַ פידל.

אַ פידלערן, קאָן זײַן, זי טרוימט צו ווערן...
אויב יאָ, וועל איך צו איר קאָנצערט נאָך קומען.
ס׳וועט עפּשער קריגן אַ בילעט זײַן שווערלעך,
אַ שטופּעניש לעם קאַסע און אַ טומל.

און איין באַקאַשע כ׳האָב צו איר איינגאַנצן:
ווען אויסוואַקסן זי וועט מיט מאַזלבראָכע,
זאָל זי אין סקווער אַ נײַעם בוים פאַרפלאַנצן
פאַר אָט דער צווײַג, וואָס זי האָט אָפּגעבראָכן.

אין פּערעיאַסלאַוו

ס׳כאַפּט פון טיפן שלאָף זיך אויף די ערד
מיט אַ ליכטיק-פּרילינגדיקן שמייכל,
פונדערווײַטנס דוכט זיך אויס, זי הערט,
אַז עס גייט אַהער שאָלעם-אַלייכעם.

לאַנג שוין ניט געווען אין אָט דעם קאַנט,
ווו געשטאַנען איז זײַן קינדערש וויגל,
ווו אוקראַינע האָט אַף דוירעס לאַנג
אים באַקרוינט מיט קישעפדיקע פליגל,

ער אַף זיי זאָל אַרומקרײַזן די ערד
און פאַר יעדן פאָלק זײַן שעפע טראָגן.
ס׳בלאָנדזשען איצט קיין שטערן שוין ניט מער.
ווו געווען איז פינצטער, הייבט אָן טאָגן.

עפּשער האָסטו קיינמאָל ניט געטרוימט,
אַז דו וועסט אין אייביקייט אַרײַנגיין.
דו ביסט ווי אַ לעבעדיקער בוים,
מיר זײַנען פון דיר די גרינע צווײַגן.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע
פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן
האַרציק דעם דיכטער פּיניע קיריטשאַנ־
סקי מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג און
ווינטשן אים געזונט, אריכאס־יאָמים און
נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

א פערד אפן שניי

אף בלענדיק־ווײַסן שניי — א שוואַרצער פערד
זיך קאַטשעט, און דער שניי האָט זיך צעוואַרעמט.
און פון דער וואַרעמקײַט נעמט אף דער ערד
צעשפּרייטן זיך א מילכיק־ווײַסע פּאַרע.

און פון דער ווײַט דערטראָגן זיך אַהער
פון א האַרמאָניק זילבערדיקע קלאַנגען.
שפּיצט אָן די אויערן דאָס קלוגע פערד,
א ציטער טוען זײַנע פיס די שלאַנקע.

דאָס פערד שפּרינגט אוף מיט הויכער הירזשערײַ,
ציט אָן די שטײַפע מוסקלען, פונקט ווי סטרונעס,
די פײַערדיקע אויגן קוקן אין דער ווײַט,
א סוואָרע, אַז עס הערט די ליד פון די באַגונער.

מיר דאַכט, אַז אַשער שוואַרצמאַן קומען וועט,
מיט צאַרטער האַנט דאָס פערד א גלעט טאָן פאַר דער גריוועס...

א ליטעראַרישער אָוונט

לינע קאָסטענקאָ

אין קיִעוו האָט מען זייער ליב פּאָעזיע.
אין דעם אָקטיאַבער־פּאַלאַץ איז אַן אָוונט הײַנט.
דורך פענצטער קוקט א שלאַנקע די בערעזע,
אין פול געפּאַקטן זאַל זי קוקט אַרײַן.

א ווינטל וויגט די צווײַגן אירע גרינע,
א בלעטל קושט די הייסע שויבן אויס.
עס רײַסט זיך די בערעזע אף דער בינע,
פּאָעטן טרעטן דאָרט אַרויס.

אוקראַאינישע און יידישע פּאָעטן.
עס קלינגען לידער, און די פרײַנטשאַפט וואַקסט.
אף דער בערעזע האָבן אַלע בלעטלעך
זיי אַפּלאָדירט מיט קינדערשן קוראַזש.

פאַרבליבן זײַנען מענטשן נאָך אין דרויסן
(ס'האָט אויסגעפעלט זיי ערטער אינעם זאַל).
ווי בינען זשומען זיי, ווי זאַנגען רוישן,
פאַר זיי איז דיכטונג, ווי א לעבנס־קוואַל.

אָט גייט אַרײַן א דיכטערן פון דרויסן,
ניין, ניט זי גייט, זי שוועבט גאָר אין דער לופט.
די באַקן אירע פלאַמען — רויטע רויזן,
און אף דער בינע ווי א שוואַן זי פליט אַרוף.

ווי וואַרעם־צאַרט עס קלינגט איר שטימע:
כ'וויל אײַך א גרוס פון מענטשן איבערגעבן,
וואָס שטייען אונטער שטערנדיקן הימל,
פאַרליבטע אין פּאָעזיע, ווי אין דעם לעבן.

אלעקסאנדער ליזען

נײַע מאָנאָלאָגן

א זייגער פון בראָנזע

צײַט! וואָס איז דאָס?

צײַט זעט מען ניט, מע הערט זי ניט, מע פילט זי ניט. ס'איז אומעגלעך זיך פאָרשטעלן די צײַט, ווי עפּעס מאַמאַשעסדיקס. די צײַט איז ווי עטער פון אייביקײַט. נאָר אויך דעם עטער, און אויך די אייביקײַט זעט מען ניט און מע הערט ניט...

די צײַט איז אָבער עפּעס אזוינס, וואָס עקזיסטירט. דאָס איז אַן אומשטרײַטבאַרער פאַקט. ביזוואַנען איך שרײַב אָן דאָס וואָרט „צײַט", זײַנען שוין פאַריבערגעגאַנגען עטלעכע רעגעס. הייסט עס, אז די עקזיסטענץ פון דער צײַט אַנטפּלעקט זיך דורך איר באַוועגונג. די צײַט באַוועגט זיך. און דערבײַ — בלויז פאָרויס, טאָמיד פאָרויס, קיין טראָט צוריק, קיין סעקונדע צוריק. אויב נאָכן ווינטער קומט דער פרילינג, איז דאָס — צײַט. ס'איז אומעגלעך אָבער, אז נאָכן פרילינג זאָל זיך אומקערן דער ווינטער. אויב א קינד ווערט פאַרוואַנדלט אין א דערוואַקסענעם און נאָכדעם אין אַן אלטן מענטשן, איז דאָס צײַט. ס'איז אָבער אומעגלעך, אז אַן אלטער מענטש זאָל צוריק פאַרוואַנדלט ווערן אין א קינד, אז זײַנע קנייטשן זאָלן גלאַט ווערן און פאַרשווינדן, און אָף דעם מײַסטערס פּאָנעם זײַנען שוין פאַראַן ניט ווייניק קנייטשן, און יעדער קנייטש איז א זיכטבאַרער, פילבאַרער שפּור פון דער צײַט.

פונדעסטוועגן קאָן קיינער ניט זען, ניט הערן ניט אָנטאַפּן די צײַט. איז ווי אזוי...

— האָבן די מענטשן צוגעטראַכט א זייגער, — זאָגט פאַמעלעך דער מײַסטער, גלײַך ווי ער וואָלט געטראַכט וועגן וואָס איך קלער, — האָט מען די צײַט גלײַך דערזען (ציפערבלאַט), דערהערט (טיק־טאַק) און פילבאַר...

איבערהויפּט, ווען דער זייגער איז פון בראָנזע. ווי דער־אָ, וואָס שטייט באַשיידן אין א ווינקל אָף א פּאַרצײַטיקער הויכער שוואַרצער און קײַלעכדיקער טומבע. עס גייט ניט נאָר אין דעם, וואָס דער דאָזיקער זייגער איז א שווערער, ער וועגט עפּשער מער פון א פּוד.

— איז אין וואָס נאָך גייט עס?

— מיר שײַנט, אז פון אלע מעטאַלן קאָן גראַד בראָנזע געבן עפּעס אַן אָפּשײַן פון דער אייביקײַט, אין וועלכער אפילע אליין די צײַט הערט אוף צו זײַן, ס'הייסט, זי פאַרלירט פּאַשעט איר זין — נאָכוואָס דאַרף מען מעסטן די אייביקײַט?

איז אָט טאַקע צוליב דער דאָזיקער „אָפּשײַן פון אייביקײַט" האָט דער מײַסטער געפּאַטערט אלע זײַנע אָפּרו־טעג פון א גאַנץ האלב יאָר. געפּאַטערט און — געוווּנען. אופגעשטעלט דעם בראָנזענעם זייגער פונעם אכצנטן יאָרהונדערט פון א מערקווירדיקן פראַנצויזישן זייגערמאַכער. דעם דאָזיקן זייגער האָט מען שיר ניט אָפּגע־



די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד” באגריסן הארציק דעם שרײַבער אלעקסאנדער ליזען מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

פירט אין אן אוטיל־פונקט. בראָנזע איז דאָך וויכטיקער און ווערטפולער רויוואַרג. נאָר דער מײַסטער האָט זיך צוגעריירט מיט זײַנע גאָלדענע הענט צו דעם בראָנזענעם זייגער און אים אופגעלעבט.

דער זייגער האָט געהערט אן אלטיטשקער פרוי. זי האָט אים באקומען בעירושע פון איר מוטער, און די מוטער — פון דער באָבען, און די באָבע פון... ער האָט טרײַ געדינט, דער זייגער, אין מעשעך פון לאנגע־לאנגע יאָרן, און פארשלינגענדיק צוויי יאָרהונדערטער, איז ער טונקל געוואָרן פון דער זעלבער צײַט, וואָס ער האָט געמאָסטן. נאָר אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און קיין איין זייגערמאכער האָט זיך ניט גענומען צורעכט מאכן אים. און אלע האָבן געייצעט דער אלטיטשקער אָפּגעבן אים אין אורטיל. און דער מײַסטער האָט זיך יאָ גענומען, כאָטש ער איז ניט קיין זייגערמאכער, נאָר פּאָשעט א מײַסטער. נעמט ער און גריבלט זיך יעדן אָפּרו־טאָג אין מעשעך פון א האלב יאָר אין די געדערים פון דעם דאָזיקן זייגער, ביז־וואנען ער האָט ניט צורעכט געמאכט דאָס, וואָס איז קאליע געוואָרן, ניט דערמאכט דאָס, וואָס האָט שוין אויסגעפעלט, ניט אָפּגערייניקט דאָס, וואָס איז פארזשאווערט געוואָרן, ביזוואנען ער האָט אים ניט ארײַנגעגעבן א נײַ לעבן, קעדיי ער זאָל קאָנען נאָך לאנג דינען דעם מענטשן מיט זײַן פינקטלעכקײַט און בראָנזעוודיקײַט.

אָט ווי ער זעט אויס, דער גאָר אלטער זייגער, וואָס איז באנײַט געוואָרן: אפן דעקל הויכן זיך צוויי בראָנזענע פיגורן פון א מוטער מיט א קינד. די מוטער ברעכט די פינגער, דער קאָפּ איז פאריסן ארוף, צום הימל, זי ווענדט זיך, מיסטאמע, צום אייבערשטן, ער זאָל ראטעווען איר קינד, וואָס ליגט פארכאלעשט מיט פארמאכטע אויגן, און דער בראָנזענער זייגער טיק־טאקעוועט אָפּ דײַטלעך און קאלטבלוטיק די לעצטע רעגעס פון זײַן לעבן.

— ס'איז עפּעס מעשונעדיק, וואָס דער מײַסטער האָט אויסגעקליבן אזא סוזשעט.

— און עפשער האָבן מיר אים ניט ריכטיק פארשטאנען?

— ווי זשע דארף מען עס פארשטיין?

דער מײַסטער האָט פארקלערט געזאָגט:

— די אומופהערלעכע באוועגונג פונעם אומרו און דאָס לעבעדיקע טיקען, ווי א הארצקלאפּעניש פון דעם זייגער־מעכאניזם, לאָזן ניט דאָס קינד שטארבן. אָט זעט איר דאָך: צוויי הונדערט יאַר זײַנען פאָריבער, און דאָס קינד לעבט נאָך און וועט נאָך לעבן לאנג, ביזוואַנען...

אין דעם מאָמענט האָט דער גרויסער ווײַזער אפן ציפערבלאט זיך אויסגעגלײַכט מיט דער געקינצלטער ציפער 12 און ס'האָט זיך דערהערט דאָס שלאָגן פונעם זייגער.

א צערודערטער, האָב איך זיך צוגעהערט צו דעם דאָזיקן שלאָגן, ווי צו דער שטים פונעם אכצנטן יאָרהונדערט. דער מײַסטער האָט באמערקט מײַן אופרעגונג און ער האָט שטיל באמערקט:

— ס'איז פּאָשעט אף כידושים, וואָס שווערע בראָנזע קאָן ארויסלאָזן אזעלכע צארטע מעלאָדישע קלאנגען.

דער פאַרקישעפטער פוניקוליאָר

זיי האָבן זיך ניט געקענט. און אים האָט זיך געדוכט, אז ער קען דאָס מיידל שוין פונלאנג. עס טרעפט אמאָל אזוינס. באגעגנסט אף דער גאס אן אומבאקאנטן מענטשן, און דו נעמסט זיך ברעכן דעם קאָפּ: ווו זשע האָב איך אים געזען? און אינדערעמעסן האָב איך אים קיינמאָל ניט געזען. קיינמאָל.

און אזוי אויך דאָ. דאָס דאָזיקע מיידל האָט ער קיינמאָל ניט געזען. ער האָט זי פּאָשעט געזוכט. עפשער דאָס גאנצע לעבן זײַנס האָט ער זי געזוכט. און ווען ער האָט זי באגעגנט, האָט זײַן נעשאָמע א צאפּל געטאָן: אָט איז זי! ענדלעך האָבן מיר זיך ווידער באגעגנט. און אינדערעמעסן האָט ער זיך מיט איר קיינמאָל ניט באגעגנט. אוואדע האָט ער דערבײַ געקאָנט א קלער טאָן: איך נעם אָן דאָס געוווּנטשענע פאר דער ווירקלעכקײַט.

א לאנגע ריי צום פוניקוליאָר. אלע ווילן וואָס גיכער קומען צום שפּיץ פונעם בארג. ער, נאטירלעך, גארט אויך. נאָר צום אונטערשייד פון אנדערע אײַלט ער זיך ניט. און צוליב וואָס דארף מען זיך אזוי אײַלן? א בארג איז א בארג. און שטייט פעסט, ווי א בארג. ער וועט אין ערגעץ ניט אנטלויפן. דער שפּיץ פונעם בארג פאָדערט א דערהויבענעם, יאָ־יאָ, א דערהויבענעם געמיט.

אלע האָבן געוווּסט, אז דער פוניקוליאָר נעמט ארײַן צוואנציק פארשוין, מער קיין איינעם ניט. מע טאָר ניט צוליב געפארלאָזיקײַט. אויך ער האָט דאָס געוווּסט. נאָר אנדערע האָבן אומגעדולדיק געציילט, וויפל מענטשן שטייען פאר אים, און ער האָט ניט געציילט. ער איז געשטאנען דער אכצנטער אין דער ריי, נאָר באקומען האָט ער זיך דער איין־און־צוואנציקסטער. ווײַל ער האָט אָפּגעטראָטן זײַן ריי א באיאָרט פּאָרל, און עפּעס א מיידל האָט מיט א שמייכעלע זיך דורכגעשארט פאָרויס אין לעצטן אויגנבליק, ווען די טיר פונעם פוניקוליאָר האָט שוין געהאלטן באם פארמאכן זיך, און ער האָט נאָך געווארט, ביז דאָס באיאָרט פּאָרל וועט בעשאָלעם ארײַן אין וואגאָן. בא אנדערע אומשטענדן וואָלט ער זיך ניט געערגערט. נו, כ׳בעט אײַך, וואָס עפּעס דארף מען זיך אזוי ערגערן? וועט זײַן מיט א צוואנציק מינוט שפּעטער. און ביפראט וואָס פאר די דאָזיקע צוואנציק מינוט וועט די נעשאָמע, צי דאָס הארץ, צי דער פארשטאנד נאָך טיפער זיך צוגרייטן, קעדייִ ווירדיק מאשגיִעך צו זײַן די דערהויבענע הייך פונעם בארג, וואָס איז נאָר א קאפּעלע נידעריקער פונעם הימל.

נאָר איצטער טוט אים באנק, ווײַל דאָס געזיכט פונעם מיידל, וואָס איז אים פארלאָפן דעם וועג מיט א פּיפּיק שמייכעלע, האָט זיך אים אויסגעוויזן ביז ווייטעק באקאנט. און זי איז שוין געווען די צוואנציקסטע, און ער בלויז דער איין־און־צוואנציקסטער. וואָס איז שײַעך דעם ווייטעק, איז ער אנטשטאנען פון א פּלוצעמדיקן געפערלעכן צופלוס פון אויסערגעוויינלעכער פרייד, און ער איז שוין געווען ניט קיין יונגער מאן, וואָס געפינט זיך דערצו אין אומנאָרמאלע באציִונגען מיטן סייכל־האיאָשער.

און אזוי באקענט און ליבלעך־אייגן איז פאר אים אנטשטאנען דאָס געזיכט פונעם מיידל, אז אין סאמע לעצטן מאָמענט פאר דעם, ווי דער פוניקוליאָר האָט זיך געלאָזט אין וועג, האָט זיך זײַן האנט א הייב געטאָן און א צייכן אינדערלופטן דורכגעמאכט אראָפּ און ארוף. דאָס האָט געזאָלט באטײַטן: כ׳וועל צוווארטן ביז דער פוניקוליאָר וועט זיך אראָפּלאָזן, איך וועל זיך אופהייבן מיט אים ארוף, און מיר וועלן צוזאמען ארופקלעטערן אפן העכסטן שפּיץ פונעם בארג גאָר־גאָר הויך, דאָרט, ווו מע קאָן זיך אופהייבן אף די שפּיץ פינגער און בארירן דעם הימל מיט דער האנט. דאָס מיידל, ווידער, האָט איבער עפּעס אן אומפארשטענדלעכער סיבע און גיכער פון אלץ — איבער איר שטיפערישער שטימונג פארשטאנען קאפּויר: ער וועט צוווארטן אף איר פונונטן, ביז דער פוניקוליאָר וועט זיך אראָפּלאָזן און זיי וועלן ביידע גיין אין רעסטאָראן, וואָס רופט זיך „אָוונטרויט", און ווו ס׳איז פאראן א דערשיטערנדיקער עסטראַדע־אָרקעסטער, און דער סופיט אינעם זאל איז א דורכויסיקער נאכט־הימל מיט א לעוואָנע, מיט שטערן און מיט א מילכוועג.

צוויי וואגאָנדלעך פונעם פוניקוליאָר באוועגן זיך איבער א קאנאטן־וועג איינצײַטיק, נאָר אין פארקערטע ריכטונגען: צוויי וואגאָנדלעך ארוף, און צוויי — אראָפּ. זיי קאָנען זיך באוועגן נאָר צוזאמען. די וואגאָנען, וואָס פאָרן אראָפּ, שלעפּן מיט זייער געוויכט יענע, וואָס קלעטערן ארוף. און די, וואָס פאָרן ארוף, פארהאלטן מיט זייער געוויכט יענע, וואָס נידערן אראָפּ. און אזוי פאָרן זיי ארוף און אראָפּ, און ערגעץ אין מיטן וועג באגעגענען זיי זיך אף א ווײַלע און צעפאָרן זיך ווידער אין פארשיידענע זײַטן, ביז זיי באגעגענען זיך ניט ווידעראמאָל. און אלץ הייבט זיך אָן פונדאָסנײַ, וואָרעם זיי זײַנען צוזאמענגעבונדן, ווי דער סיאַמער צווילינג, מיט איין שטריק.

4—311

איז אָט. אין דעם מאָמענט, ווען די פוניקוליאָרן האָבן זיך באגעגנט, האָבן זיך אויך באגעגנט זייערע בליקן. ביידע האָבן זיך צעשמייכלט, ווי אלטע באקאנטע. האָט ער ווידער געמאכט א צייכן מיט דער האנט, און דער צייכן איז נאָכאמאָל אויסגעטײַטשט געוואָרן פארקערט, און, ניט פארלאָזנדיק די וואגאָנען, האָבן זיי זיך ווידער א יאָג געטאָן איינער אנטקעגן דעם צווייטן, און ווידעראמאָל געטוישט זיך מיט בליקן, און שמייכלען, און צייכנס, און נאָכאמאָל...

און אָט אזוי האָבן זיי זיך אופגעהויבן און אראָפּגעלאָזט אָן א סאָף, באגעגענענדיק זיך מיט די בליקן, מיט די שמייכלען, און מיט פינגער, וואָס מאכן דורך אינדערלופטן סוידעסדיקע און לעבערלעכע צייכנס.

איז וואָס? שוין זשע וועלן זיי אזוי אייביק יאָגן אהין און צוריק, ארויף און אראָפ?

ניין, ס'הייסט, ער וואָלט ניט געווען קעגן. פארקערט, ער איז מיט זײַן גאנצן וועזן פאר דעם, וואָרעם ער איז א מענטש, וואָס פארמאָגט גאָר ווייניק סייכל־האיאָשער. פאר אים זײַנען גענוג די דאָזיקע קורצע רעגעס. און ער האָט זיך שטיל געפרייט מיט זיי, באגײַסטערט געווען, און די נעשאָמע האָט זיך בא אים געפרייט. אָבער פאר איר, פארן מיידל, איז דאָס געווען א שפיל, א שפאס. און א שפיל, ווי ס'איז באוווסט, מוז זיך אמאל ענדיקן, פריִער אָדער שפעטער. און איר נעשאָמע האָט געקוועלט, ווען זי האָט אין געדאנק צוגעגרייט א פריילעכע געשיכטע פאר אירע כאווערטעס וועגן דער דאָזיקער פאסירונג.

דער קלאָון

דערקענסט זיך?

א, דו שמייכלסט? א פאָטאָ־אפאראט האָט דיך אראָפגעכאפט, ווי דו זיצסט אין א וועגעלע, ווי אף א טראָן, ווי עפעס א פרינץ זיצסטו, א קליינער באלעבאָס פון דער גרויסער וועלט, און פון דײַן קליין וועלטל, וואָס רינגלט דיך ארום, זיצסטו און שטרעקסט אויס דײַן פוכקע הענטל צו א קלאָון, וואָס איז צוגעבונדן מיט א פאָדעם צום הענטל פונעם וועגעלע. שעמערירט ער פאר דײַנע אייגעלעך און טאנצט צווישן די זון־שטראלן, אליין א שטראלנדיקער און לעכערלעכער, א צווייפענעמדיקער. אָט טוט ער זיך א קער צו דיר מיט דער געלער זײַט פון זײַן שפיציקנאָזיק פענעמל, און אָט מיט דער רויטער, ער בוקט זיך און דרייט זיך און שווינדלט, און אלץ צוליב דיר, צוליב דיר, צוליב אײַך, אײַער עקסעלענץ, אָ, פרינץ מײַנער אומשטאצבארער!

נו, און די זון, און די שטראלן פון וועלכער עס באָדט זיך דער קלאָון, איז דען ניט צוליב דיר? און דער הימל פונויבן? און די ערד פונונטן? און די ביימער און קוויטן ארום דיר?

אָ, דו ביסט א כאָשעווער פארשוין, א זעלבסטצופרידענער קונדעס, אלץ געהערט דיר, אלץ און דעריקער, דער קלאָון, דער לעכערלעכער, רויט־געלער קלאָון מיט דעם בוראטינאָ־נעזל, וואָס האָט זיך פון ערגעץ געיאוועט, פון עפעס א מײַסע־לאנד, ספעציעל, קעדיי צו מאכן דיר לוסטיק, — גאפסטו אף אים מיט פארכידעשטע אויגן און מיט אן אָפן מויל, נאָר אף אים, און זעסט קיינעם ניט כוץ אים.

קיינעם ניט... אפילע די מוטער.

ווו איז זי, די מאמע דײַנע?

ניטאָ. נאָר צוויי פינגער אירע. ווייסטו כאָטש פארוואָס?

זי וויל דיר ניט פארשטעלן דעם בלויען הימל מיט דער מילדער זון. שטייט זי באשיידן אין א זײַט. און די צוויי פינגער ציִען פארן פאָדעם און צעהוידען אומבאמערקט דעם קלאָון, ער זאָל טאנצן און שפרינגען און העפקען, ווי אן עמעסער, ווי א לעבעדיקער, וועלכער איז ספעציעל געקומען צו פליִען פון עפעס א סוידעסדיק צויבער־לאנד, קעדיי מעסאמייעך זײַן דיך און... איז פארגעדענק. פארגעדענק! —

— פארוואָס כאזער איך דיר איבער — „פארגעדענק"?

— כ'ווייס פארוואָס. איך זאָל, בימכילע, ארויסקריכן פונעם טראָן איצטער, ווען איך בין שוין געוואָרן א גרויסער און דערזען די מוטער.

— עמעס.

— אָבער וויאזוי האָב איך דאָס געקאָנט פארגעדענקען? איך בין דאָך געווען א פיצל.

פאראן א סגולע. נעם די פאָטאָ, שטעל זי ארײַן אין א רעמל און הענג זי אויף אף דער וואנט איבער דײַן בעט. וועסטו עפשער ווערן א געטרײַער זון. וואָרעם דער קלאָון איז פון טראנטעס אויסגעמעלאָכעוועט, ער פארמאָגט ניט קיין לעבעדיקן אָטעם אין זיך, און אויב

ער האָט געטאַנצט און געהאָצקעט זיך, האָבן אים דײַן מאַמעס פינגער געצווונגען, קעדיי זאָלסט באַצויבערט ווערן פונעם לעבן, וואָס איז שטראַלנדיק און בלוי, ווי די זון און דער הימל.

אַצינד הער און באַנעם, און ס'אַרט מיך ניט, וואָס ביסט געקומען אהיים אַנגעדרודלט, שטארק דערצאַרנט ביסטו געקומען אהיים, און כ'וועל אפילע ניט וויסן פאַרוואָס. צי האָסטו זיך צעקריגט מיט מײַען, צי עפּשער האָסטו פלוצעם דערפילט, אַז ניט נאָר דער קלאָון, נאָר אליין דאָס לעבן האָט צוויי פאַרשיידענע פּענעמער: איינס, וואָס לאַכט, און אַ צווייטס, וואָס וויינט. וואָס זשע אַרט מיך יאָ? דאָס, וואָס דו האָסט זיך דערשלעפּט אהיים צוויי אזייגער באַנאַכט, און דײַן מוטער האָט געוואַרט און געוואַרט, און קיין אויג ניט צוגעמאַכט, און דו האָסט אפילע ניט... ניין, ערגער זיך ניט, איך וויל ניט און וועל ניט דאַקוטשען דיר מיט מוסער־רייד, נאָר האָב געדולד אָף אַ ווײַלע און ענטפער מיר אָף אַזאַ שײַלע:

— צי איז דיר ניט געקומען אפן סייכל, אַז דו ביסט אויך ווי אַ קלאָון, וואָרעם האָסט אויך צוויי פּענעמער?

איין פּאָנעם — אַ ליבס, אַ מילדס, אַ שמייכלדיקס — צו מײַען. און אַ צווייט פּאָנעם — אַ כמורנע, אפילע אַ באַרויגעזלעכס און אָפּגעפרעמדטס — צו דער מוטער.

ענטפער מיר ניט. האָסט דען, וואָס צו ענטפערן?

בעסער הייב אויף דײַנע אויגן, אָ, פרינץ, און טו אַ קוק אָף דער פּאַטאָ אין רעמל...

צוריק צו דער מאמען

די טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ טראַסק, אָף דער שוועל האָט זיך באַוויזן פײַע מיט אַ שמייכלדיק פּענעמל, און דינע האָט אויסגעשריִען:

— פײַע!

— וואָסי, מאַמעניו? ניט געוואַרט אָף מיר?

דינע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. זי איז געבליבן שטיין, ווי געפּלעפּט, און שווײַגנדיק געקוקט אָף דער טאָכטער, וואָס האָט זיך נאָך ברייטער צעשמייכלט.

„עפּעס צו פיל צעצויגן די ליפּן", — האָט די מוטער אַ טראַכט געטאָן, נאָר געשוויגן. פײַע שטייט נאָך אַלץ באַ דער שוועל. דינעס שווײַגעניש זעט אויס נאָך מער געצווונגען ווי פײַעס שמייכל.

— פאַרמאַך די טיר.

פײַע פרעגט שטיפעריש:

— פון דער זײַט, צי פון יענער?

די מוטער שווײַגט. זי קוקט אַרום איר טאָכטער פון אַלע זײַטן מיט אַ בלאָנקענדיקן און איינצײַטיק דורכדרינגלעכן בליק. פײַעס פּאָנעם איז בלייכער ווי געוויינלעך, אונטער די אויגן — טונקעלע פאַרטריקנטע שפּורן.

— האָסט געוויינט, פײַעלע?

פײַע צעקוועלט זיך הויך, אָף אַ קאָל, און מיט עפּעס אַ מאָדנער זיך פאַרגייענדיקער קוויטשערײַ. „פײַעלע, טעכטערל מײַנס, וואָס איז מיט דיר? האָסט קיינמאָל אַזוי ניט געלאַכט". נאָר זי זאָגט איר גאָרניט. זי פרעגט די טאָכטער שטיל און אײַנגעהאַלטן:

— נו, ווי גייט עס דיר?

ערשט איצט טוט פײַע ווידער אַ טראַסק מיט דער טיר, טוט אַ שטופּ זי מיטן פוס, זי איז בוידעק, הייסט עס, צי די טיר איז טאַקע פעסט פאַרמאַכט אָף דער קליאַמקע, דערנאָך לויפט זי צו אימפּעטיק, מיט אַ ווינטל, צו דער מוטער, נעמט זי אַרום. די מוטער צעכליפּעט זיך, און די טאָכטער קוועלט.

— אויסגעצייכנט! — רופט אויס פײַע עפּעס אוטאָמאַטיש, גלײַך ווי דאָס דאָזיקע וואָרט וואָלט שוין פונלאַנג געווען פאַרגרייט און ס'איז געלעגן אָף דער שפּיץ צונג.

די מוטער וואַרט, וואָס וועט די טאָכטער ווײַטער זאָגן. נאָר פײַע לאַכט גאָר. דינע באַפרײַט זיך פאַרזיכטיק פון פײַעס אָרעמס, טרעט אָפּ אָף עטלעכע טריט, טרײַבט אוועק פון זיך די באַדאַכטע קווענקלענישן און פרעגט אַנטשלאָסן:

— ער קריוודעט דיך ניט?

דער „ער" איז מיט אַ קוועטש. פײַע ווייסט אוואַדע, וועמען די מוטער מיינט. נאָר אינווייניק באַ איר מאַכט זיך אַן אָפּצולאָכעסדיק שעדל לוסטיק. און זי פרעגט איבער:

— ווער? יאַשע?

די מוטער שווײַגט. די טאָכטער וויל באַווײַזן, אַז עס פאַרדריסט איר, וואָס די מאַמע האָט זיך ביז אהער ניט אויסגעלערנט רופן איר איידעם באַם נאָמען. שטענדיק רופט זי אים „ער". און דער טאָכטערס פאַרדראָס האַלט אין איין וואַקסן גראַדע איבער דעם, וואָס אַצינד

איז זי מאַסקים מיט דער מוטער, נאָר וויל זיך ניט מוידע זײַן, צי עפּשער וויל זי ניט מעצאער זײַן איר מאַמע און נעמט פּלאַפּלען, און די נײַן מאָס רייד פאַרטשעפּען ניט דער מוטערס האַרץ, וואָרעם זיי דרינגען ניט אַרויס פון איר טאָכטערס האַרץ און גרימפּלען ווי פּוסטע בימבערלעך.

— וואָס איז דיר עפּעס אײַנגעפאַלן אין קאָפּ, מאַמעניו! ניין, יאַשע קריוודעט מיך ניט. ער האָט מיך זייער ליב. קענסט זיך אַפילע ניט פאָרשטעלן. ער האָט מיך ליב, ווי דאָס לעבן, ווי דעם ליכטיקן טאָג, ווי אַן אויג אין קאָפּ, ווי...

— ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, — זאָגט איר אונטער די מוטער, און די טאָכטער כאַזערט איבער גלײַך ווי גאָרניט:

— ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, ווי...

דינע שלאָגט איבער:

— נו, און די שוויגער? דער שווער?

פײַע פאַרכלינעט זיך אַזש פון לויב־געזאַנגען.

— אָ, דאָס זײַנען זייער פײַנע מענטשן. זיי האָבן מיך אויך מעסוקן ליב. שטעל זיך פאָר, אַז זיי לאָזן מיך אַפילע ניט אַרײַנגיין אין קיך. די שוויגער קאָכט פאַר אונדז אַלע, און דער שווער פאַרזאָרגט אונדז מיט פּראָדוקטן. כוץ דעם...

דינע שלאָגט ווידער איבער די טאָכטער. זי וויל איר עפּעס זאָגן, עפּעס זייער וויכטיקס. זי פאַרקנייטשט דעם שטערן, פאַרמאַכט אַף אַ ווײַלע די אויגן. נאָר די טאָכטער קוועלט שוין ווידער, און די מוטער פרעגט זי מיט אַן אָנגעווייטעקט האַרץ:

— וואָס זשע ביסטו פּלוצעם געקומען צו פאָרן?

פײַע ענטפערט גלאַט ווי אַ מיזמער, און לויט דער־אָ גלאַטקײַט שטויסט זיך אָן די מוטער, אַז אויך דער דאָזיקער ענטפער איז פאַרגרייט אַפריער:

— כ'האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר, מאַמעניו. אַנומלטן, ווען איך בין געווען בא די...

אַ ווײַלע טאָכטער, קיין אײַנהאָרע! אַ געטרײַע טאָכטער. פאַרבענקט זיך, נעבעך, נאָך דער מאַמען.

איז גוט. זאָל זײַן אַזוי. זאָל דאָס ניט דערזאָגטע איבערברענען אין האַרצן. דינע וויל אַרײַנפאַלן אין דער טאָכטערס אויסגעמוטשעטער פּלאַפּלערײַ מיט אַ פראַגע, וואָס איז אי אַ שײַלע, אי אַ פאָרוואורף: „האָב איך דיך דען ניט געוואָרנט, טעכטערל?”. נאָר זי האַלט זיך אײַן מיט אַלע קויכעס. שווײַגנדיק גייט זי צו צו פײַען, נעמט זי אַרום, און ביידע צעוויינען זיך. נאָכדעם נעמט דינע פײַען פאַר דער האַנט, ווי אַ קליין קינד, און פירט זי אַרײַן אין אַלקערל.

— דערקענסט דײַן צימער? רו זיך אָפּ. מיר וועלן שוין זען, וואָס מיר האָבן צו טאָן.

מאָטל גראָביאַן *

פון דער שעפערישער יערושע

א לעגענדע וועגן גליק

איך האָב דאָס גליק
פון אָפּלעבן א גרינג לעבן
אליין מיט די הענט דערשטיקט;
אוועק מיט דעם צום בוים
מיט פוכיקן צווייט,
צום טײַך,
וואָס מיט שטיינער
זיך ווארגט,
צו דער אלטער בריק
אונטער דעם לעוואָניקן בארג —
און האָב עס, ווי א מאַמזער,
אין שמאַטעס אײַנגעוויקלט
און אליין אוועק
צום צווייטן ברעג.
דאָס גליק האָט געוויינט,
מײַן הארץ
צעריסן אף שטיקער.
און איך, ווי דער בארג,
האָב געשוויגן.
איך האָב געטראַכט;
די ערד
וועט זײַן דײַן וויגל
און א טאַטע דעם בוים.
צו א טאַכלעס
וועט מיר זײַן שווער
ברענגען
מײַן טרוים!
אז ארום און ארום
געווען אזא האריגע
פון מענטשלעכן געדאַנק,
אף קוילן
געבראָטן און געברענט
מע האָט ס'מענטשלעכע געוויסן!
און כאָטש יונג געווען כ'בין
און ניט באַדאַכט,
האָב איך שטיקער
פון זיך געריסן
און אליין פאַר א קאָרבן
זיך געבראַכט.
אזא מענטש איז ווערט,
מ'זאָל אינמיטן העלן טאָג
אין גאַס אים שיסן
פאַר טראָגן באַנאַכט.

ווי א מאַמזער, דאָס אייגענע גליק,
אף העפקער
עס לאָזן אין שמאַטעס פאַרוויקלט,
באַם בוים
מיט פוכיקן צווייט,
באַם טײַך,
וואָס מיט שטיינער
זיך ווארגט
אונטער דער אלטער בריק.
דעמלט
האָט זיך אופגעהויבן
פון א שטאַרקן ווינט א זאַווײ
אין צאַפֿן־לאַנד
פון זון און שניי.
געווען פאַרפּאַראַשעט
זײַנען בײַ מיר די אויגן.
נאָר כ'האָב געזען
ווי צו דער ערד
אונטערן בוים מיט פוכיקן
צווייט
לאָזט אראָפּ זיך א פויגל,
און אין זײַן שנאָבל
כאַפּט ער מײַן
אין שמאַטעס אײַנגעוויקלט גליק
און פליט,
פליט מיט דעם אין הימל אוועק.
מע קאָן זיך פאָרשטעלן מײַן שרעק,
וויפל כמאַרעס
האָבן מײַן קאָפּ באַדעקט,
ווען דערזען
כ'האָב דעם פויגל
אף הויכע שפּיציקע בערג,
באַם אָפּגרונט־ראַנד
אין צאַפֿן־לאַנד
פון זון און שניי!
אהין דערלאַנגען
קאָן ניט מײַן האַנט,
ניט מײַן געשריי!
— פויגל, פויגל!
קער אום מײַן אויצער מיר,
מײַן ניט באַטראַכטערהייט
אליין דיר אונטערוואַרפן
ס'גליק.

כ׳וועל צוליב דעם קלעטערן
אין די בערג
און זיך צוריק קײַקלען,
ווי א שטיין,
דורכשווימען טײַכן
בלוט און געוויין,
ווערן אליין איבער טײַכן
א בריק —
צוזען כאַטש בלויז
אַן אומגליק פון מײַן גליק.
און ניט דער פויגל
און ניט די בערג
האָבן מיך געהערט;
פון הויכן הימל,
ביז דער ערד
האָט זיך אראָפּגעלאָזט,
א הוילע שארפע שווערד.
און א קאָל
האָט אין רוים געשאַלט,
כאַפּ אָן זיך מיט די הענט
און זי האַלט
און קלעטער,
זיך ניט אומקוקנדיק
צוריק,
וועסטו ביזן ערשטן
שטערן נאָך דערלאַנגען
צו דײַן גליק.
כ׳האָב אײַנגעזאַפּט
אין זיך די רייכעס
פון פרישן גראָז,
פון פּוכיקן בוים,
אונטער וועלכן מײַן גליק
כ׳האָב געלאָזט,
כ׳האָב געשווערט זיך
בא דער שײַן
פון מײַנע אויגן —
אָן א לייטער און אָן א שטריק
קומען צום העכסטן בארג־שפּיץ,
ווו סע ווייַלט דער פויגל,
איבער מײַן אָפּגערויבט גליק.

פונעם הימל,
ביז דער ערד
געוואָרן כ׳בין א רעגנבויגן
פון האַלטן
מיט די הוילע הענט
די בלויזע שווערד.
נאָר ארום און ארום
איז געוואָרן ליכטיק —
און דאָס איז וויכטיק!
פון דער העכסטער הייך,
פון רוים,
האָב איך געזען א פערד,
וואָס האָט דעם קאָפּ
אין א טאָרבע האָבער
ארײַנגעשטעלט.
פון אלע שטיבער
און שטיבלעך,
איז געגאַנגען א רויך,
און מײַן טרוים
צו זען געלײַטערט
די וועלט
האָט זיך מיט זון־פּעדעמלעך
געשטריקט,
געוועבט.
מײַן גליק —
סע לעבט!
כאָטש פּופּציק יאָר
געדויערט האָט דער וועג,
פּופּציק יאָר
מיט זיבן טעג.
ווי גיך די צײַט
איז דורכגעלאָפן —
און אזוי איז געשען,
גלייב מיר
באַדער ריינקײַט
פון זון און שניי,
אין צאָפן־לאַנד,
וואָס שטילט מײַן וויי —
אזא געשיכטע
איז דעם וועג מיר פארלאָפן...

1 אפּרעל 1967

צײַטן פון יאָר

פרילינג

פרילינג שיטסטו ווי א בוים מיך אָפּ
מיט שניי־ווײַסן, מיט העל־בלויען צוויט;
דאַן קוש איך דײַן שמעקנדיקן קאָפּ,
און מײַן זייגער ווערן דײַנע טריט.
איך שפּיר נאָך די גאָלדענע ווײַזערס,

די זון אין טײַך אקערט דאָס אײַז שויך,
אויך אין מיר א לויטערקײַט זיך ברעכט.
איך טראָג אַף די הענט דיך אין לעוואָנע־נעכט
אקוראט, ווי דעם הימל כ׳וואָלט געפאנגען,
פרילינג ווערט מײַן הארץ צעגאַנגען...

זומער

זומער, ווען דער הימל באַם גומען ברענט
און סע פּלאַצט דאָס פּעלד פֿון היץ,
קומסטו מיט אַ ליימענעם קרוג אין די הענט,
און מיר אין פּאָנעם וואַסער דו שפּריצסט.
אָנגעגאָסן מיט ליכט ביסט דאַן, ברוין ווי ווייץ.
איך טרינק מיט אַזאַ דאָרשט און יִינגלשן רייץ
פֿון דײַנע הענט מײַן בעסטן געטראַנק!
אָן דיר כ׳וואָלט געווען, ווי אונטערן ציפּ אַ זאַנג.
קום מיט מיר, לאָמיר ווייקן אין טײַך דעם לײַב,
ביז די קני מיר זײַנען אין זומער אַרײַן.
געקרוינט זאָלן ווערן אונדזערע שענסטע פֿאַרלאַנגען,
מיט דיר וואָלט איך אין וואַלד אויף אַ בוים געהאַנגען.

האַרבסט

האַרבסט פּלאַטערט, ווי אַ בלאַט דאָס האַרץ,
צאַרטע פּרוכטן צעקלאַפּן אָן דער ערד די שטערנס;
ווען וועלן די ביימער ווידער באַבלעטערט ווערן?
פֿייגל פֿליִען אין לענדער וואַרעמע דורך טערקײַ,
צו אונדז זיך אומקערן זיי וועלן סײַוויסײַ.
מיר וועלן ווינטערן מיט דיר אין דער היים,
מאַכן אַן אייוועלע פֿון ציגל און ליים.
דער רויך וועט די סטעליע באַ אונדז פֿאַרשוואַרצן,
און איך וועל דיך הייס דריקן צום האַרצן.

ווינטער

ווינטער ביסטו אַ פֿײַער־רויז, וואָס בריט די הענט,
דער פֿראָסט האָט ביימער פֿאַרקאָוועט, געוויקסן פֿאַרברענט,
און דו מיט אַזויפֿיל זון אונטער דער הויט
האָסט דעם הימל געמאַכט רויט.
אַ טײַוול איז דאָ, צי דאָ איז גאָט?
אויף דינסטן אײַז מיר שטעלן ביידע אַ טראָט.
אַך, וואָלט איך זיך צו דער פּאָלאָנקע אָנגעבויגן,
דער טײַך האָט פֿאַרדעקט די בלויע אויגן,
אונטערן אײַז מיט דיר וואָלט איך אוועק,
אונדזער גאָלדן פֿישעלע געכאַפּט פֿאַרן עק,
מיר זײַנען טויזנט מאָל מיט דיר צום דנאָ אַראָפּגעגאַנגען,
און קיין אייניציק מאָל עס ניט געפֿאַנגען.

1957

היים

דעם אלטן צאַרנדיקן הימל
מיט די הענט אראָפּגעשלעפּט
און איבער מײַן דאַך אופגעהאנגען
א צווייטן.
דאָרט, ווו דער טויט
האָט פאַרן פאָלק טאכריכים געוועבט,
זעצט זיך שוין דאָס האַרץ,
ווי א שמעטערלינג אַף קווייטן,
איך האָב צו דעם געזאָגט:
געגוג פאַרשטיינערט זײַן אין ווינד־און־ווייי,
טו אויס פון יעסורים און גרויל די קייטן,
נאָר הער פון קאַרבאָנעס דאָס געשריי.
אויב נאָכאַמאָל א בייז געוויטער,
פאַל ניט, ווי פון באַרג־שפּיץ א הליבע שניי,
וואַרף די פּײַנט אַרײַן אין ציטער!
שלאָג זיך דורך, ווי וואסער, און גיי
אנטקעגן אלע געפאַרן און פלאָגן.
דו זעסט, קינדער אין הימל
א זומערדיקן האָגל טראָגן —
קלאָר־שעמערירנדיק אײַז.
זיי שרײַען — אין הימל וואקסט רײַז!
זיי זינגען און קלינגען,
די גרײַפּעלעך שלינגען —
און דער זומערדיקער האָגל
קלאַפּט אין אלע פענצטער
מיט לאַנגע זילבערנע פינגער.

1964

ביימער

אָט די בעריאָזקעס זײַנען אזוי ליכטיק און צאַרט,
מע קען אָן א ליכט פעטיט דאָ לייענען,
איין בוים דאָ בלויז שטייט מיט א לעכערדיק האַרץ,
אָן א העמד אפן לײַב און אויסגעדאַרט,
די אַרומיקע ביימער מיט טוי אים באַווייגען,
פּאַטערן זיך די אויגן גלאַט.
צוליב וואָס דאָס וויינען?
זאָל יעדער בוים בעסער שענקען פון צווײַגל א בלאַט,
ער איז נאַקעט, ווי די מאַמע וואָלט ערשט אים געהאַט,
צוליב וואָס אים לעבעדיקערהייט באַוויינען?
ווײַל אָבער דער בוים ניט קיין „מאַטנאַס יאַד",
ער וועט מיט פרעמדע בלעטער קיין טאָג ניט לעבן,
אין זײַן פרילינג ער גלייבט, ווייטעקט און וואַרט
אליין די ערד וועט אים זאַפט און לעבן געבן.

10 יון 1966



וואַלענטין טאַמין

לעקאָווער דעם לעבן

היינט פיר אזייגער פארטאָג, אָן קיינע פרעטענזיעס צום ראטנפארבאנד, ניט דערקלערנדיק קיין מילכאָמע, איז דאָס דייטשישע מיליטער אָנגעפאלן אף אונדזער לאנד, אין פיל ערטער אטאקירט אונדזערע גרענעצן, און באָמבירט פון זייערע אעראָפלאנען אונדזערע שטעט — זשיטאָמיר, קיִעוו, סעוואסטאָפּאָל, קאונאס און אייניקע אנדערע שטעט.

ניט דאָס ערשטע מאָל קומט אויס אונדזער פאָלק זיך קעגנשטעלן דעם אָנגרייפנדיקן, כוצפּעדיקן סוינע. זיינערצייט, ווען נאפּאָלעאָן איז אָנגעפאלן אף רוסלאנד, האָט אונדזער פאָלק דערקלערט א פּאַטערלענדישע מילכאָמע — נאפּאָלעאָן האָט געהאט די מאַפּאָלע, דאָ איז געווען דער אָנהייב פון זיין וויסטן סאָף.

דעם זעלבן בראָך וועט האָבן דער כוצפּעדיקער היטלער, וואָס איז נידערטרעכטיק אָנגעפאלן אף אונדז. די רויטע ארמיי, דאָס גאנצע פאָלק אונדזערס וועלן ווידער אָנהייבן א פּאַטערלענדישע מילכאָמע פאר אונדזער היימלאנד, פאר מענטשן־ווירדע, פאר פרייהייט.

...אונדזער קאמף איז א גערעכטער. דער סוינע וועט זיין באזיגט. אונדזערער וועט זיין דער ניצאָכן.

(„פראוודא“, 23 יון 1941 יאָר).

1

אין א ליכטיקן, גערוימען צימער זיינען די ביכער־פּאָליצעס פונעם דיל ביזן סופיט. אינעם גוט־צוגעמאכטן קאכלנעם אויוון הודעט דאָס פייער, עס ברענען בריקעטן פון צונויפגעפרעסטן גרויען שטיינקויל. אף אונדז פאלט די בלוילעכע שיין פונעם טאָרשער, אונדזער שמועס דויערט שוין ניט איין שאָ.

איך שמועס מיט אורזולע פּאָגעל — זי איז א באוווּסטע זשורנאליסטן אין דער דייטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק. א סאך יאָרן האָט זי פארוואלטעט מיטן קולטור־אָפּטייל פונעם פּאָפּולערן פרויען־זשורנאל „פיור דיך“. דאָס לעבן פון דער דאָזיקער דייטשישער מישפּאָכע איז ענג פארבונדן מיט דער געשיכטע פון אייראָפּע פאר די לעצטע פיר יאָרצענדליקער. איר מוטער — א בערלינער קאָמוניסטקע, לויזא קראוסכאאר, האָט פון פופצן יאָר אָנטיילגענומען אין דער ארבעט פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד פון דייטשלאנד.

— אין אונדזער פאמיליע האָט געהערשט א שעפערישע אטמאָספער פון אלגעמיינער פארנומענקייט, — האָט דערציילט אורזולע, — עס האָבן זיך געשריבן ארטיקלען, לידער, אינטערמעדיעס צו די עסטראדע־פּראָגראמען פארן ארבעטער־קאָלעקטיוו „רויטער האמער“, וועלכער איז בא אונדז געשאפן געוואָרן לויטן מוסטער פון דער סאָוועטישער „בלויער בלוזע“. בא דער מאמען פלעגט זיך אלץ גוט באקומען. זי האָט די דעקאָראציעס אויך געמאָלט. א

מין גרויסער יאָמטעוו עס איז געווען בײַ אונדז, בײַ די קינדער, ווען מע פֿלעגט אונדז נעמען אויף אַ קאָנצערט פֿונעם „רויטן האַמער".

דאָס דרײַ־און־דרײַסיקסטע יאָר. צו דער מאַכט זײַנען געקומען די נאַציסטן. די שטורמאַ־וויקעס האָבן גראַמירט קלובן און אַנשטאַלטן פֿון קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן. אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פֿון בערלין האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן און אונטערזוכונגען, בייס וועלכע מע האָט די קאַרבאָנעס געשלאָגן און געהאַרגעט. די פּאַרטיי איז אַוועק אין אונטערערד. די כאַווײרים האָבן אָנגענומען אַ באַשטימונג, אַז לויזע קראָוסכאַאַר מיט די קינדער זאָלן עמיגרירן. ווינטער, אין שניי, איז בוראַן דורך באַרגיקע שטעגן האָבן זיי געדאַרפֿט דורכגיין די גרענעץ. עס האָט זיי באַגלייט דער קאָמוניסט פֿעליקס באַבעק, אַ בערלינער געלערנטער, אַ פֿיזיקער. ער האָט גוט געקענט דעם דאָזיקן וועג אויף דער דײַטשיש־טשעכאָסלאָוואַקישער גרענעץ, ניט איין מאָל האָט ער געפֿירט מיט דעם דאָזיקן שליאַך כאַווײרים.

ער האָט געשפּאַנט פֿאָרויס, דורכלייגנדיק אַ סטעזשקע מיט זײַנע ברייטע לױזשעס אינעם שניי. הינטער אים איז געגאַנגען לויזע, וועלכע האָט אין אַ רוקזאַק געטראָגן זייער גאַנצן פֿאַרמעגן. די טעכטער האָבן זיך געשלעפּט נאָך איר, אַלע ווילע ביזן גאַרטל, אײַנזינקנדיק אינעם שניי. זיי זײַנען געווען זייער מיד, און דער וועג האָט, דאַכט זיך, גאָר קיין סאָף ניט געהאַט. אַרום און אַרום האָבן זיך געהויכט פֿאַרשנייטע בערג, באַוואַקסענע מיט סאָסנע־וועלדער.

פֿונהינטן איז געבליבן דער אָראָפּגאַנג פֿון ווײַסע, באַדעקטע מיט אײַז, רונדע בערג.

— זאָרגט זיך ניט, קינדער, — האָט זיך געזעגנט מיט זיי פֿעליקס באַבעק, קלײַבנדיק זיך אויף צוריקוועגס, — מיר וועלן מאַכן אָרדענונג בײַ אונדז אין דער היים, און איר וועט זיך אומקערן. איך וועל אײַך אויסלערנען לויפֿן אויף לױזשעס.

אַנדערע מענטשן האָבן אויסגעלערנט אורזולען און עריקען לויפֿן אויף לױזשעס.

פֿעליקס באַבעקן האָבן די פֿאַשיסטן אומגעבראַכט אין דער בערלינער טפֿיסע פּלעטצענזעע אינעם 1938 יאָר.

זיי זײַנען אַוועקגעפֿאָרן אינעם ראָטנפֿאַרבאַנד צוזאַמען מיט אַנדערע מישפּאָכעס פֿון שוצבונדאָווצעס, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין די באַריקאַדע־שלאַכטן אין עסטרײַך, אין פֿעוורואַל כוידעש פֿונעם 1934 יאָר. דעם אויפֿשטאַנד האָט מען דערשטיקט, און די העלדישע שלאַכטלײַט, און די מיטגלידער פֿון זייערע מישפּאָכעס האָט מען פֿאַרפֿאָלגט.

לויזע קראָוסכאַאַר איז געפֿאָרן אינעם ראַטנפֿאַרבאַנד דאָס צווייטע מאָל. אינעם 1929 יאָר איז זי דאָ געווען אײַנײנעם מיט אַ דעלעגאַציע יונגע דײַטשישע אַרבעטער, וועלכע האָט איינע פֿון די ערשטע באַזוכט דאָס לאַנד פֿון די ראַטן.

פֿאַר די העכער דרײַ כאַדאָשים, וואָס זי האָט פֿאַרבראַכט אין פּסס̈ר, איז זי געווען אויף אַ סאַך אונטערנעמונגען, און אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿונעם לאַנד.

ווי אַ ליכטיקן אָנדענק פֿון יענע גליקלעכע טעג האָט זי מיט ליבע געהיט אַ בוך, וועלכן עס האָבן איר געשענקט די סאָוועטישע פּרײַנט — אַלעקסאַנדער בעזימענסקיס פּאָעמע „קאָמסאָמאָליע", זייער אַ שיינע יובליי־אויסגאַבע מיט אַ ווידמונג אויף דער ערשטער זײַט: „צום 10־טן יאָרטאָג פֿונעם קאָמיוג ווידמען די אַרבעטער די קעמערלעך פֿון דער מוסטערהאַפֿטער טיפּאָגראַפֿיע פֿונעם מעלוכע־פֿאַרלאַג פֿון דער 1־טער קינאָ־פֿאַבריק ראַטנקינאָ.

מאָסקווע — לענינגראַד, 1928 יאָר".

און אַ כאַווערס אַן אויטאָגראַף: „כאַווערטע לויזע! אַן אָנדענק אײַך פֿון אַ קאָמיוגיסט און אַן אַרבקאָר פֿון מאָסקווער פּראָלעטאַרישן ראַיאָן. זאָל די עפּאָפּיי פֿונעם לענינישן קאָמיוג זײַן אַ בײַשפּיל אין דער טאָגטעגלעכער אַרבעט אינעם קאַמף מיטן קאַפּיטאַליזם אין דײַטשלאַנד.

26. 09. 1929".

די וואָגאָנען האָבן קורסירט אונטער אַן אַרקע, אַ באַפּוצטער מיט צונטער־רויטן צווײַג און סאָסנע־צווײַגן, מיט לאָזונגען אויף פֿיל לעשוינעס: „פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַרײניקט זיך", — דאָס איז געווען די גרענעץ פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. די מיידעלעך זײַנען געווען גליקלעך — זיי פֿאָרן קיין מאָסקווע.

אין פֿיל יאָרן אַרום, זײַענדיק שוין דערוואַקסענע, האָבן זיי ניט איין מאָל וואַרעם דערמאָנט די ערשטע באַגעגעניש מיטן ראַטנלאַנד.

— ווען מיר זײַנען געקומען, — דערמאָנט זיך אורזולע, — האָט די מאַמע געאַרבעט אין קאָמינטערן, און דערנאָך, אויספֿילנדיק די פֿאַרגעבונג פֿון דער פּאַרטיי, זיך אומגעקערט קיין דײַטשלאַנד אויף אומלעגאַלער אַרבעט, איך און עריקע זײַנען געוואָרן דערצויגלינגען פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהויז אויף יע. ד. סטאַסאָווס נאָמען אין דער שטאָט איוואַנאָוואָ.

...יענעם יוניקן זונטיק פונעם 1941 יאָר האָט אורזולע זיך פאַרמאַכט אין לאַבאָראַטאָריע און געדרוקט פאָטאָגראַפיעס, אָנגעזאַמלטע פאַרן זומער. באַלויכטענע מיט רויטער שייַן, זייַנען אופגעקומען אַף פּאַפּיר באַקאַנטע פּנעמער פון כאַווײרים — ייִנגעלעך און מיידעלעך, עלטערע און ייִנגערע קאָמישע, פאַרזאָרגטע, קינדערשע... מיטאמאָל האָט זיך דערהערט א זעץ אין דער טיר:

— אורזולע... א מילכאָמע...

אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע האָבן די איינוווינער פון איוואַנאָוואָ דערלאַנגט העכער 30 טויזנט מעלדונגען מיט דער ביטע, מע זאָל זיי שיקן אַפן פראָנט.

די יונגע אַנטיפאַשיסטן האָבן ניט געקענט שטיין אין א זייַט און ניט אָנטיילנעמען אינעם קאַמף, וועלכן עס פירן זייערע סאָוועטישע ברידער און שוועסטער, זיי האָבן ניט געקענט זיך באַהאַלטן הינטער די פּלייצעס פונעם פאָלק, וועלכער האָט זיי געראַטעוועט, געגעבן א מאָקעם אין א שווערער צייַט. אין שטאָטישן מיליטער־קאָמיסאַריאַט האָט א פּלייך געטאָן א שטראָם מעלדונגען פון די דערצויגלינגען פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים. מיר האָבן דעזשורעט אַף די דעכער בייַס די פאַשיסטישע לופט־אַטאַקעס. אין אונדזערע וואַרשטאַטן האָבן די ייִנגלעך און מיידלעך גענייט מיליטערישע אַמוניציע, געאַרבעט אין קאָלווירטן. זיך געסטאַרעט העלפן דעם אייגן געוואָרענעם ראַטנלאַנד מיט וואָס מע האָט געקענט. איין געדאַנק, איין באַגער איז געווען באַ אַלעמען — וואָס מער אופטאָן פאַרן לאַנד, וואָס איז פאַר זיי געוואָרן בלוטיק־טייַער.

פריַיוויליקע זייַנען געגאַנגען אַפן פראָנט, מיט טשוועקעס האָבן כאַווײרים אויסגעקאַרבט זייערע נעמען אַף דער ציגלענער וואַנט, באַם אַרייַנגאַנג אינעם קינדערהיים.

אַלעקסאַנדער קאַראַסטאַיאַנאָוו... געאָרג ניקאָלאַידי... פּיאָטער זשאַרסקי... זשאַרקאָ וואַלטער... קורט רעמלינג... גוסטאַוו שיוטץ... ענריקאָ ווילאַר...

ערגעץ נאָענט האָט געזיפּצט דער לאָקאָמאָטיוו. אַפן פעראָן פונעם איוואַנאָוואָער וואָקזאַל זייַנען אין אַן ענגן קרייַז געשטאַנען שלאַכטלייַט. עס האָט זיך געקרויזלט א גרויער מאַכאָרקע־רויך. די טעפּלושקעס האָבן געוואַרט אַף די מענטשן מיט ברייט צעעפנטע טירן אינעם פינצטערן כאָלעל זייערן. דאָס דייַטשישע מיידעלע אורזולע פאָגעל האָט געלייענט העגריך היינעס לידער... די „ווינטער־מייַסע" האָט זי געלייענט די רויטאַרמייער, וועלכע זייַנען געפאָרן אַפן פראָנט. א באַגייַסטערטע און א באַטריבטע — זי האָט געוואָלט זייַן אינאיינעם מיט די רויטאַרמייער אין אַן ענגער טעפּלושקע.

דאָס געשטאַלט פונעם באַרויבטן דערנידעריקטן דייַטשלאַנד, וועלכן עס האָט אָנגעמאָלט א גענ‍יאַלער קינסטלער, איז אַנטשטאַנען פאַר די אויגן... עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גרויסער פּאָעט האָט אָנגעשריבן די אומשטערבלעכע שורעס וועגן די נאַציסטישע פירער פונעם „דריטן רייַך":

> מענוּוואָלים, פאַרפוילטע לאַנג,
> האַלב־אויסוווּרפן, און האַלבע מייסים.
> אוועקן מיט א סאַם־געשטאַנק
> מיט טראָפּנס לעצטע, און נאָך הייסע.
> ס'האָט יעדער וואָרעם — א וואַנדאַל —
> געפייגערט און די לופט פאַרפּעסטעט,
> ווען ס'האָט א רעטונגס־קויל אין אים
> געשיקט א יונגע האַנט א פעסטע.

אין איוואַנאָוואָ האָבן זיך באַוויזן פאַרוווּנדעטע. אין שטאָט האָבן זיך געעפנט האָספּיטאַלן, און אַהין זייַנען אוועק יונגע דערצויגלינגען פונעם קינדערהויז. איין האָספּיטאַל האָט זיך געפונען זעקס קילאָמעטער פון אונדזער קינדערהיים. פון פּוסטאָש באַר, און נאָך די לימודים אין שול, אין א באַליביקן וועטער, זומער און ווינטער, אין פרעסט און רעגנס זייַנען פיר מיידלעך — די בולגאַרקע פּעטראַ ראַדינקאָווא, די איטאַליענערן — אַנדזשעלאַ באַטיסטאַ, די יוגאָסלאַווקע מאַיאַ מאָסיענקאַ און אורזולע פאָגעל, — געגאַנגען צו די פאַרוווּנדעטע, איבער וועלכע זיי האָבן גענומען שעפטום.

דאָרט האָט אורזולע דאָס ערשטע מאָל באַשייַמפּערלעך דערזען, וואָס פאַר א ליידן און אומגליקן עס ברענגט א מילכאָמע. אַפן גאַנצן לעבן האָט זיך איר פאַרגעדענקט א יונגער רויטאַרמייער באָריס פּוגאַטשאָוו. אים איז געווען א יאָר צוואַנציק. ער איז געלעגן אומבאַוועגלעך — מע האָט אים אַמפּוטירט ביידע הענט און ביידע פיס. און ניט געקוקט אַף דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן, איז ער ניט וואָס קיין מאָרעשכוירעניק ניט געווען — ער פלעגט זיך א ווערטל טאָן, א שמייכל טאָן, און אַמאָל זיך אַפילע צעלאַכן. ווען באַ

אורזולען פלעגן, קוקנדיק אויף אים, אויסער איר ווילן, זיך אָנפילן די אויגן מיט טרערן, פלעגט ער איר גוטמוטיק זאָגן: „נו, שטאַרק זיך, שוועסטערקע! האַלט זיך!" און בלויז איין מאָל, באַנאַכט, ווען אַלע אין פּאַלאַטע זײַנען געשלאָפן, האָט אורזולע באַמערקט, ווי באָריס ווײַנט, אײַנגווערענדיק דעם קאָפּ אין קישן.

די אַרבעט אין האָספּיטאַל איז געווען אַ שווערע, אַן אויסמאַטערנדיקע. אורזולעס מאָל־בושים האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט דעם גערוך פון יאַטערנדיקע וווּנדן, די הענט האָבן ווי געטאָן, ס'האָט געבראָכן דער רוקן. איינמאָל האָט אורזולע אײַנגעשלעפּט מיט אַ סאַניטאַרקע געשלעפּט אַ טראַגבעטל, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַן עמעסער גוואַר, אַ ריז. און די פאַמיליע זײַנע איז געווען ווי אַנגעמאָסטן — וועליקאַנאָוו. ווען ער האָט דערזען, אַז זי נעמט דאָס טראַגבעטל, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען: „טשעפּע ניט... וואַרף אַוועק! דו טאָרסט ניט טראָגן אַזאַ שווערקײַט!" זי האָט אים ניט געפאָלגט. דער פאַרוווּנדעטער האָט געשריגן, פּראָטעסטירט, אַפילו אַ קלאַפּ געטאָן דאָס מיידל מיט זײַן שווערן קולעק אין האַנט, יענע זאָל אָפּלאָזן דאָס טראַגבעטל, נאָר אורזולע האָט אים געבראַכט אין פּאַלאַטע, ווו מע האָט איבערגעבונדן זײַנע וווּנדן. דער פאַרוווּנדעטער איז נאָך לאַנג געווען אויפגעבראַכט, וואָס אַזעלכע קליינע מיידלעך צווינגט מען טראָגן שווערע מאַסעס. אורזולע האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז קיינער צווינגט זי ניט, אַז זי טוט עס לויט איר אייגענעם ווילן. אַז זי אַרבעט דאָ, ווײַל זי וויל דאָ אַרבעטן. נאָר דער פאַרוווּנדעטער האָט עס אַפילו הערן ניט געוואָלט.

דאָרט, אין האָספּיטאַל, אין די פּאַלאַטעס זײַנען פאָרגעקומען קאָנצערטן פון דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט. די כעוורע האָבן געזונגען לידער אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, געטאַנצט, געלייענט שירים.

— נאָך אונדזערע קאָנצערטן, — דערמאָנט זיך אורזולע פאָגעל, — פלעגן מיר נאָך לאַנג שמועסן מיט די פאַרוווּנדעטע. זיי האָבן זיך אינטערעסירט, פונוואַנען זײַנען מיר, ווי לעבן מיר, צי לערנען מיר זיך גוט. אַ באַזונדערן אינטערעס פלעגן זיי אַרויסווײַזן צו אונדז, צו די דײַטשן. צום אַלעם ערשטן האָבן מיר זיך געפילט גאָר ניט גוט, אונדז איז עפּעס שרעקלעך געווען. מיר זײַנען דאָך געקומען צו מענטשן, וועמען עס האָבן פאַרוווּנדעט דײַטשישע קוילן. וויאַזוי וועלן זיי זיך באַציִען צו אונדז? נאָר גיך זײַנען אונדזערע ספּייקעס צעווייעט געוואָרן. זיי האָבן אַלע גוט פאַרשטאַנען, אַז עס זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע דײַטשן, אַז ניט אַלע זײַנען פאַשיסטן. זיי האָבן בלויז געפרעגט בײַ אונדז, וויאַזוי האָט עס געקענט געמאָלט זײַן, אַז אין לאַנד, ווו עס האָבן געלעבט קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס, ראָזע ליוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט, געטע און היינע, האָבן געקענט קומען אַזעלכע אויסוואָרפן, ווי היטלער און העבעלס? און וויאַזוי האָט די נאַציסטן זיך אײַנגעגעבן אָפּנאַרן, פאַרפירן דאָס דײַטשישע פאָלק? מיר האָבן זיך געסטאַרעט, ווי ווײַט מעגלעך, אויסנוצנדיק אונדזערע קענטעניש, ענטפערן אויף אַזעלכע פראַגן. מיר פלעגן זיי דערציילן וועגן אונדזערע עלטערן, וועגן זיך, וועגן אונדזער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים.

אין די שרעקלעכע ווינטערדיקע פרעסט פלעגט אורזולע אַרומוויקלען די פיס מיט צײַטונגס־פּאַפּיר, אין די פוישטן אויסשפּרייטן שטרוי, פאַרקוטען זיך אין דער פּאַלטאָ, וועלכע זי אַליין האָט אויפגענייט פון צוויי כאַלאַטן און וואַטע, אַרויס פונעם קינדערהיים און זיך לאָזן גיין אין האָספּיטאַל. זיך לאָזן אין וועג, וואָס האָט גאָר קיין סאָף ניט געהאַט. גייענדיק, האָט זי בלויז מוירע געהאַט אומפאַלן און פאַרפרוירן ווערן. קומענדיק, פלעגט זי עטלעכע ווײַלעס וואַרעמען זיך בײַ דער הרובע און גיין אין פּאַלאַטע צו די פאַרוווּנדעטע. אינעם האָספּיטאַל האָט זי געאַרבעט ביזן סאָף פון דער מילכאָמע.

אַ דאַרינק מיידעלע מיט אַ ווילנסקראַפט און מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער פון אַ שלאַכטמאַן.

עס ליגט אויפן טיש אורזולע פאָגעלס טאָגבוך. איך לייען אים. שורעס, וועלכע זי האָט אָנגעשריבן מיט דרײַסיק יאָר צוריק. מיט אָפריכטיקײַט און מיט הייליקן גלויבן ווייעט פון די ווערטער, וועלכע עס האָט אָנגעשריבן אַ דײַטשיש מיידעלע.

„איך ווייס, עס וועט אויסקומען זיך אומקערן אינעם היימלאַנד, קעדיי פאָרזעצן דאָרט די אַרבעט, וועלכע עס האָבן געטאָן אונדזערע עלטערן. ס'איז אַ נאָבעלער ציל. אָבער אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קומען אויף אויך אַנדערע געדאַנקען... דער ראַטנפאַרבאַנד! ס'איז דאָס היימלאַנד, דאָס היימלאַנד, וואָס האָט מיר געגעבן דאָס אַלץ, וואָס עס האָט ניט געגעבן דאָס לאַנד, ווו איך בין געבוירן געוואָרן.

די רוסישע מענטשן זײַנען פּראָסטע, גוטע, מיט אַ גרויסער און טיפער נעשאָמע; די רוסישע שפּראַך איז די רײַכסטע אין דער וועלט, מיט דער טיפקײַט און האַרציקײַט פון רוסישע לידער קענען זיך ניט פאַרגלײַכן קיין שום לידער אויף דער וועלט. און דעם דאָזיקן אויז־

צער איז אומעגלעך נעמען מיט זיך. אומעגלעך. בלויז מיט א קליין טיילעכל קען מען אָנפילן דאָס האַרץ און אוועקפירן מיט זיך.

דער סאָוועטישער מענטש! עס קלינגט בעעמעס שטאָלץ, ווען מע קען זיך צערײַסן אָף כאַלאָקים, ווען מע קען זײַן אײינציטיק אין צוויי קעגנזעצלעכע שטרעמונגען.

דײַטשלאַנד—פּססר.

דער כויוו און דאָס האַרץ.

אין מײַן לעבן האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין געלעגנהײַט, איך זאָל קענען אָף אַן עמעס אויספּרוּוון מײַנע קויכעס. איך איין פּראַט בין איך זיכער — קעגן דעם געוויסן וועל איך ניט גיין. דאָס איז דאָס אײנציקע, וואָס איך קאָן אַרעוו זײַן. די שוווע גיב איך זיך און מײַן מאַמען.

הייסט עס, אורזולע, אַז דו טרעסטסט אַרײַן אין אַ נײַער פּאַזע פון דײַן לעבן.

איך געזעגן זיך מיט דיר, מײַן גוטע, ערשט־פּאַרגאַנגענע, אָבער שוין ווײַטע קינדהײַט. כוורע, טײַערע, אײַך קומט דער גרעסטער דאַנק פון מיר דערפאַר, וואָס איך בין אַ מענטש״.

אין בערלין זײַנען די מיליטערישע איבערזעצערנס, די שוועסטער אורזולע און עריקע, אַרײַן צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי. דאָרט האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט זייער מוטער, וועגן וועלכער זיי האָבן לאַנגע יאָרן קיין ידיעס ניט געהאַט.

לויט דער פאַרגעבונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז לוויזע קראַוסכאַאַר אין די יאָרן פון מילכאָמע געווען אָף דער טעריטאָריע פון דאַרעם־פראַנקרײַך, ווו זי האָט געפירט אַן אַקטיווע אַנטיפאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סאָלדאַטן פונעם ווערמאַכט, זי האָט אויך אָנטיילגענומען אינעם אַרויסלאָזן אומלעגאַלע צײַטונגען און פלוגבלעטלעך. די מוטער מיט די טעכטער, זײַענדיק טעריטאָריעל ווײַט איינע פון די אַנדערע, זײַנען געווען אין איינע און די זעלבע רייען שלאַכטלײַט פונעם אײנהײַטלעכן, אינטערנאַציאָנאַלן, אַנטיפאַשיסטישן פּראָנט, און געקעמפּט קעגן איינעם און דעם זעלבן פײַנט — דעם דײַטשישן פאַשיזם.

אורזולע פּאַגעל און אירע פרײַנט זײַנען אָף שטענדיק געבליבן טרײַ דעם אידעאַל, וועגן וועלכן עס ווערט געזונגען אין זייער באַליבטער ליד:

מיר גיבן זיך ניט אונטער, און מיר גייען...

אין צימער איז שטיל, עס שפּילט די ראַדיאָלע. אָן אײַנגענומענע, עטוואָס אַ הייזעריקע שטים פון דער זינגערן — אָט איז זי, אָפן שאַרבלעטל פונעם פּלאַט. האָר פון אַש־קאָליר, קורץ, ניט גאָר אַקוראַט אונטערגעשאָרן, אַ בלאַס געזיכט, בוילעט־געצייכנטע האַרטע ליפּן און טיף־אײַנגעפאַסטע אויגן — די זינגערן גיזעלאַ. מע זינגט די ליד, וועלכע עס האָט פאַר־פאַסט ברעכט: „די באַלאַדע וועגן דעם טויטן סאָלדאַט״.

מיסטאַמע לײַכט זיך בלויז אונדזער פענצטער אָפן גאַנצן פּאַסאַד פונעם גרויסן באַנאַכ־טיקן הויז, און עפּשער אפילע אָף דער גאַנצער גאַס. הינטערן פענצטער שלאָפט די שטאָט בערלין. די שטאָט לייגט זיך פרי שלאָפן, און שטייט אוף פרי.

נעבן אונדז, אָפן טיש, ליגן בריוו, די באַוווּסטע סאָלדאַטישע דרײַעקן מיטן שטעמפּל פון דער מיליטערישער צענזור, מיט די אַדרעסן פון פעלד־פּאָשט. בריוו, וועלכע עס האָבן גע־שריבן כאַווערים אין די מילכאָמע־יאָרן. פיל איוואַנאָווער יאַטן זײַנען אוועק זיך שלאָגן קעגן דעם פאַשיזם.

אורזולע פּאַגעל רעדט וועגן אירע פרײַנט. אַ סאַך נעמען זײַנען מיר גוט באַקאַנט, מיט אייניקע פון זיי האָב איך זיך באַגעגנט די לעצטע יאָרן.

2

דער לייטענאַנט אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוו איז געווען דער ערשטער פון די געווע־זענע דערצויגלינגען פונעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אין שלאַכט מיט די היטלעראָווצעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַ פאַרעטערישע מיל־כאָמע קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אַלעקסאַנדער איז געבוירן אין אַ בולגאַרישער טורמע, אין דער שטאָט לאָם, אין אַ מיש־פּאָכע פון רעוואָליוציאָנערן. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון אַרבעטנדיקע פון פיל

לענדער האָט גערעטעוועט דאָס לעבן אים, זײַן מאַמען, זײַנע שוועסטער, אַזוי ווי טויזנטער אַנדערע פּליטים, וועלכע זײַנען געצוווּנגען געווען פאַרלאָזן דאָס אייגענע לאַנד.

דעם 19 יוני פונעם 1941 יאָר איז ער געקומען פון דער טאַמבאָווער קאַוואַלעריע־שול אין זײַן מיליטערישער טייל, וועלכע איז דיסלאָצירט געווען אין מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד, ניט ווײַט פון דער שטאָט ליעפּעל. און אין צוויי טעג אַרום, פירנדיק זײַן עסקאַדראָן אין אַ לערן־אַטאַקע, האָט דער יונגער לייטענאַנט גענומען אין געפענקעניש אַ פאַשיסטישן שפּיאָן, וועלכער איז אומגעריכט, אַ דערשראָקענער אַף טויט, אַרויסגעלאָפן מיט אופגעהויבענע הענט פון הינטער צעוואַקסענע קוסטעס.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער שלאַכט־וועג פונעם יונגן בולגאַרישן אַנטיפאַשיסט, אַ וועג, וועלכער האָט אים געבראַכט אַף דער אייגענער ערד.

אין איינעם פון די סאָוועטישע אַרכיוון האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אופזוכן זייער ווערטפולע דאָקומענטן, וועלכע העלפן מיט אופשטעלן די ביאָגראַפיע פונעם קינפּטיקן אָפיצער. אָט זײַנען אייניקע פון זיי:

דער דירעקטאָר פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים אַף יע. ד. סטאַסאָוועס נאָמען, האָט דעם 4 יול פונעם 1939 יאָר מיטגעטיילט אין מאָסקווע: „...אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוו, וועלכער האָט געענדיקט האיאָר אַכט קלאַסן, האָט אַ גוואַלדיקע שטרעבונג זיך לערנען אין אַ מיליטערישער שול, פינקטלעכער, אין אַ קאַוואַלעריע־שול. אָבער אַ מעניע, וואָס שטערט פאַרווירקלעכן זײַן טרוים, איז די עלטער. ער איז נאָך ניט אַלט קיין 16 יאָר. נעמענדיק אין אַכט, אַז עס זײַנען שוין געמאַכט געוואָרן אויסנאַמען באַם אָנעמען קורסאַנטן אין דער אויבנדערמאָנטער שול (די טאַמבאָווער קאַוואַלעריע־שול) פאַר אַזעלכע, וואָס זײַנען נאָך קיין 16 יאָר ניט אַלט, אָבער זיי האָבן זיך געלערנט אין די קאַוואַלעריע־שולן פון אָסאָוויאַכים (און ער האָט זיך געלערנט אין דער איוואַנאָווער קאַוואַלעריע־שול און אָפּגעגעבן קימאַט אַלע נאָרמעס אַפן צייכן „וואָראָשילאָווער שיסער"), הייב איך אוף אַ הישטאַדלעס פאַרן פאָלקס־קאָמיסאַר פון שוץ, און בעט פאַרעכענען קאַראַסטאָיאַנאָוון אין דער טאַמבאָווער קאַוואַלעריע־שול".

אַ הישטאַדלעס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון מאָפּר (צווישנפעלקערלעכע אָרגאַניזאַציע פון הילף די רעוואָליוציאָנערן) איז געשיקט געוואָרן אַפן נאָמען פונעם מאַרשאַל ס. מ. בודיאָני. דער העלדישער, דער באַרימטער שלאַכטמאַן, האָט גוט פאַרשטאַנען דעם ייִנגלס טרוים, און געהאָלפן אים דעם טרוים פאַרווירקלעכן. עס זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע כאָדאָשים, און אין דער טאַמבאָווער קאַוואַלעריע־שול אַפן נאָמען פון דער ערשטער קאַוואַלעריע־אַרמיי איז צוגעקומען אַ פּופּצניאָריקער קורסאַנט אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוו. דער טרוים פונעם בולגאַרישן באָכער איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. דאָס אייניקל פונעם גײַדוק, פונעם בולגאַרישן פּאַרטיזאַן, בייס אַף די באַלקאַנען האָבן געהערשט טערקישע פאַרכאַפּער, איז געוואָרן אַ סאָוועטישער קאַוואַלעריסט. אין איינעם פון זײַנע בריוו, וועלכע עס האָט געשיקט אינעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים דער פּאָרזיצער פונעם טאַמבאָווער געגנטקאָם פון מאָפּר, שרײַבט ער: „דער כאָווער קאַראַסטאָיאַנאָוו באַנוצט זיך מיט אַלע רעכט, וועלכע עס ווערן געגעבן דעם קורסאַנט פון דער קאַוואַלעריע־שול. ער זעט אויס ניט שלעכט, נאָר מע דאַרף אָפּנהאַרציק זאָגן, אַז לויט זײַנע יאָרן קומט אים אויס ניט גרינג זאָטלען און צוימען און שפּאַנען דאָס פערד, נאָר ער רעדט ניט וועגן דעם. אין אַלגעמיין געפינט ער זיך אין גוטע באַדינגונגען.

דעם 15 יוני 1941 יאָר האָט אַלעקסאַנדער דערפאָלגרײַך פאַרענדיקט די שול, בײַקומענדיק אַלע שוועריקײַטן, אויסגעצייכנט באַהערשט די קונסט פון פאָרן רײַטנדיק. און אין פיר טעג אַרום איז ער געקומען אין זײַן טייל, אַף דער מײַרעוו־גרענעץ פון דער סאָוועטישער מעדינע... דאָרטן האָט ער באַגעגנט די מילכאָמע...

דער לייטענאַנט אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוו איז געווען קאָמאַנדיר פון אַ קאַוואַלעריע־עסקאַדראָן אין ווײַסרוסלאַנד און אַף סמאָלענשטשינע, ער האָט אָנטיילגענומען אין שלאַכטן מיט די היטלעראָווצעס הינטער מאָסקווע, ער איז געווען פאַרוווּנדעט, געלעגן אין האָספּיטאַל, און ווען די וווּנדן האָבן זיך פאַרהיילט, זיך אומגעקערט אַפן פראָנט. האַרבסט פונעם 1942 יאָר, ווען ער האָט באַקומען אַ קורצטערמיניקן אורלויב, איז ער געווען אין מאָסקווע, בא זײַן שוועסטער ליליע.

ווען ער דערמאָנט זיך יענע ווײַטע באַגעגעניש, דערציילט ער וועגן איר ניט געײַלט, אָנגעשטרענגט, פונקט ווי ער זאָל וועלן פאַנאַנדערוקן אַ שווערן באַרג, דורכגעגאַנגענע פון יענער צײַט יאָרן:

דער גענעראַל קאַראַסטאַיאַנאָוו צווישן קאַמפּוטשיער סאָלדאַטן און אָפיצערן. פּנאָם־פּען, 1980

— כ׳האָב זי דעמלט געזען דאָס לעצטע מאָל. איך געדענק גוט, ווי מיר זײַנען געזעסן אין צימער. ס׳איז געווען זייער קאַלט. בא מיר האָבן געפרווירן די הענט. כ׳האָב געווענדט די אופמערקזאַמקײַט אפן שיידל פונעם נאַהאַן, וואָס איז געלעגן אפן טיש, אפן נײַעם שפּעסע־נעם פעלצל, און אף דעם פוטערנעם היטל, וואָס איז געהאַנגען נעבן דער טיר. ליליע האָט מיר געזאָגט, אז זי האָט ערשט ניט לאַנג פאַרענדיקט א פּאַרטיזאַנער שול, און איך האָב פאַר־שטאַנען, אז זי גרייט זיך מיט א שליכעס אין פאַשיסטישן הינטערלאַנד. איך האָב וועגן גאָר־נישט ניט געוואָלט זי פרעגן, ווײַל כ׳האָב געוווסט, אז וועגן דעם וועט זי מיר ניט דערציילן... האָב איך זי אזוי טאַקע ניט געפרעגט...

דעמלט האָב איך ניט געוווסט, אז זי האָט פרײַוויליק זיך דערשלאָגן, מע זאָל זי אײַנ־שליסן אין דער באַזונדערער מאָטאָריזירטער שיסער־בריגאַדע, וועלכע איז אָרגאַניזירט גע־ווען אין מאָסקווע זומער פונעם 1941 יאָר. די דאָזיקע מיליטערישע טייל האָט פריִער געהאַט אין אירע רייען בא טויזנט שלאַכטלײַט. קימאַט א דריטל פון זיי זײַנען געווען שפּאַנישע קאָ־מוניסטן, וועלכע זײַנען געצווונגען געווען פאַרלאָזן זייער היימלאַנד, ווען צו דער מאַכט זײַ־נען געקומען די פראַנקיסטן. די איבעריקע — טשעכן, סלאָוואַקן, פּאָליאַקן, עסטרײַכער, אונ־גאַרן, יוגאָסלאַוון, רומענער, גריכן, בולגאַרן, איטאַליענער, דײַטשן, פראַנצויזן, פינען און אפילע זעקס וויעטנאַמער, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען מײַנע כאַוויירים פונעם אינטער־נאַציאָנאַלן קינדערהיים.

פון אָנהייב האָט די בריגאַדע זיך באַטייליקט אין שלאַכטן הינטער מאָסקווע. שפּעטער, ווען די לאַגע אף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט זיך געענ־דערט, האָט זיך אויך געענדערט די ראָל פון דער בריגאַדע. עס זײַנען אופגעקומען נײַע אופ־גאַבן, נײַע פאָדערונגען. די בריגאַדע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינער פון די הויפּט־באַזעס, ווו עס זײַנען געגרייט און געשיקט געוואָרן קאַדרען אויספּשפּירער אינעם פײַנטלעכן הינטערלאַנד, דיווערסיע־גרופּעס, אינעם שלאַכט־צענטער לויט דער קאָאָרדינאַציע. די ברי־גאַדניקעס האָבן געדאַרפט העלפן אָרגאַניזירן, און ווען ס׳איז נייטיק — ארויסווײַזן הילף דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אף דער סאָוועטישער ערד, וועלכע עס האָבן צײַטווײַליק אָקופּירט די פאַשיסטן.

וועגן דעם האָט געניי דערציילט אין זײַנע דערינערונגען דער בולגאַרישער קאָמוניסט איוואַן ווינאַראָוו: „שלאַכטלײַט פון א שטילן פראָנט”. דער בוך איז דערשינען אין בולגאַריע און אין פּססר. אף איינעם פון די זײַטלעך האָט ער אויך אָנגערופן דעם נאָמען פון מײַן

שוועסטער — ליליע קאַראַסטאָיאַנאָווא. נאָר כ'וועל זיך אומקערן צו אונדזער לעצטער, ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט, באַגעגעניש אין מאָסקווע.

ליליע האָט אָנגעהויבן אונדזער שמועס זייער פּאָרזיכטיק, פּונדערווייַטנס, און לויט אירע פּראַגן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז איר זייער נייטיק וויסן, וועגן וואָס זי פרעגט, וויכ־טיק צוליב דער צוקונפט... פּריִער פון אַלץ האָט זי געפּרוווּט אויסקלאָרן, וועגן וואָס האָב איך געטראַכט, ווען כ'בין געוועזן מיט מייַן עסקאַדראָן אין אַרומרינגלונג, אינעם הינטערלאַנד פונעם פאַשיסטישן מיליטער, ניט האָבנדיק קיין האָפענונג אַרויס פון דער פאַסטקע? נאָר איך האָב געזאָגט, אַז איך קען ניט ענטפערן אויף דער פראַגע, ווייַל אין אַזעלכע „קעסלען" בין איך געוועזן ניט איינער, באַנאַנד מיט מיר זייַנען געוועזן מייַנע כאַוויירים — שלאַכטלייַט און קאָ־מאַנדירן.

דעמלט האָט ליליע געפרעגט: „ביסט אַ קאָמאַנדיר, און אונטער דייַן קאָמאַנדע זייַנען אָפּט פאַראַן מענטשן, עלטערע פון דיר. דו האָסט אַ מעדאַל פאַר געוואַגטקייַט. נאָר זאָג מיר, דיר איז געוועזן אַזוי שווער, אַז עס האָט זיך דיר געוואָלט עמעצן קלאָגן זיך אויף דייַן גורל?"

דעמלט האָב איך איר פראַגע אַזוי טיף ניט פאַרשטאַנען, ווי איך פאַרשטיי אַצינד. איך האָב געוווּסט, אַז איר מאַן, אויך אַ זשורנאַליסט, אַ מיטאַרבעטער פון דער צייַטונג „קאָמסאָמאָל־סקאַיאַ פּראַוודאַ" אַלעקסאַנדער סלעפּיאַנאָוו איז ניט לאַנג צוריק אומגעקומען אָפּן פראָנט, אַז בא ליליען איז געבליבן אַ קליין קינד, אַ זון, און איר איז אין יענע טעג געוועזן זייער שווער... איך האָב געענטפערט, אַז, פאַרשטייט זיך, שווער איז מיר געוועזן אין מעשעך פון אַ לאַנגער צייַט, אָבער שווער איז געוועזן ניט בלויז מיר איינעם, נאָר מייַנע כאַוויירים אויך.

אין יענעם ווייַטן נאָיאַבער־אָוונט האָט די שוועסטער גערעדט מיט מיר אויך וועגן איר זון. זי האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס קען זיך אַלץ טרעפן אין לעבן און מיר דאַרפן זייַן גרייט דערצו...

ליליע האָט דערמאָנט דייַטשלאַנד, דאָס טיורינגער שטעטל עלגערסבורג, גערעדט וועגן אונדזער לעבן אינעם הויז פון מאַפער, וועגן דעם, ווי אַלע דערוואַקסענע און קינדער, דייַטשן און בולגאַרן, פלעגן טראָגן מיך, אַ צווייייאָריקן, אויף די הענט, ווי זיי פלעגן זיך שפּילן מיט מיר און זאָרגן וועגן מיר. זי האָט מיר דערמאָנט, אַז אונדז אַלעמען, די בולגאַרישע קינדער, האָט געראַטעוועט די צווישנפעלקערלעכע סאָלידאַריטעט, און מיר טאָרן וועגן דעם קיינמאָל ניט פאַרגעסן. די שוועסטער האָט גערעדט וועגן דעם אַזוי, ווי עס וואָלט זי געמאַטערט דער געדאַנק, אַז פון דער פאַרגעבונג וועט זי זיך ניט אומקערן, און דעריבער וויל זי, אַז די דאָזיקע געדאַנקען און די דאָזיקע ווערטער זאָל איך פאַרגעדענקען און דערציילן וועגן דעם אין אונדזער היימלאַנד, אין בולגאַריע...

ליליע האָט מיר געצייצעט לייענען וואָס מער ביכער, דערלערנען אויסלענדישע שפּראַכן, ניט דורכלאָזן קיינע מעגלעכקייַט, וועלכע עס גיט דאָס לעבן. זי האָט זייער ליב געהאַט מו־זיק, קונסט, איבערהויפּט איז איר צום האַרצן געוועזן באַך, און זי האָט דעמלט געזאָגט: „באַך איז געוועזן אַ טאַטע פון צוואַנציק קינדער, און זיי האָבן אים ניט געשטערט, ער האָט גוט און אַ סאַך געאַרבעט. נעם זיך אַראָפּ אַ מוסטער פון אים".

פון יענער צייַט אין דורכגעגאַנגען העכער דרייַסיק יאָר, דעריבער איז ניט לייַכט זיך דערמאָנען געגנוי אַלץ, וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט. איך בין ווידער אוועקגעפאָרן אָפּן פראָנט, אין מייַן טייל, און ליליע איז אינגיכן אַרייַן אין אַן אַעראָפּלאַן, וועלכער האָט זי געבראַכט אינעם פייַנטלעכן הינטערלאַנד... מער האָבן מיר זיך ניט געזען...

אינעם באַשטאַנד פונעם גוואַרדייִישן קאַוואַלעריע־קאָרפּוס אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פונעם גענעראַל בעלאָוו רעדירט מיט זייַן עסקאַדראָן איבער צייטווייַליק אָקופּירטע טערי־טאָריעס, אָנטיילגענומען אין באַפרייַען די שטעט קאַלינין, סמאָלענסק און אַנדערע. זיך באַ־טייליקט אינעם סטאַלינגראַדער שלאַכט, געטריבן די פאַשיסטן פון ווייַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע, מאָלדאַוויע און פּוילן. ערגעץ אין די טראַנסילוואַנישע אַלפּן, אויף איינער פון די מילכאָמע־וועגן האָט אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוו זיך באַגעגנט מיטן מיליטערישן קאָרעספּאָנדענט פון דער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", מיט באָריס בורקאָוון, וועלכער האָט אים דערציילט וועגן דעם העלדישן טויט פון זייַן שוועסטער...

קימאַט אָפּן שיידוועג פון אוקראַיִנע, ווייַסרוסלאַנד און רוסלאַנד, איז דאָ אַ קליין ווייַס־רוסיש דערפל בודישטשי. דאָרטן האָט אין פעוורואַל כודיעש פונעם 1943 יאָר, אָפּן וועג צו טשערניגאָוושטשינע, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג די פּאַרטיזאַנישע פאַרייניקונג פונעם באַ־רימטן גענעראַל, צווייַ מאָל העלד פונעם ראַטנפאַרבאַנד אַ. פּ. פיאָדאָראָוו. אומגעריכט האָט זיך דערהערט אַ שיסעריַי, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דער דאָרפישער ראַנד־גאַס. עפּעס אַ דייַטשישער אָבאָז האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אינעם בוראַן, און אָנגעטראָפן אויף אַ פּאַרטיי־

זאנער וואָך־פּאָסטן. די שלאַכט האָט זיך געענדיקט, קימאַט אַלע היטלעראָווצעס האָט מען אומגעבראַכט, בלויז עטלעכע היטלעריסטן האָבן נאָך אַלץ געשאָסן, ווען צום עקסטן שטיבל איז צוגעלאָפן ליליע. ווען זי האָט זיך דערנעענטערט צום שליטן, וועלכן די היטלעראָווצעס האָבן איבערגעלאָזט אויפן וועג, האָט פון ערגעץ אַ קנאַל געטאָן אַן אויטאָמאַטן־ריי. די לעצטע אין יענער שלאַכט...

די קויל האָט איר געטראָפן אין האַרצן.

ליליע קאַראַסטאָיאַנאָווא איז געבראַכט געוואָרן צו קווורע אין אַ קליין שטעטל טשעטשערסק — אַ ראַיאָנישער צענטער פון האָמלער געגנט, אין ווײַסרוסלאַנד.

אויף דער בריאַנשטשינע, אין די קלעטניאַנסקער וועלדער, וווּהין עס האָט אַמאָל אַראָפּגעשטײַגט אויף אַ פּאַראַשוט די געוואגטע קאָרעספּאָנדענטקע פון דער „קאָמסאָמאָלקע", אינעם וואַלדישן דערפל באָלאַטניאַ איז אינעם 1974 יאָר אַנטהילט געוואָרן אַן אָבעליסק דער מוטיקער טאָכטער פונעם בולגאַרישן פאָלק. אויפן מאַרמאָר זײַנען אויסגעקריצט כריסטאָ באָטיעווס ווערטער:

„ווער עס איז געפאַלן אינעם קאַמף פאַר פרײַהייט — יענער שטאַרבט ניט".

אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוו האָט איינער פון די ערשטע, באַפרײַענדיק די אונגאַרישע ערד, זיך אַרײַנגעריסן אין דער שטאָט דעברעצען, דערנאָך אין בודאַפּעשט, אָנטיילגענומען אין באַפרײַען יוגאָסלאַוויע. פיל יאָרן האָבן אים געמאַטערט, ניט געלאָזט צורו די געדאַנקען וועגן דעם גורל פון זײַן מוטער און פון דער צווייטער שוועסטער זײַנער לענע.

ערשט נאָך דער מילכאָמע, פאַרהעלטניסמעסיק ניט לאַנג, האָט ער זיך דערוווּסט, ווי־אַזוי עס איז אומגעקומען זײַן מוטער.

געאָרגיצאַ קאַראַסטאָיאַנאָווא איז געווען אויף אונטערערדישער אַרבעט אין בולגאַריע. אין מאַרט פונעם 1944 יאָר, ווען זי איז געגאַנגען אויף אַ באַגעגעניש מיט אַנדערע אונטערערדלער אויף אַ קאָנספּיראַטיווער דירע, האָבן זי געכאַפּט די פאַשיסטן, ווײַזט אויס, עמעץ האָט פאַרעטעריש אויסגעגעבן דאָס אָרט פון דער באַגעגעניש. אין פיל יאָרן אַרום נאָך דער מילכאָמע, ווען עס זײַנען געמאַכט געוואָרן אויסגראָבונגען, האָט מען געפונען איר קייווער. און דעמלט, אינעם 1944 יאָר, האָט די בולגאַרישע פאַשיסטישע מאַכט געמאָלדן, אַז געאָרגיצאַ קאַראַסטאָיאַנאָווא איז אומגעקומען בײַס אַ לופט־אַטאַקע פון דער אַמעריקאַנער אַוויאַציע אויף סאָפיע. ס'איז געווען פּרעכער שעקער. די געוואגטע רעוואָליוציאָנערקע איז געוואָרן אַ קאָרבן פון די פאַשיסטן, וועלכע האָבן לאַנג זיך געיאָגט נאָך איר. די אַכזאָרישע קויל זייערע האָט איבערגעריסן דאָס לעבן פון אַ קעמפער. ווען זי איז אומגעקומען, האָט געזאָגט איינער פון אירע שלאַכט־כאַווײרים: „דער פאַרלוסט איז אַזוי גרויס, ווי מיר וואָלטן פאַרלוירן אַ גאַנצן פאָלק".

געאָרגיצעס נאָמען טראָגן איצט זאַוואָדן, פאַבריקן, פּיאָנערישע מאַכנעס, קינדערהיימען. אין סאָפיע איז דאָ אַ גאַס — קאַראַסטאָיאַנאָוועס.

נאָך אַ באַגעגעניש אונדזערע מיט אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוון איז פאַרגעקומען אין זײַן היימלאַנד, אין בולגאַריע. ער האָט גענומען אורלויב און געקומען מיט מיר אין מיכײַלאָווגראַדער געגנט, אין ערטער, פאַרבונדענע מיט דער געשיכטע פון זײַן מישפּאָכע, אין שטאָט, וווּ מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק איז אין אַ טפיסע־קאַמער געבוירן געוואָרן אַ בולגאַריש יינגעלע, וועלכן מע האָט אָנגערופן מיטן נאָמען פון זײַן אומגעקומענעם טאַטן...

די שטאָט לאָם, אַלס אַ האַפן אויפן דונײַ, איז שוין לאַנג באַוווּסט. אין די אַלט־גריכישע צײַטן האָט ער געהייסן אַלאָמאַס, און דערנאָך, אַפּאָנעם, ווײַל מע פלעגט אַהער פירן מיטן טײַך קרומע, לאָמע שטיינער, האָט ער באַקומען דעם אַלטסלאַווישן נאָמען: לאָם. אַ באַדײַטנדיקער טייל פונעם בולגאַרישן אימפּאָרט און עקספּאָרט גייט דורך דעם האַפן.

אַ סאַך ביז גאָר אינטערעסאַנטס און וויכטיקס האָב איך געזען און זיך דערוווּסט אין יענעם טאָג. דער שטאָטישער מוזיי, די ביבליאָטעק און דער לייענזאַל, ווו עס פלעגט אויפט אַרויסטרעטן דער לערער־קאָמוניסט טאָדאָר פּאָוולאָוו, וועלכער איז מיט דער צײַט געוואָרן אַן אָנגעזעענער געלערנטער, אַ פילאָסאָף; ליליע קאַראַסטאָיאַנאָוועס מוזיי, אַ פּיאָנערן־הויז, וואָס טראָגט איר נאָמען. כ'בין לאַנג געשטאַנען באַם ברעג פונעם ברייטן און שיינעם טײַך דונײַ, וועמעס שווערע, בלײַענע וואַסערן טראָגן אין זייערע טיפענישן דעם סאָד פון די אומגעבראַכטע אויפשטענדלער, טאַקע דאָ, אויפן ברעג, שטייט אַן אײַזערנע באַרזשע — ס'איז אַ מוזיי, ער דערציילט וועגן דעם, ווי אין די שווידערלעכע סענטיאַבער־טעג פונעם 1923 יאָר האָבן דאָרט געשמאַכט די אָנטיילנעמער פונעם אויפשטאַנד, צווישן וועלכע עס איז געווען געאָרגיצע מיט אירע קינדער: ליליע און לענע.

מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט און אין אַ צײַט אַרום זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ טראַקטיר מיט אַ מאָדנעם, גאָר ניט קיין געוויינלעכן נאָמען: „באַם אָקאָפּ". מיר האָבן גע־וואָלט זיך דאָ אַ ביסל אָפּרוען און איבערוואַרטן די באַטאָגיקע היץ. באַגעגנט האָט מען אונדז און אופגענומען גאַסטפרײַנטלעך, האַרציק, מיט עמעסער ליבע. לאָזט זיך אויס, אַז דער אַלטער טראַקטירשטשיק האָט געקענט אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוס פאָטער. ער האָט דערציילט, אַז ווען דאָס בולגאַרישע פאָלק איז אַרויס אינעם באַפרײַונגס־קאַמף קעגן דער טערקישער הערשאַפט, האָט דאָ, באַם אוראַלט־רוימישן וואַל, „באַם אָקאָפּ", זיך געשלאָגן אַלעקסאַנדערס זיידע — גאַוורי״ל סטאָיאַנאָוו, — ער איז געווען קאָמאַנדיר פון פאָלקס־פראָנט — אָפּאָלטשענצעס. זײַן אָטריאַד האָט אָנגעוואָרפן פּאַכעד אַף די סאָנים מיט דער אויסערגעוויינ־לעכער דרייסטקײַט, — דאָס האָבן די טערקן אים אַ נאָמען געגעבן קאַראַ־סטאָיאַנאָוו (שוואַר־צער סטאָיאַנאָוו). דער צונעמעניש איז געוואָרן די פאַמיליע פון דער גאַנצער מישפּאָכע. נאָכן זיג איבערן סוינע, נאָך דער באַפרײַונג פונעם לאַנד איז דער זיידע גאַוורי״ל געוואָרן דער ערשטער בולגאַרישער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון דער שטאָט לאָם.

אינעם באַפרײַען פון דער טערקישער הערשאַפט די אַלטע בײַדונײַער שטאָט אין יול כוידעש פונעם 1877 יאָר האָט אָנטיילגענומען דער נאַרווסקער גוסאַר־פּאָלק, מיט וועלכן עס האָט קאָמאַנדעוועט דער פּאָלקאָווניק א. א. פּושקין — דער בכאָר פונעם געניאַלן רוסישן דיכטער.

מיר זײַנען געזעסן באַ אַ טיש, וואָס איז געשטאַנען אין הויף, און ניט געײַלט געטרונקען די קאַלטע קאַקאַ־קאָלאַ, און באַנאַנד מיט אונדז האָבן אַף אַ שײַטער זיך געפּרעגלט די דור־נײַער אָקונעס — וורענעס, וועלכע עס האָט געניט אָנגעסילעט אַף דינינקע שטעקעלעך אונד־זער שאָפער ווידאַן אַנדרייעוו.

גאָר אומבאַמערקט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער אָוונט. אַף וועטשערע איז באַ אונדז גע־ווען אַ פיש־יויך און געפּרעגלטע פיש. דער טראַקטירשטשיק איז אונדז מעכאַבעד געווען מיט יונגן ווײַנטרויבן־געטראַנק, דערנאָך האָט ער גענומען אַ גיטאַרע און פאַרצויגן אַן אַלטע בולגאַרישע ליד, — די ליד איז געווען פּאָפּולער אין דער צײַט פון באַפרײַונג. דערנאָך האָט ער געזונגען אַנדערע לידער — אומעטיקע לידער פון זײַן פאָלק, פון פרידלעכע צײַטן און פון מילכאָמע־צײַט. דערנאָך האָט צום טיש זיך געזעצט זײַן איידעם, גענומען באַם שווער פון די הענט די גיטאַרע און אָנגעהויבן אַקאָמפּאַנירן דעם אַלטן זינגער.

בולגאַרישע און רוסישע לידער האָבן אַלע מאָל פאַרביטן איינע די אַנדערע, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע געשיכטע פונעם לאַנד, די ליבע און די געוואַגטקײַט פונעם פאָלק האָבן געפונען אַ טיקן אין ווערטער, וועלכע האָבן זיך געהויבן צום טונקל־בלויען אויסגע־שטערנטן הימל.

די פאַרגאַנגענהײַט מיטן קעגנוואַרט האָבן זיך אַזוי ענג איבערגעפלאָכטן אין יענע מי־נוטן, אַז ס'איז אומעגלעך געווען דורכפירן אַ גרענעץ צווישן זיי, אָפּטיילן דאָס אויסגעדיכ־טעטע פון דער וואָר.

איך בין געזעסן און געטראַכט וועגן מײַן פרײַנט — וועגן אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוון, וועגן זײַן ווײַט ניט קיין גרינגן, נאָר זייער שיינעם גוירל.

אַ לעבן — אַ לעגענדע.

טראַגיש איז די געשיכטע פון דער דאָזיקער מישפּאָכע. טראַגיש און העלדיש. דער פאָ־טער, די מוטער און די שוועסטער האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס — עס זאָל זיגן די פרײַהײַט. עס זאָל זיגן דאָס לעבן אַף דער ערד...

זייער לעבן און זייער גוירל — איז איינע פון די ווערטפולסטע זײַטן אין דער געשיכטע פון דער בולגאַריש־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט.

פרילינג פונעם 1977 יאָר איז דער פּאָלקאָווניק אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוו געוואָרן אַ גענעראַל, אינגיכן איז ער באַשטימט געוואָרן אַפן פּאָסטן פונעם מיליטערישן אַמבאַסאַדער פון דער ב.פ.ר. אין כאַנאָי, אין דער הויפטשטאָט פון דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק וויעט־נאַם.

דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם צק פון דער בולגאַרישער קאָמפּאַרטיי טאָדאָר זשיווקאָוו האָט אים געשריבן:

„כאָווער קאַראַסטאָיאַנאָוו! איך שיק אײַך מײַנע האַרציקסטע באַגריסונגען אין צוזאַמענ־האַנג מיט דעם, וואָס אײַך איז צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל „גענעראַל־מאַיאָר" פון דער בולגאַרישער פאָלקס־אַרמיי — די פאַרדינטע אָנערקענונג פון אײַער אַקטיוון אָנטייל אַף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אינעם קאַמף קעגן דעם פאַשיסטישן

דייַטשלאנד, און אויך אייַער פּערזענלעכן צושטייַער אין אָרגאַניזירן און אַנטוויקלען די בולגארישע פאָלקס־ארמיי.

איך ווינטש אייַך און אייַער מישפּאָכע א גוטן געזונט, גליק און נייַע דערפאָלגן אין אייַער זייער פאַראַנטוואָרטלעכער טעטיקייַט.

7 מייַ 1977 י.

ט. זשיווקאָוו".

3

אין הארבסט פונעם 1970 יאָר האָבן אורזולע פאָגעלס פרייַנט פונעם איוואנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהויז זיך פאַרזאַמלט אין איר בערלינער דירע. אייניקע זייַנען געקומען מיט זייערע קינדער, אז זיי זאָלן הערן, וויאַזוי עס זייַנען געוואַקסן זייערע מאַמעס, וועגן דעם אָנטייל זייערן אינעם גרויסן קאמף קעגן פאַשיזם, וועגן זייער לעבן אין יענער שווערער צייַט.

גליקלעכע און שטאָלצע האָבן זיי דערמאָנט יענע שווערע מילכאָמע־צייַט, דערציילט וועגן זייער האַרעוואַניע אין קאָלווירטן און ראַטווירטן, וועגן האַלץ־פּאַרגרייטונגען אין אַלטע וועלדער, ווי זיי האָבן געגראָבן די קעגנטאַנקען־טראַנשייען הינטער איוואנאָוואָ, וועגן דער אַרבעט אין די ווארשטאַטן, וועגן דעם, ווי זיי פלעגן אויסנייען, שטריקן, איבערניצעווען, קעדיי פאַרקויפן די האַנט־ארבעט און אַרייַנטראָגן דאָס געלט אינעם שוץ־פאָנד.

יענעם טאָג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פיל פון די דערצויגלינגען פונעם קינדערהויז פלעגן זיך איבערשרייַבן מיט פּראָנטאָוויקעס, און דערנאָך באַקומען אפילע א מעגלעכקייַט זיך באַקאַנען מיט אייניקע בריוו. אָף אַלע באַשיידענע, אופריכטיקע בריוו איז געווען איינער און דער זעלבער אַדרעס: שטאָט איוואנאָוואָ, פּאָסטאָש באָר.

איינע פון פעליקס באָבעקס טעכטער (דעם טאַטן אירן האָבן אומגעבראַכט די פאַשיסטן אין דער בערלינער טורמע פּלעטצענזעע) דער דאָקטער אַנאַ קערסטען (באַלדער) האָט באַוויזן מיר עטלעכע אַזעלכע בריוו. טייַערע רעליקוויעס פון יענער צייַט... דער אָנדענק וועגן דער סאָלידאַריטעט, וועגן דער איינהייַט פון די אַנטיפאַשיסטן — זין און טעכטער פון אונדזערע פעלקער אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן.

מיט גרויס אויפרעגונג לייען איך די שורעס, געשריבענע מיט א בלויען כימישן בלייַער אָף פּראָסטע בייגעלעך פאַפּיר, געל געוואָרענע פון דער צייַט.

„13 נאָיאַבער 1943 יאָר, אינטערנאַציאָנאַלער קינדערהיים, אַנע באַלדער.

זייַ געגריסט, הויכגעשעצט קינד אַניע!

אין די ערשטע שורעס פון מייַן בריוו אייַל איך איבערגעבן אייַך מייַן הייסן רויטארמייִשן גרוס פון א געבוירענעם אין סמאָלענסקער געגנט, פּאַניזאָווער ראַיאָן, גובעלעוווער דאָרפראַט, דאָרף פּעטשקי, סאָבאָליעוו מיכאַיל יעגאָראָוויטש.

איינציַיטיק גיב איך אייַך צו וויסן, אַניע, אז אייַער מאַטאָנע, — דאָס פּעקל, וואָס איר האָט געשיקט אָפן אַדרעס פון דער איוואנאָווער דיוויזיע, האָב איך באַקומען, פאַר וועלכער איך דאַנק אייַך האַרציק און ווינטש אייַך גוטע דערפאָלגן אין דער לערע, דה. איך ווינטש אייַך דערפאָלגרייַך ענדיקן דאָס לערניאָר מיט גוטע און אויסגעצייכנטע אָפּשאַצונגען.

און ווייַטער, טייַער קינד אַניע, וועל איך אייַך א ביסל דערציילן וועגן מייַן מישפּאָכע. מייַן מישפּאָכע איז געבליבן אין קאַנט, וועלכן עס האָבן אָקופּירט די היטלערישע אויסוואורפן, — דאָס זייַנען: מייַן מאַמע, וואָס איז אַלט פינף און זיבעציק יאָר, מייַן פרוי — פערציק יאָר אַלט, דער עלטערער טאָכטער איז 16 יאָר, דער קלענערער, אָליען — 13, דעם 1 דעקאַבער פונעם 1942 יאָר איז מייַן זון קאָליע אַלט געוואָרן 4 יאָר.

ס'איז אָבער נאָענט דער טאָג, אַניע, ווען אונדזער רומפולע רויטע ארמיי און דאָס גאַנצע סאָוועטישע פילנאַציאָנאַלע פאָלק, וועלן זיך צערעכענען מיט די בלוטיקע פאַשיסטן פאַר אונדזערע פרויען, פאַר אונדזערע צערויִנירטע שטעט און דערפער, פאַר אונדזער היימלאַנד און פאַר אונדזער ערד...

אַניע! איך קאָן אייַך פאַרזיכערן, אז אינגיכן וועט דער סוינע זייַן ענדגילטיק צעקלאַפּט, באַזיגט, און מיר וועלן מיט ניצאָכן זיך אומקערן אין אונדזערע היימישע קאַנטן.

טײַערע קינד, א גרויסן דאנק אײַך פאר אלץ, וואָס איר האָט מיר געשיקט. און נאָך וויל איך אײַך שרײַבן, אניעטשקע, צום ווידערזען. איך וואַרט אף אײַער ענטפער.
בלײַב געזונט און שטאַרק. כ׳קוש אײַך שטאַרק,
סאַבאַליעוו״.

נאָך א בריוו, וואָס איז אדרעסירט א יונגער אנטיפאשיסטקע.

א דרײַעק. א געוויינלעכער, סאָלדאַטישער בריוו פון פראָנט, א צונויפגעלייגטער אין א דרײַעק. כ׳וויקל פאַנאנדער דאָס בלעטל פאַפיר, א פאַרשריבנס מיט א פראָסטן בלײַער:
„12 יול 1943 יאָר.

זײַ געגריסט, טײַערע אניע!

הײַנט האָב איך באַקומען א בריוו פון דיר, פאר וועלכן איך דאַנק דיר זייער. מיך פרייען די דערפאָלגן פון דײַן קלאַס, באַזונדערס — דײַנע דערפאָלגן. מיט אײַער אויסגעצייכנטער לערע און גוטער ארבעט וועט איר פאַרגיכערן דעם זיג איבער די פאַשיסטישע כײַעס.

טײַערע אניע, לויט דײַן ביטע טייל איך דיר מיט, אז מײַן כאַווער מ. סאַבאַליעוו איז געוועזן שווער פאַרוווּנדעט ערעוו דעם 1־טן מײַ, און אין אויספּיטאַל, און אין דרײַ טעג ארום איז ער געשטאָרבן. אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן העלדישקײַט בײַס דער דאָזיקער אָפּעראַציע, אין פאַרבינדונג מיט זײַן טויט, איז בא אונדז געוועזן א מיטינג. שפּעטער איז אָנגעקומען אף זײַן נאָמען דײַן בריוו.

טײַערע אניע! איך בעט דיך, שרײַב אָן גענויער וועגן זיך. פאר אונדז זאָרג זיך ניט. יעדער מינוט זײַנען מיר גרייט שטעלן א ווידערשטאַנד דעם סוינע.

איך ווינטש דיר דערפאָלג אין דער ארבעט. נעם זיך אָן מיט קויעך צוליב דעם קומענדיקן לערניאָר.

מיט א פּראָנט־גרוס, קאַוואַלער פונעם אָרדען „רויטער שטערן״,
שוטאַוו באַריס״.

איך לייען בריוו פונעם אָפיצער אי. פ. באַבילײַאָוו, פונעם רויטאַרמײער א. אי. פּאָפּערני, בריוו, אין וועלכע זיי באַדאַנקען די יונגע איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַליסטן פאר זייערע באַשיידענע מאַטאָנעס, פאר די באַגריסונגען מיטן טאָג פון דער רויטער ארמיי, און אויך פאר די ווונטשן, וועלכע די קינדער שיקן זיי: דערפאָלג אין שלאַכטן מיטן בלוטיקן סוינע. און עס זאָגן צו די שלאַכטלײַט־קאָרעספּאָנדענטן, אז זיי וועלן ניט שוינען ניט זייערע קויכעס און ניט זייערע לעבנס, קעדיי דערגרייכן דעם ציל: ענדגילטיק באַזיגן דעם בלוטדאָרשטיקן דײַטשישן פאַשיזם.

אין יענע בריוו האָבן בוילעט זיך אָנגעמערקט די אומזעבאַרע, אָבער שטאַרקע פעדעם פון דער מאָראַלישער, גײַסטיקער און קלאַסאָוואָר אייניקײַט פון מענטשן, וועלכע האָבן געקעמפט פאר איינע און די זעלבע נאָבעלע צילן.

ווי די טײַערסטע רעליקוויעס היטן זיי באַגריסונג־קאַרטלעך, וועלכע עס האָבן באַמאָלט די כעוורע און געשענקט זיי די מיידעלעך צום 8־טן מאַרט. יענעם טאָג בייסן וואַרעמעס פלעגט מען זיי אָפּגעבן אלע אָקרײַצעס ברויט, אָן אָקרײַעץ איז געוועזן בעסער דערמיט, וואָס אים האָט מען געקענט לענגער קײַען. בײַסן קאָנצערט פון דער זעלבסטטעטיקײַט פלעגט מען די מיידלעך באַזעצן אף בענקלעך, וועלכע זײַנען נאָך ניט פאַרברענט געוואָרן אינעם אײַזערנעם איווועלע, און די ייִנגעלעך, זיצנדיק אפן ברעטלדיקן דיל, האָבן זיך געפילט, ווי עמעסע ריי־טער.

די שוועסטער עריקע טלוסטעק און אורזולע פּאַגעל האָבן גערעדט וועגן זייער דערציִערן, וועגן ליובאָוו איוואַנאָווע סעליוטינא, וועלכע איז געוועזן זיי, ווי אָן אייגענע, גוטע מאַמע. אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז זי געשטאַנען בעראָש פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון די קאָמוניסטן פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים. אונטער איר אָנפירונג און אומיטלבארן אָנטייל זײַנען אין פּוסטאָש באַר דורכגעפירט געוואָרן אלע מאָס־מיטלען, פאַרבונדענע מיט דער הילף דעם פּראָנט: דאָס גראָבן די שוץ־טראַנשייען, די ארבעט אין די האָספּיטאַלן, קאָנצערטן פאר די פאַרוווּנדעטע, הילף די מישפּאָכעס פון שלאַכטלײַט, אומגעקומענע אין שלאַכטן פארן היימלאַנד, דאָס שאַפן די דינסט פון קעגנלופט־שוץ (פ.וו.אָ.), פאַרשפּרייטן צווישן דער באַפעלקערונג די מיליטער־האַלוואָע און די אגיטאַציע־ארבעט צווישן דער באַפעלקערונג.

ל. אי. סעליוטינא האָט רעקאָמענדירט אָנעמען אלס מיטגליד פון פּאַרטיי די דערציִערן, א בולגאַרישע פרוי, סוואָבאָדע קאַסאַבאָוועו און איר טאָכטער יעלענע, די דערציִלינגען — די בולגאַרקע ראַדינקאָווע, דעם פּאַליאַק איגאָר באַריס, די איטאַליענערן טערעזע מאַנדיני, דעם כינעזער סערגײ יון פו, די רוסישע ליאָליע גריבאַנאָווע, זיי האָבן באַרעכטיקט איר צוטרוי.

אין איוואַנאָוואָ האָט מען געבראַכט צו פּירן קינדער פונעם בלאָקירטן לענינגראַד. א טייל פון זיי האָט מען איינגעאָרדנט אינעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, אין פּוסטאָש באַר, און יענע, וועלכע האָבן זיך געניטיקט אין מעדיצינישער הילף, האָט מען באַשטאַט אין האָספּיטאַל.

— זיי זיינען געווען אַזעלכע קליינינקע און דאַרינקע, אַז מיר, וועלכע האָבן אויך אַמאָל ניט דערעסן, האָבן אויסגעזען באַנאַנד מיט זיי אַזעלכע געזונטע, און מיר האָבן זיך געשעמט מיט אונדזער געזונט, — האָט דערציילט סאָניע מאָלדט (גלאַדעוויץ), וועלכע האָט זיך דערצויגן אינעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהויז. מיר האָבן גלייך געגומען שעפּטום איבער זיי, אָפּגעגעבן זיי דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט: מאַלבושים, שיך, שפּילעכלעך און, פאַרשטייט זיך, שפּייז. באַנאַנד מיט די דאָזיקע אומגליקלעכע כעוורע האָבן מיר זיך געפּילט, ווי דערוואַקסענע — און ניט בלויז מיר, די שילער פון די עלטערע קלאַסן, נאָר אַפילע דאָס קליינוואַרג האָט געפילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן לעבן און פאַרן געזונט פון די לענינגראַדער קינדער. מיר פלעגן זיי נייען מאַלבושים פון דער סכוירע, וועלכע עס פלעגן אונדז ברענגען אונדזערע שעפן — די איוואַנאָווער וועבער. מיר פלעגן די קינדער געבן מאַטאַנעס, זיך געסטאַרעט אָפּוועגדן זיי פון די שרעקלעכע דערינערונגען, פאַרבונדענע מיט דער בלאָקאַדע, בעהאַדראָגעדיק זיי אַריינגעצויגן אינעם לעבן פונעם קינדערהויז, און איינגיכן האָבן מיר געזען, אַז אונדזערע באַמיונגען זיינען ניט אַוועק לעיבעד — די קליינינקע לענינגראַדער זיינען געוואָרן פריילעכער, האָבן זיך אָנגעהויבן צוביסלעך פאַריכטן.

דעם 18 יון פונעם 1942 יאָר האָבן די דערצויגלינגען געשיקט זייער שעף און זייער פּריינט ג. מ. דימיטראָוון א בריוו.

„טייערער געאָרגי מיכיילאָוויטש!

מיר באַגריסן אייך הייס מיטן טאָג פון אייער געבוירן און ווינטשן אייך געזונט און דערפאָלג אין דער אַרבעט.

האַיאָר מערקן מיר אָפּ דעם טאָג פון אייער געבוירן אין באַדינגונגען פון א שווערער מילכאָמע מיט די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר א ציל פאַרקנעכטן די פרייע סאָוועטישע מעדינע. נאָר עס וועט זיך זיי ניט איינגעבן.

דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אופגעהויבן, קעדיי פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. אין הינטערלאַנד און אָפן פראָנט וועגדן אָן די סאָוועטישע מענטשן אַלע קויכעס, קעדיי באַזיגן דעם פיינט.

מיר, די דערצויגלינגען פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהויז, נעמען אָן אַקטיוון אַנטייל אין אַלע קאַמיוגישע און אַלפאַרבאַנדישע שאַבעסניקעס. דאָס פאַרדינטע געלט גייט אינעם שוץ־פאָנד און אָף אַנדערע מילכאָמע־באַדערפענישן. פאַר דער געוויסנהאַפטער, גוט אויסגעפּילטער אַרבעט האָט מען אונדזערע דערצויגלינגען פּיל מאָל באַדאַנקט. אונדזערע כעוורע האָבן געגעבן העכער 120 קאָנצערטן אין די האָספּיטאַלן פאַר די פאַרוווּנדעטע שלאַכטלייט. כוץ דעם, האָבן מיר גענומען שעפּטום איבער איינעם פון די האָספּיטאַלן. די עלטערע מיידעלעך פּירן דאָרטן א טאָגטעגלעכע אַרבעט. אין מעשעך פונעם ווינטער האָבן מיר אָרגאַניזירט עטלעכע קאָנצערטן פון אונדזערע זעלבסטטעטיקע קרייזלעך. די בילעטן זיינען געווען פאַר געלט. א טייל פון די העכער 10 טויזנט רובל, וועלכע מיר האָבן צונויפגענומען אַדאַנק די קאָנצערטן, האָבן מיר אָפּגעגעבן צוהילף די קאַלינינער קינדער, און א טייל — אָף בויען די איוואַנאָווער טאַנקען־קאָלאָנע. אינעם ניי־וואַרשטאַט האָבן מיר אופגענייט העכער 1200 טשעכאָלן פאַר די מיליטערישע פלעשער. אונדזערע כעוורע לערנען זיך אָף קורסן פון שאָפערן, מאָטאָציקליסטן, קוילנוואַרפלער, אויטאָמאַטלער. פּיל פון אונדז האָבן אָנטיילגענומען אינעם פראָפאַריין־קאַמיוגישן קראָס. מיר ווייסן, אַז איינע פון די גרעסטע אופגאַבעס אונדזערע אינעם פּראַט פון העלפן אונדזער היימלאַנד, — איז האַרעווען אין דער לאַנדווירטשאַפט. צוליב דעם האָבן מיר פאַרזייט בא פיר העקטאַר אויבסטן, אַדאַנק דעם האָבן מיר באַפּרייט א היפּשע צאָל פּראָדוקטן צוליב דעם פראָנט. כוץ דעם, האָבן מיר אָנגענומען אַלע מיטלען, קעדיי שאַפן אָן אייגענע הייצונגס־באַזע. מיט די דאָזיקע אַלע אַרבעטן אונדזערע סטאַרען מיר זיך מיטהעלפן דער רויטער אַרמיי אין איר העלדישן קאַמף. ווי דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק, וועלן מיר אויך אומדערמידלעך האַרעווען אָף אונדזער פּאָסטן, קעדיי העלפן צעשמעטערן דעם סוינע אינעם 1942 יאָר.

מיר גלויבן פעסט אינעם זיג פון דער רויטער אַרמיי.

מיר בעטן אייך נעמען אונדזער באַשיידענע מאַטאַנע צום טאָג פון אייער געבוירן — זאַכן, וועלכע עס האָבן אויסגענייט אונדזערע דערצויגלינגען מאַדי (א בראַזיליערן), פּעטרע (א בולגאַרקע) און אַנדערע.

מיט א הייסן פֿיאָנערישן און קאָמיוגישן גרוס. לויטן אופּטראָג פֿון די דערצויגלינגען פֿו־נעם 1־טן אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים:
סעקרעטאַר פֿון דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע יון פּו סערגיי (מאָאָ אַנין).
פֿאָרזיצער פֿונעם קינדער־ראַט — ראַדענקאָווא פּעטרא.
וואָזשאַטער פֿונעם 1־טן אָטריאַד — בראַצאַנאָוויטש וולאַדימיר.
וואָזשאַטע פֿונעם 2־טן אָטריאַד — גריבאַנאָווא לעליא.
סטאַראָסטע פֿון באַלקאַנער גרופּע — טשאַוודאַר צאָלין (דראַגאָיטשעוו).
סטאַראָסטע פֿון דער דײַטשישער גרופּע — עריקא בינגאָלד (רענאַטא בישאָף).
סטאַראָסטע פֿון דער פּוילישער גרופּע — אָלעג באַריס.
סטאַראָסטע פֿון דער כינעזישער גרופּע — לין לין.
סטאַראָסטע פֿון דער בראַזיליער גרופּע — פֿערנאַנדאַ.
סטאַראָסטע פֿון דער רומענישער גרופּע — אַדע ראָמאַנעסקו (אַפּאָסטאָל).
און, ניט געקוקט אַף דער גוואַלדיקער פֿאַרנומענקײַט און איבערגעלאָדנקײַט מיט אויסערסט וויכטיקע איניאָנים, האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿונעם אויספּירקאָם פֿון קאָמינ־טערן ג. דימיטראָוו געענטפֿערט די קינדער.
אין זײַן בריוו האָט ער געשריבן:
„די דערצויגלינגען פֿונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים. איוואַנאָווא.
טײַערע מײַנע יונגע פֿרײַנט!
א גרויסן דאַנק אײַך פֿאַר אײַער באַגריסונגס־בריוו און פֿאַר די פּראַקטיק־שיינע זאַכן, אויסגעניייטע מיט די הענט פֿון די דערצויגלינגען פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, וועל־כע איר האָט מיר געשיקט.
איך בין געווען באַזונדערס צופֿרידן זיך דערוויסן פֿון אײַער בריוו, און אויך פֿון דעם, וואָס עס האָט דערציילט די כאַווערטע רעשעטניקאָווא, וועגן דעם, אַז איר סטאַרעט זיך אין אײַערע באַדינגונגען, אַף אײַער פּאָסטן העלפֿן מיט אַלץ, מיט וואָס איר קאָנט, אונדזער רומ־פֿולער רויטער ארמיי צעגראָמירן דעם בלוטדאָרשטיקן פֿאַשיסטישן סוינע אינעם 1942 יאָר.
זעצט פֿאָר אויך אַף ווײַטער אײַער אַרבעט אין דער דאָזיקער ריכטונג. העלפֿט טאָטעג־לעך יענע, וועלכע שטייען אַף. דערלאָזט ניט, עס זאָלן אין אײַער סוויווע זײַן לײַדיקגייער, פּוליאַקעס, ניט קיין דיסציפּלינירטע יינגלעך און מיידלעך.
די ראַטנמאַכט, דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿונעם מאָפּר, האָט געשאַפֿן נייטיקע באַדינגונגען פֿאַר אײַער פֿיזישער און גײַסטיקער אַנטוויקלונג, פֿאַר אײַער וווּקס און דערציִונג. מע דאַרף קענען עס שאַצן, איבערהויפּט אין דער שווערער צײַט, ווען עס גייט אַזאַ שווערע מילכאָמע.
נוצט אויס אײַער יעדן טאָג אינעם קינדערהיים קלוג און אין דער פֿולער מאָס, קעדיי ווערן אויסגעהאַלטענע און גרענעצלאָז איבערגעגעבענע טרײַע קעמפֿער פֿאַר לענינס אידייען.
דערבײַ פֿאַרגעסט קיינמאָל ניט, אַז אַף אײַך לייגט זיך די היסכײַוועס אויך פֿאַר די פֿעל־קער פֿון יענע לענדער, פֿונוואַנען איר זײַנט געקומען אינעם לאַנד פֿון סאָציאַליזם. רײַסט זיך ניט אָפּ פֿונעם אייגענעם פֿאָלק, פֿאַרגעסט ניט אײַער מוטערשפּראַך. געדענקט, אַז עס קאָן אײַך נאָך אויסקומען קעמפֿן מיט סאָנים אינעם לאַנד, ווו איר זײַנט געבוירן געוואָרן. שוין איצט גרייט זיך אַלזײַטיק צו דעם, איר זאָלט קאָנען ווירדיק אויספֿילן אײַער כויוו, אויב עס וועט אויסקומען, אויב עס וועט זיך פֿאָדערן פֿון אײַך.
איך ווינטש אײַך אַלדאָס בעסטע!
כ׳דריק שטאַרק אײַערע הענט.
17 יון 1942 יאָר. ג. דימיטראָוו".

4

פֿאַר די לעצטע יאָרן איז א סאַך מאָל געקומען צו פֿאָרן פֿון דער דײַטשישער דעמאָקראַ־טישער רעפּובליק קיין מאָסקווע דער דאָקטער פֿון מעדיצינישע וויסנשאַפֿטן איזאַ פֿאָפּפּע, וועלכע האָט זיך אַמאָל דערצויגן אינעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים. זײַענדיק טרײַ דעם אָנדענק פֿון איר פֿאָטער, דעם דײַטשישן קאָמוניסט ווילהעלם גודדאָרף, האָט זי זיך אויסגעקליבן איינע פֿון די סאַמע גוטהאַרציקע פּראָפֿעסיעס אַף דער ערד — זי איז גע־וואָרן א קינדער־דאָקטער, א כירורג.

זי האָט גאָרנישט ניט פאַרגעסן, די דאָזיקע הויכע פרוי מיט די גוטע גרויע אויגן אפן שטרענגן, מאָגערלעכן געזיכט.

ניט לויט דערציילטע געשיכטעס און ניט לויט ביכער, נאָר אויסגעפּרוווט אפן אייגענעם גוירל, האָבן געוווּסט די דערצויגלינגען פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, וואָס איז אַזוינס דער פאַשיזם... איבערהויפּט גוט האָבן וועגן דעם געוווּסט די קינדער פון די קאָמוניסטן, קינדער פון אַנטיפאַשיסטן, פון רעוואָליוציאָנערן, וועלכע האָבן זיך געפונען הינטערן שטעכלדראָט פון פאַשיסטישע לאַגערן, זין און טעכטער פון יענע, ווער עס האָט פאַרגעזעצט דעם העלדישן קאַמף אין אונטערערד.

עס איז געקומען דער זומער פונעם 1941 יאָר. פיל פון די דערצויגלינגען האָבן פאַרלאָזט פּוסטאָש באַר און אוועקגעפאָרן אין סאַנאַטאָריעס און פּיאָנערישע לאַגערן, אייניקע זיינען געפאָרן צו זייערע אייגענע, פּאָליט־עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אינעם ראַטנפאַרבאַנד. איזאַ גודדאָרף איז געקומען אַף די קאַניקולן אין מאָסקווע צום זיידן מיט דער באָבן, צו עדווינען און גערטרודן מאַרגנער, אינעם גוט־באַקאַנטן הויז אינעם אַנאַניעווער געסל.

דעם 22 יון, זונטיק, אינדערפרי, האָט איזען אופגעוועקט די ראַדיאָ. נאָך ניט אופכאַפּנדיק זיך ענדגילטיק, אַ האַלב־פאַרשלאָפענע, איז איזאַ אַרויס פונעם צימער, ווו זי איז געשלאָפן, און אַריין אין עסצימער.

פונעם שוואַרצן דינאַמיק־רונד, פונעם ראַדיאָ־אופנעמער „פּיליפּס", וועלכן דער זיידע האָט געבראַכט מיט זיך פון דייטשלאַנד, האָט זיך דערטראָגן עמעצנס געפּלאָנטערטע רייד, עמעץ האָט מיט אַ בילנדיק קאָל אַף דייטש געוואָרפן אינעם פאַרשטילטן עפּיר קורצע, אָפּגעהאַקטע פראַזעס. איזעס זיידע מיט דער באָבן זיינען געוואָרן וויס, ווי קרייד. נאָך גאָר ניט פאַרשטייענדיק, אָבער פילנדיק, אַז עס איז געשען עפּעס שרעקלעכס, שוידערלעכס, האָט איזאַ פרעגעוודיק געקוקט אַף די אַלטע לייט...

— אַ מילכאָמע... — האָט קורץ געזאָגט עדווין מאַרגנער. — היטלער האָט דערקלערט אַ מילכאָמע דעם ראַטנפאַרבאַנד. די פאַשיסטן זיינען שוין איבערגעגאַנגען די מעלוכישע גרענעץ און אָנגעהויבן באָמבירן שטעט...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען איזען און אַלע דערצויגלינגען, געקומענע אַף די קאַניקולן אין מאָסקווע, צונויפגענומען אינייִנעם און אָפּגעשיקט צוריק אין איוואַנאָוואָ אינעם קינדערהיים. אויסער יענע, ווער עס איז געפאָרן אינעם פּיאָנערן־לאַגער, אין באַראַנאָוויטשער געגנט, אין דאָרף נאָוואָיעלניאַ.

די ערשטע רעאַקציע פון אייניקע אונדזערע דערצויגלינגען אַף דער ידיע וועגן מילכאָמע, — דערמאָנט זיך דער דאָקטער איזאַ פּאָפּע, — איז געווען דאָס קאַטעגאָרישע אָפּזאָגן זיך פון לערנען די דייטשישע שפּראַך — די שפּראַך פון אַגרעסאָרן און אָקופּאַנטן. ניט גרינג איז געווען אונדזער לערערן, דער קאָמוניסטקע פּאַולאַ כאַקקעפּלער, געבן אונדז צו פאַרשטיין, דערקלערן אונדז, אַז די שפּראַך פונעם אייגענעם פאָלק, די שפּראַך פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, מוזן אומבאַדינגט קענען די קינדער פון רעוואָליוציאָנערן. „די פאַשיסטן קאָנען ניט פאַרהוילן, פאַרשטעלן גאַנץ דייטשלאַנד, — האָט זי געזאָגט, — פאַרמעקן די בעסטע טראַדיציעס פון דער דייטשישער נאַציע".

אינעם לעבן פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים זיינען געקומען שווערע צייטן.

אין פיל יאָרן אַרום נאָך דער מילכאָמע האָט די אַלטע פּוילישע פרוי מאַרציאַנאַ פּאַרנאַלסקע, אַ מוטער פון פינף קינדער, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף קעגן רעאַקציע און פאַשיזם, אין אירע „דערינערונגען פון אַ מוטער", וואָס זיינען איבערגעזעצט אויך אַף רוסיש, דערציילט, וואָס איז איר אויסגעקומען איבערלעבן אינעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, ווו זי האָט געאַרבעט אַלס סאַניטאַרקע אינעם איזאָליאַטאָר פאַר קראַנקע קינדער.

„אומעטום — סיי אין דרויסן, סיי אין צימער — אַ ביטערע קעלט, וואָס פאַרגליווערט דאָס לייב אַף דורך און דורך. קיין האָלץ האָט ניט געקלעקט אפילע פאַר דער קיך, ווייל די וועגן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומוועגן — ניט גיין און ניט פאָרן קען מען ניט, קעדיי עפּעס אָפּקאָכן, צי איבערוואַשן גרעט, האָט מען געמוזט אַריינעמען אין קאָן אַלץ — פון פּלויטן ביז בריקלעך...

קיין וואָך פלעגט ניט אַריבער, — וואָס עפּעס: „קיין וואָך?" — קיין עטלעכע טעג אפילע, אַז די איוואַנאָוואָער פאַבריקן זאָלן אונדז באַנאַכט ניט אופוועקן מיט זייערע האַרצרייסנדיקע קוילעס פון די סירענעס. דאָס דאָזיקע שוידערלעכע ברומען פון די סירענעס האָט געווירקט אַף אונדז אַזוי, ווי מע זאָל אונדז אָנשיטן שנײַ אונטערן קאָלנער. ער פלעגט טייקעף אַלעמען אופהויבן אַף די פיס, און יעדערער האָט שוין געוווּסט, וואָס ער דאַרף טאָן... אין וואַלד, ניט ווייט פון אונדזער הויז, זיינען געווען אויסגעגראָבן טיפע ערד־שטיבלעך, דער דאַך איז

געמאַכט געווען פון גראָבע סאָסנע־בערוועגעס, פונדיבן — אָנגעשאָטן א גראָבער שיכט ערד, און אויף דער ערד — גראָז, בלעטער. אין די ערד־שטיבלעך האָבן געפירט אויסגעהאַקטע איין דער ערד טרעפ. אַזעלכע ערד־שטיבלעך זײַנען געווען אוואַדע צוואַנציק. יעדער באַהעלטע־ניש האָט געהאַט א נומער און אַרײַנעמען געקענט א באַשטימטע צאָל מענטשן.

אונדז האָט מען צעטיילט אויף גרופּעס. מיר, די דערוואַקסענע, זײַנען געווען אינאיינעם מיטן קליינוואַרג, מיט די קינדער פונעם פאַר שול־עלטער. אַזעלכע קינדער זײַנען דאָ געווען בא דרײַסיק. די קינדער פון די זיבעטע און אַכטע קלאַסן האָבן אויך געהאַט וועגן וועמען זאָרגן — דאָס זײַנען געווען קינדער פון די ערשטע און צווייטע קלאַסן. יעדער עלטער קינד האָט אַכטונג געגעבן אויף עמעצן פון די קלענערע קינדער. בייס א באַהאַלטע האָט מען גע־דאַרפט פאַר אַן אויגנבליק זיך אָנטאָן, נעמען די קאָלדרע און לויפן צום קלענערן קינד, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף דײַן באַראַט, נאָר שטיל, אָן א מינדסטן סימען פון טומל. האָסט ניט געטאַרט ווײַזן, אַז דו אַליין האָסט מוירע, פּאַרקערט, שעפּטשענדיק, האָט מען געדאַרפט דער־ציילן דעם קליינוואַרג עפּעס א פּריילעכע, א קאָמישע געשיכטע. און אַזוי פלעגט זײַן יעדער נאַכט, בייס א לופט־אַטאַקע.

אין קינדערהיים האָבן זיך צעשפּאָלטן די טרויבן, קיין האָלץ איז ניט געווען, הייצן איז ניט געווען מיט וואָס. וועגן אײַנלאַדן רעמאָנט־אַרבעטער האָט אפילו קיין רייד ניט געקענט זײַן, מאַנצבלעטן האָט מען צוגענומען אין אַרמיי, און די מאָביליזאַציע האָט אַלץ געדויערט. ביז יענעם אָרט, ווו מע האָט געהאַקט דעם וואַלד, איז געווען ווײַט, די פערד און די מאַשינעס האָט מען גענומען פאַרן פראָנט. דער איינציקער אויסוועג איז געווען — אויסהאַקן אונדזער פּרעכטיקן וואַלד, וועלכער האָט אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן אונדזער הויז. מיט טיפן ווייטעק אין האַרצן האָבן מיר עס שוין אָנגעהויבן טאָן, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. ס׳איז ניט קיין אויסוועג. אין שטוב זײַנען ניטאָ קיין הרובעס, מע דאַרף זיי צונויפלייגן פון ציגל און ליים. די פּרעסט ברענגען, פון קעלט און פון ניט־דערעסן קרענקען די קינדער...״

עס איז אַריבער דער שווערער און לאַנגער ווינטער פונעם 1941 יאָר. ס׳איז געקומען די ערשטע מילכאָמעדיקע וועסנע פונעם צוויי־און־פערציקטן. דעם גרויסן סאָד פונעם קינדער־היים האָט מען צעטיילט אויף באַצירקן, געמאַכט גרינס־בייטן און פאַרזייט אויבסטן: קאַרטאָפל, בוריקעס, מערן, אוגערקעס, ציבעלעס. באַשטימט פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר יעדער גרינס־בייט, פאַר יעדער גריאַדקע באַזונדער.

דער ראַטווירט אינעם דאָרף ליעזשניעוו און דער קאָלווירט אינעם דאָרף סעמיאַנאָווקע האָבן געגעבן אין רעשוס פונעם קינדערהיים עטלעכע העקטאַר ערד, און סאַמע די עלטערע פלעגן גיין אַהין אַרבעטן. זיי האָבן דאָרט געמאַכט ניט קיין גרויסע בײַדלעך און פלעגן דאָרט בלײַבן אויף עטלעכע טעג, באַאַרבעטנדיק דעם גאָרטן און איינצײַטיק אַכטונג געבנדיק, אַז די גערעטעניש זאָל זײַן גאַנץ.

אין דער באַלעבאַטישקייט פונעם קינדערהויז האָבן זיך באַוויזן ביקלעך, טעלעצעס און 15 כאַזערלעך — מאַטאָנעס פון קאָלווירטניקעס, שעפן. די קינדער האָבן אָרגאַניזירט א ברײַגאַדע, אויף וועמעס פאַראַנטוואָרטלעכקײַט עס איז איבערגעגעבן געוואָרן די טשערעדע. איי־ניקע האָבן געפּאַשעט די בעהיימעס, אַנדערע האָבן געכאָוועט די כאַזערלעך, די דריטע זײַנען אַרומגעגאַנגען בא די פערד. א ספּעציעלע גרופּע פון עלטערע דערציִגלינגען האָט א גאַנצן זומער פּאַרגרייט האָלץ אין וואַלד.

ביסלעכווײַז איז דאָס לעבן גרינגער געוואָרן.

איזאַ פּאַפּע האָט אין יענע ווײַטע מילכאָמע־יאָרן, אַזוי ווי אירע כאַווערטעס, געאַרבעט אין א ניי־וואָרשטאַט, אָפּן גאָרטן, אַרויסגעטראָטן מיטן כאָר אויף קאָנצערטן, אָרגאַניזירטע פאַר די פאַרוווּנדעטע רויטאַרמייער.

אין א קליינעם ווינקלדיקן צימערל אויפן ערשטן שטאָק, באַנאַנד מיטן עסצימער, איז געשטאַנען א ראַדיאָ־אויפנעמער, און אויף דער וואַנט איז געהאַנגען א מאַפּע, אויף וועלכער עס פלעגט אַלע טאָג אָפּגעמערקט ווערן, לויט די מיטיילונגען פון סאָווינפאָרמביוראָ, די פראָנט־ליניע. דאָרטן האָט מען שטענדיק געקענט זיך דערוויסן די לעצטע נײַס פונעם פאַרגעקומע־נעם אויף די שלאַכטפעלדער פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. אַהין פלעגן אָפּט אַרײַנלויפן אַלע קינדער.

איזאַ האָט גוט פאַרגעדענקט דעם טאָג פונעם 2 פעברואַר 1943 יאָר, ווען אין קינדערהיים האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן די פריידיקע נײַס וועגן דער מאַפּאָלע פון די היטלעראָווצעס הינטער סטאַלינגראַד. דאָס סאָוועטישע פאָלק און אַלע פרײַהײַטליבנדיקע קויכעס האָבן גע־זיגט אין איינעם פון די גרעסטע שלאַכטן, וואָס זײַנען געפירט געוואָרן אין דער צווייטער

וועלט־מילכאָמע, דער זיג האָט באַטײַט און איז געוואָרן דער קערפּונקט אינעם קאַמף פונעם סאָציאַליזם קעגן אימפּעריאַליזם.

די טאָכטער פונעם דײַטשישן אַנטיפאַשיסט האָט נאָך ניט געוווּסט, אַז אין יענע טעג איז איר פאָטער שוין געווען באַם מאַלכאַמאָווּעס אין די הענט, זיך געמוטשעט אַפן טויט אינעם פאַשיסטישן געגנעם שוין אין זײַן לעצטן קרײַז.

אינעם 1939 יאָר, אַרויסגייענדיק אָף דער פרײַ, האָט ווילהעלם גודדאַרף ווידער זיך פאַר־בונדן מיט זײַנע מיטקעמפער, וועלכע עס האָט ניט דערשראָקן דער נאַציסטישער טעראָר. ער איז אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער אָנפירונג פון דער בערלינער אָרגאַניזאַציע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון דײַטשלאַנד, און אינעם 1941 יאָר, ערעוו דער אינוואַזיע פון די היטלעראָווצעס אָפן ראַטנפאַרבאַנד, האָט ער איניינעם מיט זײַן פרײַנט, מיט יאָנע זיגן, פאַר־געשטעלט די פאַרטיי אין דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז איצט באַוווּסט אונטערן נאָמען „די רויטע קאַפּעלע”. עכטע דײַטשישע פּאַטריאָטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן, טרײַע פרײַנט פונעם ראַטנפאַרבאַנד, האָבן זיי געקעמפט פאַר דער מאַפּאָלע פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, פאַרן דעמאָקראַטישן, סאָציאַליסטישן, שאָלעמליבנדיקן דײַטשלאַנד.

די אַנטיפאַשיסטן האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז דער דײַטשישער אימפּעריאַליזם, וועלכער האָט צעפלאַקערט די צווייטע וועלט־מילכאָמע, איז אַ בלוטיקער סוינע אַלע פעלקער אָף דער ערד. לויט זייער סאָציאַלן באַשטאַנד, לויט די אַלגעמיינע פּאָליטישע צילן און עפעקטיווקייט פון קאַמפס־מיטלען זײַנען די דײַטשישע אַנטיפאַשיסטן געווען איינע פון די באַדײַטנדיקסטע אָרגאַניזאַציעס אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

אין שפּיץ פון דער „רויטער קאַפּעלע” זײַנען געשטאַנען דער געלערנטער, עקאָנאָ־מיסט, דאָקטער אַרוויד כאַרנאַק, דער עלטערער לייטענאַנט כאַררא שולצע־באָיזען און די אָנפירער פון דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פאַרטיי יאָן זיג און ווילהעלם גודדאַרף, וועל־כער האָט געהאַלטן די הויפּט־פאַרבינדונגען פון דער אָרגאַניזאַציע אין בערלין און אינעם גאַנצן היטלערישן רײַך. כאַווײרים האָבן אים ליב געהאַט און הויך געשעצט פאַר זײַן אינ־טעליגענטישקײַט, פאַר זײַנע גרונטיקע טעאָרעטישע קענטענישן, פאַר דער גרויסער דער־פאַרונג אינעם קלאַסנקאַמף.

גודדאַרף האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין צוגרייטן, אַרויסלאָזן און פאַרשפּרייטן דאָס אינפאָרמאַטיווע בלעטל „דער אינערלעכער פראָנט”, וואָס האָט אומלעגאַל זיך געדרוקט אין בערלין, און באַנאַנד מיט אַנדערע מאַטעריאַלן האָט ער צוזאַמען מיטן דאָקטער אַרוויד כאַר־נאַק אָנגעשריבן דאָס גרעסערע אַרטיקל „די עקאָנאָמישע באַזע פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליס־טישן דײַטשלאַנד”. דאָס דאָזיקע אַרטיקל האָט מיטגעהאָלפן די אַנטיפאַשיסטן פירן די אַנטי־היטלערישע פּראָפּאַגאַנדע אָף אונטערנעמונגען, צווישן אַרבעטער און אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

די געסטאַפּאָווצעס האָבן לאַנג, אײַנגעשפּאַרט, פאַרביסן געזוכט די שפּורן פון דער אָר־גאַניזאַציע. סאָפקאָלסאָף האָט עס זיך אײַנגעגעבן זיי. די געסטאַפּאָ האָט אַרעסטירט כאַררא שולצע־באָיזען און דעם דאָקטער אַרוויד כאַרנאַק. אַכזאָריעסדיק האָט מען בייס די פאַרהערן געפּײַניקט העכער 130 מענטשן, אָנגעהעריקע צו דער אָרגאַניזאַציע.

דאָס עכטע אַנטיפאַשיסטישע דײַטשלאַנד האָט געלעבט אין קעלערס, אין טפיסע־קאַמערס, הינטערן שטעכלדראָט פון די היטלערישע קאָנצלאַגערן... דאָ האָבן די בעסטע זין און טעכ־טער פונעם דײַטשישן פאָלק געשפּרײַזט פאָרויס, און דער וועג איז געווען אויסערסט שווער, אומדערטרעגלעך, פאַרגאָסן מיט בלוט, אויסגעשפּרייט מיט לעבנס פון טויזנטער קאָרבאָנעס. דעם פאַקעל, וואָס האָט באַלויכטן דעם מאַרטירער־וועג, האָט מען איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט, פון איין גויסעסדיקן צום אַנדערן, פון עשאַפאָט צו עשאַפאָט. און דער פאַקעל איז קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן.

ווילהעלם גודדאַרפן האָט מען אַרעסטירט דעם 10 אָקטיאַבער 1942 יאָר אין בערלין, ווען ער האָט געפּרוּווט אײַנשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט איינעם פון די פאַרבינדלער פון אונטערערד.

אינעם אורטייל פונעם פאַשיסטישן מיליטערישן געריכט, וואָס איז אַרויסגעטראָגן גע־וואָרן דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, איז געזאָגט געוואָרן: זייער באַציִונג צום נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליסטישן לאַנד איז געווען אַ נעגאַטיווע. אייניקע פון זיי זײַנען געבליבן פאַ־נאַטישע אָנהענגער פונעם קאָמוניזם. זיי פלעגן דורכפירן דיסקוסיעס, באַהאַנדלענדיק די מאַרקסיסטיש־לענינישע ליטעראַטור. צום אָנהייב איז עס געטאָן געוואָרן אין ניט קיין גרויסע קרײַזלעך. צו דער דאָזיקער אַרבעט פלעגן זיי אַרײַנציִען איבערהויפּט יוגנט. זיי פלעגן שרײַבן אַרטיקלען, מיטיילונגען, וועלכע מע פלעגט דערלערנען אין אַן ענגן קרײַז. כוץ דעם, פלעגן

זיי צוניפשטעלן און פארשפרייטן קאָמוניסטישע העצע־פלוגבלעטלעך, אין וועלכע זיי פלעגן באשמוצן די נאַציאָנאַליסטישע מעלוכע.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מארש אַף רוסלאַנד, האָבן זיי אַקטיוויזירט זייער טעטיקייט. מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע האָבן זיי זיך געפּלייסט צוציִען אַף זייער זײַט די פּאַרשטייער פון קונסט, פּאָליציי און די באַוואָפנטע קויכעס.

דער אורטייל איז געווען אכזאָריעסדיק און אומענטשלעך.

די אָנגעזעענסטע זין און טעכטער פון דײַטשלאַנד האָבן ניט געקענט שאָלעם מאכן מיט דער הערשאַפט פון סוואסטיק און טליִעס און זײַנען פארורטיילט געוואָרן צום טויט.

אין זײַן לעצטן בריוו האָט כאררא שולצע־באָיזען געשריבן: „אויב עס איז אונדז באַשערט שטארבן, ווייסן מיר, שטארבנדיק: די זוימען, וואָס מיר האָבן פארזייט, וועלן אופגיין".

ווילהעלם גודדאָרף איז מוטיק דורכגעגאַנגען זײַן לעצטן לעבנסוועג. ער איז אומגעקומען אַפן פאשיסטישן עשאַפּאָט דעם 13 מײַ 1943 יאָר אין דער בערלינער טורמע פּלעטצענזעע.

איצט, אין דרײַסיק יאָר ארום, איז געגני באַוווּסט די טעטיקייט פון דער דײַטשישער אַנטיפאשיסטישער אָרגאַניזאַציע. וועגן די דײַטשן־אַנטיפאַשיסטן זײַנען אָנגעשריבן הונדערטער פאַרצייכענונגען, עס זײַנען געשאַפן געוואָרן ביכער און קינאָפילמען.

די נעמען פון די העלדן, ארויסגעריסענע פונעם ניט־זײַן פון דער ניטדאָיִקייט, זײַנען אומגעקערט געוואָרן דעם פאָלק, פאר וועלכן זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס.

איזא האָט פאַרענדיקט אין שול דעם זיבעטן קלאַס. דערנאָך אָנגעקומען לערנען אין מעדיצינישן טעכניקום.

סאָף פינף־און־פערציקטן יאָר האָט איזען אָפּגעזוכט אין דער שטאָט איוואנאָוואָ א בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פון דײַטשלאַנד. א בריוו פון דער מאַמען, פון סולדע גודדאָרף, וואָס איז מיט ניסים לעבן געבליבן. איזא האָט זיך אומגעקערט אין איר היימלאַנד, וואָס זי האָט פארלאָזט, זײַענדיק א פיצל קינד. זי האָט זיך אומגעקערט אין דײַטשלאַנד, קעדיי אײנעם מיט איר פאָלק בויען דאָרט א נײַ לעבן.

ס'איז געווען ניט גרינג. עס האָט געהאָלפן די איוואנאָווער פאַרהאַרטעוועטקײַט. עס איז איר אויסגעקומען אָנהויבן אַלץ פון אָנהייב — דערלערנען די מוטערשפּראך, לערנען און אַרבעטן, קעמפן פאר שאפן א נײַע, אַנטיפאַשיסטישע, סאָציאַליסטישע מעדינע פון דײַטשישע אַרבעטער און פויערים. זי האָט פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין דער שטאָט ראָסטאָק, דערנאָך אין מאָסקווע פאַרענדיקט די אַספּיראַנטור אין מעדיצינישן אינסטיטוט. שפּעטער פאַרטיידיקט די דיסערטאַציע.

אין מעשעך פון פיל יאָרן פירט אָן מיטן כירורגישן אָפּטייל פונעם געגנטלעכן שפּיטאָל אין ראָסטאָק דער דאָקטער איזא פּאָפּע.

5

אין דער צײַטונג „נויעס דויטשלאַנד" פארן 9 יון 1973 יאָר זײַנען געווען געדרוקט דרײַ פאָטאָגראַפיעס: אַף דער ערשטער — אין קורצע הייזעלעך א דאר ייִנגעלע פון א יאָר צען, אַף דער צווייטער — א יונגער באָכער אין א סאָוועטישער מיליטערישער אוניפאָרם, אַף דער דריטער — בא א טיש זיצט א שמייכלענדיקער מאַנצבל. דאָס איז איינער און דער זעלבער מענטש, איך האָב וועגן אים א סאך געהערט — דער דאָקטער פריץ שטראובע. א היסטאָריקער, א באַוווּסטער געלערנטער, דער אוטאָר פון עטלעכע ביכער וועגן דער געשיכטע פון פּססר. פריץ שטראובע לעבט אצינד אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

אין פּאָטסדאַם, אַף דער טעלעסטודיע „דעפא" האָט מען מיר באַוויזן א דאָקומענטאַלן פילם, וועלכן עס האָבן געמאכט די באַוווּסטע דײַטשישע קינאָ־פּובליציסטן וו. כאַינאָווסקי און ג. שאָימאַן „איך בין פריץ", אין וועלכן עס ווערט דערציילט וועגן דעם מערקווירדיקן גוירל פון א דײַטשיש ייִנגל, וואָס איז געוואָרן אן אַנטיפאַשיסט, א קאָמוניסט־אינטערנאַציאָנאַליסט...

דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט אין אָקטיאַבער 1977 יאָר בא אורזולא פּאָגעל אין דער היים, און קיימאָט א גאַנצע נאכט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן. אין א האלב יאָר

ארום, ווען איך בין ווידער געקומען קיין בערלין און מיר האָבן איניינעם פאַרבראַכט עטלעכע טעג, האָב איך זיך געניער דערוווּסט וועגן דעם גורל נאָך פון איין דערציִיגלינג פונעם הויז אַף דער רויטער טאַלקע.

דעם 12 סענטיאַבער 1935 יאָר האָט די צייטונג „לייפּציגער נאַיעסטע נאַכריכטען" אָפּגעדרוקט אַ מעלדונג:

„ווי עס איז שוין מיטגעטיילט געוואָרן, איז פאַרצווייוואָכן פאַרשוווּנדן ערגעץ אַ שילער פון דער פאָלקס־שול פּריץ הערמאַן ווערנער שטראַובע. ווו ער געפינט זיך, ווייסט מען ניט אדהייעם. שטראַובע איז געבוירן געוואָרן דעם 14 מאַרט 1924 יאָר אין לייפּציק. דאָס לעצטע מאָל האָט מען אים געזען דעם 23 אווגוסט 7 אַזייגער מיט 30 מינוט אַפן וועג צו דער שול, וווּהין ער איז געגאַנגען פון דער באָבעס דירע, וועלכע וווינט לויטן פאָלגנדן אַדרעס: מאָלטקע־שטראַסע 36, 4 אַריינגאַנג. אַף די לימודים אין שול איז ער מער ניט געקומען. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס מעלאַנכאָלישע עלפיאָריק ייִנגל האָט זיך גענומען דאָס לעבן. מיר פּובליקירן ווידער אייניקע געגעבענע וועגן אים: זיין וווּקס: 1 מעטער מיט 40 סמ., 1 מעטער מיט 50 סמ. פעסט געבויט, בלאָנדע האָר, פאַרקעמטע מיט אַ שרונט אַף דער לינקער זייט, גרוילעך־גרינע אויגן. אַ בלייך פּאָנעם מיט זון־שפּרענקעלעך, אָנגעטאָן אין אַ גרוי רעקל מיט ברוינע פּאַסיקלעך, די הויזן פונעם זעלבן קאָליר, ברוינע שיך מיט גרויע הויכע זאָקן. ער האָט געטראָגן אַ ווייס העמדל מיט בלויע פּאַסיקלעך, מיט אַן אויסגענייטן צייכן „פּ. שט.", ער איז געווען מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ.

באַליביקע יעדיעס וועגן דעם פאַרפאַלענעם ייִנגעלע, וועלכע קענען מיטהעלפן געפינען אים, בעטן מיר דרינגענדיק מיטיילן אינעם אָפּטייל פון דער קרימינעלער פּאָליציי. באַגעגנדיק אים — דאַרף ער אַרעסטירט ווערן".

די מעלדונג האָבן געגעבן געסטאַפּאָוצעס, וועלכע האָבן זיך געסטאַרעט געפינען און אַרעסטירן דעם יונגן אַנטיפאַשיסט.

נאָר ניט געקוקט אַף דער דאָזיקער מעלדונג האָט די פּאָליציי־לייט זיך ניט איינגעגעבן געפינען און אַרעסטירן דאָס אַנטלאָפענע ייִנגעלע.

פּריצס עלטערן זיינען געווען קאָמוניסטן. דער פאָטער, אָטאָ שטראַובע, האָט געאַרבעט אינעם אַפּאַראַט פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין לייפּציק. נאָך דעם, ווי צו דער מאַכט זיינען געקומען די נאַציסטן, איז ער אַריבער אַף אומלעגאַלער אַרבעט און עמיגרירט אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין אַ קליין בייגרענעץ־שטעטל וויפּערט. ער פלעגט דורכפירן אַנטיפאַשיסטן דורך דער גרענעץ, פלעגט איבערפירן און פאַרשפּרייטן פּראָפּאַגאַנדיסטישע ליטעראַטור, אויסגעפילט פאַרשיידענע אופטראָגן פונעם צק פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַרומפאָרנדיק איבער פאַרשיידענע שטעט פון דייטשלאַנד. די מוטער גערטרודע שטראַובע, האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער טעטיקייט פון די לייפּציקער קאָמוניסטן, דער זון — אַ פּיאָנער — האָט איר מיטגעהאָלפן.

ווען די אַגענטן פון געסטאַפּאָ האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער דירע, ווו די מישפּאָכע שטראַובע האָט געלעבט, האָט די מוטער באַוויזן אַ שעפּטשע טאָן דעם קינד: „פּאָר צום טאַטן".

דאָס קינד האָט געוווּסט דעם טאַטנס אַדרעס, און, אַרויסגייענדיק פון שטוב, אַוועק צו קרוויוים און דערנאָך אַפן וואָקזאַל. די געסטאַפּאָוצעס האָבן איניגיכן זיך געכאַפּט, אָנגעהויבן זוכן פּריצן און געגעבן אַ מעלדונג אין דער צייטונג. נאָר ס'איז שוין געווען שפּעט. דער עלפיאָריקער אַנטלאָפענער האָט בעשאָלעם זיך דערקליבן צו דער דייטשיש־טשעכישער גרענעץ און איניגיכן שוין געווען באַם טאַטן. די צווישנפעלקערלעכע אָרגאַניזאַציע הילף די רעוואָליוציאָנערן, האָט באַשטימט אַריבערפירן פּריצן אינעם ראַטנפאַרבאַנד. אָט איז די גרענעץ פון פּססר — אַ געטעסעטער טויער מיט אַ רויטן שטערן פונויבן, לעבן טויער — אַ רויטאַרמער אין אַ בודיאָנאָווקע, מיט אַ ביקס אין האַנט.

פּריץ איז געקומען קיין מאָסקווע, און אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום געוואָרן אַ דערציִיגלינג פונעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים אַף יע. ד. סטאַסאָוועס נאָמען.

דאָ האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיינע יונגע לאַנדסלייט, מיט די דייטשישע ייִנגעלעך און מיידעלעך. די גורלאָלעס פון וועלכע עס זיינען אַזוי ענלעך געווען אַף זיין גורל. די לערערן פון דער דייטשישער שפּראַך פּאַולאַ כאָסקעפּלער האָט פאַרטרויט פּריצן די ביבליאָטעק, אין וועלכער עס זיינען געווען געטעס, שילערס, היינעס, זעגערס און פיל אַנדערע זייער גוטע ביכער פון וועלט־באַרימטע דייטשישע שרייבער. די קינדער פון די קאָמוניסטן האָבן ניט פאַרגעסן זייער פּאָטערלאַנד, וועלכן עס האָבן פאַרשקלאַפט די פאַשיסטן. זיי האָבן פיל גערעדט און געטראַכט וועגן זייער היימלאַנד.

וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער היים, אין לײַפּציק, האָט פריץ שפּעטער זיך דערוווּסט פון בריוו. ניט האָבנדיק קיין גענוגנדיקע באַווײַזן וועגן דער מוטערס אַנטי־פאַשיסטישער טעטיקײַט, האָט מען זי אַרויסגעלאָזט פון טפיסע. זי האָט זיך געפונען אונטערן אופזיכט פון געסטאַפּאָ און האָט געדאַרפט רעגולער קומען אין פּאָליציי־באַצירק זיך רע־גיסטרירן. דער פאָטער, אָטאָ שטראובע, האָט אין שפּאַניע זיך געשלאָגן קעגן די פראַנקיסטן אין באַשטאַנד פון דער עלפטער אינטערבריגאַדע, אינעם באַטאַליאָן אָף טעלמאַנס נאָמען.

פריץ איז געוואָרן אַ מיטגליד פונעם קאָמיוג. אײנײנעם מיט זײַן פרײַנט, דעם יוגאָסלאַוו וולאַדימיר בראַצאַנאָוויטש, האָט ער זיך געלערנט אין דער קאַוואַלעריע־שול אָף בודיאָניס נאָמען. איין מאָל, זונטיק, ווען זיי זײַנען געפאָרן פון דער לערע, האָבן זיי באַמערקט, אַז אָף די גאַסן פון שטאָט איז מערער מענטשן, ווי שטענדיק, און די פּנימער בײַ די מענטשן זײַנען געווען דערשראָקענע, פאַרומערטע. ווען די ייִנגלעך זײַנען געקומען אין קינדערהיים, האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן: „אַ מילכאָמע״...

אַזוי ווי פיל אַנדערע דערצויגלינגען, האָט פריץ אויך אַנגעגעבן אַ מעלדונג מיט דער בי־טע, אַז מע זאָל אים שיקן אָפן פראָנט. נאָר מע האָט אים אָפּגעזאָגט — ער איז נאָך געווען צו יונג.

פריץ האָט זיך פאַרשריבן אין דער פאָלקס־אָפּאָלטשעניע, אָף קורסן פון קוילנוואַרפלער. אײנײנעם מיט אַנדערע פרײַוויליקע געגראָבן הינטער דער שטאָט קעגנטאַנקען־טראַנשייען. געגאַן דעזשורן אין האָספּיטאַל, ווו עס זײַנען געלעגן פאַרווונדעטע סאָוועטישע שלאַכטלײַט, אָנטיילגענומען אין קאָנצערטן פון דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט, געאַרבעט אין קאָל־ווירט, אָף האָלץ־פאַרגרייטונג.

אָנהייב 1943 יאָר האָט ער פונדעסטוועגן זײַנס דערשלאָגן זיך — מע האָט אים גענומען אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. אָ, די בריוו פון פראָנט, וועלכע פריץ האָט געשריבן די כאַווירים זײַנע אין קינדערהיים, האָט ער דערציילט וועגן זיך.

„זײַט געגריסט, כעווריע!

איך געפין זיך איצט אין בריאַנסק, איך האָב איצט אַ ביסל פרײַע צײַט און קאָן אײַך שרײַבן. אין איוואַנאָוואָ איז דאָס זעצן זיך אין צוג דורכגעגאַנגען גוט — ספּאַרטאַק וועט אײַך דערציילן גענויער. ביז מאָסקווע — געפאָרן גוט. ווי־עס־איז זיך אײַנגעאָרדנט אין וואַגאָן, זיך געזעצט אָף מײַנע פּראָדוקטן און אַזויאַרום געקומען קיין מאָסקווע. אין מאָסקווע בין איך געווען אינגאַנצן עטלעכע שאָ און געגוי באַקוקט, וואָס איך האָב געקענט. אין אַלגעמיין האָט זיך די שטאָט ניט געענדערט, קיין רויִנען זעט מען ניט. זיך אָנגעפאָרן אין מעטראָ — וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט, געווען אָפן רויטן פּלאַץ און אַרײַן אין אַ קינאָ־טעאַטער („וואַרט אָף מיר״) — אָט דאָס איז אַלץ. כ׳האָב זיך געסטאַרעט, פאַרשטייט זיך, וואָס מער זען אין מאָסקווע. אײַנגעקויפט עפּעס־וואָס, און ווען כ׳האָב אַ קוק געטאָן אָפן זייגער, האָב איך זיך דערשראָקן און זיך געלאָזט צום וואָקזאַל (אַ שלײַך געטאָן אין מעטראָ און אַרויסגעטויכט באַם קיִעווער וואָקזאַל).

דעם וועג פון מאָסקווע ביז בריאַנסק האָב איך דורכגעמאַכט גוט, וואָס בעסער קאָן ניט זײַן. ערשטנס, בין איך געפאָרן אין אַ ספּעציִעלן וואַגאָן פאַר אָפיצערן. צווייטנס, זײַנען די אָפיצערן געווען זייער גוטע כעווריע, וועלכע זײַנען שוין געווען אָפן פראָנט, אָף דער פאָר־דערשטער ליניע, און איצט פאָרן זיי אַהין ווידער. מע האָט אַ סאַך געזונגען, גערעדט, גע־שפּאַסט, גערייכערט... עך, ווען איר וואָלט געוווּסט אַ מין טוטין! וועלכע ציגאַרן! אָט ווען עס קומען אַהער אונדזערע פאַרברענטע רייכער־יונגען! געזונגען האָט מען זייער אַ סאַך. דורכ־פאָרנדיק „שנייִק־ווײַסע פעלדער הינטער מאָסקווע״ — געזונגען וועגן זיי. כ׳האָב געהערט פיל נײַע אומעטיקע און פריילעכע לידער. געשלאָפן בין איך אויך גוט. כ׳האָב אַרויסגעקוקט אין פענצטער און מעוווּלוול געוואָרן. „דאָ זײַנען געווען היטלעראָווצעס״ — האָט אַ פּלעט געטאָן מיך דער געדאַנק. איר ווייסט ניט און איר קענט זיך ניט פאָרשטעלן, אָף וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיקײַטן עס זײַנען פײַיִק פאַשיסטן, וואָס זיי קענען טאָן! אַלע מאָל דערזעסטו הינטער אַן אָנשיט אַ וואַגאָן, אַ לאָקאָמאָטיוו, אַ גאַנצן צוג — פיל וואַגאָנען. אַלע וואָקזאַלן זײַנען צעשעדיקט, אָדער אופגעריסן. אַלע שטיבער — פאַרברענט, עס סטאַרטשען אינעם הימל בלויז די טרויבן. די ערטער, ווו עס זײַנען געווען די שלאַכטן הינטער בריאַנסק, זעען אויס שוידערלעך.

בריאַנסק, ווי אַ גרויסע אינדוסטריִעלע שטאָט און אַן אײַזנבאַן־קנופּ, איז שוין ניטאָ. אַראָפּשטײַגן פון צוג האָט מען געמוזט, ניט דערפאָרנדיק עטלעכע קילאָמעטער ביז דער שטאָט, ווײַל דער גאַנצער וועג איז צעשעדיקט. סנאַריאַדן האָבן אין דער ערד דורכגעבויערט

טיפע גריבער, און די רעלסן שטעקן מאמעש אינדערהייך. דער צענטער פון שטאָט איז אינ־גאַנצן פאַרברענט געוואָרן, אַלע גרויסע געבײַדעס, אָן אַן אויסנאַם, זײַנען אופגעריסן.

איך בין דורכגעגאַנגען פאַרבײַ א וואַנט, וואָס איז דורכויס צעלעכערט פון קוילן — דאָ האָבן די פאַשיסטן געשאָסן די סאָוועטישע מענטשן.

דאָס האָב איך געשריבן אין בריאַנסק, ווען כ׳האָב אין וועג זיך באַקאַנט מיט א מיליטערמאַן, מיר האָבן צוזאַמען געגעטשיקט אין בריאַנסק. אין א קליין הילצערן שטיבל, האָבן מיר געגעטשיקט באַ א גאַלעך. דאָרט האָב איך באַוויזן אָנשרײַבן דעם בריוו.

איצט בין איך שוין קימאַט געקומען אַפן אָרט, וווּהין מע האָט מיך געשיקט, נאָר אין דער שטאָט אונעטשאַ, און ניט אין נאָוואָזיבקאָוו. אין די שטעט בין איך שוין געווען. אין אונעטשאַ האָט מען מיך, נאָך אַלע מאַטערנישן, מיט וועלכע איך האָב זיך דערקליבן אין דער דאָזיקער אומגליקלעכער, רויִנירטער שטאָט, אופגענומען גוט. געזען די פריצן. מע האָט מיר געגעבן א מעגלעכקײַט אויסוויילן, וואָס וויל איך: אָדער בלײַבן אין אונעטשאַ, אָדער פאָרן אַרבעטן מײַרעוודיקער. מע האָט מיך גלײַך אַרײַנגעזעצט אין א מאַשין, וועלכע איז געפאָרן אין דער מײַרעוודיקער ריכטונג, אין ערטער, וועלכע איך האָב אַליין פאַר זיך אויסגעקליבן.

געגעטשיקט האָבן מיר אין נאָוואָזיבקאָוו — אויך די שטאָט איז אינגאַנצן כאָרעוו. גאַנצפרי אַרויסגעפאָרן, און נאָך דער טרייסלעניש אַף די רויִנירטע וועגן, אין פראָסט און אין ווינט זיך דערקליבן ביז האָמעל, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. האָמעל איז אַן אַלטע, זייער א שיינע שטאָט, איצט איז זי גאָר־גאָר ניט שיין. די ציגלנע הײַזער, אַלע ביז איינעם האָט מען צעבאָמבירט, אופגעריסן, רויִנירט, אָדער מיט דער הילף פון סנאַריאַדן, אָדער אופגעריסן.

דערנאָך זײַנען מיר געפאָרן ווײַטער און געקומען אין רעטשיצע, ווו איך געפין זיך איצט און שרײַב אײַך דעם בריוו. דאָ וועלן מיר נעכטיקן, אָדער אפילע פאַרבלײַבן לענגער. וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צום פראָנט, אַלץ ווערט די לאַגע אָנגעשטרענגטער און ערנסטער. מע וואָלט געקענט זייער א סאַך דערציילן, נאָר איך האָב נאָך אַליין ניט אַלץ פאַרשטאַנען ביזן גרונט. און נאָך: „איך בין מיד, ווי א הונט, אָבער כ׳פּיל, אז ווי גאָט וועל איך שלאָפן" (היינע). כ׳האָב זיך פונקט דערמאָנט היינען. כ׳האָב אים מיטגענומען מיט זיך.

איך האָב, ווײַזט אויס, קיין איין מאָל נאָך אַזוי זיך ניט דערנענטערט צו דער פאָדערליניע, זיך אײַנגעשטעלט, נישקאָשע, איך וועל צוקומען נאָך נענטער.

עס ווערט שוין אינגאַנצן פינצטער. דאָ איז ניטאָ אַזויפיל שניי, וויפל אין איוואַנאָוואָ. די ווײַסרוסן זײַנען זייער א גוט פאָלק, זיי ריידן עפּעס מאָדנע. נעכטן, אין רעטשיצע, זאָגט מען, האָבן זיך אופגעריסן 4 מינעס, נאָר ניט אין שטאָט גופע.

גיט איבער יעליזאַוועטע פעטראָוונען מײַן הארציקן גרוס, א גרוס דוסיען פון קיד, ניורען און סימען, דער מומע לענען... די כעוורע א גרוס. די יִונגלעך פונעם צענטן קלאַס בעט איך איבערגעבן א גרוס דעם קלאַסן־אָנפירער, א הייסן גרוס דעם מיליטערישן אָנפירער, דעם לערער פון מאַטעמאַטיק און געשיכטע. זאָגט ״ער דײַטשקע, אז איך לערן מיט פריצן דעם פּאַרטיציפּ II.

1943 .20.12 ׳י שטראובע".

פריץ שטראָובעס פרײַנט האָבן זיך געגרייסט, וואָס זייער כאַווער קעמפט אַפן פראָנט. אין זייערע בריוו, אַפּט קאָלעקטיווע, פלעגן זיי אים דערציילן וועגן זייער לעבן אינעם קינדערהיים, וועגן די שול־איניאַנים, וועגן די דערפאַלגן, און אמאָל — שטיפערײַען, און מיט אומגעדולד וואַרטן אַפן ענטפער, וועלכן מע פלעגט פאַרלייענען אינדערהייך.

אינעם היפשן פעקל געל־געוואָרענע פון דער צײַט בריוו, וועלכע האָבן זיך פאַרהיט אינעם פאַמיליען־אַרכיוו פונעם אַנטיפאַשיסט, וועל איך ברענגען בלויז איין בריוו, אייגנטלעך אפילע ניט קיין בריוו, נאָר א צעטעלע פון עטלעכע ווערטער, אָנגעשריבענע אַף א פּאָסטקאַרטל. אָבער וויפל אומרו און זאָרג פאַרן גוירל פון א כאַווער, פון וועלכן עס זײַנען שוין לאַנג ניטאָ קיין יעדיִעס, ליגט אין די דאָזיקע קאַרגע ווערטער.

„28 אווגוסט 1944 יאָר.

טײַערער פרײַנט!

פאַרוואָס איז ניטאָ אַזוי לאַנג קיין בריוו פון דיר!

ס׳האָט עפּעס פּאַסירט מיט דיר?

שרײַב אָן כאָטש א פּאָר ווערטער!

אויב כ׳וועל באַקומען אַן ענטפער — וועל איך דיר טייקעף אָנשרײַבן א בריוו. ווײַל אַזוי ווייס איך ניט — שרײַבן דיר, צי ניט.

כ'דריק פעסט דײַן האַנט. דײַן פרײַנט דזשימי רוועגג".

דער אוטאָר פון די דאָזיקע שורעס, איז פריצס ייִנגערער כאַווער. ער האָט, פונקט אַזוי ווי אַנדערע קינדער פון די אויסלענדישע קאָמוניסטן, געלעבט און זיך געלערנט אין איוואַנאָווער קינדערהויז, וווּהין מע האָט אים, ווען ער איז נאָך געווען אַ פּיצל, געבראַכט צו פירן פון כינע.

אין דרײַסיק יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע האָט די דײַטשישע קאָמוניסטקע רוט ווערנער אין איר בוך „סאָניעס ראַפּאָרט", וועלכן עס האָט אַרויסגעגעבן דער פאַרלאַג „נויעס לעבען" אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק אינעם 1977 יאָר, דערציילט וועגן דעם גורל פון דזשימיס עלטערן...

זײַנע עלטערן, פּאָול און גערטרודע רוועגג, אויסלענדיקע זייערע פליכטן פאַרן היימלאַנד און פאַר דער פּאַרטיי, האָבן געלעבט אין כינע. זומער פונעם 1930 יאָר האָט די פּאָליציי אין שאַנכײַ אַרעסטירט זיי, און עס האָט געדראָעט די אַנטיפאַשיסטן טויט.

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט דער לעגענדאַרער סאָוועטישער אויסשפּירער ריכאַרד זאָרגע, וועלכער איז אין יענע טעג אויך געווען אין כינע, באַופטראַגט איינעם פון די כאַווירים, דעם דײַטשישן קאָמוניסט אָטאָ בראַון, קריגן אַ נייטיקע סומע געלט. און יענער, אויספילנדיק די דאָזיקע פאַרגעבונג, האָט געבראַכט פון מאַנטשזשוריע אין שאַנכײַ 20 טויזנט דאָלער מעזומאָנים, וועלכע זײַנען געגעבן געוואָרן די פאַרקויפטע כינעזישע ריכטער. אַדאַנק דעם, האָט זיך אײַנגעגעבן ענדערן דעם פּסאַק־דין — דער טויט־שטראָף איז פאַרביטן געוואָרן אָף אייביקער טפיסע.

איבערלעבנדיק שרעקלעכסטע צאָרעס, זײַנען פּאָול און גערטרודע רוועגג אַרויס אָף דער פרײַ. זיי האָבן זיך אומגעקערט אין זייער היימלאַנד, פאַר וועלכן זיי האָבן געקעמפט און גרייט געווען מאַקריוו זײַן די אייגענע לעבנס.

זייער זון דזשימי האָט געענדיקט אינעם איוואַנאָווער קינדערהויז די שול, דערנאָך געענדיקט אַן אינסטיטוט, איצט לעבט ער און אַרבעט אין מאָסקווע, היטנדיק טרײַ דעם אָנדענק פון זײַנע איוואַנאָווער פרײַנט.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו פריץ שטראָובעס מיליטערישן גורל. ענטפערנדיק זײַנע כאַווירים, האָט ער אַזוי דערציילט וועגן זיך אין איינעם אַ בריוו:

„שטאָט איוואַנאָווע, פּאָסטאָש באָר, ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קינדערהיים. פּעטרע ראַדינקאָווען, דהײַ. די שילער פונעם 10־טן קלאַס. 10 דעקאַבער 1944 יאָר. זײַט געגריסט, צענקלאַסניקעס!

הײַנט געפין איך זיך (פאַרמעקט) און הײַנט האָט מען מיר געבראַכט מיטאַמאָל דרײַ בריוו פון דער היים. גאַנצע דרײַ מאָל האָט מען מיך געצווונגען טאַנצן, געבנדיק מיר דערבײַ איין בריוו נאָכן אַנדערן. זיי זײַנען אָנגעקומען אין פאַרשיידענע טעג, נאָר זיך ערגעץ פאַרהאַלטן, נאָר דערפאַר האָב איך איצט באַקומען גאַנצע דרײַ בריוו. כ'האָב זיך גוואַלדיק דערפרייט מיט די בריוו. סאָפּקאָלסאָף! כ'האָב זיך שוין ניט געקענט דערוואַרטן כאָטש אָף איין בריוו. זינט איך בין אוועקגעפאָרן פון איוואַנאָווע, איז שוין דורכגעגאַנגען זייער אַ סאַך צײַט. נאָר איך געדענק און שטעל זיך אַלץ פאָר, ווי עס וואָלט געווען נעכטן. און די צײַט פליט גיך, די טעג יאָגן אַריבער איינער דעם אַנדערן.

פון אײַערע בריוו האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַלע נײַס, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אינעם קינדערהיים, און אין געדאַנק שטעל איך זיך גלײַך פאַר אײַער לעבן — וויאַזוי האָט איר פאַרענדיקט די לערע פאַר די ווינטער־קאַניקולן (מיטן דיסקאָנט, מיט די פאַרזאַמלונגען), וויאַזוי האָט איר באַגעגנט דאָס נײַע יאָר און פאַרבראַכט בײַ דער פאַרפּוצטער יאָדלע. אַ שאָד, וואָס איך בין ניט געווען אַפּן יאָמטעוו און נאָך מער טוט מיר באַנק, וואָס איך האָב ניט פאַרענדיקט דעם 10־טן קלאַס. ווען כ'וואָלט כאָטש פאַרענדיקט דעם ערשטן האַלביאָר — וואָלט איך עפּשער געקענט באַקומען אַן אַטעסטאַט.

פונעם בריוו האָב איך זיך דערוווּסט, אַז וואָוואַ בראַזאַנאָוויטש איז אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם, ווי איך בין אוועקגעפאָרן, אויך אוועק אין דער יוגאָסלאַווישער אַרמיי. סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך דערשלאָגן! פאַרווירקלעכט זײַן טרוים! זייער גוט, וואָס ער איז אוועק דינען אין דער יוגאָסלאַווישער אַרמיי, וווּהין ער האָט געשטרעבט גיין. הייסט עס, אַז איך האָב פאַרשפּילט, ווען כ'האָב זיך געוועט מיט אים, אַז ער וועט ניט אָנטיילנעמען אין דער מילכאָמע. שרײַבט אים אָן, אַז נאָכן קריג וועל איך צוליב אים, — אויב מיר וועלן זיך ווען ניט־איז באַגעגענען, — מאַכן די עמעסע ליאַמע. צו יענער צײַט, ווען איר וועט באַקומען מײַן בריוו, וועט איר שוין וויסן זײַן אַדרעס. נאָך דעם פראָנט, פונדעסטוועגן, האָב איך דערזען פרײַער, ווי ער. אַ האַרציקן גרוס וואָוועען פון מיר.

וועגן מײַן ארבעט. איך ארבעט א סאך, און עס טרעפט אפילע, אז עס קומט אויס אר־בעטן אויך באנאכט, ווײַל די געפאנגענע ברענגט מען צו פירן ניט אין קיין באשטימטע שאָען. אונדזער לאגער געפינט זיך אויך ניט אף א באשטענדיקן אָרט, רוקט זיך אלע מאָל איבער אינאיינעם מיטן פראָנט.

אמאָל איז ער באַם סאמע פראָנט, אמאָל — גייט דער פראָנט אוועק פאָרויס, שטייען מיר א ביסל אָפּ, דערנאָך ציִען מיר זיך אונטער און דעריאָגן אים. איצט געפינען מיר זיך מער אָדער ווייניקער אף איין אָרט, נאָר מיר אליין, די מענטשן, פאָרן ארום גאנץ אָפט און אין אלע ריכטונגען — קלײַבן יעדיעס. איבערהויפּט איז אינטערעסאנט שמועסן מיט גאָר פרישינ־קע. איך קאָן אײַך זאָגן אזוי, ווי עס איז: אז היטלער וועט זיגן — גלייבט שוין קיינער ניט פון די דײַטשישע סאָלדאטן און אָפיצערן, אויסער קליינע אויסנאמען — פולשטענדיקע אידיאָטן. מיר באקומען רעגולער פארשיידנארטיקע דײַטשישע ליטעראטור. עפשער וועל איך זיך פּרוּוון פאר אונדזערע דײַטשן פונעם קינדערהיים, אויב עס וועט זיך געפינען עפּעס פּאָסיקס, נייטיקס און איינציַיטיק ניט גרויס לויטן פארנעם, צושיקן אינאיינעם מיט מײַנעם א בריוו. זייער אינטערעסאנט איז אויך לייענען די דאָקומענטן, וועלכע מיר נעמען בא די געפאנגענע, זייערע בריוו, צײַטונגען, ביכער, פלוגבלעטלעך, בראָשורן, נאָטיץ־ביכלעך, אאוו. אאוו. אָן אנדערש מאָל האָב איך ארבעט איבערן קאָפּ, ווען מיר האָבן זייער א סאך מאטעריאלן. ביי־כלאל קומט מיר נאָך אויס זיך פארנעמען מיט אנדערע ארבעטן אויך.

דער וועטער איז דאָ האיאָר א וווּנדערלעכער. צוריק מיט א וואָך איז דער גאנצער שניי צערונען אומגעריכט, און עטלעכע טעג נאָכאנאנד איז געווען אָן עמעסער פרילינג. איצט איז ווידער אויסגעפאַלן א שניי און ס'איז געוואָרן פראָסטיק.

גיט איבער א גרוס אלע כעוורע.

שרײַבט מיר לויטן נײַעם אדרעס: פעלד־פּאָטשט יו־24570.

פ. שטראובע".

פריץ שטראובע האָט געקעמפט קעגן פאשיזם, קעגן יענע, ווער עס האָט פארקנעכטעט און פרעך אָפּגענארט זײַן פאָלק. א סאך מאָל האָט ער דורך ראַדיאָ, דורך די הויכרייד־געלייענט פאר דײַטשישע סאָלדאטן און אָפיצערן די אופרופן פונעם נאציאָנאַלן קאָמיטעט „דאָס פרײַע דײַטשלאנד". דאָס איקערדיקע אין זײַן ארבעט איז געווען אופדעקן, אנטבלויזן דעם פאשיסטישן שעקער — געבעלסעס פּראָפּאגאנדע איז נאָך געווען פעסט פארפונדעוועט אין די מויכעס בא זײַנע אייניקע לאנדסלײַט. די קריגסגעפאנגענע היטלעראָוצעס פלעגן אָפט פארגעבן פריץ שטראובען א פראגע: צי איז ער ווירקלעך א דײַטש? זיי האָבן גערעכנט, אז ער איז א פארעטער, — וועגן דעם פלעגן אייניקע אים זאָגן גלײַך אין די אויגן. אין זייערע וויקוכים האָט דער יונגער קאָמוניסט געהאָלפן די פארפירטע פארשטיין דעם עמעס, אויס־קלאָרן, ווער איז אָן עכטער דײַטש: די נאציסטן, צי די אנטיפאשיסטן.

ס'איז געקומען דאָס 1945 יאָר.

אינאיינעם מיט דער רויטער ארמיי האָט דער לייטענאנט פריץ שטראובע געשטעלט זײַנע טריט אף דער אייגענער ערד. אף איינעם פון די הײַזער האָט ער דערזען ווערטער, אָנגע־שריבן מיט גרויסע בוכשטאבן, אף רוסיש: „אָט איז עס, דאָס פארשאָלטענע דײַטשלאנד". דאָס האָבן אָנגעשריבן די רוסישע סאָלדאטן. די ערשטע, וואָס זײַנען דאָ געווען. קאָמפּליצירטע, ווידערשפעניקע געפילן האָבן ארומגעכאפּט אין יענע רעגעס שטראובען. די ערשטע טריט אף דער דײַטשישער ערד — אומעטום זעט מען א צעשעדיקטע מיליטערישע טעכניק, רוי־נירטע געבײַען, און היימלאָז־געוואָרענע מענטשן אף די מילכאָמע־וועגן. ער האָט דערזען די ערשטע ציווילע מענטשן. פרויען, קינדער, זקיינים, דערשראָקענע, נעבעכדיקע, שטילע. און ניט געקוקט אף דעם אלעמען, האָט פריץ געגלייבט, אז עס וועט קומען א צײַט און פון אונטער די רויִנען וועט זיך אופהייבן א נײַע סאָציאַליסטישע דײַטשלאנד־מעדינע.

דער נאציזם האָט געכאפּט א בראָך. פאָרן דײַטשישן פאָלק האָט געשלאָגן די שאָ פון באפרײַונג. אין דער געשיכטע פון דײַטשלאנד האָט זיך אָנגעהויבן א נײַ קאפּיטל.

פריץ שטראובע האָט זיך דעמאָבילִיזירט פון דער רויטער ארמיי, געשיקט געוואָרן אין לײַפּציק אף פארטייִשער ארבעט און דאָרטן האָט ער זיך באגעגנט מיט זײַן פאָטער, וועלכער האָט געארבעט אינעם אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט. פון שפאניע איז ער אינאיינעם מיט אנ־דערע כאווירים פון דער אינטערנאציאָנאַלער בריגאדע אוועק קיין פראנקרײַך און דאָרט זיך געפונען אין לאגער פאר אינטערנירטע. די רעגירונג ווישי האָט פארעטעריש אויסגעגעבן דער געסטאַפּאָ די אנטיפאשיסטן. אָטאָ שטראובען האָט מען ארײַנגעזעצט אין טפיסע וואלדכײַם מיט א שטרענגן רעזשים — פאר באזונדערס געפערלעכע פארברעכער. פון טפיסע האָבן אים

באפרײַט די סאָלדאַטן פון דער רויטער ארמיי, פון דער ארמיי, אין וועלכער עס האָט אויך געדינט זײַן זון, א סאָוועטישער אָפיצער.

אפן גאנצן לעבן האָט זיך פארגעדענקט די באגעגעניש מיטן פאָטער, און שפּעטער אויך מיט דער מוטער, וועלכע האָט ניט גלײַך דערקענט אינעם סאָוועטישן אָפיצער דעם זון אירן, פריצן.

פריץ איז געוואָרן א מיטגליד פון סעפּד (סאָציאַליסטישע אײנהײטלעכע פּארטיי פון דײַטשלאנד), געארבעט אין געגנטלעכן קאָמיטעט, זיך באטייליקט אין גרינדן די אנטיפא־שיסטישע יוגנטלעכע סאָציאַליסטישע אָרגאניזאציע ססנמ. דערנאָך געלערנט אינעם לײַפּציקער אוניווערסיטעט אפן פאקולטעט פון געזעלשאפטלעכע קענטענישן.

פריץ שטראובע וווינט אין בערלין, ארבעט אינעם היסטאָרישן אינסטיטוט פון דער וויסנ־שאפט־אקאדעמיע פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק. ניט געצווימט פליט די צײַט, נאָר קיינמאָל וועלן ניט פארגעסן ווערן די יאָרן, דורכגעלעבטע צווישן סאָוועטישע מענטשן. ווײַל מע קען ניט פארגעסן יענע, ווער עס איז געוואָרן אפן גאנצן לעבן א פרײַנט, א ברודער.

6

אין איינעם פון די דעקאבער־נומערן פון דער איוואנאָווער געגנטלעכער צײַטונג „דער ארבעטער־קאנט" פארן איין־און־פערציקסטן יאָר איז געווען געדרוקט א נאָטיץ — גווּ׳עס־איידעס וועגן דעם העלדישן טויט אין די שלאכטן הינטער מאָסקווע פון די געוועזענע דערצויגלינגען פונעם אינטערנאציאָנאלן קינדערהיים — פון די יוגאָסלאַוון זשארקאָ וואלטער, דראגוטין ווארעסקאָ און זייער רוסישן כאוור איוואן קאראטקי.

די מיידלעך, וועלכע האָבן געארבעט אין האָספּיטאל — די יוגאָסלאַווקע מאיא מאָסיענקאָ, די בולגארקע פּעטראָ ראַדינקאָווע, די איטאליענערן אנדזשעלא באטיסטא און די דײַטשקע אורזולא פאָגעל (ווערנער) האָבן די ערשטע דערהערט די געשיכטע, וויאַזוי עס זײַנען אומ־געקומען זייערע פרײַנט. א פארוווּנדעטער אָפיצער האָט זיי דערציילט וועגן דעם. דערנאָך איז די יעדי׳ע געקומען אויך אין פּוסטאָש באַר. וועגן דעם איז מיטגעטיילט געוואָרן אין אופא, ווו עס האָט זיך געפונען אין יענער צײַט דער אויספירקאָם פונעם קאָמינטערן, דעם פאָר־שטייער פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון יוגאָסלאַוויע וועלקאָ וולאכאָוויטשן.

און אָף דער פּארטיזאנער באזע איז יוגאָסלאַוויע אָף יאָסיף בראָז טיטאָס נאָמען איז געשיקט געוואָרן א שיפרירטע ראַדי׳אָגראמע, וועלכע האָט געבראַכט דעם פאָטער די טראגי־שע יעדי׳ע וועגן אומקום פון זײַן זון זשארקאָ.

אין פעווראל פונעם 1942 יאָר איז אין שטאָט קיסעלעווסק, אין סיביר, ווו עס האָט גע־וווינט דעמלט מ. ו. ווארעסקאָ, אָנגעקומען א בריוו, אין וועלכן דער גענעראל־סעקרעטאר פון איקקי ג. דימיטראָוו האָט מיטגעטיילט, אז איר זון דראגוטין איז העלדיש געפאלן אין שלאכט, און אויסגעדריקט מיטלײַד דער מישפּאָכע.

יאָ, דער דאָזיקער קלאַפּ איז געווען זייער א שווערער און א ביטערער. אין שפּאניע, פּארטיידיקנדיק מאדריד, איז אומגעקומען דער מאן יולי ווארעסקאָ, און איצט — הינטער מאָסקווע — דער זון... די מוטער האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט גלייבן אין אָט דעם גרויסן פארלוסט... אין איר הארצן האָט אײַנגעשפּארט געלעבט די האָפענונג — און עפּשער זײַנען די יעדי׳עס ניט קיין ריכטיקע... אָף איינעם פון אירע נאָכפרעגן האָט זי באקומען אן ענטפער, וועלכער האָט געשטארקט איר האָפענונג.

מע האָט איר מיטגעטיילט:

„יעדי׳עס וועגן דעם, ווו עס געפינען זיך ווארעסקאָ קארלאָ יוליעוויטש און וואלטער זשארקאָ פרידריכאָוויטש, זײַנען אין דער געגעבענער צײַט ניטאָ.

אין די צעטלען פון די אומגעקומענע, געשטאָרבענע פון די באקומענע ווונדן און פאר־פאלענע, וועגן וועלכע עס זײַנען נאָך ניטאָ קיין יעדי׳עס, זײַנען זיי ניטאָ...".

עס האָבן אָפּגעהילכט די שלאכטן אָף דער וואָלגע, בא די ווענט פונעם כאָראָוו־געוואָ־רענעם, אָבער ניט באזיגטן סטאלינגראַד, די סאָוועטישע ארמיי האָט צעקלאַפּט דאָס היטלער־

רישע כאַיל הינטער קורסק און געפירט אָנגרײַפנ־דיקע שלאַכטן, באַפרײַענדיק אונדזער ערד פון די אָקופּאַנטן.

די עוואַקוירטע האָבן זיך אָנגעהויבן אומ־קערן אין די אייגענע שטעט און דערפער.

אין איינעם אַ זומערדיקן טאָג פונעם 1943 יאָר האָט מאַריע וולאַדימיראָוונע וואַרעסקאַ מיט דער טאָכטער אַגנעסע און מיטן ייִנגערן זון גוס־טאַוו זיך אומגעקערט אין מאָסקווע. גלײַך פונעם וואָקזאַל איז אַגנעסע אַוועק צום פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון יוגאָסלאַוויע וועלקאָ וולאַכאָוויטשן, וועלכער האָט געלעבט דעמלט אינעם האָטעל „ליוקס“, און דאָרט, בײַ אים, דערזען אַ בריוו פון איר עלטערן ברודער. אָט אַזוי אומגעריכט האָט זי זיך דערוווּסט, אַז דראַגוטין לעבט, אַז ער איז געזונט און שטאַרק. און נאָך איין פריידיקע נײַס האָט זי זיך דערוווּסט: זשאַרקאָ בראַז (וואַלטער) געפינט זיך דאָ, אין מאָסקווע, און וואַרט שוין אויף זיי אין אַ שטוב בײַ נאָענטע מענטשן, אַ שטוב, ווו זיי זײַנען ניט איין מאָל פריִער שוין געווען, אויף דער וועסנין־גאַס.

ס'איז שווער באַשרײַבן יענע באַגעגעניש. קיין טאָג האָט ניט געקלעקט, אַ גאַנצע נאַכט האָבן גע־שמועסט די פרײַנט וועגן איבערגעלעבטן.



אין דרײַסיק יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע בין איך געקומען צו דער מישפּאָכע וואַרעסקאָ. אַגנע־סע יוליעוונע און אירע ברידער דראַגוטין און גוס־טאַוו — זײַנען כאָרוואַטן, נאָך קינדווײַז זײַנען זיי געקומען צו פאָרן מיט די עלטערן אינעם ראַטנ־פאַרבאַנד, און אָט איז שוין געוואָרן פערציק יאָר, ווי זיי לעבן דאָ און זײַנען געוואָרן גלײַכבאַרעכ־טיקטע בירגער פון אונדזער לאַנד.

אַגנעסע און גוסטאַוו זײַנען פּאָליגראַפיסטן און אַרבעטן אין דער מאָסקווער טיפּאָגראַפיע „דער פונק פון רעוואָליוציע“. דער עלטערער ברודער דראַגוטין איז אַן אינזשעניער לויטן רעמאָנט און מאָנטאַזש פון גרויסע עלעקטרישע מאַשינעס, ער האָט געאַרבעט אויף דער אירקוטסקער געס, אויף דער וואָלגער געס, לענינגראַדער געס, בוכטאַרמינסקער געס און אויף אַנדערע בויונגען.

זייער פאָטער, יולי וואַרעסקאָ, איז געבוירן אין דער שטאָט טוזלאַ, ער איז געווען אַן אַרבעטער, אַ זעצער, און אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער רעוואָ־ליוציאָנערער אַרבעט פון זײַן פּאַרטיי. די יוגאָסלאַ־ווער רעגירונג האָט פאַרפאָלגט דעם קאָמוניסט, צוויי מאָל אַרעסטירט אים און אַרײַנגעזעצט אין טפיסע, דערנאָך אַרויסגעשיקט אים פון לאַנד.

מאַריע וואַרעסקאָ און זשאַרקאָ בראַז. מאָסקווע, 1975
אַגנעסאַ וואַרעסקאָ. בעלגראַד, 1945
דראַגוטין וואַרעסקאָ. 1941

אין אָקטיאַבער 1936 יאָר איז יולי ווארעסקאַ אוועקגעפאָרן אין שפּאַניע, אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, ווו ער איז געווען קאָמיסאַר פון דער באַלקאַנער מיליטער־טייל אין דאָמבראָווסקיס באַטאַליאָן. ער איז אומגעקומען, פאַרטיידיקנדיק דאָס האַרץ פון דער רעפּובליק — מאַדריד — דעם 12 יאַנואַר 1937 יאָר. און זײַן ווײַב, מאַריע וולאַדימיראָוונע ווארעסקאַ, איז געבליבן מיט דרײַ קינדער אַף די הענט. אינעם לאַנד, ווו מע האָט זיי געגעבן אַ מאָקעם, אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָבן זיי געפונען טרײַע פרײַנט.

...די מיטיילונג, אַז היטלער האָט אָנגעהויבן אַ מילכאָמע קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיי אַלעמען געטראָפן, ווען זיי זײַנען געווען אין מאָסקווע. באַם עלטערן ברודער, באַ דראַ־גוטינען, באַם סטודענט פון מאַשינבוי־טעכניקום, זײַנען געווען די זומער־קאַניקולן, באַ אַג־נעסען — אויך. דער קלענסטער, גוסטאַוו, איז נאָך ניט געגאַנגען אין שול. עס איז געווען נאָך אַ מענטש, וועלכער איז געווען באַ זיי אין שטוב, ווי אַן אייגן קינד — דער יוגאָסלאַוו זשאַר־קאָ בראַז (וואַלטער), אויך אַ פּאָליט־עמיגראַנט, דראַגוטינס כאַווער. ער איז אויך געווען אַ דערציִיגלינג פונעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, דאָרט האָט ער געענדיקט זיבן קלאַסן, געקומען צו פאָרן אין מאָסקווע, געאַרבעט אַפּן טאַרמאָז־זאַוואָד און געוווינט באַ זײַנע פרײַנט ווארעסקאַ, אינעם הויז נומער 3 אַף דער וועסנין־גאַס. דאָ איז ער געוואָרן אַן עמעסער מיטגליד פון דער מישפּאָכע און אַפילע גערופן מאַריע וולאַדימיראָוונען מאַמע.

ווען דראַגוטין און זשאַרקאָ האָבן זיך דערוווּסט, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָ־מע, האָבן זיי לאַנג ניט געקלערט: וואָס טאָן? ס'איז זיי געווען קלאָר: דאָס סאָוועטישע היימ־לאַנד איז אין אַ געפאַר, מע דאַרף גיין אַפּן פראָנט. דאָס שווערסטע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי זײַנען נאָך געווען צו יונג, זיי זײַנען קוים אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, זייער עלטער האָט זיך ניט געשטעלט צום פּריזיוו. און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אַף דער דאָזיקער ערנ־סטער מעניע, האָבן די פרײַנט באַשטימט אָנעמען אַלע מיטלען אַף צו גיין אַף דער מילכאָ־מע. סאַפּקאָלסאָף האָבן זיי זיך דערשלאָגן זייערס.

די היטלעראָווצעס האָבן פאַרכאַפּט לעטלאַנד, ליטע, ווײַסרוסלאַנד, אַ טייל אוקראַינע, מאָלדאַוויע. די שלאַכטן זײַנען געגאַנגען אַף סמאָלענשטשינע.

עס האָבן זיך צעברענט שלאַכטן אַף די ווײַטע ראַנדן פון מאָסקווע.

אין יול פונעם איין־און־פערציקסטן זײַנען די יונגע פרײַוויליקע דראַגוטין ווארעסקאַ, זשאַרקאָ בראַז (וואַלטער) און דער רוסישער באַכער איוואַן קאַראַטקי געקומען אינעם באַרג־אינסטיטוט, ווו עס איז געווען דער זאַמל־פּונקט פון מאָסקווער טוישווים, אָפּאָלטשענצעס פון לענינער ראַיאָן, און פונדאַנען מיט אַלעמען צוזאַמען אוועק אַפּן פראָנט. ניט גרינג איז געווען די כעוורע אָן קיין שום צוגרייטונג, אָן דערפאַרונג זיך צוגעוווינען צו דער סאָלדאַטי־שער מעלאָכע, צו די שווערקײַטן פונעם מילכאָמע־לעבן. נאָר זיי האָבן ניט געזוכט פאַר זיך קיין גרינגע אויסקומעניש, געגאַנגען מיט אַלע דערוואַקסענע אין איינע רייען. דורכשפּאַנענ־דיק אַ מעהאַלעך פון 440 קילאָמעטער ביז יעלניע, האָבן זיי זיך אַרײַנגעגאָסן אינעם באַשטאַנד פון אַ פּאָלק פון דער 60־טער דיוויזיע, 33 אַרמיי.

אין סענטיאַבער 1941 יאָר האָבן די היטלעראָווצעס אָנגעהויבן אַ נײַעם אָנגריף אַף מאָסקווע, די אָפּעראַציע „טײַפון”.

דראַגוטין, זשאַרקאָ און איוואַן האָבן אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אין ספּאַס־דעמענסקער ראַיאָן, הינטער יעלניע. זיי האָבן דערפילט, פאַרשטאַנען, איבערגעלעבט די ביטערקײַט פון שווערע פאַרלוסטן, — פון אָפּטרעטן דעם שווערן וועג דורך פײַער און בראַנד... אונטערן האָגל פון פײַנטלעכער שיסערײַ... הונגעריקע... אָן וואַסער... דאָרשטיקע זײַנען די שלאַכטלײַט געגאַן קיין יוכנאָוו, ווו ס'האָט געהילכט די קאַנאָנאַדע, ווו ס'איז געווען דער פראָנט.

די גרופּע רויטאַרמייער, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דראַגוטין, האָבן אַרומגע־רינגלט און פאַרכאַפּט די פאַשיסטן. צוויי מאָל האָט דראַגוטין געפּרוּווט לויפן, נאָר עס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. די געפאַנגענע האָט מען אוועקגעטריבן אַפּן וואָקזאַל, אַרײַנגעזעצט אין וואַגאָנען און אוועקגעפירט אַף מײַרעוו, דורך ראָסלאַוול, אונעטשאַ, הינטער האָמעל... דאָרט האָט מען זיי אויסגעלאָדן פון די וואַגאָנען און פאַרטריבן אַף דער טעריטאָריע פון אַ לאַגער. דראַגוטין איז דאָרטן געווען בלויז עטלעכע טעג. ער האָט ניט געוואַרט, וואָס וועט ווײַטער זײַן... דאָס דריטע מאָל איז ער געלאָפן באַנאַכט, ער האָט פאַרגעדענקט — 26 אָק־טיאַבער 1941 יאָר...

מאָסקווע איז געווען ווײַט, נאָר ער איז אײַנגעשפּאַרט געגאַנגען אַהין. אַ פּויערטע האָט אים געגעבן איר זונס אָנטאָן — די אוניפאָרם — אַ פּידזשאַק מיט הויזן — פון אַ שילער פון אַ פּאַבזאַוואָשול. דער גאַרניטער איז געווען אַף אים ענג און קליין, אָבער פונדעסטוועגן האָט

דער מאַלבעש אויסגעלייזט אים. פופציק טעג איז ער געגאַנגען דורך וואַלדישע שטעגלעך, ווײַט פון גרויסע שליאַכן און וועגן, ווו עס האָט זיך געהערט דער רויש פון די פײַנטלעכע מאַשינעס. דורכמאַכנדיק א 700־קילאָמעטערדיקן וועג, האָט דראַגוטין זיך דערקליבן צו דער פראָנט־ליניע.

אין יענע טעג האָבן די היטלעראָוצעס זיך דערנעענטערט צו טולע און צום טײַך נאַרע. ניט ווײַט פון קאַלוגע, אין אויסגעמאַטערטער, אין אויסגעדאַרטער, האָט ער סאָפּקאָלסאָף זיך דערקליבן אַהין, וווהין ער איז געגאַנגען — צו די זײַניקע, צו אונדזערע שלאַכטלײַט, דער־נאָך ווידער א זאַמל־פּונקט. און ווידער — אין שלאַכט.

לעבן מאַלאָיאַראָסלאַוועץ האָט ער באַקומען א שווערע קאָנטוזיע און מע האָט אים אָפּ־געפירט אין א האָספּיטאַל, אַף אוראַל. ער האָט גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן זײַנע אייגענע — וועגן דער מוטער, דער שוועסטער און דעם ברודער און וועגן זײַנע פרײַנט. ער האָט זיי געשריבן בריוו, נאָר קיין ענטפער ניט באַקומען. ערשט אין צוויי יאָר אַרום האָט ער זיך דערוווּסט וועגן זיי.

אין סענטיאַבער 1943 יאָר האָט ער זיך אומגעקערט אין מאָסקווע, אײַנעם הויז אַף דער וועסנין־גאַס און דאָרטן זיך באַגעגנט מיט דער מוטער, מיט דעם ברודער און מיט דער שוועסטער, דערהערט דעם כאַוועס געשיכטע...

דעם 14 אָקטיאַבער 1941 יאָר, אַרויסגייענדיק פון אַרומרינגלונג, איז זשאַרקאָ געקומען קיין מאָסקווע. יענעם טאָג האָט מאַריע וולאַדימיראָוונע מיט די קינדער — מיט אַגנעסן און גוסטאַוון, זיך געגרייט פאָרן אין עוואַקואַציע — צוזאַמען מיט די געזעלשאַפט טשעמאָדאַן דאָס בײַטיק־סטע, קעדיי מיטנעמען מיט זיך. איינע פון מאַריע וולאַדימיראָוונעס כאַווערטעס, וועלכע האָט געוווינט אין סיביר, אין דער שטאָט קיסעלעווסק, האָט די מישפּאָכע אײַנגעלאַדן צו זיך.

— פאָר מיט אונדז, זשאַרקאָ, — האָט אים געזאָגט מאַריע וולאַדימיראָוונע, — ביסט דאָך ערשט אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר. דיר איז נאָך פרי גיין אַף דער מילכאָמע... וועסט נאָך באַווײַזן...

זי האָט פאַרלוירן דעם מאַן, גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן דעם עלטערן זון דראַגוטין, און געוואָלט ראַטעווען אים, זשאַרקאָ, וואָס איז נאָך גאָר א יינגל. נאָר יענער האָט באַוויזן זײַן כאַראַקטער.

— ניין, — האָט געזאָגט דער באָכער, — מאָסקווע און דער ראַטנפאַרבאַנד — זײַנען מײַן הײמלאַנד. איך בין א קאָמיוגיסט און וועל פאַרטיידיקן דאָס אייגענע לאַנד מיט געווער אין די הענט. אײנײנעם מיט דער רויטער אַרמיי. דאָס איז מײַן פליכט.

אין א טאָג אַרום, דעם 16 אָקטיאַבער, איז די מישפּאָכע וואַרעסקאָ אוועקגעפאָרן אין אן עשעלאָן עוואַקויִרטע קיין נאָוואָסיבירסק און פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיט זשאַרקאָ.

דעם 19 אָקטיאַבער, ווען דער סוינע איז געשטאַנען בא די טויערן פון אונדזער הויפּט־שטאָט, איז אין מאָסקווע אײַנגעשטעלט געוואָרן די אָרדענונג, ווי עס פאָדערט דער באַלאַ־גערונגס־צושטאַנד, די היטלעראָוצעס זײַנען אוועק אין אָנגריף, זיי האָבן פאַרכאַפּט דאָס דאָרף קריוקאָווע, די באַפעלקערטע פונקטן בעלי ראַסט און קראַסנאַיא פּאָליאַנאַ. אַף א מע־האַלעך פון 25 קילאָמעטער פון שטאָט, אַפן צענטראַלן פראָנט־באַצירק האָבן זיי אָנגענומען אַלע מיטלען, קעדיי דערלאַנגען א דירעקטן קלאַפּ פון נאַראָפאָמינסק דורך אַפּרעלעווקע אַף מאָסקווע.

אין איינעם פון די פאַרביטערטסטע, בלוטיקסטע שלאַכטן לעבן דעם דאָרף קריוקאָווע, זיך אופהייבנדיק אין אן אַטאַקע, אין אָנגריף, פון אַפגיך אן אויסגעגראָבענעם אין דער פאַרה פּרוירענער ערד ניט קיין טיפן אָקאָפּ, איז דער שלאַכטמאַן פון דער פאַנפילאָוער דיוויזיע זשאַרקאָ וואַלטער געוועז שווער פאַרוווּנדעט. א סנאַריאַד־שפּליטער האָט אים אָפּגעהאַקט די רעכטע האַנט. דער זיבעצניאָריקער באָכער איז געקומען אַפן מעדפונקט, צוהאַלטנדיק זײַן אָפּגעהאַקטע האַנט מיט דער אַנדערער, מיט דער לינקער. ער האָט נאַיוו געמיינט, אַז די דאָקטוירים וועלן אים צונייען די האַנט אַף איר פּריִערדיקן אָרט. נאָר די דאָקטוירים האָבן עס טאָן ניט געקענט. ס׳איז געווען אומעגלעך.

עטלעכע כאַדאָשים האָט זשאַרקאָ זיך געפונען אין פאַרשיידענע האָספּיטאַלן, און זיך אַפּסנײַ אומגעקערט אין דער שטאָט, פאַר וועלכער ער איז געגאַנגען אין שלאַכט, פאַרלאָרן א האַנט, פאַרגאָסן בלוט. דער זון האָט פאַר זיך אויסגעקליבן דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן עס איז געגאַנגען זײַן פאָטער — דער יוגאָסלאַווישער קאָמוניסט יאָסיף בראָז טיטאָ — דער קינפ־טיקער פאָרזיצער פון סקיו, דער פּרעזידענט פון דער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער רע־פּובליק יוגאָסלאַוויע.

— איך געדענק גוט יענעם נאָיאַבער־אָוונט פונעם 1943 יאָר, — האָט מיר דערציילט אַג־נעסע וואָרעסקאַ. — מיר, מײַן ברודער דראַגוטין, ניט לאַנג צוריק אַ געקומענער פון אוראַל, זשאַרקאָ בראַז, אַ קורסאַנט פון ספּעצשול, וועלכער האָט זיך געקליבן פליִען אין יוגאָסלאַ־וויע, און נאָך עטלעכע מענטשן, אונדזערע פרײַנט, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ צימער פונעם האָטעל „ליוקס", קעדיי פײַערן דעם 26־טן יאָרטאָג פונעם גרויסן אָקטיאַבער.

מיר האָט זיך פאַרגעדענקט, אַז אויפן קיטעל בײַ זשאַרקאָ האָט מיט זילבער און מיט צונ־טער־רויטער עמאַל געהעלט דער אָרדן פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע...

מיר זײַנען געזעסן בײַ אַ באַשיידן־געדעקטן טיש און גערעדט וועגן די געשעענישן אויפן פראָנט. ס'איז אונדז אַלעמען קלאָר געווען, אַז דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד האָט פאַרשפּילט די מילכאָמע. פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד האָט מען געטריבן, געיאָגט די אָקופּאַנטן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס שטייען נאָך פאָר גרויסע שלאַכטן, אַז עס וועלן נאָך זײַן שווערע פאַרלוסטן, נאָר מיר זײַנען זיכער געווען — דער ראַטנפאַרבאַנד וועט זיגן... און פּלוצעם האָט עמעץ פון די אונדזעריקע געבראַכט צו פירן אין צימער ענריקאָ, אונדזער כאַווער, אויך אַ דערציוגלינג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים. ניט קיין הויכער, אַ טונקל־הויטיקער, אין אַן אוניפאָרם פון אַ יינגערן לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי, האָט ער פריידיק און ליכטיק געשמייכלט און געדריקט אונדז די הענט. איך געדענק שוין ניט, צו וועמען איז ער געקומען דעמלט... מיר האָבן געטרונקען לעכאַיִם פאַרן קינפטיקן זיג און ניט געוווּסט, אַז מער וועלן מיר שוין קיינמאָל ניט זען אונדזער פרײַנט, דעם קובינער...

הארבסט 1944 יאָר איז זשאַרקאָ אוועקגעפלויגן אין זײַן היימלאַנד, ווו זײַן פּאָטער יאָסיף בראַז טיטאָ איז געשטאַנען בעראָש פונעם העלדישן קאַמף, וועלכן עס האָבן געפירט די פעל־קער פון יוגאָסלאַוויע פאַר זייער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרײַונג.

און זשאַרקאָ האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם קאַמף פון זײַן פאָלק.

אין פעווראַל פונעם 1945 יאָר זײַנען אַגנעסע און דראַגוטין וואָרעסקאַ אַרײַנגעטראָטן אין די רייען פון דער פאָלקס־באַפרײַערישער אַרמיי, און אַן אַעראָפּלאַן האָט זיי געבראַכט אין בעלגראַד, קעדיי זיי זאָלן אָנטיילנעמען אין דער באַפרײַונג פונעם אייגענעם פאָלק. דאָרט האָבן זיי ווידער זיך באַגעגנט מיט זייער פרײַנט און כאַווער זשאַרקאָ... אין אַ יאָר אַרום, נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעפילט זייער כויוו, זייער פליכט, האָבן אַגנעסע און דראַגוטין וואָרעסקאָ זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע, אינעם לאַנד, וואָס איז געוואָרן זיי אַ היימלאַנד. יאָרצענדליקער זײַנען דורכגעגאַנגען, נאָר די צײַט איז ניט בעקויעך צערײַסן, צעשטערן די פרײַנטשאַפט, וואָס איז געבוירן אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק אין דעמיסיע זשאַרקאָ בראַז וווינט אין בעלגראַד, און ווען ער קומט צו פאָרן קיין מאָסקווע, גייט ער אומבאַדינגט זיך זען מיט די פרײַנט, וועלכע זײַנען אים באַ־זונדערס ליב און טײַער. דאָס זײַנען — מאַריע וואָלאַדימיראָוונאַ, דראַגוטין און אַגנעסע וואָ־רעסקאַ.

7

אין איוואַנאָווער שול־אינטערנאַט, אינעם צימער פון שלאַכט־רום, הענגט אויף איינעם פון די סטענדן אַ צעטל פון די געוועזענע דערציוגלינגען, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. קינדער פון פאַרשיידענע פעלקער האָבן מיט געוווער פאַרטיידיקט זייער צווייט היימלאַנד, דאָס סאָציאַליסטישע פּאַטערלאַנד, און אַרײַנגעטראָגן זייער צושטײַער אינעם אַלגעמיינעם זיג איבערן פאַשיזם.

בולגאַרן, אונגאַרן, פּאָליאַקן, יידן, איטאַליענער, דײַטשן, טשעכן, סלאָוואַקן, יוגאָסלאַוון...

פּאָטאָגראַפיעס פון יונגע אַנטיפאַשיסטן קוקן אויף אונדז פון סטענדן. וועגן פאַרבי־טערטע שלאַכטן מיטן פאַשיזם, וועגן ביטערע פאַרלוסטן און ניט קיין פאַרווירקלעכטע טרוי־מען דערציילן שורעס פון פראָנט־בריוו, אַדרעסירטע פרײַנט „די איוואַנאָווער ברידער און שוועסטער".

אַלעקסאַנדער קאַראַסטאָיאַנאָוו... פריץ שטראָובע... זשאַרקאָ בראַז... אייניקע נעמען זײַנען אונדז שוין באַקאַנט, וועגן אַנדערע וויל איך נאָך דערציילן...

לעק באַגינסקי... אַ זון פון אַ פּוילישן קאָמוניסט, וועלכן מע האָט שווינדלעריש, פאַרעטעריש געהאַרגעט אַף דער סאָוועטיש־פּוילישער גרענעץ, לעבן דער סטאַנציע סטאָלבצי.

לעק באַגינסקי איז אין מײַ כוידעש 1943 יאָר פרײַוויליק אַוועק אין דער ערשטער פּויל־לישער דיוויזיע אָפּן נאָמען פון טאַדעוש קאָסטיעצקי, וועלכע האָט זיך פאָרמירט הינטער קאַזאַן. אין באַשטאַנד פון דער דאָזיקער מיליטער־טייל איז ער מיט שלאַכטן דורכגעגאַנגען אַ וועג פונעם ווײַסרוסישן דאָרף לעניגאַ, באַפרײַענדיק די סאָוועטישע ערד און דאָס היימ־לאַנד פּוילן, ביז די ווענט פונעם רייכסטאַג... וועגן זײַן ווײַטערדיקן לעבן האָט לעק באַגינסקי געשריבן מיר: „דעם אומפאַרגעסלעכן טאָג פון זיג האָב איך באַגעגנט הינטער בערלין באַם טײַך עלבע... אין מײַן פאָטערלאַנד האָב איך זיך אומגעקערט אינעם 1945 יאָר. אינעם 1947 יאָר האָב איך זיך דעמאָביליזירט, געוואָרן אַ מיטגליד פונעם פאַרײַן פון פּוילישע קינסטלער. אָפּן געביט פון קונסט אַרבעט איך ביז הײַנטיקן טאָג".

פיל יאָרן זײַנען אַריבער ביז וואַלערי באַגינסקיס מישפּאָכע — דער זון, די טאָכטער, דאָס ווײַב פעליציע, — האָט זיך דערוווּסט דעם גאַנצן עמעס וועגן דעם טראַגישן אומקום פון זייער פאָטער און מאַן.

איצט היט מען טרײַ אינעם פאָלקס־פּוילן וואַלערי באַגינסקיס נאָמען. דעם נאָמען פונעם פּוילישן רעוואָליוציאָנער טראָגט איינע פון די וואַרשעווער גאַסן, זײַן נאָמען איז צוגעייגנט דער מיליטערישער שול אין אָלשטינע, ווּהין עס זײַנען געקומען צו פאָרן, לויט דער אײַנ־לאַדונג פון די קינפּטיקע אָפיצערן, באַגינסקיס פרוי און די קינדער, קעדײַ דערציילן וועגן דעם שרעקלאַזן רעוואָליוציאָנער.

אין דעם איוואַנאָווער שול־אינטערנאַט, אינעם קלוב פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פרײַנט־שאַפט, הענגט אַ פאָטאָגראַפיע...

דרײַ מיידעלעך, דרײַ שוועסטער — טעכטער פון אַ געהאַרגעטן קאָמוניסט. די קינדער האָט מען געבראַכט צו פירן פון דער דײַטשישער שטאָט מינכען אין דער רוסישער שטאָט איוואַנאָוואָ. די פאָטאָגראַפיע איז איצט געוואָרן אַ טייל פון דער געשיכטע פונעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן קינדערהיים, פון דער געשיכטע פון אונדזער צײַט.

...אָפּן צונויפלי פון די געוועזענע דערצויגלינגען האָב איך זיך באַקאַנט מיט איינער פון פראַנץ שטענדערס טעכטער — ליליע פראַנצעווּנע איוואַנאָוואַ — זי איז אַ וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פון צווישנפעלקערלעכער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער וויסנ־שאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר. און אין עטלעכע יאָר אַרום, האַרבסט 1977 יאָר, אין בערלין, זיך באַגעגנט מיט איר מוטער, עממע שטענדער און מיט דער שוועסטער — עממי וואָלף.

די טעכטער האָבן אויסגעפילט דעם טאַטנס צוואָע: דורך שווערע ניסיוינעס און אומ־גליקן פון דער מילכאָמע, האָבן זיי פאַרהיט די עכטע טרײַהײַט דער פּאַרטיי פון די קאָמו־ניסטן און פונעם אַרבעטער־קלאַס. אינעם פּראָסטיקן, שוידערלעכן ווינטער פונעם 1942 יאָר האָט עממי פאַרלאָזט די ווענט פונעם ליבן קינדערהיים און אַוועקגעפאָרן אין דער אָפּימער אַנטיפאַשיסטישער שול. פון דאָרט אין אויגוסט 1943 — אָפּן פראָנט. געפאָרן אַף אַ סטודע־בעקער, איבער אַ וועג, דורך וועלכן עס האָבן אָן אָן אויפהער געשפּאַנט און געשפּאַנט אַף מײַרעוו קאָלאָנעס פון אונדזער אָנגרײַפנדיקער אַרמיי. זי געדענקט, אַז די שטאָט בריאַנסק איז נאָך ניט געווען באַפרײַט. פאַרסאַרפּעטע, כאָרעווע שטעט און דערפער האָבן איידעס געזאָגט, אַז עס דערנעענטערט זיך דער פראָנט. און הערנדיק, ווי זי דערציילט מיר וועגן יענע ערטער און וועגן יענער צײַט, האָט זיך מיר דערמאָנט אַ בריוו פון אַן אַנדער דער־צויגלינג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, פּריץ שטראַובעס בריוו, וועלכן ער האָט אָנ־געשריבן פונעם אָקאָרשט באַפרײַטן בריאַנסק. זיי זײַנען געווען נאָענט איינע פון די אַנדערע, אַף איין פראָנט־באַצירק, און זיך ניט באַגעגנט.

עממי איז געקומען צו פאָרן אין בריאַנסק באַנאַכט, די רויִנען האָט מען געזען אַפילע אין דער שטאָק־פינצטערניש. קיין שײַן האָט מען אין ערגעץ ניט געזען. ס'האָט געגילט דער געזעץ פון ליכט־מאַסקירונג. ווען עממי איז נאָך אַ נאַכטלעגע אין אַ האַלב כאָרעווון שטיבל אינדערפרי אַרויס אין גאַס, האָט זי פריִער פון אַלץ דערזען דײַטשישע סאָלדאַטן אין גרוי־גרינע שינעלן, וועלכע זײַנען אומבאַוועגלעך געלעגן אָפּן שניי. מייסים... זי האָט געוווּסט, אַז דעם טאַטן האָבן די פאַשיסטן געהאַרגעט אין דאַכאַו. און די, וועלכע זײַנען געלעגן אַף די בריאַנסקער גאַסן, זײַנען געווען די ערשטע מייסים, וועלכע עס האָט דערזען די טאָכטער פונעם אַנטיפאַשיסט.

נאָר די דאָזיקע מענטשן — קאַרבאָנעס פון דער ליגנערישער, פאַרטעררישער אידעאָלאָגיע פונעם נאַציזם, זײַנען אומגעקומען אויף אַ פרעמדער ערד, קעמפנדיק אין די רייען פונעם ווערמאַכט פאַר פרעמדע אינטערעסן.

צוזאַמען מיט כאַווערים פון דער אַנטיפאַשיסטישער גרופּע, איז עממי אויף דער מאַשין געפאָרן ווײַטער. אומעטום, וווּהין דו זאָלסט ניט קוקן, האָבן געשטעקט קוימענס — צייכנס פון פאַרשווּנדענע רוסישע דערפער.

ווי פון אונטער דער ערד זײַנען אומגעריכט אַנטשטאַנען פאַר זייערע אויגן פרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיי דערציילט וועגן דעם איבערגעלעבטן שוידער, דערציילט, אַז גאָר ניט לאַנג, מיט עטלעכע טעג צוריק, האָבן די היטלערישע סאָלדאַטן אומראַכמאָנעסדיק אונטערגעצונדן זייערע שטיבער, פאַרניכטעט די גערטנעניש, צערויבט דאָס פּי.

דאָ האָט עממי דערזען, וואָס איז אַזוינס די פאַרסאַרפּעטע ערד.

אין שטאַב־פאַרוואַלטונג פונעם 1־טן ווײַסרוסישן פראָנט איז עממי וואָלף אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער גרופּע אַנטיפאַשיסטן, וועלכע זײַנען געשיקט געוואָרן אויף דער האַמלער ריכטונג. אין דער גרופּע זײַנען געווען דײַטשן, וועלכע האָבן פאַרענדיקט אַנטיפאַשיסטישע שולן, און איצטער גרייט געווען העלפן די לאַנדסלײַט זיך באַפרײַען פונעם פאַשיסטישן שעקער. זייער אַ סאַך האָבן זיי מיטגעהאָלפן אין דער דאָזיקער אַרבעט די סאָוועטישע אָפיצערן. די קריגסגעפאַנגענע, אונטער דער ווירקונג פון העבעלסעס פּראָפּאַגאַנדע, האָבן זיך געפירט פאַכדאָניש, כניפעדיק, אייניקע האָבן געפּרוּווט זיך פאַרשטעלן פאַר קאָמוניסטן. און אין סאַקאַקל פון די אַלע באַגעגענישן האָט מען געזען בולט דאָס געשטאַלט פון אַ „קליין מענטשעלע“, וואָס האָט מעכאַניש אויסגעפילט אַ באַליביקן באַפעל, אָן געדאַנקען, אָן אַ באַשטימטן אידעאַל, — אַ געמיינע, נישטיקע באַשעפעניש. „מיר האָבן אויסגעפילט אַ באַפעל, וואָס איז געגעבן געוואָרן פונויבן“ — האָבן זיי איבערגעכאַזערט, ווי זיי האָבן געמיינט, ווערטער, וועלכע וועלן זיי ראַטעווען.

אין די דאָזיקע מינוטן האָט עממי געטראַכט אויך וועגן זיך: וואָס וועט מיט איר זײַן, אַז זי וועט זיך אומקערן אין דײַטשלאַנד? צי וועט זי קענען געפינען אין זיך קויעך צו לעבן אויף דער ערד, וועלכע עס האָט געשענדעט דער נאַציזם? צי וועט זי קענען העלפן איר פאָלק?

בײַס אין קאָפּ פלעגן קומען אַזעלכע געדאַנקען, אין מינוטן פון ספּייקעס און פאַרצווייפלונג, פלעגט עממי טראַכטן וועגן דעם טאַטן און זײַנע כאַווערים — קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אינעם קאַמף פאַר באַפרײַען דײַטשלאַנד, פאַר אַ בעסערער צוקונפט פונעם דײַטשישן פאָלק.

אײנעם מיט כאַווערים האָט זי געשריבן פלוגבלעטלעך, אָנטיילגענומען אין ווענדונגען צו די דײַטשישע סאָלדאַטן דורך הויכריידער, זיך באַהאַלטן אין בלינדאַזשן פון מינעס און סנאַריאַדן, וועלכע זײַנען געשיקט געוואָרן פון יענער זײַט פראָנט, אַלס ענטפער אויף די אויפרופן פון די אַנטיפאַשיסטן מאַכן אַ סאָף צו דער זינלאָזער מילכאָמע.

בײַס איינער אַזאַ ראַדיאָ־טראַנסלירונג, אַפּן ברעג פונעם טײַך סאָזש, ווו די היטלעראָווצעס האָבן באַזונדערס אינטענסיוו באַשאָסן אונדזערע פּאָזיציעס פון מאַשין־געווער און מינעוואַרפערס, איז עממי געשטאַנען באַנאַנד מיט איר קאָמאַנדיר, דעם פּאָדפּאָלקאָווניק אונרו. זי האָט געוואָלט אים עפּעס פרעגן, זיך אַ קער געטאָן צו אים און פרעגן ניט באַוויזן... גלײַך לעבן בלינדאַזש איז געפאַלן און זיך אויפגעריסן אַ גראַנאַטע, אונרו האָט אַ שפּאַן געטאָן און זי צוגעדעקט מיט זײַן גוף, מיט זיך.

די שפּליטערס האָבן אים דורכגעלעכערט פון קאָפּ ביז די פיס. זעקס מענטשן זײַנען דעמלט געהאַרגעט געוואָרן, פיר — שווער פאַרווּנדעט, דערין אויך עממי.

די פאַרווונדעטע האָט מען אָפּגעפירט אין פעלד־שפּיטאָל. מע האָט איר געמאַכט אַן אָפּעראַציע. דאָ האָט זי מיט אַ באַזונדער קראַפט דערפילט, וואָס איז אַזוינס אַ מילכאָמע. זי האָט דערזען און באַנומען דיליידן, די ווייטעקן און דעם אומגליק פון מענטשן, וועלכע זײַנען ניט דערהאַרגעט, נאָר צעקאַליעטשעט געוואָרן און געבליבן לעבן.

ווינטער, אין יאַנוואַר פונעם 1944 יאָר האָט מען עממי וואָלף געבראַכט צו פירן קיין מאָסקווע. מע האָט זי ווידער באַשטאַט אין אַ האָספּיטאַל, און דאָרטן האָט זי זיך געפונען, ביז עס האָבן זיך ניט פאַרהיילט די ווונדן.

דערנאָך האָט זי געאַרבעט אינעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט „פרײַ דײַטשלאַנד“, געלערנט אין אַן אַנטיפאַשיסטישער שול, און אין פרילינג פונעם 1945 יאָר זיך אומגעקערט קיין דײַטשלאַנד. עממי וואָלף איז געקומען מיט דער רויטער אַרמיי, ווי אַ סאָלדאַט. זי איז צוריק געקומען אין איר היימלאַנד, קעדיי לעבן און אַרבעטן, בויען אַ נײַע, סאָציאַליסטישע מעדינע אויף דער דײַטשישער ערד.

איר ארבעט לעטוויוס דער רעפובליק איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן. זי איז באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן. דאָקטער עממי וואָלף איז א געלערנטע. זי איז א פילאָלאָג. אָפּן גאַנצן לעבן איז זי געבליבן טרײַ די געבאָטן פון די געפאַלענע קעמפער, די אידייען פון איר פאָטער, די גרויסע אידעאַלן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

8

פאר די יאָרן, זינט איך ארבעט איבער דעם דאָזיקן בוך, איז שוין געוואָרן א טראַדיציע, אַז יעדעס מאָל, ווען איך קום צו פאָרן אין בערלין — אין דער הויפּטשטאָט פון דער דײַטשי־שער דעמאָקראַטישער רעפובליק — קלײַבן זיך צונויף די געוועזענע דערצויגלינגען פונעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהויז בא דער זשורנאַליסטקע אורזולע פאַגעל אין דער היים. אַזוי איז געווען אפילו אויך אינעם 1977 יאָר, נאָר אורזולע האָט זיך ערשט אומגעקערט פון שפּיטאָל, וווּ מע האָט איר געמאַכט נאָך איינע, ביז גאָר א שווערע אָפּעראַציע. ניט גע־קוקט אַף די ווייטעקן, ניט געקוקט אָפּן שלעכטן געזונט־צושטאַנד, האָט זי מוטיק געקעמפט פאַר איר לעבן, ניט באַהערשט געוואָרן פון ייִעש־שטימונגען, זיך ניט אונטערגעגעבן די אַטאַקעס פון דער געפערלעכער קרענק. און ווען איך בין ווידער געקומען צו איר, האָב איך, פאַרשטייט זיך, דערהערט איר פראַגע: „נו, ווי איז איצטער דאָרט, אין אונדזער אַמאָליקער היים?" אורזולע האָט ניט איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיט די קינדער, וואָס האָבן געלעבט אינעם הויז אַף דער רויטער טאַלקע און מיט פאַרגעניגן געלייענט זייערע בריוו בריוו די פרײַנט אירע.

אינעם 1978 יאָר, ווען איך בין געקומען אין בערלין, בין איך אַוועק צו אורזולעס פרײַנט, קעדיי זיך דערוויסן וועגן זייערע גורלאָלעס נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין דײַטשלאַנד, און דורך דער דינער נעץ קנייטשן אַף זייערע פּנעמער, און גרויע האָר, איי־נײַנעם מיט זיי אפּסנײַ א בליק טאָן אַף זייער איוואַנאָווער קינדהײַט, און אין מאכשאַוועס אופּשטעלן דעם וועג, מיט וועלכן ס'איז זיי באַשערט געווען גיין. אַזויאַרום בין איך ווידער געקומען צום געוועזענעם דערצויגלינג פונעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, צו ראָלף גליוקאופן.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע, איז ער נאָך געווען גאָר א ייִנגל, נאָר אַזוי, ווי פיל פון זײַנע כאַווײרים, געטרוימט קעמפן קעגן פאַשיזם. ער האָט אפילו זיך געפּרוווט קומען אָפּן פראָנט אין דער רויטער אַרמיי, קריגנדיק ערגעץ א סאָלדאַטישן קינזשאַל. דאָס געווער האָט מען געפונען בא אים אונטערן מאַטראַץ. דעם זעכצן־יאָריקן וואָלאָנטיאָר האָט מען אויסגעמוסערט און אָפּגעשיקט קיין מאָסקווע — אונטערן קאָנטראָל פון זײַן מוטער — אַף איבערדערציִונג.

א העפט אין רויטע טעוועלעך — דער טאָגבוך פונעם געוועזענעם דערצויגלינג פונעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים ראָלף גליוקאוף (לינדשטרעם). טאָגביכער... וואָס האָט זיי ניט געשריבן? נאָטיצן, געמאַכטע מיט ניט קיין שטאַנדהאַפטיקן קסאַווו. אין די פאַרז־נאָטירונגען זײַנען יוגנטלעכע אינדערוואַכנס, טרוימען און האָפענונגען, דער אָפּקלאַנג פון מילכאָמע־יאָרן. מיט ראָלף גליוקאופס טאָגבוך האָב איך זיך באַקאַנט אין בערלין, אין דער הויפּטשטאָט פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפובליק.

די נאָטיצן זײַנען וועג־צײַכנס אַף א שליאַך, וואָס פירט אין אַן אַנדער וועלט. זיי האָבן באַצייכנט דעם וועג פון א יונגן פּאָליט־עמיגראַנט פונעם ראָטנפאַרבאַנד קיין דײַטשלאַנד, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, און וווּהין ער האָט זיך אומגעקערט.

„אונדזער אַרמיי האָט באַפרײַט מינסק. ראָקאָסאָווסקי איז א העלדישער מיליטערמאַן. אינטערעסאַנט, וויפל איז ער אַלט?

7 יול 1944 יאָר, הײַנט אינדערפרי האָב איך געזען די אַרויסטרעטונג פון דער קינדער־שול, פון איגאָר מאָיסייעווס אַנסאַמבל. אינעם קאָנצערט האָט אָנטיילגענומען וויוואַ פּאַק. דאָס איז געווען איר דעביוט. זי האָט אויסגעצייכנט אויסגעפילט א טאַדזשיקישן טאַנץ, טשאַוודאַר האָט אין נאָמען פונעם קינדערהיים אונטערגעטראָגן בלומען...

די קאָרייערן וויוואַ פּאַק האָט ראָלף גליוקאוף אין זײַן טאָגבוך ניט איין מאָל דערמאָנט, אָנרופנדיק זי „די קליינינקע, פריילעכע, לעבנסלוסטיקע, גוטווּליקע..." זי איז קוינע שעם געווען מיט איר טאַלאַנט נאָך אין פּוסטאָש באַר, פונוואַנען זי איז געפאָרן זיך לערנען אין דער מאָסקווער באַלעט־שול.

שפעטער, שוין נאָכן זיג, איז וויווא פאַק געוואָרן אַ באַוווּסטע טענצערן אין איגאָר מאָי־סייעווס באַרימטן אַנסאַמבל, איינעם מיטן אַנסאַמבל איז זי אויסגעפאָרן די גאַנצע וועלט — זי האָט געטאַנצט אין יאַפּאַניע, אין אַמעריקע און אין פיל אייראָפּעישע לענדער.

אין איינעם פון אירע בריוו צו ראַלפן, מיט וועמען זי האָט זיך געקאָוועט אינעם קינ־דערהיים, האָט זי דערציילט: אונדזער אַנסאַמבל קלײַבט זיך אַף גאַסטראָלן. גיך וועל איך שוין זײַן אַ זעלבשטענדיקער מענטש — אַן אַרטיסטקע פון באַלעט. נאָר איך דאַרף נאָך אַ סאַך, אַ סאַך לייענען און אַרבעטן איבער זיך. איך וויל ווערן אַן עמעסע סאָוועטישע אַרטיסט־קע. פאַרשטייסט געוויס, וואָס איז עס אַזוינס...". איר טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. דעם הויכן טיטל סאָוועטישע אַרטיסטקע האָט וויווא פאַק ווירדיק דורכגעטראָגן דורך דעם גאַנצן לעבן אירן. איצט, פאַרלאָזנדיק די טעאַטראַלע בינע, גיט זי איבער די דערפאַרונג יונגע אַרטיסטן פונעם באַלעט.

אין זײַן טאָגבוך האָט ראַלף אָנגערופן אַ צווייטן דערציִלינג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים טשאַוודאַר דראַגאָיטשעוו. ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָט ער אויך זיך געפּרוּווט קומען אַפן פראָנט. אויסנוצנדיק דעם פאַקט, אַז עס איז ניט געווען בא אים קיין טפיסע־צײַגעניש וועגן זײַן געבוירן, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז מיט דרײַ יאָר עלטער, ווי מע האָט געמיינט ביז אהער. נאָר די דאָזיקע „כיטרעקײַט" האָט מען אין מיליטער־קאָמי־סאַריאַט אַנטפּלעקט, און דעם מינדעריעריקן פּאַטריאָט אָפּגעשיקט צוריק אינעם קינדערהיים.

אַפן בריוו, וועלכן עס האָבן דעם 18 יון 1942 יאָר געשיקט געאָרגי דימיטראָוו די דער־ציִלינגען פונעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, איז צווישן אַנדערע פאַמיליעס געווען אויך אונטערגעשריבן טשאַוודאַר צאָלין. דער זון פון דער בולגאַרישער רעוואָליוציאָ־נערקע האָט פאַר זיך אויך אויסגעקליבן דעם וועג פון קאַמף.

ווען טשאַוודאַר האָט פאַרענדיקט די שול, איז ער אַוועקגעפאָרן אין אופא און אָנגעקומען לערנען אין אַ מיליטערישער שול, קעדיי, אומקערנדיק זיך אין בולגאַריע, קענען העלפן זײַן פאָלק אין דער באַפרײַונג פונעם פאַשיזם. אין פּאָסטאָש באַר פלעגן אָנקומען פון אים בריוו — אומעטיקע און איראָנישע, פריילעכע און ערנסטע. אין די בריוו זײַנען געווען טיפע געדאַנ־קען און האָפענונגען וועגן צוקונפט. נאָר אַפן פראָנט איז אים ניט אויסגעקומען צו זײַן (די אָנפירונג פון צק פון בקפּ האָט אָנגענומען אַן אַנדער באַשלוס), און ער איז געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע.

די קאָמיוגיסטן — וועטעראַנען קאָנען איצטער אויך געוויס זיך דערמאָנען אַ לעבעדיקן יונג — טשאַוודאַר צאָלינען (דראַגאָיטשעוו) מיט אַ קאָפּ געדיכטע, געקרויזלטע האָר, וועלכער איז געווען אַן אינסטרוקטאָר אינעם אָפּטייל פון דער לערן־יוגנט אין ראַיקאָם פון קאָמיוג אַף דער רויטער פּרעסניע, אין מאָסקווע.

ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיך די פּראָפעסיע פון אַ דאָקטער. די קינדהײַט זײַנע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין טפיסע, די לײַדן און ווייטעקן פון מענטשן האָבן מיטגעווירקט דער־צו, און אַפן גאַנצן לעבן אָנגעצייכנט אים זײַן וועג — ער איז געוואָרן אַ כירורג, אַ געלערנטער.

אין יאַנואַר 1978 יאָר האָב איך זיך באַגעגנט מיט אים אין מאָסקווע און מיט גרויס אינטערעס געהערט, וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן זיך, וועגן זײַנע כאַווירים, וועגן זײַן מוטער — דעם מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון צק בקפּ צאָלע דראַגאָיטשעווא.

מיט דער מוטער האָט ער זיך באַגעגנט אין בולגאַריע, שוין נאָך דער מילכאָמע. לאַנגע יאָרן האָבן זיי גאָרנישט ניט געוווּסט איינע וועגן דעם אַנדערן — די מוטער מיטן זון.

אינעם 1932 יאָר האָט מען אַמניסטירט צאָלע דראַגאָיטשעווא — פון טפיסע איז זי אַרויס מיט אַן אונטערגעריסענעם געזונט, אָבער ניט מיט קיין געבראָכענעם געמיט. לויט דער באַ־שטימונג פון פּאַרטיי פאָרט זי אינעם ראַטנפאַרבאַנד. דאָ, אַף דער באַפרײַטער ערד, אינעם לאַנד, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן לענין, דערפילט די בולגאַרישע רעוואָליוציאָנערקע ליבע און זאָרג וועגן איר מיצאַד די סאָוועטישע מענטשן. זי רוט אָפּ, היילט זיך, און דערנאָך קומט זי אָן אַף לערע אין דער צווישנפעלקערלעכער לענין־שול, און, פאַרענדיקנדיק דאָס לערנען, קערט זי זיך אום אין איר היימלאַנד, קעדיי פאָרזעצן דעם קאַמף פון דער פּאַרטיי און פאָלק פאַר אַ בעסער לעבן.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, איז צאָלע דראַגאָיטשעווא, ווי טויזנטער אַנדערע בולגאַרישע אַנטיפאַשיסטן, געגאַנגען אין די ערשטע רייען פון קעמפער פאַר אַ נײַער, סאָציאַליסטישער בולגאַריע.

אינגיכן נאָכן זיג איבערן פאַשיזם האָט געאָרגי דימיטראָוו אָנגעשריבן איר אַ בריוו, אין וועלכן עס זײַנען פאַראַן פאָלגנדע שורעס:

„טײַערע צאַלע, איך פֿאַרשפּאַר דיר זאָגן, װי צופֿרידן איך בין, װאָס ניט געקוקט אַף אַלע געפֿאַרן, ביסטו געבליבן לעבן און דו שטײסט אַף דײַן שלאַכט־פּאָסטן, װי עס פּאַסט פֿאַר אַן עכטער פֿאָלקס־העלדין.

אונדזער פּאַרטײ און אונדזער פֿאָלק גריסן זיך מיט דיר, און דו ביסט עס װערט. בא די שפּאַניער איז פֿאַראַן זײער דאָלאָרעס, בא אונדז ביסטו דאָ — די בולגאַרישע העלדין־קאָמוניסטקע — די איבערגעגעבענע טאָכטער פֿון אונדזער פֿאָלק.

דאָס בעסטע, װאָס מיר אַלע קענען דיר װינטשן — זאָלסט בעקױעך זײַן נאָך פֿיל יאָרן אַזױ געטרײַ און קלוג, װי ביז אַהער, דינען דעם פֿאָלק און אונדזער היימלאַנד, אַז עס זאָלן זיגן, עס זאָלן פֿאַרװירקלעכט װערן אונדזערע גרױסע אידײען פֿון דער פּאַרטײ און פֿונעם פֿאָלק".

הײַנט־צו־טאָג איז טשאַודאר דראַגאָיטשעװ דירעקטאָר פֿון אינסטיטוט און דער אָנפֿירער פֿון קליניק פֿון האַרץ־געפֿעס־קראַנקײַטן פֿון דער בולגאַרישער װיסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע. ער לײענט לעקציעס, פֿירט אַ גרױסע װיסנשאַפֿטלעכע אַרבעט, רײַסט זיך ניט אָפּ פֿון דער פּראַקטישער טעטיקײַט, מאַכט זײער קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס אַפֿן האַרצן. נעמט אָנטײל אין סימפּאָזיומען, קאָנפֿערענצן, צװישנפֿעלקערלעכע קאָנגרעסן, טײלט זיך גערן מיט קאָלעגן מיט דערפֿאַרונג און קענטענישן.

לאָמיר זיך אַצינד װידער אומקערן צו די געשעענישן, װעלכע זײַנען פֿאָרגעקומען מיט העכער דרײַסיק יאָר צוריק, און איבערלײענען פֿאַרנאָטירונגען פֿון אַ טאָגבוך, װעלכן עס האָט געשריבן אַ יונגער דײַטש ראַלף גליװקאָװ.

„18 אָקטיאַבער 1944 יאָר. הײַנט דאַרף געלײזט װערן די פּראַגע: צי װעט מען מיך נעמען אין אַרמײ, צי ניט. בא מיר מיט די פֿאַשיסטן איז פֿאַראַן מײַן אײגענער כעזשבן. אונדזער גאַנצע מישפּאָכע האָט מען צעטריבן... די באָבעשי פֿאַרפּײַניקט..."

די פּראַגע איז געלײזט געװאָרן נעגאַטיװ. דעם יונגן װאָלאָנטיאָר האָט װידער ניט אָפּגעגליקט. אַפֿן פֿראָנט האָט ראַלפֿן איצטיקס מאָל ניט געלאָזט װילהעלם פּיק. ער האָט לאַנג גערעדט מיטן באָכער, געגעבן אים צו פֿאַרשטײן, אַז עס גײט ניט אין זײַן עלטער, נאָר אין עפּעס אַנדערש... דײַטשלאַנד, דאָס נײַע, אַנטיפֿאַשיסטישע דײַטשלאַנד, װעט זיך נײטיקן אין יונגע, גראַמאָטנע מענטשן, װעלכע װעלן קענען אַף די מילכאָמע־רױנעס בױען אַ נײַע װעלט. „דײַן קאַמף קעגן נאַציזם — איז לערע. לערן זיך, ראַלף", — האָט ער געזאָגט.

„24 דעקאַבער 1944 יאָר. נעכטן בין איך אַלט געװאָרן 17 יאָר... גאָר ניט קײן סאַך, און װיפֿל יאָרן האָב איך נאָך פֿאַרױס... בא מיר האָבן זיך פֿאַרזאַמלט מאָדי, פֿערנאַנדאַ, ביאַנקאַ, איװאַן, טשאַודאַר... אַגװו, האָט זיך אױסגעקלאָרט, אַז דעם 21 דעקאַבער איז געװען טשאַודאַרס געבורטסטאָג. באַגריסט האָט מען אונדז ביידן אינײנעם, מיר האָבן געגעסן, געטאַנצט. ס'איז געװען פֿרײלעך..."

„1945 יאָר. װינטער. לערע. קאַניקולן. דער לעצטער מילכאָמע־פֿרילינג. דער ערשטער מײַ. אומעטום פֿילט זיך דער סאָף פֿון דער מילכאָמע".

מיט אַ רױטן בלײַער, מיט גרױסע אױסיִעס אַן אױפֿשריפֿט אינעם טאָגבוך:

„אונדזער מיליטער האָט פֿולשטענדיק פֿאַרנומען בערלין!!!" און דרײַ אױסרוף־צײכנס.

„9 מײַ 1945 יאָר. עס איז פֿאַרװירקלעכט געװאָרן. ניצאָכן!!! ניטאָ קײן װערטער..."

אין די דאָזיקע עטלעכע קאַרגע װערטער, אָנגעשריבענע מיט דער האַנט פֿון אַ שילער, אָבער שױן פֿון אַן עכטן אַנטיפֿאַשיסט, האָט געקלונגען דער אױפֿריכטיקער שטאָלץ פֿון אַ יונגן קעמפֿער, װעלכער האָט פֿאַרשטאַנען די עמעסע פֿרײַז פֿונעם זיג איבערן פֿאַשיזם.

„30 יון 1945 יאָר. אַן אומגעריכטע פֿרייד בא מיר: ס'איז אָנגעקומען אַ יעדיִע פֿונעם טאַטן. און נאָך װאָס פֿאַר אַ יעדיִע! ער האָט צוגעשיקט אַ בריװ, דער מאַמען עפּעס־װאָס פֿון אָנטאָן, און מיר אַ צײגער. אָט האָט זיך אױסגעקלאָרט, אַז איך האָב אַ טאַטן, און פֿאַקטיש קען איך אים אַפֿילע ניט. עלף יאָר איז דורך פֿון יענער צײַט, זינט ער איז אװעקגעפֿאָרן. זיבן יאָר בין איך דעמלט אַלט געװען".

ראַלפֿס טאַטע — דער דײַטשישער קאָמוניסט עריק גליװקאָװ, האָט אין יענע טעג זיך אומגעקערט אין דײַטשלאַנד פֿון שװעדן, װוּ ער איז געװען אין עמיגראַציע. אין אַ יאָר אַרום האָבן דער פֿאָטער מיטן זון זיך באַגעגנט אין בערלין.

פֿאַר אײן יאָר האָט ראַלף גליװקאָװ פֿאַרענדיקט דרײַ קלאַסן — דעם אַכטן, דעם נײַנטן, דעם צענטן און באַקומען די מאַטורע־צײַגעניש. אינגיכן נאָך דעם, װי ער איז געװאָרן אַ סטודענט, האָט ער זיך דערװוסט, אַז ער דאַרף זיך גרײטן אין װעג — פֿאָרן אין דײַטשלאַנד.

פֿול מיט ניט קײן קינדערשע מאַכשאָװעס און דײַגעס זײַנען די פֿאַרנאָטירונגען אינעם טאָגבוך פֿון יענע טעג: „װי עס זאָל ניט זײַן, נאָר עס װעט מיר אָנקומען ניט גרינג, — פֿאַק־

טיש בין איך דאָך אַ רוסישער... ס׳איז ניט וויכטיק, ווו בין איך געבוירן, ס׳איז וויכטיק, ווו איך בין געוואַקסן״.

ס׳איז פּאַרגעקומען די באַגעגעניש מיטן לאַנד, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און וועלכן ער האָט פאַרלאָזט, זײַענדיק נאָך אַ קינד. וואָס וועט ווערן פאַר אים דאָס לאַנד?

„1 יול 1946 יאָר. ס׳איז שוין שפּעט. הײַנט איז דער ערשטער אָוונט, ווען איך האָב צײַט און ווען עס ווילט זיך מיר שרײַבן. געפּאָרן בין איך גוט. מיט די אייגענע אויגן זען שטעט און דערפער — איז ניט איינס און דאָס זעלבע, ווי לייענען וועגן דעם אַרטיקלען אין צײַטונגען. וואַרשע איז באַזונדערס שטאַרק רויִנירט.

אין צענטער פון בערלין איז קיין שטיין אַף קיין שטיין ניט געבליבן. אין בערלין בין איך געווען דרײַ טעג. איצט, ווען כ׳געפינען זיך אין דײַטשלאַנד שוין דרײַ וואָכן, פיל איך זיך זיכערער. און צום אָנהייב איז אַלץ געווען פאַר מיר, ווי אין אַ כאַלעם און ניט אַף דער וואָר.

אויב דו וועסט אין מאָסקווע באַגעגענען אַ מענטשן, וועלכער רעדט אַף דײַטש, הייסט עס, אַז ער איז אַן אויסלענדער. באַקומט זיך, אַז אַצינד זײַנען אַלע אַרום מיר בלויז אויסלענדער. מיט דער שפּראַך איז נאָך בא מיר אַלץ שלעכט. מאָרגן וועט קלאָר ווערן, צי וועל איך קענען זיך לערנען, באַהערשן דעם מאַטעריאַל. מאָרגן הייבן זיך אָן די לעקציעס אין דער פּאַרטיי־שול״.

אָט אַזוי האָט פאַר אים, און פאַר פיל פון זײַנע כאַווירים — עמיגראַנטן, — זיך אָנגעהויבן אַ נײַע שטופע — בויען אַ נײַ לעבן אַף דער ערד, וועלכע זיי האָבן פאַרלאָזט, זײַענדיק נאָך גאָר קליינע.

ראַלף איז אַ סטודענט פונעם טעכנישן אוניווערסיטעט אין בערלין, ער הייבט אָן גלייבן אין זײַנע קויכעס. עס פאַרגעסן אים ניט זײַנע פרײַנט — איוואַנאָוווצעס.

„30 אָקטיאַבער 1946 יאָר. זונטיק זײַנען צו מיר געקומען וואָלפגאַנג קערף, עריקאַ און אורזולאַ ווערנער, ליללי שטענצער. ווי ליב איז מיר געווען פאַרברענגען דעם אָוונט מיט מײַנע אַלטע פרײַנט״.

איך לייען די לעצטע פאַרנאָטירונגען אין ראַלף גליקאָפס טאָגבוך:

„24 דעקאַבער 1946 יאָר. נעכטן בין איך אַלט געוואָרן 19 יאָר. דער ערשטער געבורטסטאָג ווידער אין דײַטשלאַנד, אין מײַן נײַער דירע.

יאָ, אין מײַן דירע. העכער פון אַכט גראַד הייבט זיך ניט אויף די טעמפּעראַטור, וויפל זאָלסט ניט הייצן. די שײַן שליסט מען אויס אַלע טאָג אַף פיר שאָ. נעכטן איז קיין שײַן ניט געווען פון 18 ביז 22 אַזייגער. אָט אַזוי זײַנען מיר געזעסן דעם גאַנצן אָוונט אינצווייען, איך מיט דער מוטער, בא דער שײַן פון אַ ליכט און געפּרוירן. געוואַרט אַף לידוויגן, נאָר ער איז ניט געקומען. ס׳איז אויסגעקומען אונדז ביידן אופּעסן דעם קוכן און אויסטרינקען צו קעלישעקלעך.

הײַנט איז דאָ די ווײַנאַכט. אַלע מענטשן זײַנען פריידיק־אויפגעלעבט, און מיר איז עפּעס ניט איבעריקס פריילעך״.

איך האָב פיל געטראַכט וועגן די דאָזיקע אומעטיקע ווערטער, וועלכע עס האָט אָנגעשריבן אין זײַן טאָגבוך ראַלף גליקאָוף. יאָ, אין יענע כאַדאָשים און יאָרן איז געווען גאָר ניט גרינג ניט אים איינעם, נאָר פיל אַזעלכע, ווי ער, די יונגע פּאָליטישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

זייערע טאַטעס און מאַמעס זײַנען געווען דערוואַקסענע מענטשן מיט פעסט־אויסגעפּורעמטע כאַראַקטערן, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אַף דער ערד, ווו זיי זײַנען געוואַקסן און געלעבט, איז זיי פונדעסטוועגן געווען לײַכטער דערזען און פאַרשטיין דאָס אייגענע פאָלק און דאָס לאַנד... גרינגער, ווי זייערע קינדער, אויסגעוואַקסענע אין אַן אַנדער סוויווע, אין אַן אַנדער אַטמאָספער...

דער מערהײַט יונגע עמיגראַנטן איז אויסגעקומען אָנהייבן אַלץ אָפּסנײַ. דערלערנען די אייגענע שפּראַך, דעראָבערן אַ פּראָפעסיע און פיל אַרבעטן, קעדיי אויסבויען אַ וועלט, אין וועלכער עס דאַרף „דערמוטיקט ווערן דער מענטשישער שייוועס״.

די דערצויגלינגען פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים האָבן דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן וועג.

ראַלף גליקאָוף האָט פאַרענדיקט די העכערע פּאַרטיייִשע שול באַם צק סעפּד און איז געוואָרן אַ דיפּלאָמאַט: אַלס אַמבאַסאַדאָר פון דער דײַטשישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק האָט ער געאַרבעט אין די גערזאַנדטשאַפטן אין כינע, קאָרייע, יוגאָסלאַוויע, ראַטנפאַרבאַנד. איצט איז ער אַן עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אינעם אינסטיטוט פון צווישנ־

פעלקערלעכע באַציִונגען פון דער אקאַדעמיע פון מעלוכע און רעכט אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

דאָס לעבן פון די עלטערן און פון די קינדער האָט זיך ענג צוזאַמענגעבונדן אין די גע־שעענישן פונעם שטורמישן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אף איין פּײַערדיקן שיידוועג — דאָרט, ווו עס האָט געדויערט דער שלאַכט קעגן רעאַקציע און פאַשיזם, האָבן זיך פאַרייניקט די גורלען פון רעוואָליוציאָנערן, מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, פון פאַרשיידענע דורות, זין און טעכטער פון פאַרשיידענע פעלקער.

נעמען, אויסגעקריצטע אף מאַרמאָר.

אין נאָמען פון זון,
אין נאָמען פון היימלאַנד,
מיר גיבן א שוווּע.
אין נאָמען פון לעבן,
מיר שווערן געפאַלענע העלדן:
מיר וועלן דערזינגען,
וואָס ס׳האָבן די טאַטעס
אליין ניט דערזונגען.
און וואָס ניט דערזונגען.
האָבן זיי —
וועלן אויסבויען מיר.
(ראָבערט ראָזשדעסטווענסקי)

די וועלט האָט געפײַערט דעם דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן דײַטשישן פאַ־שיזם — דעם שווערן וועג צו שאָלעם, פאַר וועלכן עס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס מיליאָ־

בא דער מעמאָריאַל־ברעט, לעזיקאָרן די העלדיש אומגעקומענע דערציִיגלינגען פונעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים

נען סאָוועטישע מענטשן. דאָס ווידערקאָל פון דער פאַרגאַנגענער מילכאָמע האָט געפונען אן אָפּקלאַנג אומעטום, ווו זי האָט געלאָזט איר גרויזאַמען שפור.

די דערציִיגלינגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער שול האָבן מיך אײַנגעלאַדן, און איך בין געקומען צו פאָרן אין פּאָסטאָש באַר. איך בין ווידער געווען אינעם גוט־באַקאַנטן הויז, צווישן מײַנע יונגע פרײַנט.

אין זאַל איז שטיל, כאָטש ער איז איבערגעפולט, — קליינינקע אַפריקאַנער און לאַטייִן־אַמעריקאַנער הערן די מעלאָדיע פון דער ליד „דער הייליקער קריג", און דערנאָך האָט דער קאָנפעראַנסיע, א טונקל־הויטיק יינגל פון א יאָר פערצן, געלייענט לידער וועגן די העלדנטאַטן פון סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן מעסירעסנעפעשדיק פאַרטיידיקט זייער פאָטערלאַנד. אין עטלעכע מינוט ארום איז אף דער בינע שוין געשטאַנען אַן אַנדער יינגל, און אינעם איבערגעפולטן זאַל האָבן געשאַלט שורעס פון ראָבערט ראָזשדעסטווענסקיס פּאָעמע „רעקוויִעם":

אַלעמען לויט די נעמען
מיט
דײַן אומגליק
דערמאָן.
נייטיק עס איז
ניט די טויטע!
די לעבעדיקע
גייט עס אָן.
דערמאָנען זאָלסט
שטאָלץ און ווירדיק
געפאַלענע אינעם שלאַכט.

דאָס וואָרט האָט באַקומען דער דירעקטאָר פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן שול־אינטערנאַט אפן נאָמען פון יע. ד. סטאַסאָוואַ באַריס דמיטריִעוויטש מאַקאַראָוו. אין דער טויטער שטילקייט רופט ער אויס נעמען פון דערצויגלינגען, געפאַלענע אף די שלאַכטפעלדער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ער רעדט באַזונדער וועגן יעדן איינעם פון זיי, וועגן זייער אָנטייל אין שלאַכטן, וועגן זייער העלדישן טויט.

קינדער פון פאַרשיידענע פעלקער, געפאַלענע אין שלאַכט דעם לעקאָוועד דעם לעבן אף דער ערד: דער יוגאָסלאַוו בראַצאַנאָוויטש וולאַדימיר... די קובינער וויוואַ גאַרג... ווילאַר ענריקאָ... דער פּאָליאַק וואָלקאָוויצקי וואַלענטין... די ייִדן וואָלגענדלער שאָלעם... וואָלגענדלער אַוורעם... וואָלגענדלער אַנאַטאָלי... דער דײַטש גונדערמאַן רודאָלף... דער רוסישער דאַווידאָוו אַלעקסיי... דער פּאָליאַק זשאַרסקי פּיאָטער.. דער בולגאַר קאָסאַבאָוו בלאַגאָי... דער גריך ניקאָלאַידי געאָרג... לעטלענדער פינצול וואַלענטין... דער עסטרײַכער ראָבאַק עדווין... די דײַטשן רעמלינג קורט... שיוטץ גוסטאַוו... אײַזענשנײַדער עלווירע...

זיבעצן זײַנען זיי געווען, אוועקגעגאַנגען פון פּוסטאָש באַר אפן פראָנט און ניט געקומענע צוריק.

בראַצאַנאָוויטש וולאַדימיר.

ער איז אומגעקומען אין די לעצטע טעג פון דער מילכאָמע אין יוגאָסלאַוויע, שלאָגנדיק זיך פאַר דער באַפרײַונג פון זײַן היימלאַנד. מער פּינקטלעכע ידיִעס וועגן אים האָט דערזוויִיל זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען.

וויוואַ געאָרג.

וועגן אים איז באַוווּסט ניט קיין סאַך. א זון פון א קובינער רעוואָליוציאָנער, אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע איז ער אוועק אין דער רויטער אַרמיי און אומגעקומען אפן לענינגראַדער פראָנט.

ווילאַר ענריקאָ.

אין א קאַלטן, רעגנדיקן, האַרבסטיקן טאָג פונעם 1932 יאָר האָט אף די טרעפּ פונעם הויז אף דער אַגאַריאָוו־גאַס אין מאָסקווע, וווּ עס איז דעמלט געווען דער צק פון מאָפּר אין פּסר, זיך אופגעהויבן א דאַרלעכער, שוואַרצהאָריקער מענטש מיט א טונקל־הויטיק יינגעלע, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין א מאַטראָסן־גאַרניטערל. ער האָט אף א שלעכטן פראַנצויזיש דערציילט די מיטאַרבעטער די געשיכטע פונעם זיבניאָריק יינגעלע, וועלכן ער האָט געבראַכט פונעם ווײַטן אינדזל קובע.

דער פּאָטער פונעם קינד — צעזאַר ווילאַר, א געוועזענער בוי־אַרבעטער, שפּעטער — א טרעגער אינעם האַוואַנער האַפן. אינגיכן האָט ער פאַרלוירן אויך דעם גראָשנדיקן פאַרדינסט, און געבליבן אַרבעטסלאָז, ווי טויזנטער אַנדערע קובינער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן זײַנע מאַטערנישן — ער האָט אָן אַן אופהער אומזיסט געזוכט אַרבעט און ניט געקענט געפינען. די מישפּאָכע האָט געליטן הונגער — פינף קינדער האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן, און אזוי ווי זיי האָבן ניט געהאַט בעיאַד צאָלן קיין דירע־געלט, איז אינגיכן די מישפּאָכע אַרויסגעטריבן געוואָרן אף דער גאַס.

לויִס קאַרוואַלאַן צוגאַסט אין איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים

פונקט אין אַזאַ לאַגע האָבן זיך געפונען אויך עטלעכע טויזנטער היימלאָזע טוישווים פון האַוואַנע. קעדיי זיך ווי־עס־איז באַשיצן פון די טראָפּישע גוסרעגנס, האָבן זיי הינטער דער שטאָט אויסגעבויט אַ ייִשעוו, געבויט האָט מען פון וואָס עס האָט זיך געלאָזט. אין גאַנג זײַנען אַוועק אַלטע הילצערנע קעסטלעך, קאַרטאָנענע שאַכטלעך, פאַרזשאַווערט בלעך. די דאָזיקע כאַלופּעס זײַנען אַף קיין הײַזער ענלעך ניט געווען, אָבער זיי האָבן ווי־עס־איז פאַרהיט פון רעגן און ווינט. איינער פון די איניציאַטאָרס פון דער דאָזיקער בויונג איז געווען צעזאַר ווילאַר.

די אַרבעטסלאָזע לערער האָבן אָרגאַניזירט אינעם ייִשעוו אַ שול — די לימודים פלעגט מען דורכפירן אין דרויסן. די שטאָט־באַלעבאַטים, אין וועמענס הענט עס איז געווען די מאַכט, האָבן שוין לאַנג געוואָלט פּאָטער ווערן פון די היימלאָזע מענטשן, און דאָס אומזיסטיקע לערנען די אָרעמע, פּראָלעטאַרישע קינדער האָט זיי אַרײַנגעבראַכט אין גרימצאָרן. איינמאָל, באַנאַכט, האָבן מאַכנעס פּאָליציי־לײַט אַרומגערינגלט דעם ייִשעוו. האַלב־נאַקעטע מענטשן האָט מען מיט ביקסן אַרויסגעטריבן פון די נעבעכדיקע וווינונגען, און די כאַלופּעס האָט אַרומגעכאַפּט אַ פײַער, וועלכן עס האָבן צעצונדן „אַכטונג־געבער פון אָרדענונג”.

צעזאַר ווילאַרן האָט מען אַרעסטירט. זײַן ווײַב מיט די פינף קינדער איז געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן אַ גראָשן געלט באַ דער נעשאָמע. און דעמלט זײַנען צוהילף געקומען די פרײַנט. דעם מיזיניק ענריקאָ, באַ וועלכן עס זײַנען געווען קראַנקע לונגען, האָט מען אַרויסגעפירט אינעם ראַטנפאַרבאַנד.

אָט אַזוי איז דאָס ייִנגעלע פונעם אינדזל קובע מעגולגל געוואָרן אין מאָסקווע.

פריִער איז ענריקאָ געווען אינעם קינדערהיים אַף קלאַרע צעטקינס נאָמען, ווײַל אינעם הינטערמאָסקווער קינדערהויז, אין וואַסקינאָ, האָט קיינער ניט געקענט די שפּאַנישע שפּראַך. אַהער פלעגן אָפט קומען צו אים פּאָליט־עמיגראַנטן, מיטגלידער פון מאָפּר, וועלכע האָבן באַהערשט די שפּאַנישע שפּראַך. די ערשטע צײַט איז אים געווען שווער. ער איז געווינט געווען צו זון, צו וואַרעמקײַט, און דאָ איז געווען גאָר אַן אַנדער קלימאַט. אין קינדערהויז האָט מען אים געגעבן אַ באַזונדערן צימער, און קעדיי ער זאָל ניט פרירן, האָט מען לעבן זײַן בעטל געשטעלט אַן עלעקטריש אייוועלע. ענריקאָ האָט קיין איין רוסיש וואָרט ניט געוווּסט, נאָר לויט דער נאַטור אַ לעבנסלוסטיקער, אַזאַ, וואָס האָט ליב מענטשן און שטרעבט זײַן צווישן זיי, האָט שטאַרק געוואָלט דערציילן זײַנע סאָוועטישע פרײַנט, זײַנע נײַע כאַווייריִם, וועגן זײַן ליבער, זוניקער קובע, וועגן די, וועמען ער האָט דאָרטן געלאָזט. און גיך ווער זײַענדיק די שפּראַך־מעכיצעס, פלעגט ער געפינען אַ מעגלעכקײַט זיך אויסטײַנען מיט די רוסישע

כעוורע. אין די אָוונטן, צונויפקומענדיק זיך אין איינעם פון די צימערן, פלעגן זײַנע נײַע כאַווערים אָנגעשטרענגט זיך אײַנהערן אין ענריקאָס הייסע רייד און אינעם קאַליעטשעטן רוסיש פון זײַן פרײַוויליקן איבערזעצער, אַ געקומענעם פון מאָפּר.

די צײַט איז געגאַנגען. דער קליינער קובינער האָט שוין זיכער אַרויסגעבראַכט די ער־שטע ווערטער און פראַזעס אויף רוסיש, ער האָט אָנגעהויבן בעסער פאַרשטיין, וואָס עס ריידן זײַנע כאַווערים און די לערער. ער האָט זיך אינטערעסירט מיטן לעבן אינעם ראַטנ־פאַרבאַנד, געוואָלט וויסן, וואָס קומט פאָר אין אויסלאַנד, אָבער גאָר אַף אַ באַזונדערן אויפן האָט ער געפאָדערט, אַז מע זאָל אים דערציילן נײַס וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די אַרבעטנדיקע אין קובע.

אין אַ יאָר אַרום פאָרט אַריבער ענריקאָ אין דער שטאָט איוואַנאָוואָ.

אָט אַזוי איז דער קליינינקער קובינער געוואָרן אַ דערציגלינג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים אף יע. ד. סטאַסאָווס נאָמען. פונדאַנען האָט ער געשריבן זײַנע אייגענע אַף קובע: „טײַערע מאַמע און טאַטע! איך לעב זייער גוט. מע גיט מיר גוט עסן. גיט איבער אַ גרוס ריטען און אַלע מײַנע ברידער. טאַטע, קעמף פאַר אונדזער פרײַהײַט, און דערנאָך וועל איך קומען צו פאָרן, און מיר וועלן אינאיינעם קעמפן. ענריקאָ".

אינעם 1935 יאָר, ווען אין מאָסקווע איז געווען דער 7־טער קאָנגרעס פון קאָמינטערן, איז אין איוואַנאָוואָ געקומען צו פאָרן אַ גאַסט פון קובע. ס'איז געווען דעם פּאַטערס פרײַנט וויוואָ, וועלכער איז געקומען צוגאַסט צו זײַנע זין, צו אַלדאָ און געאָרגן, וועלכע האָבן זיך אויך געפונען אינעם קינדערהיים. ער האָט געשענקט ענריקאָ אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט און דערציילט וועגן דעם קאַמף, וועלכן עס פירן די קאָמוניסטן קעגן דער דיקטאַטור פון מאַטשאַדאָ.

אין יענער צײַט איז ענריקאָס טאַטע, צעזאַר ווילאַר, געווען דער גענעראַלער סעקרעטאַר פון די קובינער פראָפאַריינען. די פּאָליציי האָט זיך שוין לאַנג געיאָגט נאָך אים. די מאַכט־האָבער האָבן גערעכנט, אַז ער איז געווען דער אָנפירער פונעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרײַק, וועלכער איז דורכגעפירט געוואָרן אין מאַרט פונעם 1935 יאָר.

אין דער בורזשואַזער פרעסע האָבן זיך באַוויזן מעלדונגען: „דעם, ווער עס וועט כאַפּן ווילאַרן, אָדער אָנווײַזן, ווו ער געפינט זיך, וועט אַרויסגעגעבן ווערן אַ פּרעמיע".

דער פאַרהאַרטעוועטער אין קאַמף רעוואָלוציאָנער איז שוין ניט איין מאָל געזעסן אין טפיסעס און געווען פאַרשיקט אַף דעם טרויעריק־באַרימטן אינדזל איסלאַ־דע־פינאָס, ווו עס האָבן געשמאַכט די בעסטע זין און טעכטער פונעם קובינער פאָלק. שפּעטער איז דאָרטן אויס־געבויט געוואָרן די אַזויגערופענע מוסטערהאַפּטע טפיסע, וווהין מע האָט אין צוואַנציק יאָר אַרום, נאָכן שטורעם פון מאָנקאַדאַ, פאַרשפּאַרט פידעל קאַסטראָ און זײַנע כאַווערים.

געפינענדיק זיך אַף אַן אומלעגאַלער לאַגע, זײַענדיק באַדראָעט אַרעסטירט ווערן, האָט צעזאַר ווילאַר ניט אופגעהערט קעמפן. און אַלעמאָל געפירט נאָך זיך די אַרבעטער.

ווען אינעם ראַטנפאַרבאַנד איז געקומען צו פאָרן זײַן מוטער, די שוועסטער מיט די ברי־דער, האָט ענריקאָ זיך דערוווּסט, אַז זײַן פאָטער איז ווידער אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

ענריקאָ האָט זיך ניט באַרימט, ניט איבערגעטריבן, ווען ער האָט געשריבן דעם טאַטן: „טאַטע, קעמף פאַר אונדזער פרײַהײַט, און דערנאָך וועל איך קומען צו פאָרן און מיר וועלן אינאיינעם קעמפן..."

ער האָט געהאַלטן וואָרט.

פאַרוווּנדיק זיך פעסטשטעלן דעם גורל פונעם קובינער באָכער, האָב איך ניט ווייניק זיך געגריבלט אין די אַרכיוון, געזוכט מענטשן, וועלכע זאָלן כאָטש עפּעס־וואָס דערציילן וועגן אים. און איינמאָל האָב איך אין מאָסקווע זיך באַגעגנט מיט אַ בראַזיליער קאָמוניסטקע, מיט אַ פּאָליטישער עמיגראַנטקע, וועלכע איז געווען באַקאַנט מיט דער מישפּאָכע ווילאַר. זי האָט מיר דערציילט, אַז פיל מאָל האָט זי זיך באַגעגנט מיט ענריקאָס עלטערן, זי געדענקט גוט זײַן ברודער פרעדעריקאָ און די שוועסטער זײַנע ריטען און געאָרגינען, וועלכע לעבן אַצינד אין דער סאָציאַליסטישער קובע.

— ניט לאַנג פאַרן אָנהייב פון דער מילכאָמע, ווען ענריקאָ איז אַריבערגעפאָרן פונעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים אין מאָסקווע, פלעגט ער אָפט קומען צו מיר. איינמאָל בין איך מיט אים אוועק צו דאָלאָרעס איבארורי און כאָסע דיאַסן, וועלכע האָבן אין יענע יאָרן, ווי עס איז באַוווּסט, געלעבט אין מאָסקווע. איך האָב גערעדט מיט זיי וועגן דעם, וויאַזוי מיטהעלפן אונדזער יונגן פרײַנט, דעם קובינער, געפינען זײַן אָרט אין לעבן. און זיי האָבן געהאָלפן... איך געדענק גוט, אַז ענריקאָ האָט פאַרענדיקט אַ מיליטער־שול. ער פלעגט צו מיר אָפט קומען, ווען ער האָט זיך דאָרט געלערנט. דערנאָך, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן

די מילכאָמע, פּלעג איך באַקומען פון אים בריוו פון פראָנט. ער האָט געשריבן וועגן זײַנע שלאַכט־כאַוויירים, געשריבן, אַז ער קעמפט, ווי עס דאַרף קעמפן אַ סאָוועטישער סאָלדאַט און אַ קאָמיוגיסט. דעם לעצטן בריוו האָבן מיר שוין געשיקט זײַנע כאַוויירים, פרילינג 1945 יאָר. זיי האָבן מיר געשריבן, אַז זייער שלאַכט־כאַווער און קאָמאַנדיר פונעם טאַנקען־ווזוואָד ענריקאָ ווילאַר איז העלדיש אומגעקומען אין שלאַכט קעגן די פאַשיסטן הינטער בערלין. צום בריוו איז בײַגעלייגט געווען אַן אויסשניט פון עפּעס אַ מיליטערישער צײַטונג. אינעם אַרטיקל איז דערציילט געווען וועגן ענריקאָס העלדנטאַט.

ביזן זיג פון דער קובינער רעוואָליוציע איז געבליבן דעמלט נאָך פערצן יאָר.

הערנדיק, וואָס עס האָט דערציילט מיר די פרוי, האָב איך געטראַכט וועגן דעם קורצן לעבנסוועג פונעם קובינער באָכער, אַ לעבנסוועג, וועלכן עס האָט איבערגעריסן די מילכאָמע, און עס האָבן זיך מיר דערמאָנט דיכטערישע שורעס, געווידמעטע אַן אַנדער גוירל, אָבער זייער אַן ענלעכן אַף ענריקאָס:

פאַרלאָזט כ׳האָב מײַן כאַטע,
געגומען אַ שווערד,
ס׳זאָל זײַן אין גרענאַדע
באַ פּויערים ערד...

וואָלקאָוויצקי וואַלענטין.

אין אַרכיוו האָבן זיך פאַרהיט פּילצאָליקע דאָקומענטן, פון וועלכע איך האָב זיך דער־וווּסט, אַז וואַלענטין האָט געהאַט צוויי ברידער באַריס און יוליאַן און אַ שוועסטער ווערע... זייער פאָטער, אַ פּוילישער רעוואָליוציאָנער, איז 13 יאָר געזעסן אין טפיסע, און זײַן מיש־פּאָכע איז אַדאַנק דער הילף פון מאָפּר אַריבערגעפאָרן פון פּוילן אין מאָסקווע און געלעבט אַף דער גאַס אָבוך, אינעם הויז נומער דרײַ, וואָס איז באַוווּסט געווען, ווי „דאָס הויז פון די פּאָליט־עמיגראַנטן”. וואַלענטינס כאַוויירים פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים דערמאָנען זיך, אַז ער איז אַוועק אין אַרמיי נאָך פאַר דער מילכאָמע.

ער איז אומגעקומען אינעם 1944 יאָר, בײַס עס זײַנען געגאַנגען די שלאַכטן פאַר באַ־פרײַען ווײַסרוסלאַנד פון די היטלערישע פאַרכאַפּערס.

וואָלהענדלער שאָלעם, אווראָם און אַנאַטאָלי.

אין אַ יוניקן טאָג פונעם 1973 יאָר, ווען אַף זייער טראַדיציאָנעלער יובילײַ־באַגעגעניש האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פּוסטאָש באַר די געוועזענע דערצויגלינגען פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, האָב איך זיך באַקענט מיט אַסיע דעמיאַנאָווגע (וואָלהענדלער), אַ מוזיק־לע־רערן, וועלכע איז געקומען אַהער פון אוזבעקיסטאַן.

אַ טאָכטער פון אַ פּאַלעסטינער קאָמוניסט, איז זי, און פיר אירע ברידער ביניאָמין, שאָ־לעם, אווראָם און אַנאַטאָלי — געווען דערצויגלינגען פונעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים אַף יע. ד. סטאַסאָוועס נאָמען. אינעם 1940 יאָר האָט אַסיע פאַרענדיקט די שול און אַוועקגעפאָרן אין אָדעס, ווו עס האָבן געוווינט די מוטער און די עלטערע ברידער. דאָרט איז זי אַנגעקומען לערנען אין אַ מוזיקאַלער שול. דאָרט האָט זי באַגעגנט די מילכאָמע.

מיט די סטודענטן פון דער מוזיק־שול האָט אַסיע געאַרבעט אין קאָלווירט באַם אַראָפּ־נעמען די גערעטעניש, ווען די היטלעראָווצעס האָבן זיך דורכגעריסן נאָענט צו אָדעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון דער באַפעלקערונג.

העכער זיבעציק טעג האָבן די שלאַכטלײַט פון דער בײַ־יאָמישער אַרמיי און פלאָט, אָפּ־געריסענע פון די הויפּט־קרעפטן פון דאָרעמדיקן פראָנט אָפּגעשלאָגן די נאָכאַנאַנדיקע, פאַר־ביטערטע אַטאַקעס פון די היטלערישע און רומענישע דיוויזיעס.

דער העלדישער קאַמף, וועלכן עס האָבן געפירט אונדזערע שלאַכטלײַט אײַנינעם מיט די מאַטראָסן און אָפיצערן פונעם שוואַרציאַמיקן פלאָט, פאַרטיידיקנדיק אָדעס, איז נאָך אַ בוילעטער באַווײַז פון דער גרענעצלאָזער ליבע פון די סאָוועטישע מענטשן, זייער איבער־געגעבנקײַט דעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד. דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק האָט אַרויסגעוויזן עמעסע העלדישקײַט אין קאַמף מיט די אָקופּאַנטן.

פאַרטיידיקנדיק אָדעס, איז האַרבסט 1941 יאָר אומגעקומען אווראָם וואָלהענדלער. אינעם קינדערהיים האָבן די פרײַנט אים ליבלעך גערופן אַבראַשע. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז אווראָם איז געווען אַ באַגאַבטער, אַ טאַלאַנטפולער מוזיקער, ער האָט זיך געלערנט אין אַ ספּעציעלער מוזיקאַלער שול, און דער באַוווּסטער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר דונאַיעווסקי, באַקאַנענדיק זיך מיט אייניקע ווערק פונעם יונגן מוזיקער, האָט אים פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט... די דאָזיקע צוקונפט האָט אומראַכמאָנעסדיק פאַרמעקט די מילכאָמע...

דעם 16 אָקטיאַבער זײַנען אין אָדעס אַרײַן די אָקופּאַנטן, און אין צען טעג אַרום, דעם 26 אָקטיאַבער, האָבן די פֿאַשיסטן פֿאַריאָגט אין געטאָ אַף דער סלאָבאָדקע די מוטער מיטן פּערצניאַריקן אַנאַטאָלי. אסיען האָט זיך אײַנגעגעבן אַנטלױפֿן. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן באַ אַ כאַווערטע, וועלכע האָט געלעבט אין דאָרף... אינעם דאָרף האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דעם שוידערלעכן טויט פֿון איר מוטער מיטן ברודערל — די פֿאַשיסטן האָבן זיי, אײנײנעם מיט פֿיל מענטשן, פֿאַרשפּאַרטע אין געטאָ, לעבעדיקערהייט פֿאַרברענט אין אַ שול־געבײַדע.

אַ דערשיטערטע פֿון דער דאָזיקער ידיעה, האָט אסיע זיך אומגעקערט אין שטאָט, וועלכע עס האָט אָקופּירט דער פֿײַנט, און דאָרט האָט מען זי בײַס אַ טרײַב־געיעג, בײַס אַן אַבלאַווע, געכאַפּט און אַרײַנגעוואָרפֿן אין געטאָ. אין יאַנוואַר פֿונעם 1942 יאָר, ווען די היטלעראָווצעס האָבן אָנגעהויבן אַרויספֿירן פֿון שטאָט די מענטשן, פֿאַרורטײלטע אַף טויט, איז אסיע ווידער געלאָפֿן. עס האָבן זי אויסבאַהאַלטן באַ זיך, געגעבן עסן און טרינקען טוישווים פֿון פֿיל דערבײַיקע דערפֿער און יישווים. און איין פֿרוי — מיליטשענקאָ נאַדיעזשדאַ פּאַוולאָוונאַ — האָט אָפּגעגעבן אסיע וואָלהענדלער די אײגענע דאָקומענטן.

אסיע וואָלהענדלער האָט געפּרוּווט אַריבערגיין די פֿראָנט־ליניע, קומען אין סאָוועטישן הינטערלאַנד, נאָר עס איז געווען אוממעגלעך. אין מאַרט כוידעש, הינטער קיִעוו, האָט מען זי ווידער געכאַפּט און אַרײַנגעזעצט אין אַן עשעלאָן, אין וועלכן מע האָט געפֿירט אין פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד אַף צוואַנג־אַרבעט סאָוועטישע מענטשן, מיט גוואַלד פֿאַרטריבענע פֿון די אייגענע קאַנטן. זי האָט געאַרבעט ניט ווײַט פֿון דער שטאָט גאַללע אין דער ווירטשאַפֿט באַ אַ דאָרפֿישן באַלעגוף. דערנאָך האָט מען זי אַרײַנגעזעצט אין אַ לאַגער, הינטער שטעכלדראָט, און אין אַ צעפּאַסעוועטן אַרעסטאַנטן־בעגעד, אַף וועלכן ס׳איז צוגענייט געווען אַף דער ברוסט אַ שטיקל צײַג מיטן דערנידעריקונגס־אויפֿשריפֿט „אָסט”, געטריבן אַף אַרבעט אַף אַ מיליטער־זאַוואָד.

אַ סאַך איז איר אויסגעקומען איבערלעבן אינעם פֿאַשיסטישן פֿרעמדן לאַנד — הונגער, איזדיקעווענישן, קלעפּ. דעם כײַישן פֿאַרצעף פֿונעם פֿאַשיזם האָט זי געזען ניט פֿאַרהוילט.

די איינציקע ליכטיקע דערמאָנונג אין דער לאַנגער קייט פֿון יענע טעג — איז אַן אַלטער מײַסטער, אַ דײַטש, וועלכער פֿלעגט אָפּט ברענגען צו פֿירן אסיען מיט אירע כאַווערטעס צו זיך, קלוימערשט צוליב דעם, אַז זיי זאָלן אַרבעטן באַ אים אַפֿן גאָרטן. ער פֿלעגט זיי מעכאַבעד זײַן, מיט וואָס ער האָט געקענט און געטרייסט זיי. און דעריקערשט — זיי פֿלעגן אײנײנעם מיט אים, דורך אַן אַלטן ראַדיאָ־אָפּנעמער, הערן מאָסקווע און קוקן אַף וו. אי. לענינס פֿאָטאָגראַפֿיע, וועלכע מע האָט הײליק געהיט אין דער דאָזיקער שטוב.

סאָפּקאָלסאָף איז געקומען די לאַנג געגאַרטע שאָ פֿון דער באַפֿרײַונג. אסיע וואָלהענדלער האָט זיך אומגעקערט אַף דער אייגענער, סאָוועטישער ערד, אָפּגעזוכט אירע לעבנגעבליבענע ברידער, הערשלען און ביניאָמינען, אָנטײלנעמער פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

די מילכאָמע האָט אויך באַ דער דאָזיקער פֿאַמיליע גענומען איר בלוטיקע גאָב — אומגעבראַכט פֿיר מענטשן.

גונדערמאַן רודאָלף.

אין די ערשטע טעג פֿון דער מילכאָמע איז ער פֿרײַוויליק אַרײַנגעטראָטן אין די רייען פֿון דער רויטער אַרמיי און געפֿאַלן אין שלאַכט זומער 1941 יאָר אַפֿן מײַרעוו־פֿראָנט.

דאַווידאָוו אַלעקסיי.

מ. מ. דאַווידאָווא — דער דאָקטער פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים — האָט געהאַט צוויי זין. אַלעקסיי און וואַלערי. די קינדער האָבן געלעבט אין פּוסטאַש באַר, געשפּילט זיך און געוואַקסן אײנײנעם מיט די דערצויגלינגען פֿונעם קינדערהיים, אײנײנעם געגאַנגען אין שול, געזעסן אַף איין פּאַרטע מיט זיי, און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע, ווי פֿיל פֿון די דערצויגלינגען, זײַנען די ברידער וואַלערי און אַלעקסיי אויך אַוועק אין דער רויטער אַרמיי.

וואַלערי ראָזאָוו האָט געדינט אַפֿן ווײַטן מיזרעך, אין דער אַמורער רויטפֿאָניקער פֿלאָטיליע, אָנטײלגענומען אין די ענדגילטיקע שלאַכטן קעגן דער מיליטאַריסטישער יאַפּאָניע און באַפֿרײַט כינע. דערנאָך האָט ער זיך געלערנט אין לענינגראַד, געענדיקט די אַספּיראַנטור, געאַרבעט אין סווערדלאָווסק, איצט איז ער אָנפֿירער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג אין בילדונגס־מיניסטעריום פֿון פּססר. ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע וועגן זײַן ברודער.

אַפֿן פֿראָנט איז אַלעקסיי דאַווידאָוו אַוועק פֿונעם איוואַנאָווער מעדיצינישן אינסטיטוט, פֿונעם צווייטן קורס. ער האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן הינטער סטאַלינגראַד, באַפֿרײַט ווײַסרוסלאַנד, פּוילן, געקעמפֿט אין מיזרעך־פּרײַסן...

עס האָט זיך געענדיקט די מילכאָמע, מאמעס האָבן געוואַרט אַף זייערע זין, נאָר ניט אַלע האָבן זיך דערוואַרט. אין פּאָסטאַש באַר איז אָנגעקומען אַ בריוו, אַדרעסירט דעם דאָקטער פונעם קינדערהיים מ. מ. דאַווידאָוואַן.

דעם בריוו האָט געשריבן איר זונס כאַווער.

„היכגעשעצטע מאַריע מיכײַלאָוונע!

איך ענטפער אַף אײַער בריוו.

דעם 3־טן אַפּרעל, דרײַ אַזייגער באַטאָג, בײַס אַן אַרטילערישער שיסערײַ פון די פײַנט־לעכע שיפן, האָט אַ סנאַריאַד געטראָפן אינעם מעדפּונקט. אַלעקסיי איז געווען שווער פאַר־ווונדעט: פיל שפּליטערס האָבן געטראָפן אינעם ברוסטקאַסטן און אין בויך. איינצײַטיק זײַנען געהאַרגעט געוואָרן פינף מענטשן, דרײַ זײַנען געווען שווער פאַרוווּנדעט, אָן קיין שום האָפע־נונג בלײַבן לעבן. דער שפּליטער, וואָס האָט געטראָפן אַלעקסייען אין בויך, איז געווען אַף אַזוי־פיל קליין, אַז די ערשטע צײַט האָט אַפילע אַרויסגערופן אַ צווייפל צי האָט ער טאַקע געטראָפן. אַלעקסיי איז אַליין דערלאָפן צו אַ צווייטן מעדיצינישן פּונקט, אַ מעטער דרײַ הונדערט, און אַדאַנק זײַן פיזישער אַנטוויקלונג, האָט ער זיך געפילט ניט שלעכט.

איך בין אין דער צײַט געווען אַפן באַאָבאַכטונגס־פּונקט, אַף דער פאָדערשטער ליניע. ווען איך בין געקומען פון דאָרט, האָב איך דערזען דאָס שוידערלעכע בילד און די ערשטע רעגעס אַפילע גאָרנישט ניט געקענט פאַרשטיין.

אַלעקסייען איז טייקעף געגעבן געוואָרן די נייטיקע הילף, און איך האָב אים אָפּגעפירט אין מעדסאַנבאַט. דאָרט האָט מען אים פאַרבײַט דעם פּנעוומאָטאָראַקס, נאָר די לאַפּאַראָטאָמיִע האָט מען ניט געמאַכט, מאַכמעס מע האָט געזאָפּעקט, צי האָט געטראָפן אַ שפּליטער אין בויך. די ערשטע צײַט האָט ער זיך געפילט גאָר ניט שלעכט, האָט גערעדט, דערמאָנט די עלטערן, טאַמאַרען (זײַן ריזשיק) און אַפילע געדיקטעוועט אַ בריוו צו איר.

נאָר דעם 5־טן איז אים געוואָרן ערגער. עס האָט זיך געהעכערט די טעמפּעראַטור, און ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן. פונעם 5 אַפּרעל אַפן זעקסטן, 11 אַזייגער אַפדערנאַכט, איז ער געשטאָרבן. צו קוורע האָט מען אים געבראַכט לעבן דער שטאָט דאַנציק, אינעם באַפעל־קערטן פּונקט פּיליעני (15 קמ. פון שטאָט). אינעם לעצטן וועג האָבן אים באַגלייט זײַנע פרײַנט און דער מעדפּערסאַנאַל פון דיוויזיע. איך האָב איבערגעגעבן אײַער דאַנקבאַרקײַט די מעדיקער, וועלכע האָבן אים געהיילט, אַרומגעגאַנגען אַרום אים. זיי זײַנען אויך זייער באַצאָרנט פונעם שווערן פאַרלוסט און טיילן מיט אײַך אײַער גרויסן ווייטעק.

מײַן נאָמען און פאָטערנאָמען — וועניאַמין לעאָנידאָוויטש. אַליין בין איך פון הינטער גאָרקי. אַפן פראָנט בין איך פונעם 1941 יאָר, פון די ערשטע מילכאָמע־טעג. אין דער היים בין איך אויך ניט געווען פונעם 1939 יאָר. אין דער היים האָב איך אַן אַלטן טאַטן און אַ מאַמע. זיי באַאומרויִקן זיך אויך וועגן מיר...

מיט אַלעקסייען בין איך שטענדיק געווען אינײנעם. אינײנעם געוווינט, געאַרבעט, אויס־געפרוווט אַף זיך און איבערגעלעבט אַלע מילכאָמע־שוועריקײַטן. זיך געטיילט מיט די מײַ־נונגען וועגן פאַרגאַנגענעם, וועגן איצטיקן און געטרוימט וועגן קינפטיקן... ער האָט מיר אַ סאַך דערציילט וועגן איוואַנאַוואָ, וועגן קינדערהיים, וועגן די דערציִיִגלינגען, און וועגן אײַך... וועגן זײַנע פרײַנט פון דער קינדהייט, וועגן מאַריע טיכאָנאָוונען און וועגן זײַן ווײַב — ער האָט זייער ליב געהאַט זײַן ריזשיק.

מיר פלעגן שמועסן אַמאָל אין ערד־שטיבל און אַמאָל, ווען עס פלעגט אויספאַלן אַ שטילע מינוט, ערגעץ אַף די אָנצאָליקע וועגן אונדזערע. מיר האָבן אַלץ געוווּסט איינער וועגן דעם אַנדערן. און אָט, באַם סאַמע שוועל פונעם גליקלעכן טאָג פון זיג, האָט אַזוי טראַגיש זיך אָפּ־געהאַקט דאָס לעבן זײַנס, וואָס האָט אַזוי גליקלעך געדאַרפט זײַן אין דער צוקונפט.

מעגלעך, אַז איך וועל אינגיכן פאָרן אַהיים, אין אָרלוויב, כ'וועל זיך סטאַרען קומען צו אײַך, און דעמלט וועל איך מערער דערציילן וועגן אַלעקסייען.

צום ווידערזען. מיט אַ הייסן גרוס און טיפער אַכטונג

וו. פּאַליאַנסקי. 45 — 17.07".

די פאַרגאַנגענע מילכאָמע האָט אוועקגערויבט מיליאָנען לעבנס, געבראַכט די שוידער־לעכסטע ליידן און צאָרעס פיל־פיל מענטשן פון דער גאָרער וועלט און פאַרשוווּנדן אין פינצ־טערן טהאָם פון ניט־זײַן. נאָר די וווּנדן, וועלכע זי האָט געלאָזט, די קלעפּ, וועלכע זי האָט דערלאַנגט, זײַנען ניט פאַרהיילט געוואָרן, זיי יאַטרען זיך, זיי בלוטיקן אין די הערצער פון מוטערס און פון נאָענטע.

זשאַרסקי פּיאָטער.

זײַן לעצטן בריוו פֿון פֿראָנט האָבן באַקומען אין איוואַנאָוואָ די שוועסטער שאַפּאָטין אין אָנהײב 1942 יאָר פֿון קאַלינינער פֿראָנט... װײַזט אױס, אַז דאָרטן איז אומגעקומען דער יונ־גער פֿוילישער באָכער, דער איוואַנאָווער שלאַכטמאַן.

ניקאָלאַ׳די געאָרג.

אין פּיאָנערישן צימער פֿון דעם שול־אינטערנאַט איז אױף אײנעם פֿון די סטענדן, סאַמע פֿונװײבן, פֿאַראַן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע: יעלענא דמיטריעװנא סטאַסאָװאַ גריסט זיך פֿאַר דער האַנט מיט אַ שװאַרצהאָריק, שמײכלענדיק ייִנגעלע פֿון אַ יאָר צװעלף. דאָס ייִנגעלע הײסט געאָרג ניקאָלאַ׳די. לױטן אױפֿטראָג פֿון די דערציִונגלינגען האָט ער באַגריסט יע. ד. סטאַסאָװען, װעל־כע איז אין יאָר 1934 געקומען צוגאַסט אין פֿוסטאָש באַר, אינעם אינטערנאַציאָנאַלן קינ־דערהײם, װאָס האָט געטראָגן איר נאָמען.

געאָרג איז געבױרן געװאָרן אין גריכנלאַנד, אין אַטען. זײַן פֿאָטער, דער קאָמוניסט יאַניס פּראַרקאַס (קאָוציס), איז העכער זיבן יאָר געזעסן אין טפּיסע. די כאַװײרים האָבן אָרגאַני־זירט אים אַ פֿלײטע, און ער איז געקומען צו פֿאָרן אינעם ראַטנפֿאַרבאַנד. װען אין שפּאַניע האָבן די פֿאַשיסטן אָנגעהױבן זײער בלוטיקן פּוטש און עס האָט זיך אָנגעהױבן די נאַציאָנאַל־באַפֿרײַערישע מילכאָמע, איז דער גריכישער קאָמוניסט אװעקגעפֿאָרן אַהין זיך שלאָגן פֿאַר דער פֿרײַהײַט פֿונעם שפּאַנישן פֿאָלק. אין דער רעפּובליקאַנער אַרמײ איז יאַניס קאָוציס גע־װען קאָמאַנדיר פֿון אַ באַטאַליאָן.

זעקס יאָר האָט געאָרג געלעבט אינעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהײם, געענ־דיקט די שול, אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג, דערנאָך אָנגעקומען אױף אַרבעט אין מעלאַנזש־קאָמבינאַט און פֿאַרגעזעצט די לערע. פֿריִער זיך געלערנט אין אַרבפֿאַק, דערנאָך אינעם איוואַנאָווער טעקסטיל־אינסטיטוט.

אין זײַן אָפּרו־טאָג, זונטיק דעם 22 יוני 1941 יאָר, איז געאָרג געקומען צוגאַסט צו זײַנע כאַװײרים אינעם קינדערהױז, װוּ עס איז דורכגעגאַנגען זײַן קינדהײַט, און דאָ האָט אים געטראָפֿן די שװידערלעכע ידיִע, אַז די היטלעראַװצעס זײַנען אָנגעפֿאַלן אױפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד.

אױפֿן אַנדערן טאָג איז געאָרג געװען אין שטאָטישן מיליטער־קאָמיסאַריאַט און געבעטן, מע זאָל אים נעמען אין די רײען פֿון דער רױטער אַרמײ. נאָר מע האָט אים אָפּגעזאָגט, מאַכמעס ער האָט ניט געהאַט קײן סאָװעטישע בירגערשאַפֿט און דעריבער ניט געקענט זײַן מאָבילי־זירט. ער האָט זיך געװענדט מיט אַ בריוו צו סטאַלינען, דערנאָך צו װאָראָשילאָװן און גע־בעטן העלפֿן אים װערן אַ שלאַכטמאַן פֿון דער רױטער אַרמײ. ער האָט אין זײַנע בריוו גע־שריבן, אַז זײַן פֿאָטער, אַ גריכישער רעװאָליוציאָנער, איז אומגעקומען אין קאַמף קעגן פֿאַ־שיזם, און ער איז מעכױעװ פֿאַרבײַטן אים, קעדײ מיט געװער אין האַנט קעמפֿן פֿאַר דער פֿרײַהײַט, פֿאַר װעלכער דער פֿאָטער האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן. סאָפֿקאָלסאָף איז אָנגעקומען די דערלױבעניש, און דעם 3 יולי 1941 יאָר איז ער, אײנינעם מיט די קאָמוניסטן און קאָמיר־גיסטן פֿון איװאַנאָװער געגנט, אין באַשטאַנד פֿון פֿרײַװיליקע אַװעקגעפֿאָרן אין דער אָפּע־רירנדיקער אַרמײ.

זײַנע פֿרײַנט האָבן דערצײלט, אַז געאָרג האָט צוגעשיקט אין פֿוסטאָש באַר בלױז אײן בריוו, אין װעלכן ער האָט געשריבן װעגן שװערע שלאַכטן, אין װעלכע אים איז אױסגעקור־מען אָנטײלנעמען. אין אַ צװײטן בריוו, װעלכער איז אַדרעסירט געװען צום דירעקטאָר פֿונעם קינדערהײם ט. ז. מאַקאַראָװן, איז מיטגעטײלט געװען, אַז געאָרג ניקאָלאַ׳די איז געװען שװער פֿאַרװוּנדעט און אומגעקומען אין שלאַכט. דעם בריוו האָט אָנגעשריבן אַן איוואַנאָווער טױ־שעװו, װעלכער איז געװען מיט געאָרגן אין אײן ראָטע. ניט געקוקט אױף די פֿילצאָליקע בריוו, אָנפֿראַגן אין פֿאַרשײדענע אינסטאַנצן, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו באַקומען קײן שום צו־גאָבלעכע ידיִעס װעגן געאָרגן.

קאַסאַבאָװ בלאַגאָי.

אין שול־אינטערנאַט, אינעם צימער פֿון שלאַכט־רום, אױף אַ ספּעציִעלן סטענד קאָן מען זען פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון פֿיל דערציִגלינגען פֿונעם קינדערהײם, װעלכע האָבן מיט געװער אין האַנט זיך געשלאָגן קעגן דעם פֿאַשיזם.

אױף אײנער פֿון די פֿאָטאָגראַפֿיעס — דער בולגאַרער באָכער — בלאַגאָי קאַסאַבאָװ. זומער 1942 יאָר איז ער פֿרײַװיליק אַװעק אין דער רױטער אַרמײ.

„איך שיק אײַך מײַן גרוס פֿון טולע, — האָט ער געשריבן אין פֿוסטאָש באַר זײַן מוטער סוּװאָבאָדע און דער שװעסטער לענע, — כ׳האָב באַקומען אײַער בריוו און זיך דערפֿרײט, װאָס בײַ אײַך איז אַלץ, װי געװען, — גוט. איך טראַכט אָפֿט װעגן אײַך, מײַנע טײַערע, און אױך װעגן מײַנע כאַװײרים פֿונעם קינדערהײם. נאָר בענקען איז קײן צײַט ניטאָ. מיר לערנען אַ סאַך, איך לערן אין שול, װאָס גרײט קױלנװאַרפֿלער. ענדיקן װעל איך די שול אין 6—7

כאַדאָשים אַרום. אַלץ וועלן באַשטימען די אומשטענדן אַפן פראָנט, כ׳וועל זײַן אַ לייטענאַנט, אָדער אַ ייִנגערער לייטענאַנט, ס׳וועט זײַן געווענדט פון מײַנע דערפאָלגן אין דער לערע. מיט מיר צוזאַמען לערנען פיל כעווורע פון איוואַנאָוואָ, גוטע כעווורע, מיר זײַנען אַלע באַ־פרײַנדעט...״

אין שפּעטן האַרבסט 1942 יאָר, ווען אין פּאָסטאַש באַר איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי, איז אינעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים אָנגעקומען פון אים דער לעצטער בריוו... ער האָט געשריבן זײַן מוטער: „איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין פּאַכדן, און, ווײַזט אויס, דערפּאַר, האָב איך אַזוי רויק זיך אַ וואָרף געטאָן אין מײַן ערשטן שלאַכט... נאָר פונדעסט־וועגן איז עס שרעקלעך. די מילכאָמע איז גאָרניט אַזוי ראָמאַנטיש, ווי כ׳האָב זיך עס פאָר־געשטעלט אינעם קינדערהיים, צי אַפילע אין טולע... בעהאַדראָגעדיק געוווין איך זיך צו צום פײַפן פון די קוילן און צום הילכן פון די סנאַריאַדן...״

מער קיין בריוו פון אים זײַנען ניט געווען, ערשט פיל שפּעטער האָט איינער פון זײַנע פרײַנט דערציילט בלאַגאָיס מוטער און שוועסטער, אַז סאָף דעקאַבער 1942 יאָר אין די טעג פון פאַרביטערטע סטאַלינגראַדער שלאַכטן איז דער לייטענאַנט בלאַגאָי קאַסאַבאָוו איינינעם מיט אַ גרופּע שלאַכטלײַט אַוועק אין אויסשפּיר.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די אויסשפּירער זיך געפונען אַפן פאָדערגרונט פונעם פײַנטלעכן כאַיל, אָפּמערקנדיק די פײַער־פונקטן, די ערטער, ווו עס געפינט זיך די מיליטערישע טעכניק זייערע, די טראַנשייען... בלאַגאָי האָט זיך אומגעקערט ערשט אינדערפרי, זײַנע כאַווײרים זײַנען אומגעקומען שוין אָף צוריקוועגס... ער איז געווען קאָנטוזיעט, נאָר ניט אַוועק אין האָס־פּיטאַל, און נאָך דעם זעלבן טאָג געפירט זײַן ראָטע אין שלאַכט. דער לייטענאַנט בלאַגאָי קאַסאַבאָוו איז אומגעקומען בײַס אַ באַנאַכטיקער אַטאַקע און איז געבראַכט געוואָרן צו קווורע אין אַ ברודער־קייווער לעבן דעם דאָרף אַרבוזאָווקע. אַפן דענקמאָל, וועלכער איז אופגעשטעלט געוואָרן אין אָנדענק פון די געפאַלענע, איז צווישן אַנדערע נעמען אויסגע־קריצט דער נאָמען פונעם העלדישן זון פונעם בולגאַרישן פאָלק.

פונצול וואַלענטין.

סאָלדאַטישע דרײַעק־בריוו, אויסגעבליאַקעוועטע אינעם לויף פון יאָרן... צוויי אַזעלכע בריוו, אַדרעסירטע אַ כאַווער פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהיים, האָב איך געפונען באַ דער בערלינער אײַנוווינערן, באַ אורזולאַ פאַגעל. אין איינעם פון זײַנע בריוו, פאַרן 10 יול 1944 יאָר, האָט וואַלענטין פונצול געשריבן:

„אַ גרוס, אורזולאַ!

איצט וועסטו שוין דאַרפן שרײַבן מיר לויט אַ נײַעם אַדרעס...

ס׳איז פאַרווירקלעכט געוואָרן מײַן טרוים, און וויאַזוי איך האָב געוואָרט אָף דעם, ווייסטו אויך. הײַנט האָבן מיר באַקומען די שלאַכט־פאָן און געגעבן די שוווע. כ׳האָב ווידער באַקומען נײַע שלאַכטלײַט, ווי דו פאַרשטייסט, — קורסאַנטן.

דעם לערן־באַטאַליאָן האָב איך פאַרלאָזט. איצט איז עס שוין מײַן באַשטענדיקער קאָנ־טינגענט, מיט וועלכן כ׳וועל גיין אין שלאַכט.

וואַרטן איז שוין געבליבן ניט קיין סאַך, אַזויאַרום, אַז אײַער שפּרעיע וועט מיר אויסקו־מען פאָרסירן, מיר וועלן שוין אַ קוק טאָן, ווי טיף זי איז. גוט? און דעמלט וועלן מיר זיך האַלטן אָן אייצע.

ווי האַלט עס מיקויעך דײַן פאָרן צו עריקען? איליוזיע? ניט אַזוי? פאַרשטייט זיך, ס׳איז אַ פאַרדראָס, אָבער ס׳איז אַ פאַקט. נישקאָשע. איינגיכן וועט איר זיך זען, און דו וועסט זײַן גליקלעך.

וואָס הערט זיך באַ אונדז אינעם קינדערהיים? וועלכע נײַס זײַנען דאָ? ווי גייט עס באַ דיר אין היניזיכט פון ליטעראַטור?

און באַ מיר, ווי אַפּצולאָכעס, איז ניטאָ קיין צײַט ניט וואָס לייענען ביכער, אַפילע אַרײַנקוקן אין אַ צײַטונג. די לערע, דאָס הייסט, די צוגרייטונג, סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט...

אָף דעם ענדיק איך מײַן בריוו. עס ווילט זיך גוואַלדיק שלאָפן.

מיט הייסן גרוס —

וואַלענטין״.

אין איינעם פון די אַרכיוון האָב איך אָפּגעזוכט זײַנע בריוו, אַדרעסירטע דעם דירעקטאָר פונעם קינדערהיים ט. ז. מאַקאַראָוו.

אָט איז איין בריוו אַזאַ:

„אַ גרוס איך פונעם וועג, וואָס פירט אָף מײַרעוו.

טימאַפּיי זאַכאַריטש, איך בין אַרויסגעפֿאָרן דעם 15.07.44. אין מאָסקווע בין איך געווען דעם 17 יול. עס האָט זיך מיר איינגעגעבן אַרויסרופֿן מי. מיר האָבן געשמועסט. די שטימונג האָט זיך פֿאַרבעסערט, כאָטש אַזוי פֿאָרן מיר אויך מיט לידער און מוזיק. דער וועטער איז אַן אויסגעצייכנטער, נאָר אַ שאָד, וואָס כ'האָב פֿאַרן פֿאָרן אַריינגעכאַפּט אַ מאַליאַריע־אַטאַקע... אָבער פֿון בעט בין איך אופֿגעשטאַנען און זיך געלאָזט אין וועג. דער וועג פֿון מאָסקווע ביז רזשעוו מאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק. כּורווֹעס אַף כּורווֹעס. פֿון דער ציווילער באַפֿעלקערונג זעט מען בלויז זקיינים און קליינע קינדער. איבעראַהויפּט איז אַ סאַך יעסוימים. מע ציט אויס די הענט און מע בעט: ברויט, זופּ, אַלץ, וואָס מע קען עסן. מיין פּייקע ברויט האָב איך אָפּגעגעבן אינגאַנצן.

הינטער רזשעוו איז שוין פֿיל בעסער. די יוגנט האָט מען פֿונדאַנען נאָר טיילווייז באַוויזן אוועקפֿירן אַף צוואַנג־אַרבעט אין דייטשלאַנד, און ניט ווי פֿון הינטער מאָסקווע — צוגענומען אַלעמען, ביז איינעם. און מיטן עסן איז דאָ לייכטער. נאָר סימאָנים האָט די מילכאָמע געלאָזט אויך דאָ אַף טריט און שריט, איבעראַהויפּט זיינען רוּינירט די אייזנבאַן־וועגן, און לענגאויס די וועגן — געביידן, יישווים...

אַף דעם ענדיק איך מיין בריוו. גיט איבער די האַרציקסטע גרוסן אַלע, אַלע קינדער און די דערציִער. אייער וואַלענטין. 18.04.44״.

דער דויפּעק פֿון דער מילכאָמע האָט געקלאַפּט אין האַרצן פֿון יעדן דערוואַקסענעם און פֿון יעדער קינד. די בריוו, וועלכע פֿלעגן אָנקומען פֿון פֿראָנט, פֿלעגט מען לייענען אינדערהויך, פֿאַר אַלעמען. און דער אומקום, דער טויט פֿון אַ פֿריינט, וועלכער וועט זיך שוין ניט אומקערן אינעם קינדערהויז, איז פֿאַר יעדן איינעם דאָ געווען אַ גרויסער אומגליק. פֿון זיין מוטערס בריוו האָט מען אין פּוסטאָש באַר זיך דערוווּסט, אַז וואַלענטין פּונצול איז אומגעקומען.

14.08.44„

כאָווער דירעקטאָר!

איר האָט דערצויגן מיין זון וואַלענטין פּונצולן. איך מיין, אַז אייך אינטערעסירט זיין גורל. איך טייל אייך מיט די טרויעריקע ידיִע, אַז דעם 11 אויגוסט איז אַפֿן שלאַכטפֿעלד העלדיש אומגעקומען מיין זון וואַלענטין. איך האָב מוירע געהאַט טראַכטן, אַז דער טויט וועט צונעמען בא מיר מיין טייערן זון. איך האָב קיין קויעך ניט באַשרייבן, וואָס איך פֿיל אין דער מינוט און וואָס איך לעב איבער.

גיט איבער זיינע פֿריינט וואַלענטינס לעצטן גרוס. מיט אַ גרוס — זיין מוטער שוויאַקינאַ ז. אי. פֿעלד־פּאָשט 45—28.1.

ראַבאַך עדווין.

זיין לעצטער בריוו, אין וועלכן ער האָט געשריבן וועגן דער לער אין עסטאָנישער מיליטערישער טייל, איז אָנגעקומען פֿון אוראַל, זומער 1942 יאָר, אַדרעסירט איז געווען דער בריוו דער מישפּאָכע שאַפּאַטין.

דער שלאַכטמאַן פֿונעם 8־טן עסטאָנישן שיסער־קאָרפּוס עדווין ראַבאַך איז אומגעקומען אין שלאַכט דעם 30 דעקאַבער 1942 יאָר און געבראַכט געוואָרן צו קווּרע אינעם דאָרף מאַראַכאָווע, קאַלינינער געגנט.

רעמלינג קורט.

ניט לאַנג פֿאַר זיין אומקום האָט ער געשריבן זיין מוטער און דער שוועסטער:

„פֿאַר דעם אַלעמען, פֿאַר וואָס עס האָט זיך געשלאָגן אונדזער טאַטע, קעמף איך אויך — פֿאַר פֿרייהייט, פֿאַר דער ווירדע פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון דייטשלאַנד, פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון דער גאַרער מענטשהייט״. און ווי ער זאָל פֿאַרויסזען, וואָס מיט אים וועט זיין, האָט ער אָנגעשריבן אַזעלכע שורעס: „ווער עס וויל לעבן און קעמפֿן פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון זיין פֿאָלק און פֿון זיין היימלאַנד, וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן״.

דאָ וועט דערציילט ווערן וועגן דעם לעצטן שלאַכט פֿונעם דייטשישן אַנטיפֿאַשיסט:

דעם זונטיקדיקן טאָג פֿונעם 22 יון 1941 יאָר האָט קורט רעמלינג באַגעגנט אין מאָסקווע איינעם מיט דער מוטער און מיט דער שוועסטער. די שוידערלעכע ידיִע וועגן דעם, אַז די היטלעראָווצעס זיינען פֿאַרברעכעריש, גאַזלאָניש אָנגעפֿאַלן אַפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט ער אופֿגענומען מוטיק. יענעם טאָג איז ער טייקעף אוועק אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט. אין עטלעכע טעג אַרום איז קורט רעמלינג אוועקגעפֿאָרן אַפֿן פֿראָנט.

די רעדירנדיקע פּאַרטיזאַנער־גרופּע, אין באַשטאַנד פון וועלכער ער איז געווען, איז איבערגעגאַנגען די פראָנט־ליניע הינטער מאָסקווע אין דער נאַכט פונעם 5 אויפן 6 נאָיאַבער 1941 יאָר.

ס'איז געפאַלן א נאַסער, האַרבסטיקער שניי. די צווייַגן פון די ביימער, דורכויס באַקלעפּטע מיט ווייסן, געדיכטן שפּינוועבס, האָבן די גאַנצע צייַט זיך געוויגט איבער די קעפּ פון מענטשן אפן פאָן פונעם טונקעלן, אָנשטערנדיקן הימל.

ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן... א געדיכטער אַלטער וואַלד איז אַריבער אין א שיטערן אָסינע־וועלדל. די נאַסע ערד האָט זיך ווי געוויגט אונטער די פיס. די שלאַכטלייַט זייַנען געווען אין וועג א גאַנצע נאַכט און שטאַרק פאַרמאַטערט געוואָרן. מיטאַמאָל האָט דאָס וועלדל זיך געענדיקט, און זיי זייַנען שטיין געבליבן אפן ראַנד פון א גרויסער לאָנקע. אין אומאָרדענונג האָבן אינדערוויַיטן געשטאַרצט עטלעכע שוואַרצע דעמבן, און דאָרטן, ווו די לאָנקע האָט זיך פאַרשמאָלערט, אַריבערגייענדיק אין א שטעג, האָט מען געזען א געטעסעט הויז. דאָרט האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע היגע טוישווים מיט קינדער און דעם וואַלד־אויפזעערס פאַמיליע.

דער קאָמאַנדיר האָט געשטעלט עטלעכע וואַך־לייַט אָף דער גאַלעריי, וועלכע האָט זיך געצויגן לענגויס דעם פראָנטאָן פונעם הויז, אָף דער הויך פונעם צווייטן שטאָק.

אייגיכן האָט אינעם געראַמען, באַשלאָגענעם מיט פרישן געהילץ, צימער אפן צווייטן שטאָק פריילעך צעהודעט זיך דאָס פייַער אין אייוועלע, די מידע מענטשן האָבן אַראָפּגע־וואָרפן די פעלצלעך, זיך געזעצט אין א קרייַז, אויסצייַענדיק צו דער וואַרעמקייַט די פאַר־פרוירענע נאַסע פיס. פאַשיסטן!

— צום געווער! — האָט א געשריי געטאָן דער קאָמאַנדיר, געכאַפּט א האַנט־קוילנוואַר־פער און זיך א וואַרף געטאָן צום פענצטער. פון יענער זייַט, ווו עס איז געווען דאָס דאָרף באַגאַיעוואָ, האָט אפן שליאַך זיך באַוויזן א געדיכטע קאָלאָנע היטלעראָווצעס. זיי זייַנען גע־גאַנגען, שטרענג אָפּהיטנדיק די מיליטערישע קלאָלים, און די ערשטע היטלעראָווצעס האָבן שוין א שפּאַן געטאָן אָף דער לאָנקע.

— וואָלאַסאָוו, לוקאַשאָוו, גאַלאָוואָליאָוו — אפן באַלקאָן; קאַרנייענקאָוו, קורלינסקי, רעוור־לינג — צום פענצטער; טולטשינסקי, גאַווריק — נאָך מיר! — האָט באַפוילן דער קאָמאַנדיר. אָף אָנעמען דעם באַשלוס האָט ער געהאַט איין רעגע. און ער האָט אָנגענומען דעם אייִנציק ריכטיקן: — פייַער!

זיבן אויטאָמאַטן און צוויי קוילנוואַרפערס האָבן אייַנצייַטיק א קלאַפּ געטאָן פון דרייַ ערטער. פונעם אומגעריכטן הילך האָבן, דאַכט זיך, א ציטער געטאָן די הילצערנע ווענט פון דער שטוב. דער צימער איז פול געוואָרן מיט בלויעלעכן פּולווער־רויך. דער קלאַפּ איז געווען אַן אומגעריכטער און א דערשיטערנדיקער. עטלעכע צענדליק היטלעראָווצעס, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט דערנענטערט צום הויז, זייַנען אָף א ווייַלע געבליבן געפּלעפט, דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט און אין איין אָטעם זיך געלאָזט לויפן אָף צוריק, הינטער די ביימער. אָף דער לאָנקע זייַנען געבליבן עטלעכע צענדליק פייַנטלעכע סאָלדאַטן.

און מיטאַמאָל — אינעם שטעפּן פון ניט קיין גרויסע קוילנוואַרפער, אינעם קנאַל פון ביקסן־שיסערייַ, אין געשרייען און אינעם טומל פונעם שלאַכט האָט דעם קאָמאַנדירס אויער אויפגעכאַפּט דעם רעגלמעסיקן דראָענדיקן קלאַנג — אפן וואַלד־שטעג האָבן זיך באַוויזן טאַנ־קען. און, ווי א דערמוטיקטע פונעם רויש פון די מאָטאָרן, האָט פונעם וואַלד צום הויז אָפּסנייַ זיך א ריס געטאָן אין אַטאַקע די גרוי־גרינע קייט. די היטלעראָווצעס האָבן איבערגעהאַקט די לאָנקע און זיך דערנענטערט צום הויז אָף א מעהאַלעך עפּשער א מעטער די לענג.

— גראַנאַטעס! — האָט באַפוילן דער קאָמאַנדיר און דער ערשטער א שלייַדער געטאָן צוויי גראַנאַטעס. אין די אַטאַקירטע זייַנען געפלויגן גראַנאַטעס. די ווענט פונעם הויז האָבן אויפ־געציטערט. די לאָנקע האָט בליצשנעל זיך צעהעלט מיט צונטער־רויטע אויפרייַסן.

דער אָנגעגליטער קוילנוואַרפער האָט געציטערט אינעם קאָמאַנדירס הענט. באַנאַנד מיט אים זייַנען געשטאַנען אַלעקסאַנדער קורליאַנסקי און סעמיאָן קאַרנייעַנקאָוו.

און מיטאַמאָל האָט דער קאָמאַנדיר דערפילט, אַז לעבן אים, פון רעכטס, איז געוואָרן פוסט. ער האָט זיך אומגעקוקט. אַלעקסאַנדער קורליאַנסקי איז געלעגן אפן דיל, ברייט צע־וואָרפן די הענט, און אָף דער ברוסט איז אַלץ מער צעשווומען זיך א טונקעלער בלוטיקער פלעק. צום פאַרווונדעטן האָט זיך א וואָרף געטאָן א פרוי און אָנגעהויבן באַנדאַזשירן.

— שלאָג די אויסוורפן! — דער קאָמאַנדיר איז ווידער צוגעפאַלן צום קוילנוואַרפער. ערגעץ ווייַט אָף דער לאָנקע האָבן זיך באַוויזן צוויי לייַכטע טאַנקען. די שיסערייַ האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט, און אין דער פלוצעמדיקער שטילקייַט האָט זיך צעהילכט דער באַפעל פונעם דייַטשישן אָפיצער:

— זיי ווילן אונטערצינדן דאָס הויז, — האָט אַ געשריי געטאָן קורט רעמלינג, — ער האָט באַפוילן ניט שיסן. זיי ווילן אונדז נעמען לעבעדיקערהייט...

די טאַנקען האָבן שוין אויסגעקערעוועט די טורעמס, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך אָנגעצילט גלײַך די שלאַכטלײַט אין די פּנימער.

— אַלע אַראָפּ!

די פּאַרטיזאַנער זײַנען שטיין געבליבן בײַ דער טיר.

— מיר וועלן זיך סטאַרען דורכרײַסן! נאָך מיר! — מיטן פּוס האָט דער קאָמאַנדיר צע־פּראַלט די טיר און אַרויסגעלאָפן אַף דער לאָנקע. הינטער אים, אין געדיכטע סטויפן פײַער און גראַנאַטן־אויפרײַסן זײַנען געלאָפן די איבעריקע. מעוווּלוול געוואָרענע פון דער אומגע־ריכטער דרייסטקײַט, האָבן די היטלעראָווצעס אַף אַ רעגע זיך פאַרלוירן. און דאָס איז געווען גענוג, קעדיי אַפּראַמען פונעם שליאַך יענע, וועלכע זײַנען געווען נאָענט, און זיך דערקלײַבן אין וואַלד. דער סוינע האָט געשאָסן פון רעכטס, ווו עס זײַנען געווען די טאַנקען.

קורט רעמלינג איז געלאָפן באַנאַנד מיטן קאָמאַנדיר. מיטאַמאָל האָט ער אַ געשריי געטאָן, אַרויסגעלאָזט דעם אויטאָמאַט און געפאַלן אַף דער ערד.

די קויל האָט אים געטראָפן אין שלייף.

אין אָקטיאַבער 1970 יאָר האָט די סאָוועטישע וואַכנשריפט „נעדיעליא" צום ערשטן מאָל דערציילט די לייענער וועגן קורט רעמלינגס און אַלעקסאַנדער קורליאַנסקיס לעצטער שלאַכט. מײַנע זוכעניש האָבן פאַרגעזעצט די רויטע שפּורנפאָרשער. פּיאָנערן און קאָמיוגיסטן פון דער קאַליובאַקינער מיטעלער שול האָבן אַנטפּלעקט נאָך איין סאָד פון דער פאַרגאַנגע־נער מילכאָמע, זיי האָבן געפונען אַן איידעס פון די באַשריבענע געשעעניש.

פּיאָטער אַרכיפּאָוויטש אָסיפּאָוו איז אינעם 1941 אַלט געווען פופצן יאָר. און כאָטש זינט יענעם טאָג איז שוין דורך העכער דרײַ צענדליק יאָר, האָט דער זון פונעם באַגאַיעווער וואַלד־אויפזעער גוט פאַרגעדענקט יענעם טאָג...

— אונדזער מישפּאָכע האָט זיך באַהאַלטן פון די פאַשיסטן אין אַ וואַלד־שטוב, — דער־ציילט פּיאָטער אַרכיפּאָוויטש, — איינמאָל, אינדערפרי, אין נאָיאַבער כוידעש, זײַנען אַהער געקומען אַ מענטשן צוואַנציק, אונדזערע. צווישן זיי זײַנען געווען עטלעכע פרויען. אָנגעטאָן זײַנען זיי געווען אין ציווילע מאַלבושים, און מיר האָבן ניט געוווּסט, ווער זיי זײַנען. מידע זײַנען זיי געווען, אין דורכגענעצטע שיך און קליידער. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן זיך אָפּרוען און אויסטריקענען אַף זיך דאָס אָנטאָן. זיי זײַנען אַרײַן אין שטוב.

מיטאַמאָל, אין אַ מינוט 10—15 אַרום, האָבן אַף דער לאָנקע זיך באַוויזן דײַטשן. עפּעס אַ מיליטערישע טייל האָט זיך באַוועגט מיטן אַלטן וועג, דורכן וואַלד, אַף רוזע... ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט, בין איך אַנטלאָפן, און זיך אומגעקערט, ווען די שיסערײַ האָט אויפגעהערט, ווען ס'איז געוואָרן שטיל. לעבן שטוב זײַנען געלעגן אונדזערע צוויי דער־הארגעטע, די גאַנצע לאָנקע איז געווען פול מיט די דײַטשישע סאָלדאַטן. אַ מענטשן דרײַ הונדערט זײַנען זיי געווען. די פאַשיסטן האָבן אַרומגענישטערט דאָס גאַנצע הויז, נאָר גאָר־נישט ניט געפונען, כאָטש אין קעלער בײַ אונדז זײַנען געווען פאַרבאַהאַלטן פּראָדוקטן פאַר די היגע פּאַרטיזאַנער. אונדזער מישפּאָכע האָט זיי געהאָלפן. כאָטש די פאַשיסטן האָבן בײַ אונדז גאָרנישט ניט געפונען, דאָך האָבן זיי דעם טאַטן, די מאַמע, די שוועסטער און מיך מיטן ברודער אַרעסטירט און אַוועקגעפירט ערגעץ. מע האָט אונדז געבראַכט צו פירן אין שכײַ־נישן דאָרף און דאָרט פאַרשפּאַרט אין אַ קעלער. אינגיכן האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי, די פאַשיסטן האָבן געהאַט דײַגעס אָן אונדז אויך, און מיר זײַנען פון אונטער דער וואַך זייערער אַנטלאָפן...

ווען איך מיטן ברודער האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, זײַנען נאָך די געהאַרגעטע גע־לעגן אַף דער לאָנקע. מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב אין וואַלד און געבראַכט זיי צו קווורע. דעמלט האָבן מיר נאָך זייערע נעמען ניט געוווּסט.

דער סאָוועטישער שלאַכטמאַן און דער דײַטשישער אַנטיפאַשיסט האָבן געקעמפט בײַ־נאַנד, אומגעקומען אין איין שלאַכט און מעקאַבער איז מען זיי געווען אין איין קייווער.

אַ רוסישער און אַ דײַטש.

שלאַכט־כאַווײרים.

צוזאַמען מיט פּיאָטער אַרכיפּאָוויטשן זײַנען די רויטע שפּורנזוכער געווען אַף יענעם אָרט, ווו עס איז פאָרגעקומען די שלאַכט. זיי האָבן געפונען אַלעקסאַנדער קורליאַנסקיס און קורט רעמינגס קייווער. אַפן קייווער האָבן זיי געלייגט קווייטן.

די קאָמיוגיסטן און פֿיאַנערן פֿון דער קאַליובאַקינער שול, פֿונעם רוזער ראַיאָן, מאָסקווער געגנט, האָבן געשטעלט אַ דענקמאָל אויף קייווער פֿון די העלדן, אויסגעהאַקט אויף שוואַרצן גראַניט זייערע נעמען און אויך געשאַפֿן אַ מוזיי, וועלכער דערציילט וועגן די שלאַכטלײַט. איינער פֿון די שולן אין בערלין איז צוגעייגנט קורט רעמלינגס נאָמען.

די נעמען פֿון די אומגעקומענע היטן אין זיקאָרן די לעבנגעבליבענע.

דעם 8 מײַ 1977 יאָר האָבן די אָפֿיצערן פֿון איינער פֿון די מיליטערישע טיילן פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאָלקס־אַרמיי פֿון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק זיך אויסגעשטעלט אויף פּלאַץ. אַנטקעגן, בײַ דער שטיינערנער וואַנט פֿונעם דענקמאָל מיט קורט רעמלינגס בראָנזע־באַרעליעף — אַן ערן־קאַראָול — צוויי סאָלדאַטן מיט געווער אין די הענט.

עס ווערט געגעבן דער ראַפּאָרט.

די פֿרײַנט און די קרוויים פֿונעם אַנטיפֿאַשיסט לייגן צופֿוסנס פֿונעם דענקמאָל לעבעדיקע קוויטן.

עס טרעט אַרויס דער פּאָדפּאָלקאָווניק פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאָלקס־אַרמיי אין דעמיסיע אַלפֿרעד קענען.

— מײַן ביאָגראַפֿיע איז אין פֿיל פּראַטים ענלעך אַף קורט רעמלינגס ביאָגראַפֿיע, וועמעס נאָמען עס טראָגט אונדזער מיליטערישע טייל, — האָט ער געזאָגט, — אונדזער פֿאָטער, בערנאַרד קענען, האָבן די אַרבעטער פֿון גאַללע אין די צוואַנציקער יאָרן גערופֿן „דער רויטער ראַטגעבער". אויך אַזוי ווי קורט רעמלינג, — האָט דערציילט די סאָלדאַטן פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאָלקס־אַרמיי אַלפֿרעד קענען, — האָב איך מיט מײַן ברודער וויקטאָר זיך דערצויגן אינעם איוואַנאָווער אינטערנאַציאָנאַלן קינדערהויז אַף יע. ד. סטאַסאָוועס נאָמען, וווּ מע האָט זייער גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס הייסט די פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט. דערנאָך האָבן מיר זיך געלערנט אין מאָסקווע, אין שול, וועלכע האָט געטראָגן קאַרל ליבקנעכטס נאָמען, מיר האָבן געענדיקט אַ פֿאַבזאַוושול בײַ אַ מאָסקווער אוטאָמאָביל־זאַוואָד, דערנאָך געווען שלאָסער אויף זאַוואָד און דאָרט אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג.

ווען די היטלעראָווצעס זײַנען אָנגעפֿאַלן אויף ראַטנפֿאַרבאַנד, בין איך מיט וויקטאָרן אינעם ערשטן מילכאָמע־טאָג געקומען אינעם זאַוואָדישן קאָמיטעט פֿון קאָמיוג און געבעטן, מע זאָל אונדז שיקן אויף פֿראָנט. מיר זײַנען אַוועק אין דער רויטער אַרמיי קעגן דעם פֿאַשיזם, פֿאַר אַ נײַעם, פֿרײַען, סאָציאַליסטישן דײַטשלאַנד.

וויקטאָר קענען איז געפֿאַלן אין שלאַכט אין אָנהייב 1942 יאָר אַף דער פּוילישער ערד.

אַלפֿרעד קענען האָט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן הינטער מאָסקווע, דערנאָך אינעם סויגעס הינטערלאַנד, אין די וועלדער אַרום בריאַנסק אין באַשטאַנד פֿון אַ פּאַרטיזאַנער פֿאַרייניקונג. אין איינעם פֿון די שלאַכטן איז ער געווען שווער פֿאַרוווּנדעט. נאָך דעם, ווי מע האָט אים לאַנג געהיילט אין האָספּיטאַלן, האָט ער זיך ווידער אומגעקערט אין די קעמפֿנדיקע רייען, נאָר ער האָט באַקומען אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אין דער אַנטיפֿאַשיסטישער שול אינעם טאַליצקער לאַגער פֿון די דײַטשישע קריגסגעפֿאַנגענע. דאָ האָט אַלפֿרעד זיך באַגעגנט מיט זײַנע עלטערן, מיט בערנאַרדן און פֿרידע קענען. זיי האָבן אינאיינעם געקעמפֿט און געהאָרעוועט אַף אַ וויכטיקן באַצירק שוין ניט אַף דער מילכאָמע — אינעם סאָוועטישן טאָגטעגלעכן לעבן: זיי האָבן געהאָלפֿן די דײַטשן, וועלכע עס האָט פֿאַרפֿירט, אָפּגענאַרט דער נאַציזם, דעראָבערן רעכט ווידער אָנגערופֿן ווערן מענטשן.

שיוטץ גוסטאַוו.

זײַן טאַטע, אַ קעניגסבערגער אויטאָמעכאַניקער וואַלטער שיוטץ, איז געווען דער פֿאַרזיצער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון מיזרעך־פּרײַסן, אַ דעפּוטאַט פֿונעם רײַכסטאַג. די היגע נאַציסטן האָבן לאַנג געטרוימט אומברענגען אים.

דעם 29 מאַרט 1933 יאָר האָבן די פֿאַשיסטישע שטורמאָוויקעס זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן שטוב און אין דער אָנוועזנהײַט פֿון דעם ווײַב און דעם זון אַכזאָריש דערהאַרגעט וואַלטער שיוטצן. זיי האָבן אַרעסטירט זײַן ווײַב, עליזען, נאָר אַדאַנק די אַנטשיידענע טאַטן פֿון די אויפֿגעבראַכטע קעניגסבערגער אַרבעטער, וועלכע האָבן פֿאַרטיידיקט די מישפּאָכע פֿון זייער ליבלינג, איז די מאַכט געצוווּנגען געווען אין דרײַ טעג אַרום באַפֿרײַען עליזען. לויט דער באַשטימונג פֿון דער אָנפֿירונג פֿון דער ק.פּ.ד. פֿאַרלאָזן דײַטשלאַנד עליזע שיוטץ מיטן זון גוסטאַוו.

אין פּאַריזש, לאָנדאָן, בריוסעל, אַמסטערדאַם, קאָפּענהאַגן, סטאָקהאָלם, אַף מיטינגען, פֿאַרזאַמלונגען, אין רעדאַקציעס פֿון צײַטונגען — אומעטום דערציילט די אַלמאָנע פֿונעם דערהאַרגעטן קאָמוניסט דעם עמעס וועגן דײַטשלאַנד, ווו עס באַלעבאַטעווען די נאַציסטן און פֿאַשיסטישע שטורמאָוויקעס.

עליזע שיוטץ מיטן זון קומען צו פאָרן אין לענינגראד און דערנאָך אין מאָסקווע... אין איר אווטאָביאָגראפיע טיילט מיט זײַן מוטער: „ביזן 1936 יאָר האָט מײַן זון זיך געפונען אינעם אינטערנאַציאָנאלן קינדערהויז אין דער שטאָט איוואנאָוואָ. פון אווגוסט 1936 יאָר ביז אווגוסט 1939 יאָר האָט ער געוווינט אינײנעם מיט מיר און זיך געלערנט אין דער מאָסקווער צעניאָריקער ספּעציאַליזירטער ארטילעריע־שול. פון אווגוסט 1939 יאָר איז ער געווען א קורסאנט פון דער לענינגראדער 2־טער ארטילעריע־שול...”

די נאָטיצן, וועלכע איך האָב געפונען אין ארכיוו, זײַנען געמאכט געוואָרן דעם 16 דעקאבער 1940 יאָר, ניט לאנג פאָרן אָנהייב פון דער מילכאָמע, וועלכע עס האָבן אָנגעהויבן די נאציסטישע פירער קעגן דעם ראטנפארבאנד.

די יעדיעס וועגן דעם ווײַטערדיקן גוירל פונעם געוועזענעם דערצויגלינג פונעם אינטערנאַציאָנאלן קינדערהיים זײַנען קנאפּע און לאַקאָנישע. אין דיסקאָנט־קארטל, וועלכער ווערט פארהיט אינעם שוץ־מיניסטעריום פון פססר, איז פארשריבן: „שיוטץ גוסטאוו וואלטעראָוויטש. געבוירן אין שטאָט קעניגסבערג אינעם 1920 יאָר. א דײַטש. א מיטגליד פון קאָמיוג. אין דער רויטער ארמיי פונעם 1939 יאָר. געענדיקט די לענינגראדער ארטילעריע־שול אינעם 1941 יאָר. לויטן באפעל, איבערן צאָפּן־פראָנט נומ. 0050 פונעם 21 יול 1941 איז אים צוגעײגנט דער מיליטערישער טיטל „לייטענאנט”. פארעכנט אינעם רעשוס פונעם מיליטערישן ראט פונעם באזונדערן קיעווער קרײַז. פון דעקאבער 1941 יאָר איז וועגן אים ניטאָ קיין שום יעדיעס”.

אָט דאָס איז אינגאנצן. אינגאנצן, וואָס עס איז דערוויַיל באוווּסט וועגן דעם גוירל פונעם דײַטשישן באָכער, דעם סאָוועטישן קאָמיוגיסט, וועלכער האָט שרעקלאָז א שפּאן געטאָן אינעם מילכאָמע־געווירבל. גאָר ניט קיין סאך.

ווי ניט קיין סאך עס איז באוווּסט וועגן טויזנטער אנדערע, אומגעקומענע פאר דער פרײַהײַט פונעם היימלאנד, פארן זיג איבערן פאשיזם.

אײַזענשנײַדער עלווירע.

א שלאכטמאן פון דער רויטער ארמיי, זי איז אומגעקומען אין דײַטשלאנד, באפרײַענדיק איר לאנד פונעם פאשיזם.

זיי האָבן אלע געטרוימט זיך אומקערן צוריק... צו יענע, וועמען מע האָט געלאָזט אין דער היים, אינעם היימלאנד, וואָס מע האָט פארלאָזט אויסער דעם אייגענעם ווילן, זיי האָבן געוואָלט זיך אומקערן צו די נאָענטע און ליבע, צו כאווײרים און פרײַנט.

נאָר זיי האָבן זיך ניט אומגעקערט.

זיבעצן זײַנען זיי געווען, יענע, וועלכע האָבן זיך ניט אומגעקערט צוריק פון דער מילכאָמע.

מע געדענקט וועגן זיי, מע קען זיי דאָ, בא אונדז אינעם הויז אף דער רויטער טאלקע. דער דירעקטאָר פונעם אינטערנאט באָריס דמיטריעוויטש מאקאראָוו האָט געענדיקט זײַן ארויסטרעטונג, און אינעם זאל האָבן ווידער זיך צעשאלט שורעס פונעם „רעקוויעם”:

געדענקט!
אין יאָרן ארום,
אין יאָרהונדערטער, —
געדענקט!
וועגן יענע,
וואָס וועלן ניט קומען שוין מער,
געדענקט!
און וויינט ניט!
די זיפצן
אין האלדז דערשטיקט,
די ביטערע זיפצן.
דעם אָנדענק
זײַט ווערט
פון געפאלענע העלדן
איז קריג!

די שווארצהויטיקע דערצויגלינגען — קינדער פון אפריקאנער און לאטײַן־אמעריקאנער רעוואָליוציאָנערן, מיט רויטע האלדזטיכלעך אף דער ברוסט זײַנען פײַערלעך געבליבן שטיין לעבן דער מעמאָריאַל־ברעט אין וועסטיביול.

די נעמען, ארויסגעריסענע פונעם ניט־זײַן, זײַנען מיט גאָלד אויסגעקריצט אף א גרויער מאַרמאָר־ברעט.

ייִדיש — דאָ ר ע כ ײַ ק י נ ע

ווערק פון אויסלענדישע שרייבער



„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט שוין אין די פאַרגאַנגענע יאָרן געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערציילן די לייענער וועגן דעם, אַז אין ענגלאַנד, ווו די אַסימיליאַציע אין דעם 400—500־טויזנטקעפּיקן ייִדישן ייִשעוו איז אַן אַלץ אַרומכאַפּנדיקע און ווו ניט מיצאַד דער רעגירונג, ניט מיצאַד די ציוניסטישע קערפּערשאַפטן ווערט גאָרניט געטאָן אין געביט פון ייִדישער קולטור און ליטעראַטור, — דאָרט האָט זיך אַלפּי־נעס פאַרהיט אַ ניט גרויסע צאָל אידעאַליסטן־שריפטשטעלער, וועלכע באַוווּנדערן מאַמעש מיט זייער איינגעשפּאַרטקייט באַם ציִען וויַיטער דעם פאָדעם פון די עמיגראַנטישע ווײַטשעפּל־צײַטן.

אינעם לעצטן נומער (483) פון דער ליטעראַרישער שריפט „לאָשן און לעבן", וועלכע ווערט צונויפגעשטעלט, רעדאַגירט און פאַרקויפט דורך איין מענטשן, דעם „דאָן־קיכאָט פונעם ייִדישן וואָרט" אין לאָנדאָן א. נ. שטענצל, האָבן מיר דורכגעלייענט טיף רירנדיקע וואָרענונגס־ווערטער, וועלכע שליסן דאָס העפטל:

„כ'האָב שוין געמיינט, אַז דער פאָריקער נומער „לאָשן און לעבן" וועט מער ניט אַרויס. גאָט איז אַ גוטער, און איך גרייט שוין צו דעם איצטיקן, דעם 483־טן נומער אין פערציקסטן יאָרגאַנג „לאָשן און לעבן". דער ערשטער נומער איז אַרויס אין טישרע 1940, ווען די דײַטשישע באָמבעס זײַנען גאַנצע טעג געפאַלן איבער די גאַסן און געסלעך פון ווײַטשעפּל. דער ערשטער נומער איז אַרויס און אָף איין מאַסן־פאַרזאַמלונג איינגאַנצן אויספאַרקויפט געוואָרן"...

ווײַטער דערציילט א. נ. שטענצל וועגן דעם איצטיקן מאַצעוו פונעם זשורנאַל, וואָס דערשײַנט אָף 40 זײַטלעך פון אַ פערטל־פאָרמאַט: „אין די לעצטע 3־4 יאָר — שוין אַ פערטליאָר־שריפט, און די לעצטע צוויי נומערן — שוין זעקסכאָדאָשימדיקע. ניט די לייענער זײַנען דאָ, ניט דער ראָוו מיטאַרבעטער... דער לעצטער נומער איז טאַקע אַרויס, אָבער מער ווי אַ העלפט איז ליגן געבליבן"...

טאַקע פון אָט דעם לעצטן נומער פון „לאָשן און לעבן" דרוקן מיר איבער א. נ. שטענצלס עטלעכע לידער.

א. נ. שטענצל

ווי דער גאַסן־קערער פון מײַן געסל

און אַז כ'וועל שוין שרײַבן נאָך אַ לידל,
אַ ליבּ צו דער וועלט, צי גאָר אַ זידל,
די זעלבע, ווי ז'איז, זי וועט שוין בלײַבן,
וואָסער שיינע ווערטער ניט צוקלײַבן.

וויפל ער זאָל ניט קערן און קערן
ס'מיסט, אַלץ קעסיידער וועט ווידערקערן,
און ער אין האַנט מיט בעזעם וועט בלײַבן —
ס'נעמלעכע, נעבעך, אויך מיט שרײַבן.

— — — — — — — — — — — — — — —

און דעריבער, וואָס איז גרויס דער כילעק,
צו אַלעם איך בין שוין גרייט און וויליק —
ניט דערגיין שוין פון וועלט אַ סאַך מערער
ווי אינעם דרויסן דער גאַסן־קערער.

וואָס זשע וויל מען דען מיטן לידל,
אַמאָל מיט געבעט, אַמאָל מיט זידל —
אַז אין דער וועלט אַ ביסל בעסער זאָל ווערן,
מערער סימכע און ווייניקער טרערן.

מאמע־לאָשן

נו, מיילע, מע ווארט שוין אַפּ,
די יערושע אײַנצוטיילן,
אָבער ווען מע זוכט ס׳קניפּל
אונטערן קאָפּן־קישן —
די טיפע ווונד ווער קאָן היילן?

ליגט זי אין איר ווײ־און־ווינד,
אירע אויגן פול מיט טרערן:
„ווען איך וועל גאנץ שוין טויט זײַן,
וואָס פאר א מיני־מענטשן
מײַנע קינדער וועלן דעמלט ווערן?״

„קינדערלעך מײַנע ליבע,
וואָס א מאמע מוז דערלעבן!
גאָטעניו שטארקער, טײַערער,
אלצדינג א מאמע־הארץ
מויכל זײַן וועט און פארגעבן״...

מוז מען ערשט ווערטער האָבן,
פארשטיין מ׳קאָן זיך מיט די אויגן.
„זײַנען דאָס מײַנע קינדער,
מיט מײַן הארץ־בלוט זיי געזויגן?״
צו דער וואנט זי דרייט זיך אויס.

ניט מאַסעג צו זײַן

אזא ליכטיקער הארבסט־טאָג,
דער הימל שפּיגלדיק ריין,
און איך, כאָטש זעץ זיך אף א
שטיין איינער אליין און וויין.

און אז ריידן איז צו זיך
און מיך אליין ניט פארשטיין —
מײַן הארץ אן אומרו־זייגער,
אָט־אָט הערט ער אויף צו גיין.

איך קוק ארוף צו דער זון,
און קאָן עס קוים מאַסעג זײַן:

ווי אזא שטיל־צעשטראַלטע,
איבער דער וועלט זי קאָן שטיין.

און יעדער איינער פון אונדז,
ער קוקט נאָר פאר זיך אליין,
און די גאנצע וועלט ארום
קאָן כאָטש און מעג אונטערגיין.

אזא ליכטיקער הארבסט־טאָג,
ווונדערלעכער זון־פארגיין!
מוז דאָך פאָרט אזוינס דאָך זײַן,
וואָס מיר קאָנען קוים פארשטיין.

מיר ענטפערן אויף פראַגעס פון אונדזערע לייענער

כאַשעווע רעדאַקציע! וועגן דעם פילם „האָלאָקאוסט”, וואָס איז געווידמעט דער אויסראָטונג פון ייִדן אין די צײַטן פון דער היטלערישער הערשונג, האָט מען זייער א סאַך געשריבן אין די צײַטונגען, און איך טראַכט, אז פונקט איצט, ווען עס ווערט 40 יאָר, זינט די פאַשיסטן זײַנען אָנגעפאַלן אויף אונדזער היימלאַנד, איז קעדײַ אַרײַנקוקן אין דער הײַנטיקער צײַט דורך די שילדערונגען פון „האָלאָקאוסט”. די פראַגע, מיט וועלכער איך וויל זיך צו אײַך ווענדן, איז אַזאַ: דעם דאָזיקן פילם האָט מען ניט לאַנג צוריק באַוויזן אין די אייראָפּעיִשע לענדער, ווו די שוידערלעכע געשעענישן זײַנען פאָרלאָפן, מיג האָט אים באַוויזן אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד. עס קאָן ניט זײַן, אַז די דײַטשישע צושויער זאָלן אים אויפנעמען מיט א רויִק געמיט. עפּשער קאָנט איר אונדז וועגן דעם דערציילן?

לאָרע פייגינע (מאָסקווע)

פון רעדאַקציע. מיר ברענגען אַרויסזאָגונגען וועגן אָט דער פראַגע, וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט אין דער אייראָפּעיִשער פרעסע.

א פילם וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט, וועלכער רעדט צום געוויסן פון די הײַנטיקע דורות

פרעסע־איבערזיכט

דער אַמעריקאַנער טעלעוויזיע־פילם „האָלאָקאוסט”, וועלכער איז דעמאָנסטרירט געוואָרן אין דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק דערנאָך אין אַנדערע מײַרעוו־אייראָפּעיִשע לענדער, האָט אַרויסגערופן א דיסקוסיע, וואָס געדויערט שוין לאַנגע כאַדאָשים. דער פילם „האָלאָקאוסט” דערציילט וועגן דעם טראַגישן גורל פון א ייִדיש געזינד, וואָס קימאַט אַלע זײַנע מיטגלידער זײַנען אומגעקומען פון די הענט פון די היטלעריסטן. די פּראָגרעסיווע פרעסע האָט אָנגעוויזן אויף ערנסטע פעלערן אינעם פילם און אויף דער טענדענציעזקײַט פון זײַנע אויטאָרן. „האָלאָקאוסט” זאָגט קיין איין וואָרט ניט וועגן די סיבעס, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם אויפקום פונעם פאַשיזם, ער פאַרשווײַגט, אַז די קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם זײַנען געווען ניט בלויז ייִדן, נאָר אויך פיל מיליאָנען מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, ער גיט א פאַרקריפּלט בילד וועגן דעם אַנטיפאַשיסטישן ווידערשטאַנד.

אין דער זעלבער צײַט אָבער זײַנען מיליאָנען טעלעוויזיע־צושויער געווען דערשיטערט פון דעם, וואָס זיי האָבן געזען, און דאָס האָט זיי געצווונגען צו פאַרטראַכטן זיך, וואָס מע דאַרף טאָן, קעדיי די שוידערלעכע פאַרגאַנגענהײַט זאָל זיך ניט איבערכאַזערן.

מער ווי 20 מיליאָן בירגער פון מײַרעוו־דײַטשלאַנד האָבן געקוקט „האָלאָקאוסט”. דער פילם, וואָס דערציילט וועגן דעם מאַסן־מאָרד פון די ייִדן, איז די טעמע נומ. 1 פון אַלע געשפּרעכן. אין די רעדאַקציעס פון די טעלעסטודיעס האָבן 30 טויזנט מאָל געקלונגען די טעלעפאָנען. די מערהײַט האָבן מיטגעטיילט, אַז זיי זײַנען איבעראַשט פון דעם, וואָס זיי האָבן געזען.

דער טעלעפילם, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אינעם סקאַרבאָוון נוסעך פון האָליוווד, האָט אָפּגעטאָן דאָס, וואָס עס האָט אין מעשעך פון יאָרצענדליקער נאָך דער מילכאָמע זיך ניט אײַנגעגעבן אָפּצוטאָן די הונדערטער ביכער, פּיעסן, קינאָ־פילמען און טעלעוויזיע־טראַנסליאַציעס, טויזנטער דאָקומענטן און אַלע געריכט־

פּראָצעסן איבער די נאַציסטן. דער פילם האָט דערציילט די דײַטשן וועגן די פאַרברעכנס, וועלכע זײַנען באַגאַנגען געוואָרן אין זייער נאָמען קעגן די ייִדן, דערציילט אין אַזאַ שפּראַך, אַז מיליאָנען צושויער זײַנען געוואָרן דערשיטערט. באַם טאַליען אין שטוב האָט מען צום ערשטן מאָל גענומען ריידן וועגן אַ שטריק.

עס זײַנען אַרויס פון די קיילים (און ווי האָט דאָס געקאָנט אַנדערש זײַן!) אויך די נעאָנאַציסטן. נאָך מיט עטלעכע וואָכן פריִער, איידער מע האָט אָנגעהויבן דעמאָנסטרירן דעם טעלעפילם, האָבן זיך געהערט אַנאָנימע דראָונגען, דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנקרעטע אַקציעס: אַ פּאַקעט אופרײַס־מאַטעריאַל פון 10 קילאָגראַם די וואָג האָט כאָרעוו געמאַכט די פאַרבינדונגס־ליניע, וואָס פירט צו דער טראַנסליאַציע־סטאַנציע אין וואַלדעש, לעבן קאָבלענץ, און אין דער ראַדיִאָסטאַנציע אין נאָטולן, הינטער מיונסטער, האָט אַ באָמבע קאַליע געמאַכט דעם אַנטענע־קאַבעל.

ערשט ניט לאַנג צוריק האָט דאָס אויסלענדישע וואָרט „האָלאָקאָוסט”, וואָס באַשטייט פון צוויי גריכישע ווערטער — „האָלאָס” („פולשטענדיק, ניט איבערלאָזנדיק קיין שפּור”) און „קאַוסטאָס” („פאַרברענט”) — געקלונגען פאַר די דײַטשן פרעמד, אָבער ווי נאָר דער פילם איז באַוויזן געוואָרן אין דער טעלעוויזיע, האָבן דאָס וואָרט „האָלאָקאָוסט” איבערגעכאַזערט שוין אַלע, אַפילו דער קאַנצלער העלמוט שמידט און דער פאָרזיצער פונעם קריסטלעך־דעמאָקראַטישן פאַרבאַנד העלמוט קאָל — זיי האָבן דאָס דאָזיקע וואָרט באַנוצט אין גאַנג פון דער פּאַרלאַמענט־דיסקוסיע.

ווי אין די צײַטן, ווען מע פלעגט אָף די בלויע עקראַנען באַווײַזן אַ מערדער, וואָס דערשטיקט זײַנע קאָרבאָנעס מיט אַ האַלדזטוך, צי ווי איצט בײַס די פוטבאָל־טשעמפּיִאָנען פון אַ וועלט־כאַראַקטער, האָבן די מײַרעוו־דײַטשישע צושויער אַ וואָך נאָכאַנאַנד, פון מאָנטיק ביז פרײַטיק, פון 8 אַזייגער אין אָוונט און ווײַט ביז נאָך האַלב־נאַכט אָנגעשטרענגט נאָכגעפאָרשט נאָך דער קאַריער פונעם (אויסגעטראַכטן) אָבערשטורמבאַנפיורער פון עסעס עריק דאָרף און נאָכן גורל פונעם ייִדישן געזינד פון דעם דאָקטער ווײַס (אויך אויסגעטראַכט), וואָס איז קימאַט פולשטענדיק געפאַלן אַלס קאָרבן פון דער אַקוראַט אָפּגערעגולירטער טויט־מאַשין.

מיט עטלעכע טעג פריִער, איידער מע האָט אָנגעהויבן דעמאָנסטרירן דעם פילם „האָלאָקאָוסט”, האָט אין פּשאַ אַ פאָרשטייער פון דער טעלעוויזיע־קאָמפּאַניע „ען־בי־סי” קאָנסטאַטירט מיט באַדויערונג: „אונדזער בילד האָט ניט דעם טראַדיציאָנעלן העפּי־ענד (גליקלעכן סאָף). אָט וואָס מיך באַאומרויִקט”. אַ גליקלעכער אָנהייב איז אָבער גראָד יאָ פאַראַן. דאָס איז די פריילעכע כאַסענע פונעם יונגן קאַטוילישן מיידל אינגאַ העלמס מיט קאַרל ווײַסן, דעם זון פון אַ דאָקטער אַ ייִדן. אָבער באַלד נאָך די ערשטע קאַדרען באַגעגנט זיך דער צושויער מיט דער

געשיכטע. דער אָרקעסטער אינעם רעסטאָראַן, ווו מע פּראָוועט די כאַסענע, זאָגט זיך אָפּ צו שפּילן די טראַדיציאָנעלע ליד „לאָרעליי‟, ווײַל איר אויטאָר איז היינריך היינע. אונטער די פענצטער מאַרשירט אַן אָטריאַד יונגע מענטשן אין ברוינע העמדלעך מיט האַקנקרייצן אויף די אָרבל. פון דעם דאָזיקן אַרײַנפיר, וואָס האָט אַ שײַכעס צו אויגוסט 1935, הייבן זיך אָן די דראַמאַטישע געשעענישן, וועלכע האָבן דערפירט צום אומקום פון די מיטגלידער פונעם געזינד ווײַס (אַלע, אויסער איינעם), דער אויטאָר פונעם סצענאַרי דזשעראַלד גרין פירט פּאַראַלעל די ליניע, ווי עס שטײַגט שטורמיש איבערן הייעראַרכישן לייטער פון עסעס דער יונגער אַדוואָקאַט עריק דאָרף, וואָס לאָזט אין גאַנג רויִק און מעטאָדיש די מעכאַניזמען פון דער טויט־מאַשין.

אין יענער וואָך, ווען דער פילם איז דעמאָנסטרירט געוואָרן אין נידער־סאַקסן, פלעגט מען די פּראָפּאַריינישע פאַרזאַמלונגען פאַרענדיקן פריִער אָדער אינגאַנצן אָפּשאַפן, קעדיי מענטשן זאָלן קאָנען קוקן די אָרדנטלעכע סעריִע. אין בילעפעלדער און האַמבורגער אוניווערסיטעטן זײַנען די סעמינאַרן וועגן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פראַגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דיסקוסיעס וועגן דעם פילם און וועגן דער טעמע, וועלכער ער איז געווידמעט.

אין פיל ערטער פלעגן די בירגער, וועלכע האָבן ניט קיין געזינדן, זיך פאַרזאַמלען גרופּעסווײַז, ווײַל קוקן אין דער היים אַליין דעם פילם זײַנען זיי ניט געווען בעקויעך. די 428 מינוט און 26 סעקונדעס, וואָס עס פאַרנעמט די האַנדלונג אויפן עקראַן, האָבן דעמאָנסטרירט פאַר די דײַטשן דאָס, וואָס זיי האָבן ביז דעמאָלט ניט צוגעלאָזט צו זייער באַוווסטזײַן, — די פּערזענלעכע דראַמע, וועלכע שטייט הינטער די מאַסנמאָרדן. ווײַזט אויס, אַז דער קאָלירטער פילם, וואָס מאָלט די שכיטע, וועלכע די נאַציסטן האָבן אײַנגעאָרדנט, האָט געצוווּנגען די דײַטשן בײַצוקומען דעם עקל צו די דערמאָנונגען וועגן זייער פאַרגאַנגענהײַט און די שרעק פאַר דערווּסן זיך דעם עמעס.

די דיסקוסיע, וועלכע איז טראַנסלירט געוואָרן פון קעלן, האָט באַרירט בלויז אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס האָט באַאומרויִקט די דײַטשן אין דער היים און אין שול, אין טראַמווײַ און אין די זאַוואָד־צעכן, און דאָך האָט זי אַרויסגערופן אַ קאָלאָסאַלן רעזאָנאַנס. וועגן דעם האָבן איבערצײַגנדיק איידעס געזאָגט די נאָכאַנאַנדיקע טעלעפאָן־קלונגען אין דער טעלעסטודיע.

ווי מע האָט זיך געריכט, האָבן געלאָזט הערן זייערע שטימען, אַרויסטרעטנדיק מיט אַנטיסעמיטישע קלאָלעס און דראָונגען קעגן דער „לינקער רויטער טעלעוויזיע‟, אויך יענע, וועלכע האָבן פון דער געשיכטע גאָרנישט ניט געלערנט.

כוץ דעם — דאָס איז שוין געווען אומגעריכט — האָבן אין די רעדאַקציעס זיך געהערט טעלעפאָן־קלונגען פון יענע, וועלכע זײַנען בעשײַטע אַרײַנגעפירט געוואָרן אין אַ טאָעס דורך דער נאַציסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אייניקע האָבן זיך מיסוואַדע געווען אין זייערע באַגאַנגענע זינד, אַנדערע האָבן פּאָשעט געוויינט. אָפּט פלעגט מען פאָרלייגן נײַע דאָקומענטן, גוויִעסאיידעס, טאָגביכער, לידער פון די פינצטערע יאָרן.

עמעס, די אַאודיטאָריע פון דער טעלעוויזיע איז אין אַ געוויסער מאָס געווען צוגעגרייט צו דעם, וואָס מע קלײַבט זיך ווײַזן אויפן עקראַן. בלויז דער דיסעלדאָרפער אינסטיטוט פון פּאָליטישער בילדונג האָט צעשיקט צו אַלע שולערער פון צאָפן־ריין — וועסטפאַליען 130.530 בוקלעטן צו 65 זײַטלעך יעדערער, ווו עס זײַנען געגעבן דערקלערונגען אין צוזאַמענהאַנג מיטן דעמאָנסטרירן דעם פילם „האָלאָקאָוסט‟. 22 טויזנט בירגער האָבן זיך געווענדט אין אינסטיטוט מיט דער ביטע, מע זאָל זיי צושיקן די בראָשור.

די שעפער פונעם פילם איז, אַפּאָנעם, אפילע אויפן געדאַנק ניט געקומען, אַז זייער אויפטו וועט אַרויסרופן שטורמישע דיסקוסיעס אין אַ סאַך לענדער. זיי האָבן, אייגנטלעך, געוואָלט בלויז געבן אַזאַ סכוירע, וואָס וועט זיי אַרײַנברענגען גרויסע פּראָפיטן.

אָבער ווי נאָר דער פילם איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן אין דער פּרעסע זיך באַוויזן ניט קיין אָנגענעמע פאַקטן: איינער אַן אײַנוווינער פון מײַרעוו־בערלין האָט פאַרוואָרפן די גרופּע, וואָס האָט פאָטאָגראַפירט דעם פילם, מיט בירפלעשער, איינער אַ זאָקן האָט געדראָעט די שוישפּילער: „איך האָב געהאַרגעט ייִדן, און איך וועל אײַך אויך האַרגענען‟. עמעצער האָט אָנגעשמירט האַקנקרייצן אויף די קינאָ־קאַמערעס, עס זײַנען פאַרפאַלן געוואָרן רולאָנען פאַרטיקע קינאָ־לענטעס.

„האָלאָקאָוסט‟ האָט אָן שום סאָפעק ניט איבערגעלאָזט גלײַכגילטיק די צושויער, ער האָט אַרויסגערופן אַזעלכע שטאַרקע עמאָציעס, פּונקט מע וואָלט ערשט זיך דערוווּסט וועגן די פאַרברעכנס פונעם נאַציזם. אים האָט זיך אײַנגעגעבן דורכצורײַסן די בלאָקאַדע, וועלכע די דײַטשן האָבן געשאַפן אַרום זייער פאַרגאַנגענהײַט. די ווירקונג פונעם פילם אויף די צושויער איז, אַפּאָנעם, צו דערקלערן דערמיט, וואָס זײַנע שעפער האָט זיך אײַנגעגעבן דורכן גוירל פון צוויי געזינדן צו באַווײַזן די טראַגעדיע פונעם אומקום פון מיליאָנען.

„שפּיגעל‟ (האַמבורג)

די מענטשן, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן און אין די נאַציסטישע לאַגערן, ווי אויך יענע ווייניקע, וועלכע זײַנען מיט ניסים געבליבן לעבן און האָבן ווי אומגעקערט זיך פון יענער־וועלט, פאַרדינען מער, איידער אַט די גאַנץ מיטלמעסיקע קינאָ־לענטע. דאָס בילד איז שלעכט פון אַלע שטאַנדפּונקטן — די קוואַליטעט פונעם דובליאַזש איז ניט קיין הויכע (וויפל מאָל הערט זיך אין די שטימען אַ פאַל־

שער טאָן!), היסטאָרישע פּעלערן שיטן זיך ווי פון אַ זאַק — זיי גייען אײנע נאָך די אַנדערע.

זאָלן זוכן פּעלערן די היסטאָריקער — דאָס איז זייער זאָרג. אָבער אויך פאַר אַ געוויינלעכן מענטשן איז ניט קלאָר, וויאַזוי די שפּעטער פון „האָלאָקאָוסט" האָבן געקאָנט פאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז אין דײַטשלאַנד זײַנען גערוידעפּט געוואָרן בלויז ייִדן (נאָך דער אַזויגערופענער „קרישטאָל־נאַכט" פון 1938).

און דאָך האָט אָט דער שלעכטער פילם אַרויסגערופן אַ ביז גאָר שטאַרקן רעזאָנאַנס. פאַרוואָס? אָפּט פלעגט מען זאָגן, אַז אַלץ איז פאַרגעסן געוואָרן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט אַזוי. דער פילם האָט געצוווּנגען אומצוקערן זיך צו דער פאַרגאַנגענהײַט, ער האָט געצוווּנגען דאָס געוויסן צו לאָזן זיך הערן. אָבער אויפן געוויסן זײַנען געבליבן צעראַצטע ערטער, וואָס לאָזן זיך ניט היילן. וועגן דעם דערציילט אונדז כאָטש דער פאַקט, וואָס עס איז גענוג געווען, עס זאָל זיך באַווײַזן דער פילם, — זאָל זײַן אַפילו ניט קיין טאַלאַנטפולער און ניט אַלץ איז אין אים וואָרהאַפטיק, — אַז די ווונדן זאָלן ווידער אָנהייבן בלוטיקן.

עס זײַנען פאַראַן אַ סך ביכער, פיל גוויעס־אײדעס, וועלכע קאָנען ניט אָפּגעלייקנט ווערן, וועגן די נאַציסטישע לאַגערן, וועגן די גאַז־קאַמערן, און כאָטש דער טעלעוויזיע־פילם „האָלאָקאָוסט" האָט צו דעם קיין נײַס ניט צוגעגעבן, האָט ער אָבער באַוויזן, אַז דאָס היסטאָרישע געוויסן פון דער מענטשהײַט אַנטהאַלט אין זיך אַ שרעקלעכע ווונד, וואָס לאָזט זיך ניט היילן.

שאַרלאָטאַ דעלבאָ (אַ שרײַבערן, אַ קאַצעטניצע פונעם אָשווענטשימער לאַגער, אַווטאָר פון דער טרילאָגיע „אָשווענטשים און נאָך אים").

„מאָנד" (פּאַריזש)

פאַרברעכנס, וועלכע מע טאָר ניט פאַרגעסן אָדער מוחל זײַן

„האָלאָקאָוסט" איז אין העכסטן גראַד אַן אַקטועלער פילם, כאָטש ער דערציילט „בלויז" וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט. און ניט אומזיסט איז מערטעס, דער עקספּערט פונעם קריסטלעך־דעמאָקראַטישן פאַרבאַנד און קריסטלעך־סאָציאַלן פאַרבאַנד אין די פראַגן פון אויסערן־פּאָליטיק, אַרויסגעטראָטן מיט אַ רוף, מע זאָל ניט פּרוּוון אײַנשטעלן אַוועלכע־ניט־איז פאַרבינדונג צווישן דער טעמע, וואָס דער פילם האָט אויפגעהויבן, און דער מיינונג, אַז מע טאָר ניט אָנווענדן דעם פאַרעלטערונגס־טערמין בנוגע די נאַציסטישע מילכאָמע־פאַרברעכנס.

עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז די מערטעס־לײַט, שטראַוס־לײַט און די דאָזיקע גאַנצע קאָמפּאַניע, וואָס קעמפט איצט פאַר אָנווענדן דעם פאַרעלטערונגס־טערמין, האָט אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן אַרויסגערוקט אָן קיין שום געוויסנביסן אויפן העכסטן מעלוכע־אַמט פון דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק האַנס גלאָבקען, אײנעם, וואָס טראָגט די דירעקטע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר רעדיפעס אויף ייִדן. צען יאָר צײַט, ביזן טאָג, ווען ער איז אַוועק אויף פּענסיע(!), איז דער געוועזענער מיטאַרבעטער פונעם נאַציסטישן אינערן־מיניסטעריום געשטאַנען בעראָש פונעם אַמט פון דעם קאַנצלער אַדענאַוער. אין אַזאַ גינסטיקער פאַר זיי סיטואַציע האָבן פיל געוועזענע נאַציסטן, אויסגעשמירטע אינעם בלוט פון זייערע קאָרבאָנעס, פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין דער פּאָליציי, אין בונדעסווער, אין די יוסטיץ־אָרגאַנען, לערן־אַנשטאַלטן.

טראָץ די ענערגישע פּראָטעסטן, קוידעם־קאָל מיצאַד געליטענע פון די רעדיפעס באַם נאַציזם, האָט אָבער בעשײַטע זיך ניט אײַנגעגעבן צו צווינגען גלאָבקען, ער זאָל פאַרלאָזן זײַן אַמט. נאָך דער מײַסע פילבינגער (געוועזענער פּרעמיער פון באַדען־ווירטעמבערג, וועלכער האָט געמוזט דעמיסיאָנירן נאָך דעם, ווי מע האָט אים דעמאַסקירט אין זײַנע פאַרברעכנס אַלס מיליטערישער ריכטער באַם פאַשיזם) האָט באַם דײַטשישן פאָלק געפּלאַצט דאָס געדולד. פילבינגערס אַוועקגיין פון דער פּאָליטישער סצענע האָט באַוויזן, אַז די מײַרעוו־דײַטשן זײַנען אין דעם פּראַט געוואָרן פּרינציפּיעל שטרענגער און די דעמאָקראַטן האָבן באַקומען מער וואָג. די שאַנסן צו דערשלאָגן זיך, אַז מע זאָל ניט אָנווענדן דעם פאַרעלטערונגס־טערמין, ווען עס האַנדלט זיך וועגן נאַציסטישע קריגס־פאַרברעכנס, זײַנען נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי גרויס, ווי איצט.

הײַנט אָבער, אין 35 יאָר אַרום נאָך דער מאַפּאָלע פונעם היטלער־דײַטשלאַנד, איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ היפּשע צאָל געוועזענע עסעסאָווצעס, וועלכע פאַרזאַמלען זיך רעגולער אין פאַרשיידענע שטעט פון דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק, אויף די אַזויגערופענע „כאַווערישע אָוונטן פון די עסעס" און דאָרט הערן זיך אָפּט לויב־געזאַנגען פאַר זייערע אַמאָליקע „העלדנטאַטן", ווידער שווערט מען טרײַהײַט דעם „פירער".

אַז דער פאַשיזם איז אַ היסטאָרישער פּענאָמען, וועלכן מע האָט נאָך ביז איצט ניט געקאָנט בײַקומען, זאָגט אײדעס אויך די רעאַקציע פון די נעאָנאַציסטן אויפן פילם „האָלאָקאָוסט". אַדאַנק דער רײַכער פינאַנציעלער שטיצע פון זייערע באַשיצער, האָט היטלערס יאָרשים זיך אײַנגעגעבן אין משך פון אַ קורצן טערמין צו אָרגאַניזירן אין דער פּרעסע אַ קאַמפּאַניע פון רעאַביליטירן די פאַרברעכנס פונעם היטלער־רעזשים.

לויט דער קאָנסטיטוציע זײַנען די נעאָנאַציסטישע אינטריגעס פאַרבאָטן. אָבער די רעגירונגען פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און די אָרטי־

קע מאכט־אָרגאַנען טוען גאָרנישט אין פּראַט פון ניט דערלאָזן אַזעלכע אינטריגעס. דער פּרעמיער־מיניסטער פון בײַערן שטראוס האָט אין אַן אינטערוויו, וואָס ער האָט געגעבן דער שפּרינגערישער צײַטונג „וועלט אם זאָנטאג“, געזאָגט, אַז דער גוירל פונעם געזינד ווײַס האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק אויך אף אים, אָבער ער איז אופגעבראַכט פון דער „היסטערישער קאַמפּאַניע, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַרום דעם קלוימערשט עקזיסטירנדיקן רעכטן ראַדיקאַליזם“.

„האָלאָקאַוסט“ דערציילט וועגן געשעענישן, וועלכע זײַנען פּאָרגעקומען מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, זיי וועלן נאָך אָבער לאַנג־לאַנג ניט ווערן קיין פאַקטן פון דער געשיכטע.

אינגריד שוסטער)
„טאַט“ (פראַנקפורט־אַפּן־מײַן)

דער אַמעריקאַנער סופּערפילם „האָלאָקאַוסט“ האָט אַרויסגערופן שטורמישע דעבאַטן וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט, וואָס מע קאָן אויך הײַנט ניט פאַרגעסן. די דאָזיקע פאַרגאַנגענהײַט האָט דערמאָנט וועגן זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט די שטרײַטן, וועלכע ווערן געפירט מיקויעך דעם געזעץ וועגן דעם פאַרעלטערונגס־טערמין און די נאַציסטישע פאַרברעכער.

צו דער פראַגע וועגן דער פאַרבינדונג צווישן די ציִעניסטן און די נאַציסטן

אינעם פילם „האָלאָקאַוסט“ ווערט געגעבן אַ פאַלשע טראַקטירונג פונעם פאַשיזם, אַזאַ, וואָס פירט אַרײַן אין אַ טאָעס. ניט ריכטיק ווערט גערעדט אויך וועגן דער פּאָליטישער באַוועגונג צווישן די ייִדן — דעם ציִעניזם: אַז די דאָזיקע באַוועגונג איז קלוימערשט די איינציקע, וואָס האָט געקעמפט קעגן דעם נאַציזם. אַזויאַרום ווערט פאַרשטאַרקט די ברייט פאַרשפּרייטע אָפּן מײַרעוו פאָרשטעלונג וועגן דעם ציִעניזם, ווי וועגן אַן „אידעאָלאָגיע פון די ייִדן“, וועגן דעם, אַז ציִעניזם און ייִדנטום איז איין באַגריף. דאָס באַטײַט אויך, אַז עס ווערט באַוויליקט דער שטאַנדפּונקט פונעם ציִעניזם, אַז אַלע זײַנע קעגנער זײַנען „אַנטיסעמיטן“.

קעדיי פאַרײנפאַכן דעם איניען, שאַפט מען צומאָל אַ פאָרשטעלונג, אַז די פּאָליטיק פון די נאַציסטן בענעגייע די ייִדן איז באַשטאַנען בלויז אין פיזיש פאַרניכטן זיי. אינדערעמעסן אָבער האָט ביזן אָנהייב פון דער מילכאָמע פאַרנומען אין דער פּאָליטיק פון די נאַציסטן אַ וויכטיק אָרט דאָס אָפּנעמען בא די דײַטשישע ייִדן די בירגער־רעכט און זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, צוזאַמען דערמיט סטימולירן די ייִדישע עמיגראַציע — פאַר אַן אַנטשפּרעכיקער באַלוינונג. דערמיט האָבן זיך פאַרנומען די טאַליאָנים היינריך און אײַכמאַן. און גראָד אין אָט דעם געביט אַנטפּלעקן מיר אומגעריכט די ענגע מיטאַרבעט צווישן די נאַציסטן און... ציִעניסטן!

אָט די געמיינזאַמקײַט האָבן דעמאָנסטרירט די דײַטשישע ציִעניסטן אין 1933, ווען זיי האָבן זיך געווענדט צום נאַציסטישן רעזשים מיט דער ביטע צו אַנערקענען זיי אַלס די איינציקע פאָרשטייער פון די ייִדן. זיי האָבן געמאָלדן, אַז עס אינטערעסירט זיי ניט די רעכט פון באַזונדערע ייִדן, זיי וועלן „צופּאַסן דאָס ייִדנטום צו די נאָרמעס פון דער דײַטשישער מעלוכע“.

צוויי באַוווּסטע ציִעניסטן — יאָן און דאַוויד קימכע דערציילן אין זייערע מעמואַרן, ווי אין 1938 האָבן די ציִעניסטישע אַגענטן פּינאָ און באַר־גילאַד געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער געסטאַפּאָ און עסעס, באַקומענדיק אַ דערלויבעניש פרײַ אַרומצופאָרן איבער גאַנץ דײַטשלאַנד, קעדיי ווערבירן און גרייטן קאָלאָניסטן פאַר פּאַלעסטינע. באַר־גילאַד האָט אין אַ שמועס מיט אייכמאַנען באַטאָנט, אַז ער איז פאַרינטערעסירט אין יונגע מענטשן, וועלכע זײַנען גרייט צו ווערן „פּיאָנערן“. זיי האָבן געהאַט טרענירונגס־לאַגערן אַפילע אין פּוילן, בייס דער אָקופּאַציע — אין דער זעלבער צײַט, ווען הונדערטער טויזנטער ייִדן האָבן געשמאַכט אין געטאָ.

דער סאַמע עקלהאַפטער בײַשפּיל פון מיטאַרבעט צווישן די נאַציסטן און ציִעניסטן איז געוואָרן באַוווּסט בייס איינעם פון די געריכט־פּראָצעסן אין ייִסראָעל אין 1953. אף דעם דאָזיקן געריכט־פּראָצעס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פאָרשטייער פון דער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע אין בודאַפּעשט קאַסטנער האָט געהאָלפן אייכמאַנען אָפּצונאַרן 650 טויזנט אונגאַרישע ייִדן, פאַרשפּרייטנדיק באָבעמײַסעס, אַז ס'איז אַ ליגן, אַז מע קלײַבט זיך צו שיקן זיי קיין אָשווענטשים. דערפאַר האָט מען 1686 ציִעניסטן דערלויבט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

די ציִעניסטן זײַנען אָפט אַרײַן אין באַשטאַנד פון די אַזויגערופענע יודנראַטן, וועלכע זײַנען פאַקטיש געווען די אויספיר־אָרגאַנען פון דער אָקופּאַציע־מאַכט אין געטאָ.

אין דער זעלבער צײַט האָבן די פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דעם נאַציזם, באַקומען שטיצע פון די פּאַרטיזאַנער און פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. אונטער דער געפאַר באַשטראָפט צו ווערן מיט טויט האָבן ניט־ייִדן אויסבאַהאַלטן אין זייערע הײַזער טויזנטער ייִדן. די פּאַרטיזאַנער — ניט־ייִדן און ייִדן — האָבן צוזאַמען זיך געשלאָגן קעגן דעם אַלגעמיינעם סוינע. די ציִעניסטן זײַנען געווען קעגן אַן אַלגעמיינעם אַנטיפאַשיסטישן פראָנט, זיי האָבן פאָרגעלייגט די ייִדן זייער אייגענעם רעצעפּט צו ראַטעווען זיך. אין דעם „רעצעפּט“ איז געזאָגט געוואָרן: „פאָרט קיין פּאַלעסטינע“.

העגרי אָשער,
דאַוויד גוטמאַן
דזשאָוואַני מאַלבערג
„דאַגענס ניוכעטער“ (שטאָקהאָלם)

■ ■ ■

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער

הערש רעמעניק

שירע גאָרשמאַן

שירע גאָרשמאַן איז אַ קינסטלער אַ רעאַליסט. דאָס ווייסט יעדערער, ווער עס האָט געלייענט אַפילו בלויז איין נאָוועלע אירע. אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור איז זי אָנערקענט אַלס אַ באַדײַטנדיקער מײַסטער פון דער קינסטלערישער פּראָזע, האָגאַם די קריטיק האָט ביז איצט ניט גענוג אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך איר שעפערישער אַנטוויקלונג.

רעאַליזם באַטײַט קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פונעם רעאַלן לעבן. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז אַלע רעאַליסטן שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן אויף איינעם און דעם זעלבן אופן. דער עכטער מײַסטער, דער עכטער רעאַליסט מאָלט די דערשײַנונגען פונעם סאָציאַלן לעבן און דעם גורל פונעם יאָכיד אויף זײַן באַזונדערן אופן, מיט זײַן, בלויז אים אייגנטימלעכן, נוסעך, וועלכער טיילט זיך אויס פונעם נוסעך און פונעם אופן פון שילדערן די זעלבע סאָציאַלע דערשײַנונגען אין די ווערק פון אַנדערע רעאַליסטן. יעדער רעאַליסט איז בלויז דעמלט אַ קינסטלער, ווען ער איז אַנדערשדיק און נײַ אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע. און אויב ניט, איז ער ניט קיין רעאַליסט און ניט קיין קינסטלער.

שירע גאָרשמאַנס רעאַליסטישער נוסעך טיילט זיך אויס דערמיט, וואָס די קינסטלערן איז שטענדיק, אין אַלע אירע ווערק טרײַ דער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקײַט, דעם לעבן און דעם גורל פונעם איצטיקן מענטשן, דערבײַ אָבער וואַרפט זי זיך ניט אונטער די דעטאַלן פון דער ווירקלעכקײַט, די איינצלנע באַזונדערע עפּיזאָדן, וועלכע קאָנען אויך שאַפן אַ פאַרקריפּלטע, אַ פאַלשע פאָרשטעלונג פונעם לעבנס־פּראָצעס אינגאַנצן גענומען. דאָס געמאָלטע, דאָס קינסטלעריש געשילדערטע איז אין גאָרשמאַנס נאָוועלע ניט קיין קאָפּיע, ניט קיין פאָטאָגראַפיע, נאָר אַ פאַראַלגעמיינערטע געזעצמעסיקײַט פון וויכטיקע לעבנס־דערשײַנונגען.

אין דער זעלבער צײַט איז שירע גאָרשמאַן ווײַט פון יעדער מין אַבסטראַקטער פילאָסאָפיע, פון קינסלעכער „פאַרטיפערונג”. דערפאַר זײַנען אירע נאָוועלן רײַך מיט לעבעדיקע בילדער פון סאָציאַלן לעבן, פון דער נאַטור, פונעם שטייגער, רײַך מיט פאַרטיפערטער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע. עס קאָן זיך דאַכטן, אַז יעדע נאָוועלע, באַזונדער גענומען, שטעלט ניט קיין וויכטיקע פּראָבלעמען. וואָכעדיקע גרויע געשעענישן און איבערלעבונגען פון „קליינע” מענטשעלעך, פּאָשעטע פאַרשוינען. קיין שפּור ניט פון אָנגעזעענע העלדן, באַוווּסטע טוער, אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקײַטן, פירער און הערשער. וועגן דעם שרײַבט ניט שירע גאָרשמאַן, און דאָס וועט איר אין אירע ווערק ניט געפינען. איר וועט ניט זען און ניט הערן אין אירע ווערק קיין דונערן און בליצן. אָבער אין איר שאַפונג איז פאַרקערפּערט אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פונעם לעבן. דאָס היסטאָרישע און דאָס סאָציאַלע, דאָס קאָמישע, דאָס דראַמאַטישע און דאָס טראַגישע. אין אירע נאָוועלן און דערציילונגען איז אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון די פאָלקס־מאַסן אין פאַרלויף פון אַ גאַנצער היסטאָרישער עפּאָכע, אָנהייבנדיק פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און ביז אונדזער צײַט.

„שרײַבן זאָלסטו בלויז דאָס, וואָס דו קאָנסט און ווייסט” — אַזוי זאָגט דער שטרענגער גאַסט אין שירע גאָרשמאַנס סעריע מיניאַטיורן „געסט”. דאָס איז אָבער ניט בלויז די מיינונג פונעם שטרענגן גאַסט, נאָר אין טאָך אויך די

מיינונג פונעם אוטאָר גופע. שירע גאָרשמאן האלט זיך פעסט פאר אָט דעם שעפערישן געבאָט. זי שרײַבט וועגן דעם, וואָס זי קאָן און ווייסט, דאָס הייסט, וועגן איר לעבן און איר דערפארונג. זי איז סוביעקטיוו אין איר שאפונג. און דאָס איז דאָך די אייגנשאפט פון אן ערנסטן מײַסטער. סוביעקטיוו זײַן באטײַט זײַן אייגנארטיק, אָבער ניט אינדיווידואליסטיש. קינסטלערישע סוביעקטיווקײַט און שעפערישע אייגנארטיקײַט באטײַט ניט אָפגעזונדערטקײַט פונעם לעבן, נאָר צוגעבונדנקײַט צום לעבן. דאָס באטײַט קינסטלערישע פארקערפערונג ניט בלויז פון דער אייגענער דערפארונג, נאָר פון דער דערפארונג פונעם גאנצן ארומיקן לעבן און פון דער צײַט, אין וועלכער עס אנטוויקלען זיך די סאָציִאלע געשעענישן, וואָס ווערן געשילדערט אין די קינסטלערישע ווערק. מע קאָן זאָגן, אז אין גאָרשמאנס ווערק איז פאראן א דיִאלעקטישע איינהײַט פונעם סוביעקטיוון מיטן אָביעקטיוון. אין דעם איז איר קראפט און איר מײַסטערשאפט.

אין דער נאָוועלע „די באָבע מאלקע" ווערן געשילדערט געשעענישן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. איר וועט אָבער דאָ ניט לייענען וועגן פארביטערטע קריגס־שלאכטן, וועגן אומקום פון טויזנטער מענטשלעכע לעבנס אַף די פעלדער פון קריג און פארניכטונג, וועגן באטאלישע בילדער, אפילע ניט וועגן די גרוילן פון די געטאָס. דער אוטאָר דערציילט אונדז וועגן א פראָסטער ייִדישער פרוי, וואָס האָט געהאָלפן אנדערע פרויען אין זייערע כעווליי־לייַדאָ. אין דעם זעט זי איר העכסטן בארוף. די באָבע מאלקע זאָגט וועגן זיך:

„— ערשטנס, איז מיר, צײַט איך לעב, קיינמאָל ניט אומעטיק געווען, צווייטנס, דארף מײַן מעלאָכע א רויִק געמיט. וויפל מאָל קריכן מיר די אויגן פון קאָפ מיט דער קימפעטאָרן אינײַנעם? אָבער קוים פארבינד איך דעם נאָפל — פארגעס איך אָן אלץ!"

דער באָבע מאלקעס בארוף איז אזויארום די שטענדיקע מיטהילף דעם געבורט פון מענטשן, די מעסירעסנעפעשדיקע איבערגעגעבנקײַט דער באנײַונג און פאָרזעצונג פונעם לעבן. זי איז פולשטענדיק איבערצײַגט אין דער גערעכטיקײַט פון איר בארוף, אין דעם באוווּסטזײַן פון איר הומאניסטישן אופטו. דער אוטאָר דערציילט:

„אַף איינעם א רײַכן בריס האָט די באָבע מאלקע געטרונקען ווישניק פון א טיי־גלאָז, פארטיק געמאכט א פאָלומעסעקל געהאקטן לעבער פון ברעג ביז ברעג, צוגערוקט צו זיך א טיפע גלעזערנע שאָל מיט אינגבערלעך און דערזען, ווי מענדל דער סארווער קוקט אַף איר מאָדנע שטרענג, האָט זי איבערגעקערט די שאָל אַפן טיש, צוגעשארט צו זיך די אינגבערלעך און א געשריי געטאָן:

— קוק ניט אזוי! כ'האָב קאָשער פארדינט, דאָס קינד איז, ניט פאר דיר געדאכט, געגאנגען מיטן געזעסל!"

אזוי האָט די באָבע מאלקע געלעבט, געארבעט. און דאָס איז געווען א לעבן מיט דערמאָנונגען וועגן פארצײַטנס, מיט האָפענונג אַף איבער צוויי יאָר און אַף איבער פינף יאָר.

און מיטאמאָל איז אלץ אָפגעמעקט און אויסגעליידיקט געוואָרן. עס זײַנען אָנגעקומען די דײַטשישע פאשיסטישע כאיאָלעס, עס איז אָנגעקומען דער טויט. די באָבע מאלקע האָט שוין ניט געגלייבט, אז איר מעלאָכע קען צוניץ קומען, ווײַל ווי קאָנען זיך פאָרן לעבן און טויט?

זי האָט זיך באזעצט אין א דאָרפישן ייִשעוו. און איינמאָל האָט מען דרינגענדיק זי גערופן צו דעם סטאראָסטע פונעם ייִשעוו, צו וולאדאסן, צו זײַן פרוי, וואָס גייט שווער צו קינד שוין צוויי מעסלעס און האלט באם שטארבן. די באָבע מאלקע, א טרײַע איר בארוף, האָט געהאָלפן דער פרוי פונעם סטאראָסטע אין אירע שווערע געבורט־ווייען; די פרוי האָט בעשאָלעם געבוירן א געזונט קינד. די באָבע מאלקע איז געבליבן וווינען באם סטאראָסטע אין שטוב.

דאָס איז געווען אן אײַנגעפונדעוועטע רײַכע שטוב, ווײַל וולאדאס איז געווען א רײַכן מילנערס א זון, און ניט אומזיסט האָבן אים די דײַטשן געמאכט פאר סטאראָסטע. איצט איז אָט די שטוב געוואָרן נאָך רײַכער, ווײַל וולאדאס האָט פארכאפט פאר זיך דאָס פארמעגן פון די אומגעקומענע ייִדן, פארטיזאנער און פון אלע די, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט די דײַטשן. די באָבע מאלקע האָט ניט געקאָנט צוזען דאָס אלץ. אין איר איז מער און מער געוואקסן דער צאָרן קעגן דעם אויסוואורף. איינמאָל, ווען זי איז געבליבן מיט אים אליין, האָט זי אים צוגעגרייט וועטשערע, און ווי נאָר ער האָט זיך געזעצט עסן, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן טרינקען דעם בראָנפן און האָט גענומען קײַען, האָט זי א כאפ געטאָן דעם טשוהון מיט אזא אימפעט, ווי צו ראטעווען א קימפעטאָרן פון די לעצטע שווערסטע ווייען, און, צולויפנדיק, איבערגעקערט די זוד אַף אים.

א געדיכטע פארע האָט אָנגעפילט די שטוב. זי האָט אראָפגעשלעפט דעם פעלץ פון אויוון און איז ארויס. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז די גאס דארף זײַן פול מיט מענטשן. זי האָט זיך פארוואונדערט אומגעקוקט: אן אויסגעשטערנטע נאכט, א לײַכט פרעסטל, האָט זי ארײַנגעשטעקט די הענט אין די ארבל, זיך פארשפיליעט און א טראכט געטאָן: „א דאנק די הענט ניט געוואשן!.. קיין וויגל וועט ער שוין ניט אָנקוקן". אופגעהויבן די אויגן צו די שטערן און געבעטן: „אויב מעגלעך, טאטע אין הימל, לאָז מיך נאָך לעבן".

צי איז ניט קינסטלעריש פארקערפערט אין געשטאלט פון דער באָבע מאלקע דער גרויסארטיקער סימבאָל פון לעבן, וואָס איז שטארקער פונעם טויט און באזיגט דעם טויט. די באָבע מאלקע איז ניט קיין העלד פון שלאכטן, זי איז ניט קיין ארטילעריסט, ניט קיין טאנקיסט, ניט

קיין פליִער, ניט קיין אויסשפירער, ניט קיין פארטיזאן. אָבער, פונקט ווי אָט די אלע קריגס־העלדן, וואָס גיבן אָפ זייער לעבן אין קאמף קעגן טויט, באזיגט זי אויך דעם טויט אין נאָמען פונעם לעבן.

אין דעם, מיין איך, באשטייט דער טיפער זינען און דער טאָך פון גאָרשמאנס נאָוועלע „די באָבע מאלקע" און פון א ריי אנדערע אירע נאָוועלן וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

איך האָב פריִער געזאָגט, אז שירע גאָרשמאן שרײַבט וועגן דעם, וואָס זי קאָן און ווייסט. זי שרײַבט וועגן איר לעבן, וואָס איז ענג פארבונדן מיטן לעבן פונעם פאָלק. דערפאר וואקסן אריבער אירע דערציילונגען וועגן איר פערזענלעך לעבן אין קינסטלערישע ווערק וועגן דעם פאָלקס לעבן. דאָס איז באזונדערס צו זען אין די דערציילונגען „כאנעס שאָף און רינדער", „א באשערטע זאך" און אנדערע.

די גרויסע שרײַבער פון דער וועלט־ליטעראטור און באזונדערס די קלאסיקער פון דער רוסישער ליטעראטור אין 19־טן און אין 20־טן יאָרהונדערט האָבן זיך קוינע שעם געוועזן דערמיט, וואָס זיי האָבן אופגעדעקט פאר דער וועלט דאָס אלזײַטיקע לעבן פון זייער צײַט, דאָס לעבן פונעם מענטשן און פון דער געזעלשאפט אין אלע אנטפלעקונגען. מיר קאָנען באקומען א גענויע פאָרשטעלונג וועגן דער פארגאנגענהײַט ניט אזוי פון די ווערק פון די געלערנטע היסטאָריקער און געשיכטע־פאָרשער, נאָר דעריקער פון די קינסטלערישע ווערק פון די פראָזאִיקער, דיכטער און דראמאטורגן פון יענער צײַט. און דאָס האָבן זיי דערגרייכט דערמיט, וואָס זיי האָבן באשריבן ריכטיק און וואָרהאפטיק אלץ, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט אינעם רעאלן ארום פון זייער צײַט. דאָס הייסט, זיי האָבן געשריבן וועגן זיך, וועגן זייערע איבערלעבונגען און טרוימען, וועגן זייערע פריידן און ליידן. און דאָס איז געוועזן די געשיכטע און דאָס לעבן פונעם פאָלק און פון דער געזעלשאפט.

מע דארף ניט זײַן קיין ליטעראטור־פאָרשער און קיין ליטעראטור־קריטיקער, קעדיי צו פארשטיין, אז אין „כאנעס שאָף און רינדער" דערציילט דער אווטאָר וועגן זיך. דאָס זעט מען גלײַך פונעם גאנצן דערציילערישן נוסעך, פונעם שטארקן לירישן שטראָם, פון דער סוביעקטיווער לײַדנשאפט, מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען אָט דאָס ווערק. עס פילט זיך אינעם ווערק, אין די באשרײַבונגען פון מענטשן, פון זייער פסיכאָלאָגיע, שטייגער, אין דער באשרײַבונג פון דער נאטור, פון די פייזאזשן, פון די באלעכאִים און פייגל, אין אלע עפיזאָדן און דעטאלן, אז דער אווטאָר וויל ניט בלויז דערציילן א שיינע אינטערעסאנטע געשיכטע; עס פילט זיך פון יעדן דיִאלאָג און מאָנאָלאָג די ליבע צו גוטע מענטשן און די סינע צו די, וואָס שטערן אזוי אָדער אנדערש דער אנטוויקלונג פונעם לעבן. מע זעט דורכויס אין אלע באשרײַבונגען די פערזענלעכע פארינטערעסירטקײַט פונעם אווטאָר, פונעם דערציילער, אינעם גוירל פון דעם מענטשן, פון זײַן הײַנט און פון זײַן צוקונפט.

איך וועל דאָ ברענגען בלויז איין באשרײַבונג וועגן דעם הויפט־העלד פון דער דערציילונג, דער מעלקערן כאנע.

„זי איז אוועקגעריטן צום ברונעם — זי האָט דערזען, אז די קאָרעטעס זײַנען טרוקן. עס האָט זי דורכגענומען א בראנדיקער צאָרן, ווײַל זי האָט פארשטאנען, אז די פאסטעכער האָבן אוועקגעטריבן די טעלעצעס מיט די ביקלעך ניט קיין געפויעטע. זי האָט מיט די פיאטעס געפויקט באָרעכן אין בויך אזוי, אז דער אָטעם האָט איר פארכאפט, פליִענדיק איבערן סטעפ. ערשט הינטער דעם דאָרף קאראהורט האָט זי דערזען די פאסטעכער און די בלאָנקענדיקע יונגע טשערעדע. די פאסטעכער זײַנען געזעסן און האָבן גאנץ געשמאק צוגעביסן; נאָך יעדן ביסן ברויט געזופט פון דער פלאש מילך. זי האָט דערפילט, ווי א זודיקער ווינט האָט פארכאפט אירע נאָזלעכער, ווי ס'האָט זיך אופגעהויבן צו איר האלדז א שוועבלדיקער גרימצאָרן, און זי האָט אויסגעשריִען:

— די טעלעצעס צום ברונעם!

די פאסטעכער האָבן זיך אופגעהויבן און רויִק געזאָגט:

— זיי וועלן זיך אָנטרינקען ווארעמס־צײַט.

— פארוואָס האָט איר ניט אָפגעלייגט אײַער פרישטיק ביז ווארע־ע־ע־ממע־ע־עסס? — האָט כאנע אויסגעשריִען אזוי, אז די פאסטעכער האָבן שפאָרעוודיק גענומען שטעלן די פיס אָף הינטערווײַלעכס. אָבער כאנע איז שוין מער ניט געוועזן קיין באלעבאָסטע איבער זיך. זי איז ארויסגעשפרונגען פון זאָטל, זיך א לאָז געטאָן צו די פאסטעכער, זיי דעריאָגט און גענומען פלעמען איינעם און דעם אנדערן איבער די באקן, איבער די קעפ. זי האָט געזען, ווי זיי פאָכען מיט די הענט און ווערן זיך פון איר. זי וואָלט זיי נאָך היפש אײַנגעטיילט, ווען זי וואָלט פלוצעם ניט דערזען, ווי עס רינט בלוט בא איינעם פון דער נאָז. זי האָט נאָך געפונען אין זיך קרעפטן אויסצושרײַען:

— מענוואָלים, פויליאקעס, נישטיקײַטן! זיך צוגעווינט אין וויניצע צו פארקויפן הערינג!? די טעלעצעס פארנעמט!".

דער העלד פון דער דערציילונג „כאנעס שאָף און רינדער" איז ניט קיין גלײַכגילטיקער צושויער פונעם לעבן. כאנע איז לײַדנשאפטלעך אין אלע אירע געפילן און אופטוען, זי איז פעיִק אָף גרויסער ליבע און אויך אָף לײַדנשאפטלעכער סינע, אויב דאָס איז נייטיק צוליב די אינטערעסן פון דער זאך, וואָס זי האלט פאר איר בארוף. און זי איז שרעקלאָז אין איר ליבע און אין איר האס, ווײַל זי איז פולשטענדיק איבערצײַגט אין איר גערעכטיקײַט. און דאָס איז, אייגנטלעך, די איבערצײַגונג ניט

בלויז פון כאנען, נאָר אויך פונעם אוטאָר פון דער דערציילונג „כאנעס שאָף און רינדער". אין דעם געשטאלט פון כאנען איז פארקערפערט דער כאראקטער פון איר באשעפער. און צוזאמען דערמיט איז דאָס א פארקערפערונג פון א כאראקטער, פון דער פסיכאָלאָגיע און שטייגער פון א הײַנטצײַטיקער פרוי, פון אן אקטיוון באוווסטזיניקן פאָלקס־מענטש, וואָס ווייסט, וואָס ער וויל און צו וואָס ער שטרעבט.

די געשעענישן, וואָס ווערן באשריבן אין „כאנעס שאָף און רינדער" און אין דער גאנצער סעריע נאָוועלן און דערציילונגען „קאָמונארן" זײַנען א בוילעטער באווײַז פון דעם, אז שירע גאָרשמאן, דערציילנדיק וועגן זיך, דערציילט וועגן דעם לעבן פונעם פאָלק, אז זי איז טרײַ דעם געבאָט: „שרײַבן זאָלסטו נאָר דאָס, וואָס דו קאָנסט און דו ווייסט". אלע נאָוועלן און דערציילונגען פון דער סעריע „קאָמונארן" שפּיגלען אָפּ א וויכטיקן עטאַפּ אינעם לעבן פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין ראטנפארבאנד אין א באשטימטן פעריִאָד פון דער אנטוויקלונג פונעם גאנצן לאנד, אין די געדענקפולע צוואנציקער און דרײַסיקער יאָרן. און אין דער זעלבער צײַט איז דאָס א באשרײַבונג פונעם אוטאָרס לעבן גופא.

אינעם אויפן פון דערציילן פילט זיך די פולע וואָרהאפטיקײַט ניט בלויז פון אופשטעלן קינסטלעריש דעם כאראקטער פון א מענטשן, זײַן פסיכאָלאָגיע, דעם שטייגער פונעם קאָלעקטיוו, דעם ריטם פון ארבעט, דעם „טורעם פון ליבע", דאָס דערהויבענע און דאָס נידעריקע בא די מענטשן. דער אוטאָר פון די דערציילונגען וועגן די קאָמונארן זעט ניט בלויז מענטשן, נאָר אויך די נאטור, זי מאָלט גלענצנדיקע פּייזאזשן און בילדער פון סטעפּ. אָבער אלץ אין פארבינדונג מיטן מענטשלעכן לעבן, מיט דעם מענטשנס קאמף און מי. אלץ איז פארן מענטשן און וועגן מענטשן. און זי פארמענטשלעכט אפילו די נאטור, די באלעכאַיִם און די פייגל. דאָס פערד הייסט בא איר „באָרעך", אָדער גאָר „פעריקל", די טעלעצע — די „מיזינקע". און זי באשרײַבט די באלעכאַיִם און זייערע איבערלעבונגען, ווי זי וואָלט באשריבן די איבערלעבונגען פון מענטשן:

„ווען מע פרעגט בא דער אלטער, וויפל מאָל איז זי געלעגן געוואָרן, וואָלט זי א פּאָך געטאָן מיט די פליכעוואטע אויערן און געענטפערט, ווען זי קען רעדן: „האָט קיין פאריבל ניט, די מילכאָמע האָט געפּאטערט מײַן זיקאָרן"". אזוי שרײַבט גאָרשמאן וועגן אן אלטער קו.

ביז גאָר אינטערעסאנט און כאראקטעריסטיש פאר שירע גאָרשמאנס שאפן זײַנען די נאָוועלן און מאָנאָלאָגן וועגן דעם לעבן פונעם פאָלק אין אונדזערע טעג.

זעלבסטפארשטענדלעך, די ווערק וועגן דעם סאָוועטישן לעבן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע, וועגן די יאָרן פונעם אופשטעל־פעריִאָד, וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע זײַנען אויך אונדזער הײַנטצײַטיקײַט, שירע גאָרשמאנס ווערק וועגן אָט די פארגאנגענע יאָרן זײַנען געשריבן אזוי, ווי אין זיי וואָלט געשילדערט געווען דאָס נאָרוואָס פאָרגעקומענע, אזוי ווי עס פארשטייט זיי א מענטש, וועלכער האָט אליין דורכגעמאכט די אלע געשעענישן פון די רומפולע יאָרן פון אונדזער ניט ווײַטער פארגאנגענהײַט. די דאָזיקע ווערק קלינגען הײַנטצײַטיק, ווײַל מיר אליין האָבן דורכגעמאכט די אלע געשעענישן, וועלכע ווערן געשילדערט. און לייענענדיק שירע גאָרשמאנס נאָוועלן און דערציילונגען, פילן מיר זיך, ווי די העלדן און פערסאָנאזשן, וועלכע ווערן באשריבן, און עס דאכט זיך אונדז אויס, אז מיר וואָלטן אויך אזוי געקענט דערציילן וועגן די געשעענישן, וואָס ווערן דאָ אין די נאָוועלן געשילדערט.

אָבער שירע גאָרשמאן באנוגנט זיך ניט מיט באשרײַבן דאָס פארגאנגענע, דאָס דורכגעמאכטע און דורכגעלעבטע. זי זעט און מאָלט אויך דאָס לעבן אין אונדזערע טעג, אונדזער טאָגטעגלעכקײַט און אונדזער הײַנט.

כאראקטעריסטיש פאר דער מערהײַט שירע גאָרשמאנס נאָוועלן וועגן דעם הײַנטיקן לעבן אין אונדזערע טעג איז די זעלבע וואָרהאפטיקײַט און טרײַהײַט דער ווירקלעכקײַט, ווי אין אירע ווערק וועגן דער פארגאנגענהײַט. די זעלבע זויבערקײַט פון וואָרט און בילד, וואָס גיט א פולע פאָרשטעלונג וועגן כאראקטער און פסיכאָלאָגיע פונעם געשטאלט, וועגן די געשעענישן און סיטואציעס, וועלכע ווערן געשילדערט, וועגן די פאָזיטיווע און נעגאטיווע דערשײַנונגען פונעם לעבן. שירע גאָרשמאן איז ניט פון די שרײַבער, וועלכע ווילן זינגען שירים בלויז וועגן דערהויבענעם און פארמאכן די אויגן און ניט וויסן פון דעם, וואָס שטערט אונדזער אנטוויקלונג פאָרויס. זי זעט דאָס בייז און פארורטיילט אָט די דערשײַנונגען אין אונדזער הײַנטצײַטיקן לעבן. איך מאך אופמערקזאם דעם לייענער אף די נאָוועלן „א יאפּאָנישער שירעם" און „א מיידל פון פּראָווינץ", אין וועלכע עס ווערט שארף פארורטיילט דער באלעבעסלדיקער שטייגער פונעם מעשטשאנין, די קליינבירגערלעכע געגנג און די עגאָיִסטישע פסיכאָלאָגיע פון באשטימטע שיכטן פון דער באפעלקערונג אין אונדזער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקײַט, אין אונדזער איצטיקער טאָגטעגלעכקײַט.

אָבער ניט דאָס נעגאטיווע איז כאראקטעריסטיש פארן הײַנטיקן לעבן, ניט דאָס נעגאטיווע פארנעמט דעם אויבנאָן אין גאָרשמאנס ווערק. די שרײַבערן ווײַזט די נײַע דערשײַנונגען און דעם נײַעם מענטשן אין דער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקײַט. ביז דער מילכאָמע, אין די צוואנציקער און דרײַסיקער יאָרן, איז דאָס געשטאלט פון אן ארבעטער, א פויער געווען א נײַס אין דער ייִדישער ליטעראטור. איצט, אין דער הײַנטיקער ליטעראטור, איז דאָס א געוויינלעכע דערשײַנונג. גאָרשמאן שרײַבט וועגן ארבעטער־לעבן („א פאָרפאָלק אין דיוונאָגאָרסק" און אנדערע). אין מאָנאָלאָג „נײַע צײַטן — נײַע

צאָרעס" זאָגט מענוכע, וועלכע מע רופט מאדאם גאָרפינקל:

„איר דארפט וויסן, אז מײַנער ארבעט סאַכאקל סלעסאר־מעכאניק אין אווטאָ־גאראזש. ניט צו פארזינדיקן, איך קום אויס. איך וויל זיך ניט בארימען, אָבער בא מיר איז ניטאָ כאפּ, וואָס מע גיט, איך קויף נאָר דאָס, וואָס איך דארף! פונקט ווען מײַן פלעמעניק האָט געענדיקט די צען קלאסן, איז געוואָרן אזא אָנגעלאָף אין די אינסטיטוטן מיט די טעכניקומס, אז איך קאָנטשע זיך. לויף איך ווידער צו לאפּסקערן. זאָגט ער: „אײַער פלעמעניק האָט גענומען זילבער?" זאָג איך: „געוויס". זאָגט ער: „פאָלגט מיך, זאָל אײַער פלעמעניק פאָרן קיין סאראטאָוו". ס'האָבן זיך געפונען נאָך אזוינע, ווי מײַן פלעמעניק. מע איז זיך צעפלויגן קיין נאָוואָסיבירסק, קיין איוואנאָוואָ, קיין קראסנאָיארסק. אז מײַנע קינדער האָבן געקאָנטשעט, זײַנען זיי אויך אוועק קיין סאראטאָוו, ביז איך האָב דערלעבט צו זען מײַנע קינדער מיט דיפּלאָמען...

הײַנט האָבן זיי אלע שיינע שטעלעס מיט אזוינע געהאלטן, אז בייס מע האָט אונדז געגעבן די דירע אף נײַ־סאָראָקע, האָט דער עלטערער צוגעשיקט א כאלאָדילניק, און דער פלעמעניק האָט געטאָן בעסער פון אלעמען — ער האָט צוגעשיקט א פערעוואָדל אף צוויי מיט א האלבע מייעס מיט א צושריפט אף דער לינקער זײַט: „דיאדיע אי טיאָטיע, קויפט וואָס איר דארפט". ער איז פאראיאָרן זומער געווען בא מיר צוגאסט מיט זײַן ווײַב און מיט זײַן קינד, האָט איר זיי שוין געמעגט אָנקוקן. ער אליין — אין זײַן פּאָנעם ניט צו קוקן, א וווקס — אף וווּנדער, זײַן ווײַב — א קראסאוויצע, כ'האָב נאָך אזוינס ניט געזען, זייער ייִנגעלע — אן אָפּענער קאָפּ, מיר זאָל זײַן פאר זײַן כּיעס! מײַנע ביידע זין זײַנען אויך געקומען מיט די ווײַבער און קינדער. ס'איז געווען א צוגאסט, אלע מײַנע ליבע זאָלן אזוינס דערלעבן. אלץ וואָלט געווען גוט, ווען ניט מײַן מיזינקע, מײַן ריוועטשקע, זי איז א בוכהאלטערן אף א גרויסער פאבריק, האָט בא אָנדערהאלבן מייעס, א פּרעמיע פאלט אויך ארײַן. פאראיאָרן האָט זי געענדיקט זאָאָטשנע אף די מאשינעס, וואָס קאָנען כעזשבענען. זאָג איך: „גענוג, ריוועטשקע, רו אָפּ". שטעקט זי מיך ארום מיט פעדערן און דערלאנגט אין אספּיראנטורע. זיצט טאָג און נאכט בא די ביכער, און וואָס פון דעם וועט ארויס, קאָן מען דערווײַל ניט וויסן, וואָרעם מע זאָגט, אז דער אָפּאָנענט, וואָס גיט אכטונג אף די אספּיראנטן, האָט א קנויל וואָל אָנשטאָט א הארץ. וואָס זאָל איך אײַך לאנג ברײַען, איך ווייס ניט, אף וואָסער וועלט איך בין! מײַנער נעמט זיך ווינציק צום הארצן, פונזײַנטוועגן איז רעכט, אז זײַן טאָכטער זאָל לאָזן די אספּיראנטורע אין העלפט וועג. אָבער מיר דערלאנגט עס ביסקל דער זיבעטער ריפּ. עס גייט מיר ניט ארויס פון זינען, וואָרעם ריוועטשקע לייגט אוועק דאָס גאנצע כּיעס. איז אײַך ווינציק? איז בא מײַן עלטערן זון א ייִנגל — האָט זיך בא אים פון דער העלער הויט ארויסגעטאנצט פידל שפּילן. ער איז הײַנטיקס יאָר אָנגעקומען אין דער קאָנסערוואטאָריע. מײַן זון האָט מיר דערציילט, אז דער אייניק האָט אזוי געשפּילט, אז מע איז זיך צונויפגעלאָפן פון אלע קלאסן. איצט, ווען איך ווער שוין געהאָלפן מיט דער מיזינקע, זי זאָל שוין האָבן די אספּיראנטסקע אף דער האנט און סע זאָל זיך מאכן דער גוטער שידעך, וואָלט איך מיט מײַן כאַימען געעפנט די אויגן..."

לייענענדיק אזא מאָנאָלאָג בא שירע גאָרשמאן, דערמאָנט מען זיך אין שאָלעם־אלייכעמס פילצאָליקע מאָנאָלאָגן וועגן גימנאזיע, וועגן פּריזיוו, וועגן ביטערן גוירל פון די פּאָלקסמאסן, און עס ווערט בוילעט און קלאָר דער קאָלאָסאלער מעהאלעך, וואָס טיילט אָפּ דאָס לעבן פון די ייִדישע מאסן אינעם צארישן אמאָל און אין אונדזער צײַט. און עס קאָן זײַן, אז שירע גאָרשמאן האָט ניט צופעליק געשטעלט אף איר מאָנאָלאָג דאָס קעפּל „נײַע צײַטן — נײַע צאָרעס". זי האָט דערמיט עפּשער געוואָלט קעגנשטעלן דעם אמאָל און דעם הײַנט און ווײַזן, אז די הײַנטיקע צאָרעס זײַנען אין טאָך די פרייד פון נײַעם זײַן. און זי האָט עס געוויזן.

דאָס צענטראלע געשטאלט פון שירע גאָרשמאנס שאפונגען איז די פרוי. דערמיט טיילט זי זיך אויך אויס אין דער הײַנטצײַטיקער ליטעראטור. זי איז די דיכטערן פון דער פרויִשער פּסיכאָלאָגיע, דער קינסטלער פון איר אינערלעכער וועלט, דער באזינגער פון אירע איידעלע געפילן, פון אירע צארטע איבערלעבונגען, פון איר גוירל און פון איר אָרט אין לעבן, פון אירע פריידן און ליידן, פון אירע אופטועס און אירע דורכפאלן. דער דערציילער פון גאָרשמאנס בעסטע ווערק איז א פרוי, און אלץ ווערט אָפּגעשאצט פונעם שטאנדפּונקט פון דער פרוי. דער אייביקער בונד און דער שטענדיקער קאָנפליקט צווישן מאן און פרוי איז דער פארבאָרגענער צענטראלער מאָטיוו אין אלע ווערק. די פרוי אין גאָרשמאנס נאָוועלן איז דורכויס פול מיטן באוווּסטזײַן ניט בלויז פון איר שטאָלץ און כיין אלס ווײַב און מוטער, נאָר אויך אלס שעפער און טוער, אָנטיילנעמער אין געזעלשאפטלעכן קאמף. און זי, די הײַנטצײַטיקע פרוי, דער צענטראלער העלד פון גאָרשמאנס ווערק, פילט איר קראפט און באציט זיך אפילע מיט אן איראָנישן שמייכל צו די מענער. „א ראכמאָנעס אף די מאנצבלען" — אזוי הייסט איינע פון גאָרשמאנס נאָוועלן. די פרוי איז זיכער אין איר באצויבערונגס־קראפט, וואָס קאָן גויווער זײַן די גרעסטע שוועריקײַטן און שאפן דאָס לעבן פון דער פאמיליע. זי ווייסט, אז דאָרט, ווו זי איז אפן אָרט און פילט זיך פרײַ, איז דער מאנצבל ניט זעלטן געפּענטעט און אומבאהאָלפן. אין איר „עלעהיי אן אווטאָביאָגראפיע" שרײַבט שירע גאָרשמאן, אז איר באָבע האָט זיך געווערטלט: „א מאן פארשטייט גאָ־אָ־אָרנישט! זאָג אים — א האלבע גאנדז פּיטערט זיך, די אנדערע העלפט בראָט זיך, — און פּאָזשאלוסטע!"

דאָס געשטאלט פון דער פרוי איז אין שירע גאָרשמאנס ווערק געוויזן אלזײַטיק. דאָס איז אין טאָך און דעריקער א פאָלקס־געשטאלט אין אן אומרויִקער און שטורמישער היסטאָרישער עפּאָכע, ווען עס זײַנען געבראָכן געוואָרן די יעסוידעס פונעם אלטן שטייגערישן סיידער און עס זײַנען געוואָרן און ווערן געשאפן נײַע פארהעלטענישן און צווישנבאציִונגען אין סאָציִאלן לעבן און אין לעבן פון דער נײַער פאמיליע. דורך דעם געשטאלט פון דער פרוי פארקערפּערט גאָרשמאן אלע וויכטיקע פּראָבלעמען פונעם לעבן. און דעריבער זײַנען שירע גאָרשמאנס ווערק ניט בלויז רעאליסטיש, נאָר באהויכט מיט ראָמאנטישן ליריזם. זעלבסטפארשטענדלעך, שירע גאָרשמאן שאפט אויך א גאנץ ברייטע גאלעריי פון מענלעכע געשטאלטן — ארבעטער, פּויערים, אינטעליגענטן, אקטיאָרן, מאָלער, שרײַבער. אָט די אלע געשטאלטן זײַנען געשילדערט, ווי פאָלקסמענטשן, און זיי צייכענען זיך אויס דערמיט, וואָס זיי זײַנען אינגאנצן איבערגעגעבן זייער שאפונג. דאָס איז באזונדערס צו זען אין די דערציילונגען „א באשערטע זאך”, „כאנעס שאָף און רינדער”, „יעדעס מאָל — ווי צום ערשטן מאָל” און אנדערע. דערבײַ איז די געשטאלטן־גאלעריי אין גאָרשמאנס נאָוועלן און דערציילונגען אן אינטערנאציִאָנאלע אין פולן זין פון וואָרט. איר וועט דאָ טרעפן ייִדן און רוסן, אוקראִינער, ווײַסרוסן, ליטווינער, מאָלדאוואנער, ציגײַנער און מענטשן פון אנדערע נאציִאָנאליטעטן לעבן אף אלע ברייטן און לענגען פון אונדזער לאנד.

דער סטיל פון שירע גאָרשמאנס רעאליסטישער שאפונג איז פאָלקסטימלעכקײַט. איך האָב שוין גערעדט וועגן דעם, אז דער העלד פון אירע ווערק איז דער פאָלקס־מענטש, אז זי מאָלט דאָס לעבן דורך דער פּריזמע פון דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע. דער פאָלקסטימלעכער כאראקטער פון שירע גאָרשמאנס שאפונג אנטפּלעקט זיך אין אלץ — אין באשטאנד פון דער פּערסאָנאזשן־גאלעריי, אין די געמאָלטע געשעענישן און סיטואציעס, אין די סוזשעטישע קאָנפליקטן, נאָר דעריקער — אין דער שפּראך, אינעם לאָשן פון די פּארשוינען, אין זייער ארט ריידן, אין זייער טײַנען און אויסטײַנען זיך איינער מיטן צווייטן, אינעם אינדיווידואליזירטן אופן פון פירן א געשפּרעך. די שפּראך־אינדיווידואליזאציע פון די פּארשוינען אין שירע גאָרשמאנס נאָוועלן פארמאָגט אלע ניואנסן און שאטירונגען פון דער פאָלקס־שפּראך. און, זעלבסטפארשטענדלעך, אויך דער שפּראך־סטיל פונעם אווטאָר איז דורכויס פאָלקסטימלעך, אָנגעזעטיקט מיט דער פילארטיקײַט און פילפארביקײַט פונעם פאָלקסטימלעכן ייִדישן נוסעך. א שלאל מיט ווערטלעך און גלײַכווערטלעך פארנעמט א ברייט אָרט אין שירע גאָרשמאנס דערציילונגען און נאָוועלן. דאָס איז א דערשײַנונג אין דער ליטעראטור, וואָס פאָדערט א ספּעציִעלע אויספאָרשונג און א ספּעציִעלן אנאליז. איך וועל דאָ ברענגען בלויז אייניקע בײַשפּילן פון אָט דעם פאָלקלאָר־מאטעריאל, וועלכע גיבן א געוויסע פאָרשטעלונג וועגן שירע גאָרשמאנס פאָלקסטימלעכן שפּראך־סטיל:

פון די מיסטן צו די פירשטן איז טאקע צום לאכן (פון דער נאָוועלע „ווו נעמט מען?”). א קראנקער מאן דארף א געזונט ווײַב („א ראכמאָנעס אף די מאנצבלען”). ער איז טאָמיד געזונט און קיינמאָל ניט זאט („דער מיטעסער”). די אייער שווײַגן, ווען די הון לייגט זיי („כאנקע”). כיילעוו זאָל זיך בא אײַך מינערן — סייכל זאָל זיך מערן („דער דריטער דאָר”). ס'איז געווען אמאָל א מײַסע, א ציגעלע א ווײַסע... („דער דריטער דאָר”). א גוטע שיסל איז בעסער פון א שלעכטער רעפוע („דער דריטער דאָר”). ווען מע עסט אלע טאָג אזוי, קען מען אוועק מיט דער טאָרבע („יאָמטעוו אינמיטן וואָך”). מײַן הארץ און מײַן נעשאָמע האָט קנאפּער פון מײַן מאָגן („יאָמטעוו אינמיטן וואָך”). אין צוויי שיסעלעך גיסט גאָט ניט ארײַן („יאָמטעוו אינמיטן וואָך”). א פארשפּעטיקטע אייצע איז א שטיין אפן הארצן („א נײַיאָר־נאכט”). זאראטוסטרא האָט געלערנט: מאך א קינד און טראָג זיך אָפּ! („הויכע שוועלן”). אָט אזוי איז טאָמיד, דער קוילער מאכט געוואלדן („הויכע שוועלן”). עס ווערט ניט געשוואָרן — עס ווערט געבאָרן („הויכע שוועלן”). דאָס באשערטע קומט אין שטוב ארײַן („כאנעס שאָף און רינדער”). מענטשן קאָנען זײַן פּוסטע, אָבער אײַטערס דארפן זײַן פולע „כאנעס שאָף און רינדער”). ניט געטראכט, ניט געדאכט, פאר א טאטן דיך געמאכט („כאנעס שאָף און רינדער”). אז ס'איז גוט אפן הארצן איז די ארבעט באשמירט מיט פּוטער („כאנעס שאָף און רינדער”). ווען מע קאָן זיצן, דארף מען ניט שטיין („כאנעס שאָף און רינדער”). איין צאָרע איז קיין צאָרע („א באשערטע זאך”). ניט קיין געשלאָפענער איז ערגער, ווי ניט קיין געגעסענער („א פארפאָלק אין דיוונאָגאָרסק”). דער אָרעמאן שטארבט ניט, ער בײַט נאָר דאָס געלעגער („א רויִקער זומער”). מע זאָל ניט געפּרווט ווערן, צו וואָס מע קען געווינט ווערן („די פאריאָסעמטע מאמע”). ווער עס זוכט יערושע, צאָלט קוורע־געלט („דער פעטער נאפטאָלע”). א מענטש האָט צוויי אויערן און איין צונג, קעדיי ער זאָל מער הערן און קנאפּער ריידן („געסט”). גאָט באשערט דעם שענקער זײַן ווײַן, דעם שפּינער — זײַן לײַן („א העלד קעגן סאראָקעס”). אז מע לייגט זיך ניט קיין געגעסענער, שטייט מען אוף ניט קיין געשלאָפענער („נאָך דער מילכאָמע”). ווער עס האָט אין זינען יענעמס אוויירעס, דער איז אליין א קנאפּער צאדיק („נאָך דער מילכאָמע”). האָסט א שלעכטן מאן, דארפסטו דאנקען גאָט („נאָך דער מילכאָמע”). פון צאָרעס שטארבט מען ניט, פון פרייד לעבט מען ניט („נאָך דער מילכאָמע”). ווער עס ווינטשט מיר שלעכטס, זאָל האָבן א ווײַב א בעריע („זיך ניט אויסגערעדט די הערצער”). פרעגן דארף מען, וואָס מע

ווייסט ניט („זיך ניט אויסגערעדט די הערצער”). אלט איז דער, ווער ס׳געדענקט ניט די יונגע יאָרן („זיך ניט אויסגערעדט די הערצער”). עסן איז רעגילעס. מע האָט ניט קיין געלט, באַקט מען ניט קיין כאַלעס! („זיך ניט אויסגערעדט די הערצער”). בעסער איין פויגל אפן צווייַגל, איידער צוויי אין שטייַגל („כאַנעס שאָף און רינדער”). גאָט שיקט צו די רעפוע פאַר דער מאַקע („כאַנעס שאָף און רינדער”). מעשאַנע מאָקעם מעשאַנע מאַזל („וויגדער שרייַבט בריוו”), קאָלזמאַן שעהאַנעשאָמאָ בעקירבוי, מאַכט ראָשע... („וויגדער שרייַבט בריוו”). מע זעט נאָך די באַקן, ווי די ציינער קנאַקן („די מיזינקע”).

נאַטירלעך, דערמיט שעפּט זיך ניט אויס דער פאָלקלאָר־מאַטעריאַל אין שירע גאָרשמאַנס ווערק. אָבער דאָס איז גענוג אָף צו איבערצייַגן זיך אינעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון איר שאַפונג און פון איר שפּראַך־סטיל. אין די געבראַכטע בייַשפּילן פילט זיך די דעמאָקראַטישע און, איך וואָלט אפילע געזאָגט, די פּלעבעיִשע שפּראַך־אַמביציע פון די פאַרשוינען און עפּשער אפילע פונעם אווטאָר גופע, וועלכע היטן זיך ניט פון א גראָב וואָרט, פון א שאַרפן וויץ. אין דעם איז אויך אויסגעדריקט דער קויעך פון שירע גאָרשמאַנס שאַפונג.

דער הויפּט־זשאַנער פון גאָרשמאַנס שאַפונג איז די נאָוועלע. אַמאָל איז דאָס זייער א קורצע געפּרעסטע מיניאַטיור, אָף איין זייַטל, אָף א האַלב זייַטל, אָף אָנדערהאַלבן זייַטלעך, אָף עטלעכע זייַטלעך. אין צוויי פאַלן איז גאָרשמאַן אָפּגעטראָטן פונעם נאָוועליסטישן זשאַנער און האָט געשאַפן א גרעסערע דערציילונג מיט אַן אַנטוויקלטן סוזשעט און מיט פאַרענדיקטע מענטשלעכע געשטאַלטן. איך האָב אין זינען די ווערק „א באַשערטע זאַך” און „כאַנעס שאָף און רינדער”. איך ווייס ניט, צי וועט שירע גאָרשמאַן שרייַבן א ראָמאַן, און איך וויל זיך ניט פאַרנעמען מיט געבן אייצעס דעם אווטאָר. איך וויל בלויז זאָגן, אַז די דערציילונגען „א באַשערטע זאַך” און „כאַנעס שאָף און רינדער” זייַנען לויט זייער גאַנצער סטרוקטור גאָר געלונגענע שאַפונגען און דערנעענטערן זיך צו דער גרעסערער דערציילערישער פאָרם — צום ראָמאַן.

די קליינע דערציילערישע פאָרם פאָדערט א באַזונדערן טאַלאַנט צו שילדערן דאָס לעבן אין שאַרפע בילדער, מיט א קאָנצענטרירטן סוזשעט, מיט לאַקאָנישקייַט פון וואָרט און פון דער גאַנצער סטרוקטור פונעם ווערק, וואָס מאָלט די ווירקלעכקייַט דורך דעם, וואָס עס ווערט געשילדערט איין עפּיזאָד, איין מאָמענט פונעם לעבן; און מאָלנדיק אָט דעם עפּיזאָד, שאַפט דער אווטאָר א געשטאַלט פון א מענטשן, גיט א פאָרשטעלונג וועגן א טיפּישער דערשייַנונג פונעם לעבן. שירע גאָרשמאַן פאַרמאָגט א טאַלאַנט פון אַן עכטן נאָוועליסט, אַן עכטן מייַסטער פון אָט דעם זשאַנער.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט א רייַכע טראַדיציע אין דער נאָוועליסטיק. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען, ווי שאָלעם־אַלייכעם, י.־ל. פּערעץ און אווראָם רייזען. אונדזער קלאַסישע ליטעראַטור אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ביז דאָוויד בערגעלסאָנען, שאָלעם אַש, יויסעף אָפּאַטאָשו און אַנדערע, איז אין גרונט געווען א נאָוועליסטישע. אָבער די ראָמאַניסטן בערגעלסאָן, אַש און אָפּאָטאָשו זייַנען אויך געווען גלענצנדיקע נאָוועליסטן. אינעם „דריבנעם” דערציילערישן זשאַנער האָבן די קלאַסיקער געשאַפן ברייטע פּאַנאָנדערגעוויקלטע בילדער פונעם רעאַלן לעבן, פון די וויכטיקסטע סאָציִאַלע געשעענישן, פונעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף און פונעם גוירל פון דעם מענטשן.

שירע גאָרשמאַן דער נאָוועליסט איז פאַרבונדן מיט די טראַדיציעס פון אָט דער רייַכער ייִדישער נאָוועליסטיק. עס איז ניט שווער צו באַווייַזן, אַז לויטן דיִאַלאָג און מאָנאָלאָג, לויט דער פאָלקסטימלעכקייַט פונעם שפּראַך־אַרסענאַל איז זי נאָענט צו שאָלעם־אַלייכעמען און לויט דער קאָנצענטרירטקייַט פונעם דערציילן, לויט דער לאַקאָנישער שפּאָרעוודיקייַט און דעם געבוי פון דער נאָוועלע איז זי פאַרבונדן מיט י.־ל. פּערעצן. ווי יעדער ערנסטער קינסטלער, שפּאַרט זי זיך אָן אָף דער טראַדיציע און גייט אָבער מיט איר אייגענעם וועג און שאַפט איר אייגענעם נוסעך, איר אייגענעם גאַנג. זי איז אומעטום און שטענדיק שירע גאָרשמאַן.

אונדזערע מיטטיילונגען

ארן יערוסאלימסקי

ייִדישע קולטור־אוצרות אין דער אַלפאַרבאַנדישער לענין־ביבליאָטעק

אין סאַמע צענטער פון מאָסקווע, קעגניבער די באָראָוויטשער טויערן פון דער קרעמל־וואַנט, שטייען צוויי פּראַכטפולע געבײַען. איינער א מאַרמאָר־ווײַסער מיט רונדע קאָלאָנעס, דער צווייטער — א גראַניט־גרויער מיט פּירעקיקע קאָלאָנעס, צו אים איז צוגעטוליעט א זיבעצנגאָרנדיקער מויער פון שטאָל און גלאָז. דער אַנסאַמבל פון די דאָזיקע פּאַלאַצן בילדעט א קוואַרטאַל, וואָס גייט אַרויס אַף פיר גאַסן. דאָ געפינט זיך איינער פון די גרעסטע קולטור־צענטערס פון אונדזער לאַנד — די אַלפאַרבאַנדישע מעלוכע־ביבליאָטעק אַף וו. אי. לענינס נאָמען (געוועזענע רומיאַנצעוו־ביבליאָטעק).

אין XVI יאָרהונדערט איז אין מאָסקווע געגרינדעט געוואָרן די ערשטע רוסישע בוך־דרוקערײַ, אין 1755 — די ביבליאָטעק באַם מאָסקווער אוניווערסיטעט. צום 1000־יאָריקן יובילײ פון רוסלאַנד איז אין מאָסקווע אין 1862 אופגעקומען די ביבליאָטעק אַף רומיאַנצעווס נאָמען.

ניקאָלײַ פּעטראָוויטש רומיאַנצעוו (1754—1826), א זון פונעם פעלדמאַרשאַל רומיאַנצעוו־זאַדונײַסקי, איז געווען אַן אָנגעזעענער מעלוכע־טוער: מיניסטער פאַר אויסערן־איניאָנים, האַנדלס־מיניסטער, קאַנצלער. ער האָט אַרויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס צו זאַמלען ליטעראַטור וועגן דער געשיכטע פון רוסלאַנד, עטנאָגראַפיע און קונסט־ווערק. נאָך זײַן טויט האָט סערגיי פּעטראָוויטש רומיאַנצעוו — זײַן ברודער — איבערגעגעבן דער רעגירונג דעם פּעטערבורגער מוזיי. דערנאָך זײַנען די אוצרעס אַריבערגעפירט געוואָרן קיין מאָסקווע אין פּאַשקאָווס מאַרמאָר־הויז, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן לויטן פּראָיעקט פונעם באַוווּסטן רוסישן אַרכיטעקטאָר וואָסילי באַזשענאָוו.

באַ דער עפענונג פון דער ביבליאָטעק האָט דער ביכער־פאָנד אָנגעציילט 28.500 בענדער. געאַרבעט האָבן דאָ 4 מענטשן. די מאָנאַרכיע האָט שטרענג נאָכגעקוקט נאָך דער ביבליאָטעק. איר שעף איז פאַר דער רעוואָליוציע געווען ניקאָלײַ דער צווייטער זעלבסט, איר לעצטער דירעקטאָר — דער פירשט וו. גאָליצין, דער ברודער פונעם לעצטן פּרעמיער פון דער צאַרישער רעגירונג. אָבער דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער גײַסט, וועלכער האָט זיך פאַרשפּרייט אין לאַנד אין סאָף פון XIX יאָרהונדערט, האָט זיך אַרײַנגעריסן אויך אין ביבליאָטעק־וועזן.

לויטן צאַרישן אוקאַז פלעגט די רומיאַנצעוו־ביבליאָטעק באַקומען אַן אָבליגאַטאָרישן עקזעמפּליאַר פון אַלץ, וואָס אין רוסלאַנד איז געווען געדרוקט, ליטאָגראַפירט און גראַווירט. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקײַט, עס זאָל אַרײַנדרינגען אַהער די פּראָגרעסיווע און לעגאַל־מאַרקסיסטישע ליטעראַטור. די מעגלעכקײַט זי צו שטודירן האָט צוגעצויגן אַהער פיל רעוואָליוציאָנערן. די ביבליאָטעק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די לעגאַלע צענטערס פון דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער און פּראָלעטאַרישער באַוועגונגען. דאָ האָט וו. אי. לענין געגרייט זײַנע ווערק אין 1893 און אין 1897 פאַר דעם, ווי מע האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר.

דער פּאָליטישער און קולטורעלער אופשוווּנג פון רוסלאַנד האָט מיטגעווירקט דעם הויכן וווּקס פון דער ביכער־פּראָדוקציע אין רוסיש. ס'האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען אויסגאַבעס אַף די שפּראַכן פון די אונטערדריקטע נאַציעס און פעלקערשאַפטן. אָבער די צאַרישע מאַכט האָט מיט אַלע קויכעס געשטערט דער אַנטוויקלונג פונעם בוך באַ די „אינאָראָדצעס”. פון די העכער הונדערט נאַציעס און פעלקערשאַפטן האָבן בלויז 25 באַקומען די מעגלעכקײַט אַרויסצוגעבן אין רוסלאַנד ביכער און פּעריאָדישע אויסגאַבעס אַף זייערע שפּראַכן. אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָבליגאַטאָרישן עקזעמפּליאַר, האָט די ביבליאָטעק אָנגעהויבן באַקו־

מען די ניט־רוסישע אויסגאַבעס. אָבער נאָך די אוקראַיִנישע און ווײַסרוסישע ליטעראַטורן, וועלכע זײַנען פאַרעכנט געוואָרן אַלס רוסישע, האָבן באַקומען א גלײַכבאַרעכטיקונגס־צוטריט צו די שאַפעס.

אָנהייבנדיק פונעם XX יאָרהונדערט איז געוואַקסן די יידישע ליטעראַטור. זי האָט זיך אַלץ מער אָנגעזאַמלט אין די קאַסטנס פון דער ביבליאָטעק. אָבער די יידישע (העברעיִשע) ביכער זײַנען געבליבן ניט סיסטעמאַטיזירט און ניט קאַטאַלאָגיזירט, זיי זײַנען ניט אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אינעם ביכער־פאָנד פון דער ביבליאָטעק. מיט דער צײַט פלעגן די קאַסטנס, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אין די פײַכטע קעלערס, פאַרפוילט ווערן. „אין די דאָזיקע פילצאָליקע קאַסטנס און קופעס, — האָט געשריבן דער באַוווּסטער ביבליאָגראַף שמועל אײַזנשטאַדט, — זײַנען פאַרשלונגען געוואָרן אין מעשעך פון א האַלבן יאָרהונדערט אוצרעס פון אונדזער ליטעראַטור, וועלכע פלעגן אַרײַנפאַלן אין רעשוס פון דער פײַנטלעכער רעגירונג און וואָס קיין האַנט פון א ביבליאָטעקער האָט זיך מיט זיי ניט פאַרנומען, ווײַל א ייִדן איז פאַרבאָטן געווען צו פאַרנעמען א שטעלע פון א מעלוכע־ביבליאָטעקער” („אייניקײַט”, 1946, נומ. 3).

צום 50־יאָריקן יובילײ פון דער ביבליאָטעק האָט די אַדמיניסטראַציע זיך אָפּגעזאָגט אַפילע פון אויסוואַל־באַאַרבעטונג פון די ניט־רוסישע ביכער.

די לאַגע האָט זיך טיילווײַז געענדערט אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען אין מאָסקווע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די יידישע דעמאָקראַטישע באַוועגונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן וווּקס פון דער צאָל יידישע אַרבעטנדיקע (בעזשענצעס), וועלכע האָבן געוווינט הינטער מאָסקווע. די אַדמיניסטראַציע איז אײַנגעגאַנגען צו אַרײַנלאָזן אין דער ביבליאָטעק צײַטווײַליק (אויף א יאָר צײַט) א יידישן ביבליאָטעקער, וועלכער האָט געדאַרפט אויסגעהאַלטן ווערן אויפן כעזשבן פון די יידישע קערפּערשאַפטן. פאַר דער דאָזיקער צײַט איז דער ביבליאָטעקער מעכוּיעוו געווען צונויפשטעלן אין רוסיש דעם קאַטאַלאָג פון די יידישע ביכער. אין האַרבסט 1915 האָט אַלס אַזאַ ביבליאָטעקער אָנגעהויבן אַרבעטן שמועל אײַזנשטאַדט. פאַר א יאָר צײַט האָט ער, נאַטירלעך, ניט געקאָנט קאַטאַלאָגיזירן די אָנגעזאַמלטע טויזנטער יידישע ביכער. אין אָנהייב 1917 האָט דער גענעראַל־דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק וו. גאָליצין אָפּגעשאַפן די שטעלע פון א צײַטווײַליקן יידישן ביבליאָטעקער. אינגיכן אָבער, נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, איז אײַזנשטאַדט באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער ביבליאָטעק.

די סאָוועטישע רעגירונג און פּערזענלעך וו. אי. לענין האָט פיל אויפמערקזאַמקײַט געווידמעט דער רומיאַנצעוו־ביבליאָטעק. אין די יאָרן 1918—1920 האָט זי באַקומען פון די נאַציאָנאַליזירטע פאָנדן אַנדערהאַלבן מיליאָן בענדער. גרויסע פּריוואַטע ביבליאָטעקן, ביכער־זאַמלונגען, קאָלעקציעס, וועלכע האָבן פריִער געהערט צו די קלויסטערס, מאָנאַסטירן, פירשטן, מאַגנאַטן זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן אין רעשוס פונעם פאָלק. צו די ביכער־אוצרעס האָבן באַקומען א ברייטן צוטריט די אַרבעטנדיקע מאַסן. אין 1922 איז אין פאַרגלײַך מיטן 1916 אין 30 מאָל אויסגעוואַקסן די צאָל אַרבעטער־לייענער פון דער ביבליאָטעק. אין 1924 איז זי רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין אַן אַלפאַרבאַנדישער מעלוכע־ביבליאָטעק און אָנגערופן געוואָרן אויף לענינס נאָמען. מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע פונעם לאַנד האָט זיך פאַרשטאַרקט איר מאַטעריעלע באַזע, ס'איז אויסגעבויט געוואָרן אַן אוניקאַלע געבײַדע, וועלכע איז אויסגערעכנט אויף מיליאָנען בענדער. קאָלאָסאַל איז אויסגעוואַקסן דער ביכער־פאָנד.

צו איר 100־יאָריקן יובילײ (1962) האָט די לענין־ביבליאָטעק אָנגעציילט העכער 14,5 מיליאָן בענדער, פאַרנעמענדיק צווישן די ביבליאָטעקן אין דער וועלט דאָס ערשטע אָרט. דאָס צווייטע אָרט האָט פאַרנומען די לענינגראַדער עפנטלעכע ביבליאָטעק אויף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען.

אין די ווײַטערדיקע צען יאָר איז דער ביכער־פאָנד פון דער לענין־ביבליאָטעק נאָך מער אויסגעוואַקסן און האָט צום יאָר 1972 שוין אָנגעציילט העכער 30 מיליאָן דרוק־אויסגאַבעס. די צאָל לייענער איז אויסגעוואַקסן ביז 3 מיליאָן.

די לענין־ביבליאָטעק שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָנפירנדיקן וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אַנשטאַלט פון דעם ביבליאָטעק־וועזן, ביבליאָגראַפיע און געשיכטע פון בוך. ניט רעכענענדיק די לענינגראַדער עפנטלעכע ביבליאָטעק, האָט זי ניט קיין גלײַכן אין דער וועלט לויטן פאַרנעם, רײַכקייט פון די פאָנדן, מעטאָדן פון ביבליאָטעק־פירונג און זאַמלונג פון דער דרוק־פּראָדוקציע פון די פעלקער פון פססר.

די לענין־ביבליאָטעק שפּיגלט אָפּ דעם אויפבלי פון די ברידערלעכע סאָוועטישע ליטעראַטורן, וועלכע זײַנען אָרגאַנישע באַשטאַנדטיילן פון דער אייניקײַטלעכער סאָוועטישער קולטור. אין אינטערנאַציאָנאַלן ביכער־אוצער פון דער ביבליאָטעק זײַנען איצט פאָרגעשטעלט ווערק אויף 210 שפּראַכן, 91 פון זיי געהערן די לעשוינעס פון די פעלקער פון פססר, 119 — צו די אויסלענדישע.

א בעקאָוועדיק אָרט פאַרנעמען אין דער לענין־ביבליאָטעק די יידישע קולטור־אוצרעס. גלײַך נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די ביבליאָטעק אײַנגעשלאָסן אין זיך די נאַציאָנאַליזירטע ביכער־קאָלעקציעס פון גינצבורגס, פּאָליאַקאָווס, מאַזאָס און אַנדערע פאָנדן.

די ביבליאָטעק האָט אָנגעהויבן באַקומען צו צוויי־דרײַ אָבליגאַטאָרישע עקזעמפּליאַרן פון דער יידישער סאָוועטישער דרוק־פּראָדוקציע און איבערזעצונגען פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור אויף אַנדערע שפּראַכן. פיל אויסגאַבעס זײַנען דערהאַלטן געוואָרן פון די אויסלענדישע יידישע פאַרלאַגן. די אַלגעמיינע צאָל ביכער פון דער יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור האָט באַטראָפן צום יאָר 1947 ביז 70 טויזנט. דערצו דאַרף מען צוגעבן טויזנטער איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור אויף אַנדערע שפּראַכן. אַלע יידישע פאָנדן זײַנען ברייט באַאַרבעט געוואָרן, מע האָט זיי אַרײַנגעטראָגן אין די קאַטאַלאָגן, אין די מאַטעריאַלן פונעם ביבליאָגראַפישן אַפּאַראַט, וועלכער באַדינט די לייענער. אין דעם אַלגעמיינעם סיסטעמאַטישן גענעראַל־קאַטאַלאָג פון דער ביבליאָטעק זײַנען אײַנגעשלאָסן אַלע

ביכער, פּעריאָדישע אויסגאַבעס און זשורנאַלן פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור, וועלכע זײַנען דערשינען אין רוסיש און אויף אויסלענדישע שפּראַכן. באַם גענעראַל־קאַטאַלאָג פון די ביכער פון דער ליטעראַטור אויף די שפּראַכן פון די פעלקער פון סאָוועטנפאַרבאַנד איז אויסגעטיילט א סיסטעמאַטישער קאַטאַלאָג פון די ביכער און פּעריאָדישע אויסגאַבעס אויף ייִדיש און העברעיִש.

דער ביבליאָטעק־סעקטאָר פון דער ליטעראַטור פון אַזיע און אַפריקע האָט צונויפגעשטעלט א ספּעציעלן קאַטאַלאָג פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, וועלכער ציילט אָן העכער 30.000 קאַרטלעך. ספּעציעלע קאַרטלעך פון דער ייִדישער און העברעיִשער פּרעסע פאַרמאָגט דער פּרעסע־קאַטאַלאָג פון דער ביבליאָטעק.

די אַנטיקוואַרע ייִדישע און העברעיִשע ביכער געפינען זיך אינעם בוך־מוזיי פון דער ביבליאָטעק. די „ענציקלאָפּעדיע איוורית" גיט א רעשימע פון די ייִדיש־העברעיִשע ביבליאָטעקן אין דער וועלט (אָדער ייִדיש־העברעיִשע אָפּטיילונגען פון די גרעסטע וועלט־ביבליאָטעקן). לויט דער צאָל געדרוקטע ביכער און קסאָוויאַדן באַשטימט זי זייער אָרט אינעם צעטל פון די גרעסטע וועלט־קאָלעקציעס פון יודאַיִק. אָנגעזעענע ערטער צווישן זיי פאַרנעמען די באַוווּסטע ייִדיש־העברעיִשע באָדליאַנער ביבליאָטעק (אָקספאָרד), די גרויסע העברעיִש־ייִדישע ביכער־זאַמלונג באַם בריטאַנישן מוזיי — זיי פאַרמאָגן איבער 6000 קסאָוויאַדן. לויט די ידיעות פון דער פּעטערבורגער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע, האָט גינצבורגס קסאָוויאַדן־פאָנד, וואָס געפינט זיך איצט אין דער ביבליאָטעק אויף וו. אי. לענינס נאָמען, פאַרנומען ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע דאָס צווייטע אָרט אין דער וועלט צווישן די קסאָוויאַדן־זאַמלונגען פון דער ייִדישער קולטור.

די דאָזיקע קסאָוויאַדן זײַנען נאָך ווײַט ניט דערלערנט און אויסגעפאָרשט. זייער באַשרײַבונג פאָדערט א ספּעציעלע טעמע. דאָ וועלן מיר געבן בלויז א קורצן איבערבליק.

די קסאָוויאַדן־קאָלעקציע נעמט אַרום אַן עפּאָכע פון קימאַט א גאַנצן יאָרטויזנט. דאָס זײַנען קסאָוויאַדן פון שפּאַניע, איטאַליע, פראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, האָלאַנד, פּאָרטוגאַליע, טשעכיע, פּוילן, רוסלאַנד, פון א ריי לענדער פון אַזיע און אַפריקע. זיי זײַנען געשריבן אין העברעיִש (פאַרשיידענע דיאַלעקטן), גריכיש, אַראַביש, שפּאַניש, לאַטײַניש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, דײַטש און אַנדערע. זיי ווײַזן אָן אויף די גרויסע רײַכטימער פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור אין מיטלאַלטערטום. בעלי־ספק, האָט די רעליגיעזע טעמאַטיק פאַרנומען א הערשנדיק אָרט אין דער גײַסטלעכער קולטור באַם פעאָדאַליזם. ווי עס ווײַזט אָן מ. ווײַנרײַך, האָט אפילו באַם אויפקום פון דער דרוק־פּראָדוקציע אין XV יה. זעקס זיבעטלעך פון דער געדרוקטער ליטעראַטור געהערט צו דער רעליגיעזער טעמאַטיק.

אין געביט פון מעדיצין טרעפן מיר אין דער קסאָוויאַדן־קאָלעקציע ביכער פון אַנאַטאָמיע, ווערק וועגן די פאָרמען פונעם האַרץ, וועגן די געלענקן פונעם גוף און זייערע קראַנקײַטן, א מעדיצינישן האַנטבוך, איבן סינאַס מעדיצינישע ווערק, פיל רעפּוע־ביכער, ווערק וועגן דער מעדיצינישער גיכער הילף באַ אומגליקס־פאַלן, וועגן שוואַנגערשאַפט און קימפּעט, וועגן סוידעס פון דער היילקונסט, אַרום פראַגן פון געראָנטאָלאָגיע. אין געביט פון מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, געאָגראַפיע איז די טעמאַטיק א פאַרשיידנאַרטיקע: קלאָלים ווי אַזוי אויסרעכענען דעם גאַנג פון די שטערן, וועגן דער פאָרם פון דער ערד, פאַרשיידענע לוכעס, א בוך וועגן אַסטראָלאָגיע, אַווראָם איבן עזרעס סייפער וועגן ציפערן, א מאַטעמאַטישער בוך, וואָס שטיצט זיך אויף אַריסטאָטעלס א בוך וועגן אַלגעברע, א בוך וועגן שאָך־שפּיל, 45 העפטן פון געאָגראַפישע באַשרײַבונגען, יויסעף קאָהענס מאַנוסקריפּט וועגן דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע.

אין געביט פון ליטעראַטור און שפּראַך: אימאַנועל האָרוימיס „די לערע פון אונדזער שפּראַך", א גראַמאַטיק פון לאָשנקוידעש אויף איטאַליעניש מיט העברעיִשע אויסיעס, א האַנטבוך „ווי אַזוי צו שרײַבן לידער", א גראַמאַטיק פון דער אַראַמעיִשער שפּראַך, לידער פון מוישע איבן עזרע, זאַמלונגען פון פּאָעטישע ווערק פון שלוימע איבן גווירואָל, פּיוטים און שירים אויף אַפריקאַנישע טעמעס, דער „דיוואַן" פון יעהודע האַלייווי, לידער פון אימאַנועל האָרוימי און אַנד.

אין געביט פון געשיכטע: די געשיכטע פון רוים זינט איר גרינדונג ביז אָנהייב פון די מאַכמעדאַנער, זאַמלונגען פון היסטאָרישע געשעענישן, די געשיכטע פון די ייִדן אין איטאַליע, פּינקאָסים פון ייִדישע קעהילעס און אַנד.

אין געביט פון פילאָסאָפיע: א גרויסע צאָל ווערק פון אַריסטאָטעלן, איבערגעזעצטע אויף העברעיִש, דעם ראַמבאַמס ווערק, פאַרשיידענע פּיירושים אויף אַריסטאָטעלס פילאָסאָפישע ווערק, שמועל איבן טיבונס איבערזעצונגען און אַנדערע.

צום בריליאַנטן־אויצער פון דער ייִדישער קולטור פון דער לענין־ביבליאָטעק געהערט די זאַמלונג פון די ערשטע העברעיִשע געדרוקטע ספאָרים אין סאָף פון XV יה. — די אַזוי גערופענע אינקונאַבעלן. דאָס אָפּזוכן, צונויפזאַמלען און דערלערנען די דאָזיקע אַלטערטימלעכע ביכער האָט א וויכטיקע באַדײַטונג באַם פאָרשן די העברעיִשע ליטעראַטור און די ייִדישע קולטור ביכלאַל. אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן די פאַשיסטישע באַרבאַרן, באַגלײַך מיטן פאַרניכטן מיליאָנען ייִדן, גראַבעוועט און אומגעבראַכט פיל אויצרעס פון דער ייִדישער קולטור. א סאַך אַנטיקוואַרע ייִדישע ספאָרים, גאַנצע ביבליאָטעקן זײַנען אומגעקומען. ניט געקוקט אָבער אויף די גרויסע פאַרלוסטן, ווערן געפונען נײַע, פריער אומבאַוווּסטע אינקונאַבעלן.

לויט די ידיעות פון דער פּעטערבורגער „ייִדישער ענציקלאָפּעדיע" (אין רוסיש), וועלכע איז דערשינען ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, האָבן די גרעסטע קאָלעקציעס פון העברעיִשע אינקונאַבעלן זיך דעמלט געפונען אין פאָלגנדע עפנטלעכע ביכער־זאַמלונגען: אין לאָנדאָנער בריטאַנישן מוזיי, באָדעליאַנער ביבליאָטעק (אָקספאָרד), ניו־יאָרקער קאָלומבישן אוניווערסיטעט, פּאַריזשער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, פראַנקפורטער־באַם־מײַן שטאָט־ביבליאָטעק, פּאַרמער ביבליאָטעק און אין אַזיאַטישן מוזיי אין פּעטערבורג.

לויט דער אַלגעמיינער צאָל עקזעמפּליאַרן פון די אינקונאַבעלן (אין עפנטלעכע ביבליאָטעקן און בא פּריוואַטע פּערזאָנען) האָט ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע דאָס ערשטע אָרט פאַרנומען ענגלאַנד (בא 191 אינקונאַבעלן), דאָס צווייטע — דײַטשלאַנד (124), דאָס דריטע — רוסלאַנד (בא 89), דאָס פערטע — די פאַרייניקטע שטאַטן (75), ווײַטער זײַנען געגאַנגען איטאַליע (64), פראַנקרײַך (30) אאַ.

נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע זײַנען פאָרגעקומען באַדײַטנדיקע ענדערונגען אין דער וועלט־פאַרטיילונג פון די אינקונאַבעלן. זייער אַלגעמיינע צאָל אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז געבליבן די זעלבע. די פּריוואַטע קאָלעקציעס זײַנען נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, און אַלע אינקונאַבעלן געפינען זיך אין די אַלפאַרבאַנדישע ביבליאָטעקן. גינצבורגס, פּאָליאַקאָווס קאָלעקציעס ווערן אופגעהאַלטן אין דער לענין־ביבליאָטעק, אַלע אַנדערע — אין די לענינגראַדער ביבליאָטעקן.

די „ענציקלאָפּעדיע איוריט" (ירושאָלאַיִם) גיט אַ רעשימע פון די אופגעזוכטע אינקונאַבעלן. לויט דער צאָל טיטולן שטעלן זיי הײַנט פאָר העכער 140. אָבער, באַצייכענענדיק די נעמען פון די עקזיסטירנדיקע אינקונאַבעלן, זייערע מעכאַברים, דאָס יאָר און אָרט פון דערשײַנען, האָט די „ענציקלאָפּעדיע איוריט" זיך אָפּגעזאָגט צו געבן ידיעס וועגן זייער פאַנאַנדערטיילונג אין פאַרשיידענע לענדער. „צוליב דעם ציל פון פאַרקירצן, — דערקלערט די רעדאַקציע, — ווערט אין דער טאַבעלע געבראַכט נאָר איין מאָקער (אָרט)", ווו סע געפינט זיך יעדער נאָמען פון דעם אינקונאַבעל, כאָטש ער קאָן זיך געפינען אין אַ ריי לענדער. דערבײַ גיט די רעדאַקציע דעם פּריאָריטעט אין דעם פּראַט די אינקונאַבעלן־קאָלעקציעס פון ירושאָלאַיִם און ניו־יאָרק. האַלטנדיק זיך בא דעם דאָזיקן מעטאָד פון אָנרופן „איין אָרט", שטעלט פאָר די טאַבעלע אַ פאָלגנדיקע פאַנאַנדערטיילונג פון די אינקונאַבעלן: ייִסראָעל — 59, ניו־יאָרק — 35, פּאַרמאַ — 12, לאָנדאָן און אָקספאָרד — 10, פראַנקפורט־באַם־מײַן — 9 און איינצלנע אינקונאַבעלן אין נאָך אַ פאָר ערטער. עס שאַפט זיך אַן אײַנדרוק, אַז צוויי דריטל פון די עקזיסטירנדיקע אינקונאַבעלן געפינען זיך אין ירושאָלאַיִם און אין ניו־יאָרק און גאָר אַ קליינע צאָל אין אַזעלכע היסטאָרישע צענטערס פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, ווי אָקספאָרד און לאָנדאָן, ווו ס'האָבן זיך געפונען די גרעסטע צאָל אינקונאַבעלן. מיט קיין איין וואָרט ווערט ניט דערמאָנט דער סאָוועטנפאַרבאַנד אַלס איינער פון די גרעסטע צענטערס פון די העברעיִשע אינקונאַבעלן. מיר קלערן, אַז בא אונדז איז מעגלעך צו געפינען אויך אַ ריי אינקונאַבעלן, וועלכע זײַנען ניטאָ אין אַנדערע ערטער.

די ידיעס וועגן די אינקונאַבעלן אין באַזונדערע לענדער האָט אַ וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע באַדײַטונג. זיי ווײַזן אָן אָף דער ראָליע פון פאַרשיידענע ייִדישע קיבוצים, קולטור־צענטערס אין זאַמלען, דערלערנען און אָפּהיטן אונדזערע קולטור־אויצרעס אין מעשעך פון הונדערטער יאָרן. דאָס טאָר ניט אויסגעמעקט ווערן פון דער ייִדישער געשיכטע.

אין דער לענין־ביבליאָטעק געפינען זיך די העברעיִשע אינקונאַבעלן אין דעם בוך־מוזיי פאַר זעלטענע אויסגאַבעס. מיר ברענגען זייער רעשימע (זע זײַט 138).

די דאָזיקע רעשימע זאָגט איידעס וועגן דער זאָרגזאַמער באַציִונג פון דער סאָוועטנמאַכט צו די רײַכטימער פון די נאַציאָנאַלע קולטורן פון די פעלקערשאַפטן פונעם לאַנד.

דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער לינגוויסט עליע פאַלקאָוויטש, וועלכער האָט אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן געאַרבעט אין דער ייִדישער סעקציע פונעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון בילדונג, האָט מיר דערציילט וועגן אַזאַ פאַקט. עס זײַנען געוועזן די שווערע הונגער־יאָרן פונעם בירגערקריג. דאָס לאַנד האָט גוואַלדיק זיך גענייטיקט אין אויסלענדישער וואַליוטע אָף אײַנצוקויפן אין אויסלאַנד ברויט פאַר די הונגעריקע. די אַמעריקאַנער ייִדישע בורזשואַזיע האָט געפּרוווט אויסנוצן אָט די שווערע לאַגע, און אירע מאַנהיגים האָבן פאָרגעלייגט, אַז רוסלאַנד זאָל פאַרקויפן זעלטענע העברעיִשע ספאָרים פון דער לענין־ביבליאָטעק. זיי זײַנען געווען זיכער, אַז די סאָוועטישע רעגירונג וועט זיך אָנכאַפּן פאַר דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, אָבער עס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן אפילע די אידיי פון אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען. וו. אי. לענין האָט דערבײַ באַטאָנט, אַז מיט קיין שום דאָלאַרן קאָן מען ניט אויסמעסטן די קולטור־אויצרעס פון די פעלקער פון אונדזער לאַנד.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער פאַקט, וועגן וועלכן עס דערציילט דער ביבליאָגראַף מענדל ראָזענהויז. לויט דער באַפולמעכטיקונג פונעם פאָלקאָמבילד האָט אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פון דער לענין־ביבליאָטעק געאַרבעט אַן אווטאָריטעטע וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע בעראָש מיט ש. דימאַנשטיינען, וועלכע האָט מיטגעהאָלפן באַשרײַבן און קאַטאַלאָגירן די העברעיִשע אַנטיקוואַרע ליטעראַטור און בעסויכעם די אינקונאַבעלן.

די געבראַכטע רעשימע פון די אינקונאַבעלן באַצייכנט בלויז 12 מעכאַברים, 16 נעמען פון ספאָרים. אָבער וואָס פאַר אַן אוניקום דאָס איז!

אַלע ספאָרים (אויסער „בחינת עולם") געהערן צו די ערשטע אויסגאַבעס, דערשינענע אין די ערשטע ייִדישע דרוקערײַען אין די יאָרן 1475—1492. היסטאָרישער עלטער: דער בכאָר פון די אינקונאַבעלן — „ארבעה טורים" — איז אַלט 505 יאָר, דער מיזיניק — מעדיצינישער קאַנאָן — 488 יאָר, דעם ראַמבאַמס „מוירע נעוווּכים" („דער וועגווײַזער פאַר בלאָנדזשענדיקע") — העכער 500 יאָר. דאָס איז די צײַט פון זייער צווייט לעבן, ווען זיי זײַנען מעגולגל געוואָרן אין געדרוקטע ספאָרים. אָבער פיל הונדערטער יאָרן האָט באַטראָפן זייער ערשט לעבן, ווען זיי האָבן עקזיסטירט אַלס מאַנוסקריפּטן, געשריבן פון דער האַנט און איבערגעשריבן דורך דוירעס קאָפּיִסטן (מיר ריידן ניט וועגן די רעליגיִעזע ספאָרים). בלויז אין רוים איז אין XIII—XIV יה. געווען אַ גרופּע פון ייִדישע קאָפּיִסן, וועלכע האָט אָנגעציילט 19 מענטשן.

צווישן די וויסנשאַפטלעכע אינקונאַבעלן איז דער עלטסטער איבן סינאַס — אוויצענאַס — „דער גרויסער מעדיצינישער קאַנאָן". דער סייפער שטעלט מיט זיך

אויסגאבע	דער מעכאבער	דאָס יאָר פון דערשיינען	דער נאָמען פון סייפער
ארבעה טורים	יעקב ב׳ר אשר	1475	1־טע
″ ″	″ ″	1490	
פירוש על איוב	ר׳לוי בן גרשום רלב״ג	1477	1־טע
פירוש על התורה	″ ″	1480	1־טע
משנה תורה	ר׳משה בן מיימון רמב״ם	1480	1־טע
″ ″	″ ″ ″ ″	1490	1־טע
″ ″	″ ″ ″	1490	
מורה נבוכים	″ ″ ″	1480	1־טע
″ ″	″ אף פערגאמענט	1480	1־טע
תשובות ושאלות	שלמה אבן אדרת רשב״א	1480	1־טע
יוסיפון		1480	
מבחר הפנינים		1484	1־טע
בחינת העולם	ידעיה הפניני	1484	2־טע
ספר העקרים	יוסף אלבו	1485	1־טע
″ ″	″ ″	″	1־טע
″ ″	″ ″	″	1־טע
″ ″	″ ″	1485	
מחזור מנהג רומי		1486	1־טע
″ ″	″ ″	″	1־טע
פירוש על משלי	עמנואל הרומי	1487	1־טע
ספר מצות גדול	משה מקוצי	1488	1־טע
פירוש על התורה	אברהם אבן עזרא	1488	1־טע
אבן בוחן	קלונימוס בר קלונימוס	1489	1־טע
חובות הלבבות	בחיי אבן פקודה	1490	1־טע
ספר השרשים	דוד קמחי רד״ק	1490	1־טע
″ ″	″ ″	1491	
ספר המחברות	עמנואל הרומי	1491	1־טע
″ ″	″ ″	1491	1־טע
הקאנון הגדול	אבן סינא	1491־1492	1־טע
פירוש על התורה	בחיי בן אשר	1492	1־טע

פאַר א קורצע מעדיצינישע ענציקלאָפּעדיע, וועלכע באַשטייט פון דריַי טיילן: ערשטער טייל — אַלגעמייַנע פראַגן פון מעדיצין, צווייטער טייל — פּאַרשייַדענע רעפּועס, דריטער טייל — אינערלעכע און אויסערלעכע קראַנקייַטן.

דער דאָזיקער באַוווסטער אַראַבישער מעדיקער אַוויצענאַ (980—1037), דער אויטאָר פון צענדליקער ביכער, איז אויך געווען אַן אָנגעזעענער פילאָסאָף, האָט אָנגעשריבן אַ פילאָסאָפישע ענציקלאָפּעדיע. ער געהערט צו די גרונטלייגער פונעם אַראַבישן אַריסטאָטעליזם. אין דער סוויווע פון די יידישע דענקער איז ער באַוווסט געוואָרן אין אָנהייב פון XII יאָרהונדערט, ווען זייַנע ווערק זייַנען איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש.

אין מעשעך פון 300 יאָר פאַר דעם, ווי אַוויצענאַ האָט אָפּגעדרוקט זייַן ערשטן בוך, איז אין צענטער פונעם יידישן רעליגיִעז־פילאָסאָפישן געדאַנק געשטאַנען דעם ראַמבאַמס דערמאָנטע „מורה נבוכים״ (אָנגעשריבן אין אַראַביש אין 1190). אים האָט איבערגעזעצט אויף העברעיִש דער באַוווסטער שפּראַכקענער און איבערזעצער שמואל איבן טיבון. באַצייכענענדיק די פאַרדינסטן פון די יידישע איבערזעצער פון אַראַביש און אַלט־גריכיש אויף לאַטייַן און העברעיִש, זייער ראָליע אינעם אַרייַנפירן אין דער יידישער קולטור די אוצרעס פונעם אַלטערטום און פון דער אַראַבישער קולטור, האָט י. צינבערג געשריבן: „מע קאָן צונויפשטעלן אַ גאַנצע וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק פאַר מעדיצין, פילאָסאָפיע און אַסטראָנאָמיע בלויז פון די ספרים, וועלכע איטאַליענישע יידן האָבן איבערגעזעצט אין מעשעך פונעם XIII יה.״ (י. צינבערג. די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בא יידן, ווילנע, 1930, ב. 2, ז. 245).

די אינקונאַבעלען שפּיגלען אָפּ דאָס גייַסטיקע לעבן פון די יידן פון זייער טקופע.

ש·מ·ו·ע·ס·ן

וועגן מוזיק און טעאַטער

אַ נײַע מוזיקאַלישע פּלאַסטינקע

די אַלפֿאַרבאַנדישע פֿירמע „מעלאָדיִא" האָט ניט לאַנג צוריק אַרויסגעלאָזט אַ פּלאַסטינקע, געווידמעט ייִדישער מוזיק אין דער אויספֿירונג פֿונעם מעלוכישן אַקאַדעמישן סימפֿאָנישן אָרקעסטער פֿון פּסקר און פֿון אַ רײ זינגער פֿונעם גרויסן טעאַטער פֿון פּסקר און פֿון דער מאָסקווער מעלוכישער פֿילהאַרמאָניע. איך וויל באַקאַנען די לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט אָט דער פּלאַסטינקע, ווײַל די ווערק, וואָס זײַנען אין איר אײַנגעשלאָסן, שטעלן פֿאַר אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס. באַזונדערס וועט אינטערעסאַנט זײַן צו באַקאַנען זיך מיט אָט די ווערק די ליבהאָבער פֿון קאַמער־סימפֿאָנישער מוזיק. די נעמען פֿון די קאָמפּאָזיטאָרן זײַנען באַוווּסט אין דער גאָרער וועלט. מ׳דאַרף זאָגן, אַז די דאָזיקע קאָמפּאָזיטאָרן זײַנען ניט ענלעך איינער אַפֿן צווייטן ניט לויט זייער שעפֿערישער אינדיווידואַליטעט, ניט לויט זייערע רײן מענטשלעכע באַזונדערהײַטן. דאָס איינציקע, מיט וואָס זיי זײַנען יאָ נאָענט צווישן זיך, איז זייער גאָניאַליטעט. עס גייט אַ רייד וועגן סערגיי סערגייעוויטש פּראָקאָפֿיעוו און דמיטרי דמיטריעוויטש שאָסטאַקאָוויטש. ביידע האָבן זיי זיך אינטערעסירט מיט ייִדישער מוזיק.

וועגן סערגיי סערגייעוויטשן האָט מען אַזויפֿיל געשריבן, אַז מע וואָלט געקאָנט נעמען אָט די מאַטעריאַלן און איבערדערציילן. אָבער איך וויל ניט גיין מיט אָט דעם וועג. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זײַן נאָענט צו סערגיי סערגייעוויטשן, אָנהייבנדיק פֿונעם 1939 יאָר. אין יענער צײַט איז ער געשטאַנען בעראָש פֿון דער אופּנאַם־קאָמיסיע אינעם פֿאַרבאַנד פֿון די קאָמפּאָזיטאָרן. עטלעכע יונגע קאָמפּאָזיטאָרן זײַנען געווען מיטגלידער פֿון דער אופּנאַם־קאָמיסיע, צווישן זיי אויך דער אויטאָר פֿון די דאָזיקע שורעס. סערגיי סערגייעוויטש האָט גערן מיט אונדז געשמועסט. שמועסן מיט אים איז געווען אויסערסט אינטערעסאַנט, און מיר, יונגע, האָבן געהאַט דערפֿון עמעסן פֿאַרגעניגן. זײַן אויטאָריטעט איז געווען זייער גרויס. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט פּערזענלעך געקענט אַלע אָנגעזעענע מענטשן פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ניט בלויז אין מוזיק, נאָר אויך אין אַנדערע געביטן פֿון דער מענטשלעכער טעטיקײַט. זײַנע אַרויסזאָגונגען זײַנען געווען אָפּאָריסטיש, לאַקאָניש, אַמאָל אומדערוואַרטעטע, אַמאָל שאַרפֿע, אָבער שטענדיק איבערצײַגנדיקע. אַזוי האָט זיך אונדז דעמלט געדאַכט. אויב

אַפֿילע ער איז ניט אינגאַנצן געווען גערעכט, האָט מען דאָך פֿאָרט זיך אונטערגעגעבן זײַן אופּריכטיקײַט.

איינמאָל האָט מען געבעטן סערגיי סערגייעוויטשן אָנטיילנעמען אין דער באַהאַנדלונג פֿון נײַע ווערק. ער איז אופֿגעשטאַנען און געזאָגט בוכשטעבלעך פֿאָלגנדעס: „דאָס ווערק פֿון דעם און דעם פּליסט, אַנטוויקלט זיך און גייט פֿאַרבײַ". און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זײַן אָרט. סערגיי סערגייעוויטש איז, אין טאָך, געווען אַן אויסערגעוויינלעך דערצויגענער, איידלער מענטש. איך וואָלט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַריסטאָקראַטיש איידל. ניט געקוקט דערויף, וואָס אַ סך יאָרן האָט ער פֿאַרבראַכט אין אויסלאַנד, איז ער פֿאַרבליבן אַ טיפּישער רוסישער מענטש אי לויט זײַן אופֿרונג, אי לויט זײַן אַרט דענקען, אי לויטן כאַראַקטער פֿון זײַן מוזיקאַלישער דערציִונג (סערגיי סערגייעוויטש איז געווען אַ שילער פֿון נ. א. רימסקי־קאָרסאַקאָוו).

ס׳ווילט זיך מיר פֿאַרגלײַכן פּראָקאָפֿיעוון מיט אַן אַנדער גרויסן קינסטלער — מיט אַלעקסאַנדער בלאָקן. מיר איז ניט אויסגעקומען צו זען בלאָקן, נאָר לויט זײַנע פּאָרטרעטן, לויט זײַן פּאָזע און לויט דעם, וואָס מע האָט וועגן אים געשריבן, איז מעגלעך זיך פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ מענטש דאָס איז געווען. און זיי ביידע — אי פּראָקאָפֿיעוו, אי בלאָקן קאָן מען מיט דער פֿולער רעכט רעכענען פֿאַר גאָניאַלע פֿאָרשטייער פֿון דער רוסישער אינטעליגענץ.

דאָס, וואָס אי פּראָקאָפֿיעוו, אי בלאָק האָבן פֿולשטענדיק אָנערקענט די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, רעדט שוין אַליין פֿאַר זיך. אין דער פּלאַסטינקע, וואָס איך רעקאָמענדיר, איז פֿאַראַן אַן „אוווערטיור" אויף ייִדישע טעמעס פֿאַר אַ סימפֿאָנישן אָרקעסטער. דאָס שאַפֿן אָט די אוווערטיור איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פּראָקאָפֿיעוון, וועלכער האָט געדענקט אינטערנאַציאָנאַליסטיש.

אַ גרופּע מוזיקאַנטן, וועלכע זײַנען געקומען קיין אַמעריקע, געפֿינענדיק זיך אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע, האָבן אָרגאַניזירט אַ קליינעם קאָלעקטיוו, וואָס האָט זיך געניטיקט אין רעפּערטואַר. זיי האָבן זיך געווענדט צו סערגיי סערגייעוויטשן, ער זאָל אָנשרײַבן אַ ווערק אויף ייִדישע טעמעס. די מוזיקאַנטן האָבן אויסגעזוכט סערגיי סערגייעוויטשן די באַוווּסטע פֿאָלקס־ליד: „אַ, זײַט געזונטערהייט, מײַנע ליבע עלטערן". די צווייטע טעמע, וואָס זיי האָבן פֿאָרגעלייגט, איז געווען אַ פֿריילעכס. סערגיי סערגייעוויטש האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן דאָזיקן פֿאָרשלאָג און אינגיכן האָט ער געשאַפֿן די אוווערטיור אויף

ייִדישע טעמעס, וועלכע איז אויסגעפּילט געוואָרן אַף די קאָנצערט־עסטראַדעס פון דער גאַנצער וועלט, און אויך, פאַרשטענדלעך, בא אונדז אין לאַנד.

איך וויל דערבײַ באַמערקן, אַז אין אָריגינאַל איז די אוווערטיור געשאַפן געוואָרן פאַר צוויי פידלען, אַן אַלט, וויִאָלאָנטשעל, קלאַרנעט און פּאָרטעפּיאַנע.

אין דער פּלאַסטינקע איז אויך פאַראַן א ציקל לידער (11) פון ייִדישער פּאָלקס־פּאָעזיע, וואָס עס האָט אָנגעשריבן דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש.

ווי עס האָט מיר דערציילט אַליין דער אווטאָר, איז דער דאָזיקער ציקל געשאַפן געוואָרן צופעליק. „איינמאָל, — האָט מיר געזאָגט דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, — בין איך פאַרבײַגעגאַנגען דורך א ביכער־קיִאָסק און האָב דערזען א באַנד „ייִדישע פּאָלקס־לידער". דעם בוך האָב איך געקויפט און געבראַכט אַהיים. בלעטערנדיק אים, האָב איך דערזען, אַז דאָס זײַנען ניט קיין מעלאָדיעס, ווי איך האָב געמיינט, נאָר טעקסטן פון ייִדישע פּאָלקס־לידער, איבערגעזעצטע אַף רוסיש"... פאַרכאַפּט פון דעם רײַכן קינסטלערישן אינהאַלט פון דער ייִדישער פּאָלקס־פּאָעזיע, פון איר טראַגיזם, הומאָר, פונעם בונטן, בוילעט פאַרקערפּערטן שטייגער, פון דער פּאָעטישקייט, האָט ער אָנגעשריבן א גרויסן ציקל לידער, וואָס יעדע פון זיי קאָן מען באַטראַכטן ווי א פּאָעמע. עס איז פּאָשעט צו באַוווּנדערן די געניִאַלע קראַפט, מיט וועלכער שאָסטאַקאָוויטש האָט אַנטפּלעקט די נעשאָמע פונעם פאָלק. ניט אָנקומענדיק צו מוזיקאַלע ציטאַטעס, צום ייִדישן פּאָלקס־געזאַנג, האָט שאָסטאַקאָוויטש מיט זײַנע אייגענע מוזיקאַלישע מיטלען געוויזן דעם קויעך, די מאָראַלישע גרויסקײַט פון א סאָוועטישן קינסטלער, וועלכער פילט און פאַרשטייט די נעשאָמע פונעם ייִדישן פאָלק.

אַז מע הערט זײַנע ווערק, וווּנדערט מען זיך, וויִאַזוי א קינסטלער פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט האָט דערגרייכט דעם סאַמע טאָך פון דער ייִדישער פּאָלקס־מוזיק. יאָ, ניט יעדער מוזיקאַנט, וואָס איז א ייִד לויט דער נאַציאָנאַליטעט, וואָלט געקאָנט אַזוי דערפילן דעם נוסעך פון ייִדישער מוזיק. ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז דאָס שאַפן פון אָט דעם ציקל געווען א צופעליקײַט (לאָמיר זאָגן — א גליקלעכע), אָבער גופע שאָסטאַקאָוויטשעס ווענדן זיך צו ייִדישער מוזיק, קאָן מען ניט באַטראַכטן, ווי א פאַרבײַגייענדיקע.

אין סאַמע אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן האָט דער דעמלט נאָך גאָר יונגער שאָסטאַקאָוויטש אָנגעשריבן דעם ערשטן פּאָרטעפּיאַנע־קאָנצערט מיטן אָנטייל פון א סטרונע־אָרקעסטער און א סאָלירנדיקן טרומייט. אין אָט דעם קאָנצערט, וואָס איז נאָכדעם געוואָרן זייער באַוווּסט, האָט שאָסטאַקאָוויטש אויסגענוצט דאָס אָדעסער פּאָפּולערע לידל: «Ужасно шумно в доме Шнеерсона» דאָס האָט אָנגעמאַכט א ראַש צווישן די ערנסטע מוזיקאַנטן, אָבער שאָסטאַקאָוויטש האָט עס געמאַכט אַזוי קונציק, אַז דאָס „שפּיצל" האָט מען אים איניִכן מויכל געווען. אַזוי איז שוין פאַרשריבן די מעלאָדיע אינעם קאָנצערט, ווי א שפּאַס פון א געני. מע קאָן זיכער ריידן אויך וועגן בעפּייִרעש ייִדישער מוזיק אין זײַן באַוווּסטן פּאָרטעפּיאַנע־טריאָ. דאָרט ליגט אַן אָפּענער „פריילעכס", אָנגעשריבן מיט דעם אייגנטימלעכן הומאָר פון שאָסטאַקאָוויטשן, מיט זאָרגלאָזער פריילעכקײַט. אויך אין דער דרײַצנטער סימפאָניע מיט די לידער פון יע. יעווטושענקאָ הערן זיך בוילעטע שפּורן פון ייִדישע געזאַנגען.

דער ציקל פון „ייִדישער פּאָלקס־פּאָעזיע" איז פאַרשריבן אין דער אויספירונג פונעם אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון יע. סוועטלאַנאָוו און פון די זינגער א. מאַסלעניקאָוו און ר. באָברינעיאָווא.

מע דאַרף זאָגן, אַז אין דער ערשטער רעדאַקציע איז דער ציקל געווען אויסגערעכנט פאַר א פּאָרטעפּיאַנע און זינגער. שפּעטער האָט דער קאָמפּאָזיטאָר געמאַכט א רעדאַקציע פאַר אַן אָרקעסטער און זינגער. אָט אין דער דאָזיקער רעדאַקציע ווערט דער ציקל געגעבן אין דער פּלאַסטינקע. זײַנערצײַט האָט דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש אַליין אויסגעפּילט די פּאַרטיע פון פּאָרטעפּיאַנע. נאַטירלעך, געהערט האָבן אים איבערגעפּולטע קאָנצערט־זאַלן.

אין דער פּלאַסטינקע גייט אויך אַרײַן דער נאָמען ערנסט בלאָך — א קאָמפּאָזיטאָר, וואָס איז פאַרהעלטניסמעסיק ווייניק באַוווּסט אין אונדזער לאַנד (איך רעד ניט וועגן מוזיקאַנטן פּראָפעסיִאָנאַלן).

ערנסט בלאָך (1880—1959) איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, שפּעטער אריבערגעפאָרן קיין שווייצאַריע, דאָרט איז ער געווען דער דירעקטאָר פון א קאָנסערוואַטאָריע. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע. ע. בלאָך האָט געשאַפן א ריי ווערק אין פאַרשיידענע זשאַנרען. פון זײַנע קאַפּיטאַלע ווערק איז מער באַוווּסט די עפּישע ראַפּסאָדיע „אַמעריקע" (געווידמעט דעם פּרעזידענט לינקאָלן און דעם באַוווּסטן אַמעריקאַנער פּאָעט אויִטמען). ער האָט אויך געשריבן פּיעסן פאַר פאַרשיידענע אינסטרומענטן.

באַזונדערס באַוווּסט איז ע. בלאָך געוואָרן נאָכן שאַפן א ציקל פידלער־פּיעסן, צווישן וועלכע ס'איז געווען די פּיעסע „באַלשעם". ס'איז זיכער ניטאָ קיין איין פידלער אין דער וועלט, וואָס אין זײַן רעפּערטואַר זאָל ניט זײַן די פּיעסע „באַלשעם". דער סאָוועטישער דיריזשאָר אַבראַם סטאַסעוויטש האָט איבערגעאַרבעט די פּיעסע פאַר א סימפאָנישן אָרקעסטער. אין אָט דעם וואַריִאַנט איז זי אַרײַן אין דער פּלאַסטינקע.

צום סאָף ווילט זיך זאָגן, אַז די פירמע „מעלאָדיִא" האָט אונטערגעטראָגן א גוטע מאַטאָנע די ליבהאָבער פון ייִדישער מוזיק.

ז. קאָמפּאַנייעץ,
פאַרדינסטפולער קונסט־טוער פון רספסר

נ י נ ע ו ו ע ל ע כ אָ ו ו א

די נאַכט ערעוו באַבי יאַר

די פּיעסע „א נאכט ערעוו באבי יאר" („דער דאמען־שנײַדער"), וועלכע ס'האָט אָנגעשריבן אלעקסאנדער באָרשטשאגאָווסקי און עס האָט זי געשטעלט אינעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל יאקאָוו גובענקאָ, איז ניט באגרענעצט בלויז מיט דער דערציילונג וועגן טראגישן אומקום פון דער פאמיליע פונעם שנײַדער איסאק מאָיסייעוויטש שטארקמאן בייס דער פאשיסטישער אָקופּאציע פון דער שטאָט קיִעוו.

די פּיעסע איז אָנגעשריבן טאלאנטפול, זי איז אָריגינעל און פעסט געבויט, אירע אידייען שטיצן זיך אַף א דינאמישן סוזשעט, נאָר איר הויפּט־ווערט, וועלכע עס האָט דערזען און אנטפּלעקט דער רעזשיסער מיט זײַנע אקטיאָרן — די יונגע און ניט יונגע, די, וואָס הייבן ערשט אָן דעם וועג, און די, וואָס האָבן שוין דערגרייכט זייער זעניט — דאָס וויכטיקסטע אין דער פּיעסע איז דאָס טיפע פארטראכטן זיך איבער שארפע פּראָבלעמען פונעם הײַנטצײַטיקן מענטשן און אייביקײַטיק — דאָס באהאנדלען די אייביקע טעמעס וועגן לעבן, טויט און גוטסקײַט.

אזוי דארף טאקע זײַן אין אן עכטער פּיעסע: די געדאנקען, וועלכע זי דערוועקט, זײַנען וויכטיקער פונעם סוזשעט, ברייטער פון זײַנע ראמען. אין דער פאראלגעמיינערונג פון די געשעענישן, וואָס האָבן זיך ארופגעוואלגערט אַף דער פאמיליע פונעם דאמען־שנײַדער און האָבן זי סאָפקאָלסאָף פארניכטעט, — אין דעם איז די באדײַטונג און דער טאָך פון דער פּיעסע און פונעם ספּעקטאקל.

אַף דער בינע זעען מיר אונדזערע מיטצײַטלער. די, וואָס זײַנען געווען יונג אין דער צײַט פון דער מילכאָמע, וואָלטן שוין איצט געווען עלטערע מענטשן. דער עלטערער דאָר וואָלט איצט אנטפּלעקט פאר אונדז זקיינים. און בלויז דער עלטסטער צווישן זיי, דער דאמען־שנײַדער, וואָס מיט זײַן נאָמען קאָן מען אָנרופן די דראמע, ער, מעגלעך, וואָלט שוין געשטאָרבן מיט זײַן נאטירלעכן טויט, זעלבסטפארשטענדלעך, ווען עס זאָל ניט געווען זײַן די מילכאָמע. די מילכאָמע האָט צעשטערט דעם נאטירלעכן גאנג פונעם לעבן, ווי זי צעשטערט געוויינלעך אלץ אין דעם מאצעוו פונעם מענטשן.

אָבער דער ספּעקטאקל, ווי די פּיעסע, רעדט וועגן א מענטשן, וואָס זײַן באוווסטזײַן האָט זיך אויסגעבילדעט ביזן קריג, אָפּשפּיגלענדיק די אידייען און די מאָראל פון דער סאָוועטישער געזעלשאפט. געטראָפן פון דער מילכאָמע, האָבן די מענטשן ניט געגלייבט אינעם טראגישן אויסגאנג פון זייער גורל. באליידיקטע און באצאָרנטע אין זייער ווירדע, האָבן זיי געווארט אַף אן אויסלייזונג פון אָט דער באליידיקונג. לײַדנדיק שווערקײַטן, האָבן זיי אלץ איבערגעטראָגן רויִק און אָפט אפילע מיט הומאָר, זײַענדיק זיכער, אז עס וועט קומען די סאָוועטישע ארמיי און דאָס לעבן וועט זיך ענדערן. און אָט אין דעם מאָמענט, ווען עס הייבט זיך אָן די פּיעסע, האָבן די דאָזיקע מענטשן, וואָס מע האָט זיי ארויסגעטריבן פון דער היימשטאָט, געזען אין דער טראגעדיע, וועלכע האָט אַף זיי געווארט, א צײַטווײַליקע שווערקײַט, און זיי האָבן געבויט פּלענער, וויאזוי זיי וועלן לעבן, ווען די שווערקײַט וועט פארבײַגיין, און זייער גרויסע מישפּאָכע וועט זיך צונויפנעמען אין דער זעלבער דירע און לויטן מינהעג פון אלע צײַטן און פעלקער וועלן זיי עסן זייער ברויט, דאָס ברויט פון זייער היימלאנד. זייער היימלאנד איז געווען דער סאָוועטנפארבאנד, די שיינע שטאָט קיִעוו, ווו זיי זײַנען געבוירן געוואָרן און האָבן אויסגעכאָוועט קינדער.

אָט די אלע אייגנשאפטן — ווירדע, דרייסטקײַט, גלויבן אין גערעכטיקײַט, זיכערקײַט אין סאָציִאליסטישן פאָטערלאנד, גוטסקײַט צו מענטשן און דער געפיל פון איינהײַט מיט זיי — האָבן געהאט זייער אופקום און זייערע וואָרצלען אין אונדזער לעבן. דאָס זײַנען די אייגנשאפטן, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט, ווי די זון אין א טראָפּן וואסער, די סאָוועטישע מאָראל און עטיק, די צווישנבאציִונגען פון מענטשן.

יאָ, די אייגנשאפטן, וועלכע כ'האָב איבערגערעכנט, טראָגן א כאראקטער פון א אידעאלן קוק אפן לעבן, פון אידעאלע באציִונגען. אין זיי איז דער אָפשײַן פון הארמאָניע, וואָס צוליב איר איז געשאפן געוואָרן די נײַע געזעלשאפט. הארמאָנישקײַט — דאָס איז זייער א שטאנדהאפטיקער גײַסטיקער צושטאנד און דעריבער, ווי עס ווערט געוויזן אין דער פיעסע, האָט די מילכאָמע ניט געקענט גלײַך אלץ צעשטערן. די שײַן פון הארמאָניע ווענדעט אָפ פון אָט די אומשולדיקע מענטשן דעם שאָטן פון טויט. די שײַן פון הארמאָניע היט אײַן די נעשאָמעס פון די דאָזיקע מענטשן, גיט זיי קויעך צו זײַן מוטיק און שיין אין דער שאָ פון אומקום. אגעוו, וועל איך גלײַך באמערקן, אז אָט די באזונדערקײַט טרעט ארויס אינעם ספעקטאקל שטארקער, איידער אין דער פיעסע, ווײַל אין ספעקטאקל איז צו פילן ווייניקער נערוועזישקײַט און ס'איז העכער דער טאָנוס פון גײַסטיקן מוט. דערמיט וויל איך ניט פארקלענערן די מײַלעס פון דער פיעסע — פאָשעט, דער דינאמישער סטיל האָט זײַן באפארבונג, זײַן „נערוו”.

גלענצנדיק אין דער סטרוקטור פון דער פיעסע איז דאָס, וואָס דער דראמאטורג לייגט פאָר דעם צושויער נאָר איין נאכט — די נאכט פארן אומקום, וועגן וועלכער זיי וויסן נאָך ניט. בלויז דער אווטאָר ווייסט עס. אין אָט דער קורצער נאכט, וואָס אונדז דאכט זי זיך אויס זייער לאנג — לאנג, ווי א גאנץ לעבן, לאָזט ער יעדן פון די העלדן אנטפלעקן זײַן פארבאָרגענעם „איך”, דערציילן וועגן זײַן גײַסטיקער ריינקײַט און ארויסזאָגן דאָס איקערדיקע, וואָס אין א געוויינלעכער צײַט פונעם לעבן גייט עס פארבײַ אומבאמערקבאר.

ווײַט שפרייטן זיך אויס די געדאנקען פונעם דאמען־שנײַדער איסאאק מאָיסייעוויטש, ווען ער דערציילט דעם אייניקל, מאשען, און איר יונגן פרײַנט וועגן זײַן קינדהײַט און וועגן דעם וויכטיקסטן געפיל פון דער קינדהײַט, וועלכן מע קאָן אָנרופן — געפיל פון אומשטערבלעכקײַט און פון גלויבן אין דעם, אז איך, דער מענטש, בין געווען אף דער ערד און וועל שטענדיק זײַן אף איר. מע דארף זען זינאָווי קאמינסקין אין אָט דעם עפיזאָד — ער האָט פארקאטשעט די הויזן, אראָפגענומען דעם פידזשאק; ער כאזערט איבער, דערמאָנענדיק אין יעדן מוסקול פון זײַן לײַב, דעם אָנהייב פונעם לעבן, דעם ווילן צו זײַן אין דעם, צונויפגיסן זיך מיט דער זון, מיט דער לופט, מיטן וואסער, ניט צעשטערנדיק און ניט פארניכטנדיק גאָרניט. קאמינסקי איז א גלענצנדיקער מײַסטער, ער זאָגט עס ניט מיט ווערטער, נאָר פירט אונדז צו צו אָט דעם געדאנק — צום געדאנק וועגן הארמאָנישקײַט אלס דעם טאָך פון מענטשלעכן ווילן, טרוים און האָפענונג.

מיט א באזונדער צארטקײַט, וואָס פארגעטערט קימאט, ווי געוויינלעך, די מענטשן, וועמען דער אלטער האָט ווען־ניט־איז ליב געהאט, רעדט ער וועגן דער פרוי, דעם ווײַב, דער מוטער, וואָס איז ביזן סאָף איבערגעגעבן די קינדער. איסאאק מאָיסייעוויטש האָט קיינמאָל ניט געקענט אופנייען ריווען א קלייד, ווײַל ווען ער פלעגט זיך צורירן צו איר אף אראָפנעמען א מאָס, האָבן זײַנע הענט אָנגעהויבן ציטערן פון אנציקונג.

דערנאָך, אויך ווי וועלנדיק אופקלערן די קינדער וועגן דעם, וואָס זיי וויסן ניט (נאָר וואָס עס ווארט אף זיי), הייבט אָן דער אלטער שנײַדער זינגען א טפילע. ער דאוונט, אָנגעטאָן לויטן ריטואל אין א טאלעס, זינגענדיק מיט א שוואכן, נאָר שיינעם טענאָר די אומבאקאנטע פאר דער יוגנט ווערטער פון געבעט וועגן לעבן.

אָבער דער מערקווירדיקער זאָקן ווערטלט זיך נאָך מאָמענטנווײַז, און אָט די ווערטלעך שײַנען, ווי קליינע שטערנדלעך, אין דעם כוישעך פון דער נאכט. ער רעדט נאָך אײַן דער נײַער באקאנטער פון זייער פאמיליע, אז זי זאָל זיך בא אים אופנייען א קאָסטיום; א קאָסטיום פון דעם שטאָף, וואָס האָט איבערגעלעבט זײַן ווײַב ריווע. איר, אָט דער פרוי, וועלכע וועט לעבן אין דער שטוב נאָך זייער אוועקפאָרן (אזוי מיינען אלע אף דער בינע), וועט ער זיך סטארען אופנייען א שיינעם קאָסטיום, אָן עמעסן ענגלישן קאָסטיום פון גרויען שטאָף, און דאָס וועט זײַן פאר איר א מאטאָנע. קאמינסקי, ווי ער זאָל זיך אומקערן צו דער פארגאנגענהײַט, צינדט אָן דעם לאָמפ, בא וועלכן ער האָט שטענדיק געארבעט, און ער הייבט אָן אויספילן זײַן לעצטע באשטעלונג.

דורכזיכטיקײַט און איידלקײַט פון נעשאָמעבאוועגונגען, א דינער געמעל פון אופירונג, קאָמפליצירטקײַט פון קאָנטראסטן — אָט וואָס עס דערגרייכט דער געניטער ארטיסט, צוגעבנדיק דעם געשטאלט פון זײַן העלד די אלגעמיינע מענטשלעכע שטריכן, וועלכע זײַנען טאקע אייגנטימלעך אָט דעם באשיידענעם קיִעווער שנײַדער. דער דאָזיקער פאָלקסמענטש איז „פראָסט”, נאָר ער פארמאָגט א הויכע קולטור, וועלכע ער האָט באקומען אינטויִטיוו, סטיכייִש, נאטירלעך, ווי דאָס, וואָס עס קומט פון דער נאטור די אמערסטן באגאבטע פערזענלעכקײַטן.

ריידנדיק וועגן די אייגנשאפטן פונעם הויפט־געשטאלט פון דער פיעסע, וועגן די געדאנקען און אידייען, וועלכע קומען דאָ אוף באם צושויער, וויל איך אונטערשטרײַכן, אז דער טאָך פון איסאאקס געשטאלט אין דער אינטערפרעטאציע פונעם ארטיסט און רעזשיסער, איז אָפלייקענונג פון טויט, אָפלייקענונג פון גוואלדטאט און צעשטערונג. האגאם אָט דער מענטש, דער פרידלעכער און גוטער מענטש קעמפט ניט קעגן מילכאָמע און מאָרד און האלט ניט וועגן דעם קיין רעדעס, שטעלט ער ארויס קעגן דער פארניכטונג און אומקום אזא נאטירלעכע ווירדע, אזא גײַסטיקע קראפט, א ניט וויסן פון פאכעד און ניט אונטערווארפן זיך זײַן דערנידעריקנדיקער מאכט, אז די אידיי פון אָפלייקענען דעם טויט קומט אליין אוף און

בלײַבט אַף דער סצענע און אין צושויער־זאַל ביזן סאָף פֿונעם ספּעקטאַקל.

זײַן טאָכטער סאָניע, װעמען עס שפּילט מאַ־ניע קאָטליאַראָװא, האָט אַן אַנדער זעלישע סטרוקטור. דאָס איז אַ מאַזשאָרע פֿרוי, װעלכע איז געװוינט צו לעבן פֿרײלעך, הילכיק, ליב האָבן דאָס לעבן, זײַן אַנציקט מיט דער שײנ־קײַט פֿונעם אָרום און דערמיט, װאָס איר, דער קאַפּעלדינערן פֿונעם אָפּערעטן־טעאַטער, איז געגעבן. זי איז אינגאַנצן איבערגעגעבן איר זאַלמענען, װעלכער קעמפֿט אין די רײען פֿון דער סאָװעטישער אַרמײ. אין איר זײַנען בױ־לעט פֿאַרקערפּערט די כאַראַקטער־שטריכן פֿון איר פֿאָטער — די פֿערזענלעכע און די אַלגעמײ־נע, און אין דעם איז איר מענטשלעכער רײץ. זי פֿאַרקערפּערט אין זיך סײַ אַ פֿרוי — אַ גע־ליבטע, סײַ אַ מוטער. די אַקטריסע שטרײַכט אונטער איר אומיטלבאַרע אינערלעכע אײדל־קײַט און איר נאַטורמוטערשאַפֿט אַלס אײַנ־סטינקט, און דאָס איז אַ קאַטעגאָרישע פֿאַרטײ־דיקונג פֿונעם לעבן גופֿא. דאָס געשטאַלט פֿון סאָניען — קאָטליאַראָװען מיט איר לעבנסלוסטי־קײַט נעגירט דעם טויט; דער גלויבן אין לעבן באַזיגט דעם אומגלויבן פֿונעם פּאַכעד אַנטקעגן דעם טויט, װעלכער האָט זיך פֿאַרטײַעט דאָרט, װוּ ניט לאַנג צוריק האָט געבליט דאָס לעבן.

נאָר פֿונקט אין דעם מאָמענט, װען סאָניע דערמאָנט זיך אין די סאַמע ליכטיקע צײַטן פֿון איר לעבן, װען זי, אַרומנעמענדיק די שנור אירע, זינגט אונטער אַ מעלאָדיע פֿון אַ װאַלס, פֿונקט אין דעם דאָזיקן מאָמענט יאָװעט זיך אַף דער בינע דער אָרקעסטער, װאָס קײנער זעט אים ניט, ער איז אַף אַ װוּנדערלעכן אופֿן אויס־געטראַכט בלויז פֿונעם רעזשיסער.

אָט דער מאָדנער אָרקעסטער, װעלכער באַ־שטײט פֿון זעקס מענטשן (אין דער פּיעסע איז ער ניטאָ), פֿאַרנעמט אין דער פֿאַנטאַזיע פֿונעם רעזשיסער דאָס אָרט פֿונעם טראַגישן אַנטישן כאָר. ער קומט אוף אין דער האַנדלונג און דערמאָנט װעגן דעם, װאָס די פּערסאָנאַזשן פֿון דער פּיעסע װילן ניט און קאָנען ניט װיסן. דער אָרקעסטער קאָנטראַסטירט מיט זײער אומװיסן, אָבער ער זאָגט פֿאָרויס דעם טאָנוס, אין װעלכן זײ װעלן זיך האַלטן אין זײער שרעקלעכער שאָ. דער אָרקעסטער שטעלט פֿאָר מיט זיך דעם שוין פֿאַרגעקומענעם אומגליק, און איסאַק, סאָ־ניע און אַנדערע זעען עס ניט, װײַל אַן אַנדע־רער איז זײער סאָציאַלער לעבנס־טאָג: זײ גלײבן אין גוטס. אונטער זײערע רוקנס, איבער זײערע קעפּ האָט זיך שוין אָנגעהויבן גיסן בלוט פֿון אומשולדיקע, מ'האָט שוין פֿאַרטריבן די מענטשן אין די לאַגערס און אָנגעטאָן זײ אין די מעגושעמדיקע געשטרײַפֿטע קאָסטיומען. אין אָט די לאַגער־פּיזשאַמעס װימלען דורך די מו־זיקאַנטן, זײ זײַנען אָנגעטאָן אין די קלײדער פֿון די קדושים.

אָט די דערמאָנונג איז געװענדעט ניט צו די העלדן פֿון דער פּיעסע, נאָר צו אונדז, צו די, װעלכע קוקן פֿונעם זאַל און זעען אַ דער־שיטערנדיק בילד אין אָט דער פֿרידלעכער שטאָט. פֿונקט װי די מוזיקאַנטן, װעלן אויך די פּערסאָנאַזשן פֿון דער פּיעסע, אומקומען, אָבער פֿונדעסטװעגן קאָן די מוזיק, װאָס איז ניט שטיל געװאָרן אפֿילו אין טורמע, פֿאַרלאָזן אירע װענט, קעדײ צו װאָרענען אײנצײַטיק אי װעגן שױדערלעכן, אי װעגן ליכטיקן. און דאָס שױ־דערלעכע איז ניט אימשטאַנד צו פֿאַרלעשן די ליכט אין דער נעשאָמע פֿונעם מענטשן.

װ. טערלעצקיס מוזיק קלינגט װײך, טרױע־ריק. זי דערצײלט װעגן דעם לעבן, װעגן די לײדן פֿון דער נעשאָמע, נאָר אין איר איז פֿאַ־ראַן אויך יענע האַרציקע לײַכטקײַט, װעלכע מע קאָן ניט פֿאַרניכטן, פֿאַרטרײַבן, אַרומרינגלען מיט שטעכיק דראָט. מע קאָן זי פֿאַרצוימען, אָט די לײַכטע שײנקײַט און צאַרטקײַט. זי דער־מאָנט: פֿאַרלירט ניט אײַער װירדע, אײַער



גלויבן אין לעבן און אין גערעכטיקייַט. געדענקט וועגן דעם, אז א מענטשן איז געגעבן האַרמאָניע פון גייַסט.

די מוזיקאנטן וועלן זיך נאָך ניט איין מאָל באווייַזן אין אָט דער נאכט. זיי וועלן ארומרינגלען די יונגע פארליבטע — די פארליבטע ווייסן נאָך ניט, אז זיי איז באשערט ליב צו האָבן איינער דעם צווייטן, נאָר דער טויט וועט ניט לאָזן זיי דאָס פארווירקלעכן. מאשע — דאָס מיידעלע פון א ייִדישער פאמיליע און אליאָשע — דאָס רוסישע ייִנגל, וועלכער איז געקומען אין שטוב מיט אן אָרדער פון דער קאָמענדאטור...

די אקטריסע א. גאָרעליק און איר פארטניאָר א. פריטייעוו האָבן גוט פארקערפערט דעם ברייטן זינען פון זייערע ראָלן. זיי זייַנען דעביוטאנטן אָף דער בינע. איז טאקע א פרייד צו זען, ווי זיי אנטדעקן דעם טיפן זין פון זייער באקאנטשאפט, פון די דערינערונגען וועגן אמאָל (קינדער האָבן אויך זייער „אמאָל”, זייער באגאזש פון אייַנדרוקן און זיכרוינעס). זיי ריידן וועגן דעם, וואָס עס וועט זייַן, ווען מאשע און איר מישפאָכע וועלן זיך אומקערן צוריק אהיים, וויִאזוי אליאָשע, שוין א דערוואקסענער (מיטאמאָל געוואָרן א דערוואקסענער!) וועט זי באגעגענען. אָט די סצענע, דער שמועס, וואָס קומט פאָר ערעוו דעם גרויזאמען פארטאָג, ווערט געשפילט מיט פולשטענדיקער אופריכטיקייַט, מיט גלויבן אין די פאָרשטייענדיקע נאטירלעכע ענדערונגען, וועלכע באשייַנען שוין דאָס איצטיקע לעבן.

די אקטיאָרן אָף דער בינע — אָן אויסנאם — לעבן אין דער צייַט, וועגן וועלכער ס'וויל דערציילן דער דראמאטורג. זיי טראָגן אריַין אין די איצטיקע רעאלע סעקונדן און מינוטן די טעג און יאָרן פונעם פארגאנגענעם לעבן, דאָס איצטיקע פילן זיי אָן מיטן קומענדיקן, און די צייַט פון אָט דער נאכט ווערט די צייַט פון א גאנץ לעבן.

דערנאָך וועט דער ציטעריקער פאָדעם פון דער נאכט ווי צעשניטן ווערן מיט א שער פון רעאליטעט, און די פיעסע וועט אונדז באווייַזן, וואָס עס האָט געטראָפן מיט די פערסאָנאזשן אין דער שוידערלעכער מילכאָמע.

מיר וועלן פלוצעם דערזען מאשען, וועלכע האָט זיך הארט צוגעשפארט צו דער וואנט, מיט פארבראָכענע הענט איבערן קאָפ, אין א פאָזע פון א מענטשן, וואָס ווארט, אז מע זאָל אים צעשיסן.

די געדיכטע פרעכטיקע האָר פונעם מיידל וועלן זיך צעשפרייטן איבער איר רוקן, פארדעקנדיק די אויסשניטן אָף איר זומערדיק קלייד. די לאנגע פולע פיס וועלן ארויסטרעטן פון אונטער דעם קלייד. די שיינע, גרויסע אויגן וועלן אָנהייבן פינטלען מיט שאָטנס פון שוידער.

מאשען האָט זיך אייַנגעגעבן אנטלויפן פון אונטער די טויטע קערפערס, מיט וועלכע ס'איז געווען אויסגעשפרייט דער באבי יאר, דאָס אָרט, וווּהין מע האָט פארטריבן איר גאנצע פאמיליע און אלע אנדערע פרידלעכע אייַנוווינער פון קיִעוו, וואָס טראָגן דעם געלן שטערן. אלעמען האָט מען אויסגעהארגעט, נאָר מאשען, וועלכע האָט נאָך לאכלוטן ניט געקענט דאָס לעבן, איז אויסגעפאלן דער גורל צו דערוויסן זיך באם לעבן, וואָס עס איז אזוינס שטארבן, און דערזען דעם מאסן־טויט פון מענטשן ארום זיך...

א צווייטע, ניט ווייניקער וויכטיקע פארקערפערונג פונעם געדאנק, וואָס ווערט אנטוויקלט אין דער פיעסע און איז טיף פארקערפערט אין דער שטעלונג, איז אויך פארבונדן מיט אָט דעם מיידל.

מענטשן זייַנען שטארק ניט בלויז מיט זייער גלויבן, אז אלדאָס לעבעדיקע וועט פארטיידיקט ווערן פון זינלאָזער פארניכטונג. זיי זייַנען שטארק מיט זייער געמיינשאפט, און אויך מיט דעם נאטירלעכן און טיפן באזיניקן זייער איינהייַט. אלעקסאנדער באָרשטשאגאָווסקיס פיעסע דריקט אויס אָט דעם געדאנק, אָט די אידיי אין דער קאָנקרעטער האנדלונג. די פאשיסטישע מאכט האָט איבערגעגעבן דאָס רעכט אָף שטארקמאנס הויז דער פאמיליע פון פאָגאָרעלצעס (געליטענע פון א סרייפע). פון אָט דער פאמיליע איז אָנגעקומען צו די שטארקמאנס א יונגערמאן, געקומען ווי א גוטער שאָליִעך, אָנגעקלאפט אין טיר, און מע האָט אים גאסטפרייַנטלעך אופגענומען, געגעבן עסן און געלאָזט אָפרוען.

און טראָץ דעם, וואָס מע האָט געקענט דערווארטן, האָבן די מענטשן, וועלכע פארלאָזן די שטוב, און אויך די, וואָס באזעצן זיך אין איר, פארייניקט זייערע הערצער אין פרייַנטשאפט, און זיי האָבן זיך ניט צוזאמענגעשטויסן אין סינע.

זיי האָבן געהאט אן אנדער סוינע, איינער קעגן אלעמען — דעם פאשיסט. און אין הערצן בא זיי איז געוועזן דערצויגן און איז אויסגעוואקסן דער געפיל פון אינטערנאציִאָנאלער איינהייַט, ווי איינע פון די גרונט־יעסוידעס פונעם קאָמוניזם. און אָט די נאכט, אזא קורצע און אזא דויערנדיקע, האָט אופגעדעקט, וויִאזוי עס איז זינלאָז די סינע פון איין מענטשן צום צווייטן איבער דער פארשיידנהייַט פון רעליגיעזן גלויבן און פון נאציִאָנאלער אָפשטאמונג. בא די דאָזיקע מענטשן איז געוועזן איין גלויבן — זיי האָבן געגלייבט אינעם לעבן, אין גערעכטיקייַט און אין יוישער.

זייער גוט האָט אנטדעקט די אקטריסע אלעקסאנדרא אגעיעווא, וועלכע שפילט יעוודאָקיִען, די פארבאַרגנסטע שטריכן פון איר נעשאָמע. יעוודאָקיִע — אגייעווא זעט אויס שטרענג און אפילו טרוקן. די דאָזיקע פרוי האָט אליין איבערגעלעבט ניט ווייניק שווועריקייַטן, אָבער ניט פארשטיין דעם טאָך פון דעם, וואָס קומט פאָר, האָט זי ניט געקענט. און איינע פון די סאמע בוילעטע סצענעס אין ספעקטאקל איז די, בייס וועלכער די באיאָרטע פרוי דערזעט מא־

קינסטלער געךשן קראַוצאָוו (פון דער זאמלונג פון רימא וווגינא)



אין פארק פון קולטור און אָפּרו

הארבסט

С · С · Ex · С · Р
BIBLIOTHEKA
LENINIANA
М · О · С · К · В · А

גערשון ראָשאַל
EX LIBRIS
Г.Л.РОШАЛЯ

ЦЕНТРАЛЬНАЯ
ГОРОДСКАЯ
ПУБЛИЧНАЯ
БИБЛИОТЕКА
ИМЕНИ
Н.А.НЕКРАСОЗА
МОСКВА

КНИГА Р.М.ВУГИНОЙ

גליעב אוספענסקי

ניזאמי

סאיאט נאָווא

שאָטא רוסטאַוועלי



צייכענונגען צו מ. אלטמאַנס בוך „די ווינער קארעטע“

צייכענונגען צו ה. פּאָליאַנקערס בוך „דער לערער פון מעדזשיבאָזש“



שען, וועלכע איז אנטלאָפן פון באבי יאר, ארויסקריכנדיק פון אונטער די צעשאָסענע און שטארבנדיקע פרויען און קינדער.

יעוודאָקיִע האָט אלץ פארשטאנען, גענומען דאָס מיידעלע — אזוי וואָלט זי גענומען איר אייניקל — און אוועקגעפירט צו זיך. דאָס איז געווען אן אקט, וואָס האָט אָן ווערטער דערוויזן די נאטירלעכקייַט, די נויטווענדיקייַט, די געצמעסיקייַט פון דער הומאנער באציִונג פון מענטש צו מענטש, האגאם דער פאשיסטישער געזעץ האָט דערפאר באשטראָפט מיט טויט.

אין דער פיעסע האָט זיך פונדעסטוועגן געפונען אויך איין שוואך אָרט, האגאם פאר שוואך קאָן מען עס אָנרופן באדינגלעך. די פיעסע „א נאכט ערעוו באבי יאר" („דער דאמען־שנייַדער"), וואָס איז אָנגעשריבן קינסטלעריש קאָמפליצירט, געווענדעט צו אלגעמיינע אסאָציִאציִעס, גייט אָפּ אין פינאל פון אָט דעם פרינציפּ. דער פינאל אירער איז אייַנדייַטיק־ליניִיש, און ער שנייַדט אָפּ פון אונדזער אויפנאם עפּעס א צווייטן פלאן, דעם פלאן פון באדאכטונג.

מאשען גיט אויס צו די פאשיסטן א נידעריקע באשעפעניש און א פאכדן — דער דוואָרניק אין דעם הויף. דאָס איז זייער א פינצטערער כאראקטער, און אזוי מאָלט אים דער ארטיסט מארק גייכמאן.

אָט דער דוואָרניק גיט זי אויס דערפאר, ווייַל פאראט איז ביכלאל זייַן נאטור. ער איז פרימיטיוו און אומריין, מיר ווייסן דאָס פון זייַנע רייד און פון זייַן פרוי, דער יונגער נאסטיע, וועלכע עס שפּילט מיט טיפן דראמאטיזם עמא אדאמאָווסקאיא. און עפשער קעדיי צו שאפן דערנאָך דעם נייטיקן קאטארסיס־געפיל, ווייַזט דער דראמאטורג אויך דעם אומקום פונעם דוואָרניק, מיט וועלכן יעוודאָקיִע רעכנט זיך אָפּ פאר מאשעס טויט. אין אָט די שווערע לייזונגען זעען מיר אן עמאָציִאָנעלע קאָנסעקווענטקייַט, מיר נעמען זיי אפילע אוף ווי אן אויסלאָדונג פון די שווערע געשעענישן, מיר דערפילן אָבער א געוויסע אראָפּנידעריקונג פון דער הויכער קאָמפליצירטקייַט, מיט וועלכער דער סוזשעט האָט צום אָנהייב זיך אנטוויקלט, צוזאמענפלעכטנדיק זיך מיטן פלאן פון טראגיש באטראכטן דאָס לעבן.

דער פינאל פונעם ספּעקטאקל איז געלייזט פאנאנדערגעוויקלט און ברייט. די פערסאָנאזשן קלייַבן זיך אין וועג, אין לעצטן וועג אף דער ערד. זיי געזעגענען זיך מיט דער רוסישער פאמיליע, וואָס בלייַבט דאָ, און מיט דער שטוב אליין. און דאָ יאווען זיך נאָכאמאָל די מוזיקאנטן. ווי די גאנצע צייַט ביז איצט, זעען ניט די העלדן פונעם ספּעקטאקל די מוזיקאנטן. זיי גייען דורך פארבייַ, ווי דורך דער לופט. זיי זעען ניט, אז דאָס אָרקעסטערל, ווי אין א קישעפדיק מייַסעלע, איז ארויף אפן טיש און שפּילט, געזעגענענדיק זיך מיט די, וואָס גייען אוועק. מאשע נעמט אייַנגעמאכטס פון דער שאָל — דאָס לעצטע מאָל. דערנאָך ווערט די סצענע פוסט און אייַנגעזונקען אין כוישעך. און נאָר איין שטראל באלייַכט אפן טיש דעם פידל מיטן סמיטשעק, וואָס עס האָט זיי איבערגעלאָזט דער פידלער. און האגאם דער פידל שווייַגט — איז דאָס די לעצטע מוזיקאלישע פראזע אינעם ספּעקטאקל.

כראָניק

צום זיבעציקסטן געבורטסטאָג פון הערשל פּאָליאנקער

לויטן אוקאז פונעם אויבערסאָוועט פון אוססר איז דער ייִדישער שרייַבער הערשל פּאָליאנקער, פאר זייַנע פארדינסטן אין דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, באלוינט געוואָרן מיט א גראמאָטע.

אינעם רעפּובליקאנישן שרייַבער־הויז איז עקספּאָנירט געוואָרן אן אויסשטעלונג פון דעם שרייַבערס ביכער, דערשינענע אין ייִדיש, רוסיש, אוקראַיִניש און אף אנדערע שפּראכן.

אפן פייַערלעכן אָוונט, געווידמעט דער שאפונג פונעם יובילאר, האָט דער סעקרעטאר פונעם שרייַבער־פארבאנד פון אוססר, העלד פון סאָוועטנפארבאנד יורי זבאנאצקי אונטערגעטראָגן אים א באגריסונגס־אדרעס.

די צייַטונג „ליטעראטורנאיא אוקראַיִנא" און די זשורנאלן „וויטשיזנא" און „ראדוגא" האָבן פארעפנטלעכט ארטיקלען וועגן ה. פּאָליאנקערס שאפונג.

אפן אדרעס פונעם יובילאר זייַנען אָנגעקומען פילצאָליקע באגריסונגען פון פארשיידענע פּעריִאָדישע אויסגאבעס, פארלאגן און געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, דערונטער פונעם קאָמיטעט פון די מילכאָמע־וועטעראנען, פון דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" און אנד.

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

מאַרגאַריטע נאַגטיעווא

א גרויסער מײַסטער

פאַראַן מענטשן, וואָס זײַנען גרוי, נאָר פאַרמאָגן יוגנטלעכע אויגן. זיי גייען ארום מיט גרינגע טריט, זייערע באַוועגונגען זײַנען באַפליגלט און געווענדעט צום הויכן גײַסט. באַגעגענען זיך מיט אַזעלכע מענטשן איז א יאָמטעוו, ווײַל אין זייער אָנבליק איז ניטאָ קיין שום וואָכעדיקס, האַגאַם אין לעבן זײַנען זיי גאָר באַשיידן. ס׳איז דאָך ברייט באַוווּסט יענער סאָרט באַשיידנקײַט, וואָס איז מערער פון שטאָלצקײַט. אָט צו אַזאַ טיפּ מענטשן האָט געהערט אונדזער מיטצײַטלער, דער מערקווירדיקער קינסטלער גערשן קראַווצאָוו.

איך בין שוין פון לאַנג געווען באַקאַנט מיט זײַנע פילצאָליקע אילוסטראַציעס און אויספאָרמירונגען פון ביכער. אַמאָל פלעגט זיך מיר אויסווײַזן, אַז ער פליט ווי א שאַגאַליש געשטאַלט, איבער דעם שטייגער, דערגרייכנדיק א הויכע האַרמאָניע פון דער אַלוועלט, אָדער, נאָך מער, אַז ער איז א קלוגער באַלסייפער, וועלכער ווייסט די וואָגיקײַט פונעם וואָרט, וואָס איז אויסגעזעצט אינעם בלײַענעם שריפט.

פערזענלעך מיט גערשן אבראַמאָוויטש קראַווצאָוון האָט מיך צונויפגעפירט מיט עטלעכע יאָר צוריק די באַוווּסטע מאָסקווער זאַמלערן פון קינסטלערישע ווערק רימע מאַרקאָוונאַ וווּגינאַ, וועלכע פאַרמאָגט א קאָלעקציע פון צען טויזנט אַרבעטן פון הײַנטצײַטיקע מײַסטערס פון גראַפיק, מאָלערײַ און סקולפּטור, צווישן זיי די ווערק פון גערשן אבראַמאָוויטשן. איך האָב געזען זײַנע גראַווירן אַף א סאַך אויסשטעלונגען — אין קולטור־הויז פון נעפטעגאַז, אין קלוב „קאַוטשוק“, אין קולטור־הויז פונעם קראַסנאָגאָרסקער מעכאַנישן זאַוואָד און אין דער שטאָט קאַלינינגראַד, מאָסקווער געגנט, אַף דער אויסשטעלונג „מענטש. ערד. קאָסמאָס“. איצט געפינען זיך קראַווצאָווס אַרבעטן אין דער גראַפישער עקספּאָזיציע, וועלכע ווּגינאַ האָט צוגעגרייט צו דעמאָנסטרירן אין די מוזייען און אויסשטעלונג־זאַלן פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע.

— זייער אַן אינטערעסאַנטער קינסטלער, — האָט מיר געזאָגט די זאַמלערן, — פּאַוואָרסקיס א שילער.

אין מײַן קאָלעקציע איז פאַראַנען ניט ווייניק זײַנע עקסליבריסן, צווישן זיי אויך איינער, געווידמעט מיר.

קראַווצאָוון האָב איך צום ערשטן מאָל געזען ווינטער. די אויגן באַם קינסטלער זײַנען ווי געווען אָנגעזעטיקט מיט שוואַרץ־ווײַסן אָפּגלאַנץ פונעם ליכטקאָנטראַסט. ער האָט ליב געהאַט מאָסקווע מיט איר מעכטיקער סימפאָניע פון אַרכיטעקטור־אַנסאַמבלען. צוזאַמען מיט זײַן לערער פּאַוואָרסקין האָט ער גענומען אַן אָנטייל אינעם מאָנומענטאַלן אויספאָרמירן די אַרכיטעקטור־געבײַען פון דער הויפּטשטאָט.

— מײַן אָנטייל אין דער אויספאָרמירונג פון מאָסקווע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1935 יאָר, ווען פּאַוואָרסקי, צוזאַמען מיט ברוני, האָבן אָרגאַניזירט בא דער אַקאַדעמיע פון אַרכיטעקטור א וואַרשטאַט פון מאָנומענטאַלער מאָלערײַ־קונסט, — האָט דערציילט גערשן אבראַמאָוויטש. — עפּעס־וואָס האָבן מיר באַוויזן צו שאַפן נאָך ביז דער מילכאָמע. איר געדענקט דעם פּיאָנערן־פּאַלאַץ אין מאָסקווע לעבן די קיראָוו־טויערן? דעמלט איז נאָך, פאַרשטייט זיך, ניט געווען אָט דאָס לעגענדאַרע און גראַנדיעזע פּיאָנערן־שטעטל אַף די לענין־בערג, אַלץ איז נאָך געווען אין טרוים. אָבער מיר האָבן שוין אויך דאַן געזוכט מער בוילעטע און ווירקנדיקע מיטלען פון מאָנומענטאַלער פּראָפּאַגאַנדע. איך האָב אָנטיילגענומען אין אויספאָרמירן דעם צושויער־זאַל אינעם פּיאָנערן־פּאַלאַץ. נאָכדעם זײַנען מיר אריבערגעגאַנגען צום פאָרטאַל אין טעאַטער פון דער סאָוועטישער אַרמיי. ערעוו דער מילכאָמע האָבן מיר פאַרענדיקט די מאָנומענטאַלע אויספאָרמירונג פונעם פּיאָנערן־פּאַלאַץ אין דער שטאָט קאַלינין. אָבער דאָס סאַמע אינטערעסאַנטע איז געווען די אַרבעט אונטער פּאַוואָרסקיס אָנפירונג איבער דער מאָלערײַ פון דעם פּיאָטער־זאַל אין היסטאָרישן מוזיי. פּאַוואָרסקי האָט גלענצנדיק געקענט די רוסישע געשיכטע און האָט אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זײַן ענטוזיאַזם...

ווי פּאַוואָרסקי, האָט אויך קראַווצאָוו געזען די אינערלעכע פאַרבינדונג צווישן ביכער־אילוסטראַציע און מאָנומענטאַלער מאָלערײַ. וועגן אָט דער

פארבינדונג אין דער קונסט האָט גוט געזאָגט פאוואָרסקי: „יעדער קונסט האָט אירע מיטלען. מאָלערײַ נוצט אויס א סאך קאָלירן, און באנאנד מיט מאָלערײַ עקזיסטירט די גראפישע שילדערונג, וואָס באגרענעצט דעם קינסטלער מיט שווארצער און ווײַסער פארב, און דאָס פארשמעלערט זײַנע מאָלערישע מיטלען. אויב דאָס שילדערן איז באגרענעצט אין מיטלען, דארף דער קינסטלער אָט די מיטלען בארײַכערן. ער דארף מיט שווארץ און ווייס איבערגעבן אלע פארבן און אלע שאטירונגען...”

קראווצאָוו איז געווען ניט בלויז פאוואָרסקיס א גלענצנדיקער פאָרזעצער, נאָר אויך א נאָוואטאָר אין פארשיידענע זשאנרען און פאָרמען פון דער גראפיק.

דאָס איז געווען נאָך אין יענע יאָרן, ווען ער האָט געלערנט אין וכוטעיִן, וווּהין ער איז אָנגעקומען נאָכן פארענדיקן דעם ארבפאק פון קונסט. נאָך פון קינדווײַז אָן האָט זיך בא אים אנטפלעקט קינסטלערישע באגאבונג.

פארענדיקט דעם וכוטעיִן, איז קראווצאָוו אָנגעקומען אף ארבעט אין פארלאג פון קינסטלערישער ליטעראטור און אף שטענדיק פארבונדן זײַן לעבן מיטן בוך, זייענדיק איינער פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער בוך־גראפיק, דער עלטסטער מײַסטער אין אָט דעם געביט.

וועלכע ביכער האָט אילוסטרירט און אויסגעפאָרמירט קראווצאָוו? די סאמע פארשיידנסטע — סײַ פילאָסאָפישע טראקטאטן, סײַ שעדעווערן פון דער וועלט־פאָעזיע; ווערק פון ייִדישע שרײַבער און פון פיל שרײַבער פון אנדערע נאציאָנאלע ליטעראטורן, אין דער ערשטער רײ פון דער רוסישער.

ליבהאָבער פון פאָעזיע האָבן שוין פון לאנג אָפגעשאצט די לידער־זאמלונג פונעם גרויסן ארמענישן דיכטער סאיאט נאָווא, וועלכער האָט געשריבן אף דרײַ שפראכן — ארמעניש, גרוזיניש און אזערבײַדזשאניש. קראווצאָוו האָט דערציילט: „ארבעטנדיק איבער די אילוסטראציעס צו די לידער פון סאיאט נאָווא, האָב איך, ווי אן אקטיאָר, זיך איבערגעשטאלטיקט אין דעם באליבטן געשטאלט. איך האָב געדארפט בײַקומען א סאך שוועריקײַטן אין דער טראקטירונג פון די קינסטלערישע מיטלען. די געשיכטע, לעמאָשל, האָט ניט פארהיט קיין איין בילד פונעם ארמענישן פאָעט, וועלכער האָט געלעבט אין 18־טן יאָרהונדערט. מיר איז אויסגעקומען דורך דער פריזמע פון זײַנע פאָעטישע שעדעווערן דערזען די שטריכן פונעם לירישן העלד, וועלכער איז געווען דער אווטאָר אליין. אזוי איז געשאפן געוואָרן דער גראפישער פאָרטרעט פונעם מערקווירדיקן ארמענישן פאָעט”...

קראווצאָוו האָט אויך אויספאָרמירט דעם בארימטן רוסישן עפאָס „סלאָווא א פאָלקו איגאָרעווע” (1961). שטארק אויסגענומען האָבן זײַנע סטיליזירטע אלטרוסישע זאסטאווקעס און דער שריפט. ער האָט אילוסטרירט די לידער פונעם גרויסן טאדזשיקישן פאָעט רודאקי, אריסטאָטעלס פאָעטיק, די ווערק פון הערצענען. אוניקאל איז די אויסגאבע פון א באנד מארשאקס ווערק, וועלכע קראווצאָוו האָט אילוסטרירט צוזאמען מיט פאוואָרסקין.

גערשן קראווצאָוו איז געבוירן געוואָרן אין טשערקאס. די קינדער־יאָרן האָט ער פארבראכט אין קרעמענטשוג. ער האָט גוט געקענט דעם שטייגער פון די ייִדישע שטעטלעך און די ייִדישע דעמאָקראטישע קולטור. אין די 20־ער יאָרן, ווען בא אונדז אין לאנד האָט אָנגעהויבן זיך שטורמיש אנטוויקלען די ייִדישע ליטעראטור, האָט קראווצאָוו געהאָלפן לייזן אן ערשטראנגיקע פאָליגראפישע אופגאבע: ער האָט געשאפן מוסטערן פון ייִדישע שריפטן.

שמועסנדיק מיט מיר, האָט ער ארויסגענומען פון דער פאָליצע א גראָבן פאָליִאנט, א באשאָטענעם מיט געמעלן פון אויסיעס. דאָס איז אן אלבאָם פון שריפט־קונסט אף פארשיידענע שפראכן. עטלעכע זײַטלעך פארנעמען דאָ מוסטערן פון קראווצאָווס שריפטן. מיט 20 יאָר צוריק איז געשאפן געוואָרן דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד”. באם וויגעלע פון אָט דער באליבטער אין ברייטע קרײַזן אויסגאבע איז צוזאמען מיט אנדערע טוער פון דער ייִדישער ליטעראטור און קונסט געשטאנען קראווצאָוו. אים געהערט די ערשטע הילע און פארשיידענע עלעמענטן אין דער אויספורעמונג פונעם ערשטן נומער.

אין דעם קינסטלערס ווארשטאט הענגט אן אווטאָפאָרטרעט, פון וועלכן ס׳קוקט ארויס א ברייטפאָנעמדיקער גרוי־ווערנדיקער מענטש מיט א פארבאָרגענעם ווייכן שמייכל. ער טראָגט א סירענעווע סוויטער, א ביסל שוין אן אָפגעבליאקעוועטן, וואָס עס מאכט אים נאָך מער היימלעך. הינטער אים — די גרין־גאָלדענע שײַן פון דער פארגייענדיקער זון. אין אזא גאמע האָט געארבעט קראווצאָוו דער מאָלער. דער גראפיקער איז שטרענג און לאָקאָניש.

„א בוך האָט ניט ליב צו ליגן. א בוך האָט ליב, אז מע זאָל אים דרוקן און לייענען”, — האָט באמערקט שאָלעם־אליכעם אין זײַן אווטאָביִאָגראפישן ראָמאן „פונעם יאריד”. קראווצאָוו האָט פון די קינדערשע יאָרן געפילט א באזונדערע נאָענטקײַט צו שאָלעם־אליכעמען. אן אָפשטאמיקער פון קרעמענטשוג, קען דער מאָלער גוט דעם כאראקטער פונעם פאָלק, עס זײַנען אים טײַער די פראָגרעסיווע נאציִאָנאלע ווערטן, די ייִדישע קולטור. דעריבער, ווען עס איז אָפגעמערקט געוואָרן שאָלעם־אליכעמס הונדערטסטער געבורטסטאָג, האָט ג. קראווצאָוו גלײַך זיך אָנגעשלאָסן אין דער ארבעט אף ארויסגעבן א באנד פון זײַנע ווערק אין ייִדיש און די זעקסבענדיקע אויסגאבע אין דער רוסישער איבערזעצונג. קראווצאָוו איז נאָענט געווען דער טיפאזש פון שאָלעם־אליכעמס העלדן, דער שטייגער פון קאסרילעווקע, די שיינע מײַסעס פונעם ייִדישן פאָלקסהומאָר, וואָס זײַנען ענג פארבונדן מיטן אוקראַיִנישן פאָלקלאָר. אין ראָמאנטישן נוסעך מאָלט קראווצאָוו דעם באגײַסטערטן פידלער סטעמפעניו. דער דינער געמעל פונעם סאָוועטישן קינסטלער איז פול מיט לירישקײַט, מוזיקאלישקײַט און אנטשפרעכט שאָלעם־אליכעמס באשרײַבונג פון סטעמפעניוס וווּנדערלעכער קונסט.

גערשן קראווצאָוו האָט טיף ארײַנגעדרונגען אין מאָלערישן געוועב פון שאָלעם־אליכעמס טעקסט, אויסנוצנדיק די פלאסטישע קראפט פון דעם קינסטלערישן וואָרט, קעדיי צו פארקערפערן אף אן אָריגינעלן אופן דעם סוזשעט. אין אָט דעם זינען האָט

ער זיך ארויסגעוויזן אלס טאלאנטפולער מײַסטער פונעם זשאנער־געמעל, שאפנדיק א גראפישע סעריע צו שאָלעם־אלייכעמס פארצייכענונגען „אף דער בערדיטשעווער גאס”. קראָווצאָוו כאפּט אוף די דעמאָקראַטישע טענדענץ פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק, זײַן קלוגן פאָלקס־הומאָר, און מאָלט מיט סימפּאטיע די העלדן: די שיינע פערעלע, דעם פאָדריאטשיק מייערבער, דעם לעץ געדאליע־לייזער, די פּאַשעטע פרוי ראָכעלע — די ליבהאָבערן פון מוזיק און געזאנג. אלע שאָלעם־אלייכעמס טיפּן באקומען בא קראָווצאָוון שטריכן פון אינדיווידועלער אייגנארטיקײַט. די הומאָריסטישע פּערסאָנאזשן שארזשירט אין דער טראדיציע פון דער קלאסישער ביכער־גראפיק.

גערשן קראָווצאָוו קען גוט שאַלעם־אלייכעמס שאפן, און מיט פּלאסטישע געמעלן שטעלט ער אוף די געשטאלטן־גאלעריי פון דעם גרויסן רעאליסט. א גרויסע צאָל זײַנע איליוסטראציעס צו שאַלעם־אלייכעמס ווערק געפינען זיך אין דער עקספּאָזיציע פונעם מוזיי אף שאָלעם־אלייכעמס נאַמען אין פּערעיאסלאוו־כמעלניצקי. 25 געמעלן צו דער זאמלונג „ייִדישע פאָלקסלידער” זײַנען אויסגעשטעלט אין קינסטלערישן מוזיי אין פּאָלטאווע. קראָווצאָוו האָט ארײַנגעטראָגן א באדײַטנדיקן צושטײַער אין דער ביכער־גראפיק, אויספּאַרמירנדיק דעם באנד פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, די זאמלונג פון דאָוויד האָפשטיין און אנד.

א גאָר הויכע אָפּשאצונג פארדינט קראָווצאָווס ארבעט איבערן עקסליבריס. אין אָט דער קונסט איז ער געווען איינער פון די באדײַטנדיקסטע מײַסטערס.

איינמאָל האָט גערשן אבראמאָוויטש, וועלכער איז געווען באגײַסטערט פון פּאבלאָ פּיקאסאָס טאלאנט, באשלאָסן אים ווידמענען אן עקסליבריס. ווען ער האָט געשאפן די מיניִאטיור, וועלכע האָט געטראָגן א היפּשע סימבאָלישע אַנלאָדונג, איז אנטשטאנען פאר אים די פראגע, וויִאזוי איבערגעבן זי פּיקאסאָן, און ער האָט באשטימט זיך ווענדן צו איליא ערענבורגן מיט א באקאָשע, אז יענער זאָל דאָס טאָן, ווען ער וועט זיך באגעגענען מיטן געניִאלן קינסטלער. דאָס איז געווען אין יאנוואר 1964. אינגיכן האָט ערענבורג אויסגעפילט די באקאָשע.

מיט באזונדערער אכרײַעס האָט קראָווצאָוו זיך גענומען אויספּאָרמירן ל. אי. ברעזשנעווס דאָקומענטאלע טרילאָגיע, וועלכע איז דערשינען אין דער איבערזעצונג אף ייִדיש. אָט האלט איך אין די הענט דעם פּײַערלעכן, שטרענגן בוך אין א רויטן אײַנבונד, מיט גאָלדענע אויסיעס אף דער הילע. ס׳דאכט זיך, אז דאָס גאָלד פון די צעלינא־זאנגען רוישט אף די זײַטן פונעם בוך. די שורעס פונעם טעקסט ארײַנגעשריבן נײַע זײַטן אין די געשיכטע־אנאלן פונעם סאָוועטישן פאָלק. אין דער ארבעט פילט זיך, אז דער קינסטלער האָט אָפּגעגעבן א באזונדערע אופמערקזאמקײַט דעם גראפישן געמעל פונעם בוכשטאב, וועלכער איז געוואָרן א קאָמפּאָנענט אין דער געשטאלטן־סיסטעם פון דער אָרנאמענט־זאסטאווקע.

איינע פון קראָווצאָווס לעצטע ארבעטן איז געווען דער אלעפבייס פאר די שולן אין ביראָבידזשאן. צו אונדזער גרויסן באדויערן שרײַבן מיר אָט די שורעס, ווען דער קינסטלער איז שוין אוועק אין דער אייביקײַט.

עס ווערט פֿאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן

דער גורל פֿון אַ ייִדיש־דיכטער אין ייִסראָעל

(„סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 8, 1980)

לעצטנס איז אַרויס פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט דער פֿאַקט, אַז דער באַוווּסטער ייִדישער דיכטער יוסף פּאַפּערניקאָוו, וועלכער האָט, ווי מע זאָגט, געווידמעט זײַן מוזע דער פּאַלעסטינער באַוועגונג און רעכנט זיך פֿאַר איינעם פֿון די שטאַרקסטע זינגער פֿונעם כאַלוצים־דאָר, האָט ניט אויסגעהאַלטן די דערנידעריקונגען, וואָס אַ ייִדישער שרײַבער לעבט איבער אין ייִסראָעל, און איז געוואָרן אַ יורעד־עמיגראַנט פֿון ייִסראָעל קיין אַווסטראַליע.

מיר גיבן דאָ, צוגעבלעך צו דער נאָטיץ, וועלכע איז פֿאַרעפֿנט־לעכט געוואָרן אינעם נומער 8 פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַר פֿאַ־ריקס יאָר, אַן איבערדרוק פֿון דער פּראָגרעסיווער בוענאָס־אײַרעסער צײַטונג „אונדזער לעבן".

זינט זײַן פֿריִער יוגנט „לעבט" אין ייִסראָעל דער דאָרטיקער עלטסטער ייִדיש־דיכטער יוסף פּאַפּערניקאָוו, איצט — אַ 82־יאָרי־קער. ס'איז אַ „לעבן" אין געענדנפּיסלעך, ווײַל אויסער דעם דאָכ־קעס, אין וועלכן דער דיכטער שטיקט זיך, האָט ער אַ גאַנץ לעבן ניט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ, נאָר אַ דאַך אונטער די פֿיס, ווײַל ער האָט געלעבט ערגעץ אין אַ שטעלכל אַף עמעצנס אַ פֿרעמדן דאַך. שפּעטער האָט ער אויך דעם דאַזיקן דאַך געמוזט פֿאַרלאָזן און זיך געגומען אַרומוואַלגערן אין אַ ווינקל פֿון אַ קע־לער, ווי ער האָט „צוזאַמענגעוווינט" מיט אַנדערע צוויי היימלאָזע, אָבער אַזוי ווי אויך דאָרט, אין נײַעם „ווינאַרט", האָט ער עמעצן ענג געמאַכט, האָט ער סאָפּקאָלסאָף געמוזט פֿאַרלאָזן, אין טיפֿן על־טער, דאָס לאַנד פֿון מילך און האָניק, נאָכן האָבן אָפּגעוועזן דאָרט 55 יאָר...

אַף צו כאַראַקטעריזירן זײַן מאַטעריעלן און מאָראַלישן מאַצעוו איז גענוג צו ציטירן די ווײַטערדיקע שורעס זײַנע:

> ניט מײַנע — די וועלט און ניט מײַנס איז דאָס לעבן,
> וואָס כ'לעב.
> ניט מײַנע — די וועגן, אַף וועלכע איך וואָגל אַרום,
> ס'איז מײַנער דער קוואַל פֿון מײַן טרויער,
> פֿון וועלכן איך שעפּ
> די ווינטיקע קעלט פֿון דער פֿרעמד, וואָס איך פֿיל
> אומעטום.

אויסער דעם איז צוגעקומען דער צאַר פֿון באַליידיקטן ייִדיש, די קאַלט־העברעיִסטישע גלײַכגילטיקייט צו זײַן מאַמע־לאָשנדיק פֿאָלקסוואָרט:

> די היים פֿונעם דיכטער איז דאָרט, ווו מע הערט אים,
> און ניט ווו ס'איז אַפֿריכטן גאָלעס באַשערט אים.
> ווי מיר איז באַשערט צווישן אייגענע ברידער
> אַרומגיין און פֿילן זיך פֿרעמד און דערווידער,
> פֿאַר זינגען אַף ייִדיש, וואָס גרילצט זיי אין אויער, —
> מײַן היים־ליד פֿון ליבע, פֿון פֿרייד אָדער טרויער.

אַפֿילע אַף קיין פּענסיע האָט פּאַפּערניקאָוו ניט פּרעטענדירט, נאָר בלויז אַף אַ בידנעם ווינקל פֿאַר זײַנע אַלטע ביינער, אָבער באַשערט איז אים געווען אָפּצוריכטן ייִסראָעלדיקן גאָלעס אין „זו־ניקן לאַנד", ווי ס'הייסט איינס פֿון זײַנע יוגנט־ביכער.

די לעצטנס אופֿגעקומענע ציִעניסטישע טעראָראַם־באַגליקער פֿון ייִדיש אין ייִסראָעל האָבן אויסגעדרייט זייערע שפּיציקע רוקנס צו אָט דעם צאַרטן דיכטער, ווײַל ער לאָזט זיך ניט אײַנשפּאַנען, ווו „מע דאַרף", און ווײַל זײַן דיכטונג קלינגט ווי אַ דיסאָנאַנס אין די אָפֿיציִעלע כאָרן...

●

טעאַטער און עסטראַדע

מוישע גערשענזאָנס „כעלמער כאַכאָמים" אין ווילנער פֿאָלקס־טעאַטער

די דראַמאַטישע טרופּע פֿונעם ווילנער ייִדישן פֿאָלקס־טעאַטער האָט לעצטנס באַוויזן איר נײַע שטעלונג — מוישע גערשענזאָנס „כעלמער כאַכאָמים" (מוזיקאַלע קאָמעדיע אין צוויי טיילן), רעזשי פֿון ע. כערסאָנסקי, מו־זיק פֿון ב. באָריסאָוו, קינסטלער — ד. קאַריניטיס — נ. מאַרגאָלין.

אינעם ספּעקטאַקל זײַנען פֿאַרטראַטן די שוישפּילער־וועטעראַנען פֿונעם פֿאָלקס־טעאַטער ט. גאָרעליק, מ. קאָ־נאָוויטש, י. קאַץ, א. פּיליס, וו. צוויי־זאָן, די אַרטיסטן פּ. גורוויטש, מ. קאָ־פּלאַן, ס. קאַץ, ר. לעווינע, צ. פֿראַנק, וו. שאַלקינסקי אאַ.

אין די מאַסן־סצענעס באַטייליקט זיך דער אַנסאַמבל פֿון ייִדישע פֿאָלקס־טענץ באַם רעפּובליקאַנישן קולטור־פּאַלאַץ פֿון די פּראָפֿפֿאַריינען.

●

אַ נײַע עסטראַדע־פּראָגראַם

פֿון אַ גאַסטראָל־רײַזע איבער דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל האָט קיין בירעבידזשאַן זיך אומגעקערט דער אָרטיקער וואָקאַל־אינסטרומענטאַלער אַנסאַמבל „די צײַט", וועלכער עקזי־סטירט באַ דער געגנטלעכער פֿילהאַר־מאָניע. דער אַנסאַמבל איז אַרויסגע־טראָטן פֿאַר די באַמאָוצעס מיט אַן עסטראַדע־פּראָגראַם פֿון צוויי אָפּטיי־לונגען — ייִדישע און רוסישע פֿאָלקס־לידער.

וואָרעם האָבן די צושויער אופֿגע־נומען די נײַע ייִדישע זינג־לידער פֿו־נעם בירעבידזשאַנער קאָמפּאָזיטאָר מאַקס עפּשטיין.

●

וואָס זיי אַליין שרײַבן

גיין צופּוס...

די טעג זענען די פּרײַזן פֿאַר אויטאָבוסן־בילעטן געשטיגן מיט 12—14 פּראָצענט. אַזוי, צ. ב. וועט וועט אַ נסיעה פֿון תּל־אָבֿיבֿ קיין חיפֿה און צוריק, קאָסטן 42 שקלים (420 ל״י). דער פֿינאַנס־מיניסטער, וואָס האָט פֿאַריקע וואָך באַזוכט חיפֿה, האָט זיך געשמאָלצן פֿון נחת, ווי מ׳האָט איבערגעגעבן — ווער ס׳איז גרייט געווען זיך צוצוהערן צו זײַנע רייד — אַז פֿאַריקן חודש זענען פֿאַרקויפֿט געוואָרן אַ 2,000 פּריוואַטע אויטאָס, אַ דאַנק די אַרידור־פֿאַרבייליקונגען.

און ס׳זעט טאַקע אויס, גלייך די אַרבעטער אין ישׂראל איז ליבערשט אויסצוגעבן אַ מיליאָן ל״י אויף אַ ביליקערע מאַשין, דעריבער וועט די פֿאַרטייערונג פֿון די אויטאָבוסן־בילעטן אָנרירן נאָר די רייכע. און דער וואָס האָט נישט קיין געלט צו קויפֿן זיך וועלכן ס׳איז „פּעזשאָ 104״, אַ פּשוטע און ביליקע וועט קאָנען אומזיסט, אַז אָן אָפּצאָל, באַנוצן זיך מיט אַזאַ קאָמוניקאַציע־מיטל, אויף וועלכן אַפֿילו אַרידור האָט נישט (פֿאַרלויפֿיק) קיין שליטה: צופּוס־קאָמוניקאַציע...

טאָג־טעגלעך ווערן טײַער די אַרטיקלען פֿון ערשטן געברויך און די באַדינונגען, אָבער דאָס ווערט געטאָן אָן מעלדונגען פֿון פֿינאַנס־מיניסטער. ער קלויבט זיך אויס פֿון צײַט צו צײַט אַ נישט וויכטיקע זאַך און פּראָקלאַמירט איר פֿאַרביליקונג אויף אַ חודש צײַט — און אַלע פֿרייען זיך: וואָס פֿאַר אַ דערלייזער און רעטער איז אויפֿגעשטאַנען פֿאַרן פֿאָלק ישׂראל, און פֿאַר דער ווירטשאַפֿט פֿון דער מדינה...

מע זעט דעם גאַנצן בראָך...

די טעל־אוויוער צווייוואָכן־צײַטונג „ייִסראָעל־שטימע״ ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער ציִעניסטישער „מאַפּאַם״־פּאַרטיי, וועלכע איז אַ טייל פֿון דער „מאַראַך״־קאָאַליציע. אין גאַנג פֿונעם קאַמף פֿאַר געווינען די בענקלעך אין דער קנעסעט און אין היסטאַדרוט בײַס די לעצטע וואַלן, זײַנען אויפֿגעשווומען ניט ווייניק עמעסדיקע פֿאַקטן וועגן דעם רעאַלן לעבן אין דער מעדינע.

מיר האָבן זיך געווענדט צו איינעם פֿון די נומערן פֿון דער „ייִסראָעל־שטימע״, וועלכער איז דערשינען אין סאַמע ברען פֿון דער וואַל־קאַמפּאַניע. דאָן האָבן די קאָנקורירנדיקע פּראָפּאַגאַנדע־שטימעס אַרויסגעבראַכט, פֿאַרהעלטנסמעסיק, ריכטיקע פֿאַקטן, וואָס דאַרפֿן, לויטן פֿאַרטראַכט, אָפּשטויסן די וויילער פֿונעם קאָנקורענט. מיר האָבן גענומען פֿון דער „ייִסראָעל־שטימע״ אַף איבערצודרוקן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ אייניקע מאַטעריאַלן, ענטפֿערנדיק דערמיט אַף דער באַקאָשע פֿון אונדזערע לייענער.

אַ „אינסטרוקטאַזש״ פֿון דער פּאָליציי מיט אַלטע פֿרויען, וויאַזוי זיך פֿאַרטיידיקן פֿון אָנפֿאַלער אַף דער גאַס...

ליד וועגן דער גילדערנער פּאַווע אָן די גאָלדענע גליקן

(פֿאָלקס־מאָטיוו)

עס קומט געפֿלויגן די גילדענע פּאַווע
אין דעם אייגענעם לאַנד.
פֿעדערן גילדענע, קוטשעראַווע
פֿאַרלוירן זי האָט צו איר שאַנד.

נישט אַזוי די פֿעדער, — דעם פֿליגל
האָט זי צעבראָכן דאָך,
און קוקט זי צום הימל, ווי אין שפּיגל,
זעט זי איר גאַנצע בראָך.

נישט אַזוי דעם פֿליגל אירן,
פֿאַרלוירן זי האָט זיך אַליין,
ווי גלייך עס וואָלט אַ נישטגוטער זי פֿירן,
אַז בלאָנדזשען זי זאָל אין איר היים.

ווי עס איז עלנט, ליבע מוטער,
אַ פֿויגל איבערן ים,
אַזוי איז אויך אָן דער־מאַמען דער גוטער
די גאַנצע וועלט אָן אַ טעם.

און ווי ס'איז, מאַמעניו, נאָר אַ שפּליטער
די פּאַווע אין לעבן אָן גליק,
אַזוי איז דער ציטער פֿון האַרץ אין געוויטער,
וואָס ווערט צעריסן אויף שטיק.

און ווי ס'איז ביטער, ליבע מוטער,
דעם פֿויגל ביים מידבר אויף קעסט,
אַזוי איז ביטער דער ייִד דער גוטער,
וואָס האָט פֿאַרלוירן איר נעסט,
אַזוי איז ביטער דער ייִד דער גוטער,
וואָס יעדערער פֿאַרגעסט.

*

אוי, טרויעריק־טשיקאַווע, ווי טרויעריק־טשיקאַווע
איז אַלץ וואָס בלייבט געהיים.
גיי און ווייס, אַז אַ גילדענע פּאַווע
טאָר גאָר נישט האָבן קיין היים.

3 אומגליקלעכע רעקאָרדן אין איין חודש

ישׂראל קאָן זיך נישט דערלויבן נאָך אַזאַ פֿעברואַר!

דער לעצטער חודש איז געווען אַ שלעכטער חודש. אַ טרויעריקער חו־דש. אַ חודש פֿון אַ פֿאַרקערטער וועלט: וואָס ס'האָט באַדאַרפֿט שטייגן — איז געפֿאַלן. וואָס ס'האָט באַדאַרפֿט אַראָפּנידערן — איז געשטיגן.

די עליה אין לאַנד איז דערגאַנגען צו אַ ציפֿער וואָס האָט נישט זיינס גלייכן פֿון יאָר 1967 — בלויז 857 עולים.

די אָפּפֿאַלונג אין ווין צווישן די ייִדן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד איז דערגאַנגען צו העכער 80%. אין חודש פֿעברואַר ה. י. זענען געקומען קיין ווין 1,408 ייִדן. 1186 — זענען אָפּגעפֿאַלן.

דער יקרות־מעסטער אין פֿעברואַר איז געשטיגן מיט 5.5% — מערער ווי תמיד דעם זעלבן חודש, אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן.

דריי זייער אומגליקלעכע רעקאָרדן אין איין חודש!

דער דיכטער שלוימע רויטמאַן האָט עמי־גרירט קיין ייִשׂראל פֿון סאָוועטנפֿאַר־באַנד. זײַן ליד, וועלכע מיר דרוקן דאָ איבער, קאָן ווערן אָנגערופֿן „מײַן כעזשבן־האַנעפֿעש"

די לערער שטרײַקן, עס פֿאַרבײַט זיי אַ פּאָליציאַנטקע...

הײַנטצײַטיקע רוסישע זינגלידער

אין דער איבערזעצונג פון ארן ווערגעליס

וואַקסט אפן ראַנד פון וואַלד א קליאַן

«Рос на опушке леса клён»

ווערטער — יא. שוועדאָוו

מוזיק — וו. מאַקאַראָוו

וואַקסט אפן ראַנד פון וואַלד א קליאַן —
אין א בעריאָזקעלע פאַרטאַן...
און זי מיט צויבערדיקער פראַכט
זיך צו זײַן אקסל צוגעשפאַרט.

דער קליאַן האָט שטענדיק זי געשוינט,
פון היץ פאַרדעקט זי מיט זײַן קרוין.
אין דעם געמיינזאַמען געצעלט
געזונגען האָט די פייגל־וועלט.

הײַנט אינעם וואַלד איז א טומאַן,
עס בלאָזט א ווילדער אוראַגאַן,
דער קליאַן האָט זיך אָף דעם געריכט,
די קלעפּ גענומען גלײַך אָף זיך.

עס רוישט דער קליאַן — מיט בלעטער נײַ,
בלויז דער בעריאָזקע איז ער טרײַ.
זי — ביז עס ווערן גֶעל די האָר —
פאַר אים בלויז צוויטעט אלע יאָר.

וואַקסט אפן ראַנד פון וואַלד א קליאַן —
אין א בעריאָזקעלע פאַרטאַן...
און זי מיט צויבערדיקער פראַכט
זיך צו זײַן אקסל צוגעשפאַרט.

כ'האָב ליב דיך לעבן

«Я люблю тебя, жизнь»

ווערטער — ק. וואַנשענקין

מוזיק — ע. קאַלמאַנאָווסקי

כ'האָב דיך האָלט, כ'האָב דיך ליב,
דו, מײַן וועלט, דו מײַן לעבעדיק לעבן.
כ'האָב דיך האָלט, כ'האָב דיך ליב,
און ס'איז גוט, וואָס דו ביסט אונדז געגעבן.

מיט מײַן מי דיר באַצאָלט —
כ'גיי אהיים נאָך א טאָג נאָך א שווערן.
כ'האָב דיך ליב, כ'האָב דיך האָלט,
און איך וויל, דו זאָלסט בעסער נאָך ווערן.

איך פאַרמאָג פון געבורט
אויצרעס אייגענע, אויצרעס פאַרגרייטע,
עס איז מײַנע די פרוכט
פון די פעלדער, צעשפּרייטע און ברייטע.

דעם פאַרטאָג איך פאַרטרוי
מײַנע נײַע געדאַנקען און לידער,
כ׳בין פאַרליבט אין אַ פרוי,
און עס מוטשעט מיך ווידער און ווידער.

בא דעם סטויג, אין דעם קוסט
זאָל אַ פרעמדער אפילע ניט בײַזײַן,
כ׳האָב מײַן שיינע געקושט,
וועט אַ קינד אין דער וויג זיך באַווײַזן.

אַך ווי גוט, אַך ווי פֿײַן,
ווען דאָס לעבן באַשײַנט איז מיט זינען,
ס׳וועלן אייניקלעך זײַן,
אַלץ דערנאָך וועט פון אָנהייב זיך שפּינען.

אונדזער עלטער — זי שענקט
פאַר דעם קערפּער געלאַסענע שטראַלן.
דו, מײַן לעבן, געדענק
דעם סאָלדאַט, וואָס פאַר דיר איז געפאַלן.

איך בין שטאַרק צו דיר מילד,
קיינער וועט ניט מײַן ליבע פאַרטרײַבן.
און איך וויל, יאָ — איך וויל,
דו זאָלסט אויך קיין באַלכויוו מיר ניט בלײַבן.

צי רוסן בענקען נאָך אַ קריג

«Хотят ли русские войны»

ווערטער — יע. יעווטושענקאָ מוזיק — ע. קאַלמאַנאָווסקי

צי רוסלאַנד נייטיקט זיך אין קריג,
וועט זאָגן אײַך דאָס קינד אין וויג,
די שטילקייט אַפן פעלד, אָן ווינט,
און דאָס בערעזענע געזינד.
אין קוואָרים — זעלנער ריי נאָך ריי,
פרעגט וועגן דעם זיך אָן בא זיי,
באַם זון פון העלדה, וואָס דאָרטן ליגט, —
צי רוסן דאַרפן איצט,
צי רוסן ווילן איצט,
צי רוסן ווילן נאָך אַ קריג!

בא סטאַלינגראַד אין דעם אָקאָפּ
האָט דער סאָלדאַט געלייגט דעם קאָפּ
פאַר דעם, אַז אומעטום דער מענטש
זאָל זײַן מיט רו און גליק געבענטשט.
פרעגט באַם סאָלדאַט, וואָס גייט אַף אַלץ,
וואָס בא דער עלבע אײַך געהאַלדזט
און דורכגעלייגט צו אײַך אַ בריק,
צי רוסן דאַרפן איצט,
צי רוסן ווילן איצט,
צי רוסן ווילן נאָך אַ קריג!

יאָ, אונדזער קויעך איז באַוווּסט,
נאָר ס׳איז ניטאָ צום קריג קײַן לוסט,
די זין פון פאָלק, וואָס האָבן מוט,
פאַרגיסן זאָלן ניט קײַן בלוט.
בא מאַמעס טוט אַ פרעג געניי,
און פרעגט זיך אָן אויך בא מײַן פרוי,
דאַן וועט איר זען אין זייער בליק,
צי רוסן דאַרפן איצט,
צי רוסן ווילן איצט,
צי רוסן ווילן נאָך אַ קריג.

עס וועט פאַרשטיין דאָס פּאַשעט פאָלק,
דאָס פאָלק, וואָס גוטן ווילן פאָלגט,
דאָס פאָלק, וואָס טאָמיד בענקט נאָך גליק, —
אַז רוסן דאַרפן ניט,
אַז רוסן ווילן ניט,
אַז רוסן ווילן ניט קײַן קריג!

דעריאַגן!

«Погоня»

ווערטער — ר. ראָזשדעסטווענסקי

מוזיק — יאַן פרענקעל

מיר ווערן ניט מידער
פון האַלטן די וואַך.
די טלאָען שוין ווידער
דערשרעקן דעם שליאַך.

רעפרען:

און דעמלט מיר זאָגן:
א ברען
און א בראַנד!
דעריאָגן, דעריאָגן!
דעריאָגן, דעריאָגן
מיט שווערד אין דער האַנט!

פאַראַן אינעם שפּײַער
א זיכערע קויל.
אין שפּײַער — דאָס פײַער,
די ליד — אינעם מויל.

רעפרען.

שוין נאָענט די סאָנים,
דאָס פערד איז ניט מיד,
די ווינטן — אין פּאָנעם,
אף ליפּן — די ליד.

רעפרען.

די ליד וועגן דער אומרויִקער יוגנט

«Песня о тревожной молодости»

ווערטער — ל. אָשאַנין

מוזיק — א. פּאַכמוטאָווא

די זאָרגן באַ אונדז — אָן טײַנעס,
די זאָרגן פּאָשעטע זײַנען:
דאָס אייגענע לאַנד זאָל שײַנען,
און דאַן איז ניטאָ קיין זאָרג.

רעפרען:

און שניי, און שטורעם,
און שטערן אָן א ברעג...
עס ציט מיך דאָס האַרץ מײַנס
אין ווײַטן און שווערן וועג!

זאָל זײַן, אַז מיט אונדז דערנעבן
א שוואַרצער שפּאַרבער וועט שוועבן,
נאָר פרײַנטשאַפט באַ אונדז וועט לעבן
קאָלזמאַן מירן זען די וועלט.

רעפרען.

קאָלזמאַן מײַנע פּיס נאָך גייען,
קאָלזמאַן די אויגן נאָך זעען,
קאָלזמאַן עפּעס קאָן נאָך פרייען,
דער וועג איז מיר ניט פאַרשטעלט.

רעפרען.

ווען ס'האַרץ איז נאָך ניט פאַרנומען,
די ליד פּלוצעם וועט קומען,
זי וועט איבער וועגן קרומע
אונדז פירן אהין און צוריק.

רעפרען.

מיר זײַנען נאָך ניט דערגאַנגען,
עס וועלן זײַן נאָך געראַנגלען,
מע דאַרף פאַר דעם גליק ניט דאַנקען,
נאָר נעמען אליין דאָס גליק!

רעפרען.

עך, אף וועגן

«Эх, дороги»

ווערטער — ל. אָשאַנין מוזיק — א. נאָוויקאָוו

עך, אף וועגן...
שטויב און טומאַן,
קאַלט איז אין דער געגנט,
ס׳וויגט זיך דער בוריאַן.
קאָנסט ניט וויסן,
ווי זיך באַגיין,
זאָלסט די פליגל שליסן
אינעם סטעפּ אליין.

שמעקט דער שטויב מיט ביטערס עפּעס
אין סטעפּעס,
אף סטעפּעס,
און א סרייפע ברענט, און שפּעט איז,
און ערגעץ מע שיסט.

עך, אף וועגן...
שטויב און טומאַן,
קאַלט איז אין דער געגנט,
ס׳וויגט זיך דער בוריאַן.
הערט א שאָס זיך,
גרוי איז דער שטויב.
ליגט דײַן פרײַנט אין גראָזן,
ווי א שטילע טויב...

און דער וועג אלץ ווײַטער גייט זיך,
און דרייט זיך,
און שפּרייט זיך,
און די ערד — זי ברענט, פארשטייט זיך,
די ערד איז פארוויסט.

עך, אף וועגן...
שטויב און טומאַן,
קאַלט איז אין דער געגנט,
ס׳וויגט זיך דער בוריאַן.
האָט א טרויער
אלץ אײַנגעהילט.
אף איר זון באם טויער
ווארט די מאַמע שטיל.

בא די וועגן אף די סטעפּעס,
אין סטעפּעס,
אף סטעפּעס
קוקט מען מיט א בענקשאַפט עפּעס
אף אונדז ארויס.

עך, אף וועגן...
שטויב און בוריאַן,
קאַלט איז אין דער געגנט,
ס׳וויגט זיך דער בוריאַן.
פייגל־נעסטן,
ליכטיקע טעג...
קאָן מען דען פארגעסן
אַט אזא מין וועג?

נאטאשקען האָט געליבט אליאָשקע

«Ходил с Наташкою Алёшка»

ווערטער — א. גאנגאָוו מוזיק — ס. טוליקאָוו

געבענקט באם יאם האָט די הארמאָשקע,
דער מוילעד איז געשווּומען סטאם.
נאטאשקען האָט געליבט אליאָשקע
אין שטילן יישעוו בא דעם יאם.

זי איז געווען בא אים די שענסטע —
פון אלץ, פון אלעם זי באשיצט,
און אף א בוים אנטקעגן פענצטער
דאָס אייגן הארץ האָט אויסגעקריצט.

נאָר אין באַרימטן טאָג אין שווארצן,
ווען דער פאשיסט געבראַכט האָט שרעק,
אליאָשקע, לויטן רוף פון הארצן,
אף דער מילכאָמע איז אוועק.

ניטאָ שוין יענע שווערע יאָרן
אױף דעם שוואַרציאַמיקן לימאַן,
נאַטאַשקע איז א ווײַב געוואָרן,
נאָר ניט אַליאָשקע איז איר מאַן.

ס'איז פּוסט דער האַפּן אין באַגינען,
נאָך טונקל איז דער האָריזאָנט,
אַליאָשקעס וועט זיך ניט געפינען,
צוריק ניט קומען פונעם פראָנט.

און ווען נאַטאַשקע זיצט באַם פענצטער,
אַליאָשקע קומט פון בוים אַרויס,
דאָס מיידל דאָס געליבטע בענטשט ער
און פון א צאָרע היט זי אויס.

אַ שמייכל

«Улыбка»

מוזיק — וו. שאַינסקי

ווערטער — מ. פּליאַצקאָווסקי

פון א שמייכל די נעשאָמע קווועלט
און עס גייען דורך די טעג און נעכט מיט סייכל.
ווען דו שיקסט א בראָכע צו דער וועלט,
קערט זי אום צוריק צו דיר זיך מיט א שמייכל.

רעפרען:

און ס'וועט דעמלט אָפּ געוויס
טאַנצן אַלץ מיטביידע פיס
און דער גריל וועט שפּילן פידל אין די הייכן.
פון א קוואַל, וואָס איז ניט גרויס,
פליסט א גרויסער טײַך אַרויס,
נו, און פרײַנטשאַפט נעמט איר אָנהייב פון א שמייכל.

פון א שמייכל גייט די זון אויף באַלד,
נעמט דערוואַרעמען די וועלט אָן צערעמאָניעס.
מיטאַמאָל דער אַלטער, טיפער וואַלד
ווי א קינד הייבט אָן צו קלאַפּן אין די דלאָניעס.

רעפרען.

פון א שמייכל א מעכײַע ווערט,
און עס ווילט זיך צו דעם הימל אַזש דערגרייכן.
זאָל זשע זײַן אויף אייביק אונדזער ערד
אויסגעלײַטערט און באַלויכטן מיט א שמייכל!

רעפרען.

ס׳האָט די נאַכט אָנגעכמורעט די ברעמען

«Вечер чёрные брови насупил»

ווערטער — ס. יעסענין

פאָלקס־מוזיק

ס׳האָט די נאַכט אָנגעכמורעט די ברעמען.
בא דער שטוב ווארטן עמעצנס פערד.
נעכטן האָב איך געהוליעט מיט וועמען?
זיך באַגאַנגען מיט דיר בין איך שלעכט.

שטילער הירזשע, פאַרשפּעטיקטע טראָיקע,
ס׳איז דאָס לעבן אַוועק מיטן ווינט,
אין שפּיטאָל עפּשער מאָרגן כ׳וועל אויסגיין,
דאָרטן אײַנשלאָפן שטיל, ווי א קינד.

צי ארויס פון שפּיטאָל וועל איך מאָרגן,
צו טשעריאָמוכעס מײַנע ארויס
מיט גאָר אַנדערע פריידן און זאָרגן,
מיט אַן אַנדער נעשאָמיקן ברויז.

כ׳וועל פאַרגעסן די גענג יענע ווילדע,
וואָס געמאַטערט מיך האָבן ביז טויט.
דו, מײַן צערטלעכע! דו, מײַן מילדע!
דיך פאַרגעסן איך וועל אין קיין נויט.

און אויב פאַנגען מיך וועט מיט איר אויטזען
אָן מײַן וויסן אַן אַנדערע פרוי,
וועגן דיר כ׳וועל דערציילן, מײַן אויצער,
וואָס גערופן איך האָב דיך אַזוי.

כ׳וועל דערציילן פון העפקערע צײַטן,
זאָל מיר מויכל זײַן גאָט פאַר די רייד.
אַך, דו קאָפּ מײַנער, דולער, פאַרשײַטער,
כ׳האָב אין לעבן מיט דיר זיך פאַרדרייט!

ניט וויין, מײַן מיידל

«Не плачь, девчонка»

ווערטער — וו. כאַריטאָנאָוו

מוזיק — וו. שאַינסקי

ס׳דערהערט זיך א טרומייט,
און דער סאָלדאַט איז גרייט,
דער וועג איז פון דער שוועל שוין גאָר ניט ווײַט.
דאָס מיידל קוקט אַהער
און שלינגט אַראָפּ א טרער,
אָט באַלד זיך שיידן קומען וועט די צײַט.

רעפרען:

דו וויין ניט, מיידל,
ניט וויין געהיים.
סאָלדאַטן קומען
צוריק אַהיים.
ס׳איז ליבע שטאַרקער
פון דעם צעשייד,
דו זאָלסט נאָר וואַרטן —
געזונטערהייט.

איך בין נאָך ניט ביכלאַל
קיין פולער גענעראַל,
נאָר ווערן כ׳וועל אינגיכן א סערזשאַנט.
זײַ מויכל, וואָס צום וועג
כ׳בין אַזוי גיך אַוועק,
און ניט געבעטן כ׳האָב בא דיר דײַן האַנט.

רעפרען.

מײַן קאָמאַנדיר פון ווזוואָד
א רויטן אָרדען האָט
פון יענער צײַט, ווען ס׳איז געווען א קריג.
נאָר דו פאַרעכן מיר
דעם צייכן, וואָס באַצירט
דעם צייכן, וואָס באַצירט מײַן ברוסט
פון זינט אין מאַרש מ׳האָט מיך געשיקט.

רעפרען.

1

2

3

4

5

1. דער ייִסראָעלדיקער דיכטער אַלעקסאַנדער פּען לייענט זײַנע לידער אין רעדאַקציע־לאָקאַל פון „סאָוועטיש היימלאַנד". 1967

2. אויף א לייענער־קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין מאָנטעווידעאָ (הויפּטשטאָט פון אורוגווײַ). דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „אונדזער פרײַנט" מייער טשיזש באַווײַזט דעם פאַרזאַמלטן עולם אן אײַנבונד פון א יאָרגאַנג פון דעם זשורנאַל. 1965

3. אין ארבעטס־מאָמענט אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". פון רעכטס אויף לינקס: מוישע איטקאָוויטש, מאָטל גרוביאַן, אווראָם גאָנטאַר, בליומע קאָטיק, ארן ווערגעליס, מויני שולמאַן, ייִסראָעל סעבריאַני, ארן סטרעלניק. 1968

4. אויף דער באַגעגעניש אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט דערציִיגלינגען פון דער מאַלאַכאָווקער ייִדישער קינדער־קאָלאָניע. שלוימע ראַבינאָוויטש (ערשטער פון רעכטס) אינטערוויוירט א גרופּע אָנטיילנעמער פון דער באַגעגעניש. 1968

5. דער לינגוויסט מוישע שאַפּיראָ טרעט ארויס אויף דער אַלפאַרבאַנדישער שפּראַך־באַראַטונג אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

איך וויל אײַך דערציילן

איך וויל אײַך דערציילן וועגן דער אוקראַיִנישער פרוי נאַטאַליע ראָמאַנצאָווא.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע און די היטלעראָווצעס האָבן פאַרכאַפּט אונדזער שטעטל ליטין, ניט ווײַט פון וויניצע, בין איך, א סטודענטקע פונעם וויניצער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, געבליבן אָף דער אָקופּירטער ערד. אונדזער מישפּאָכע איז באַשטאַנען פון פינף קינדער — צוויי ברידער, וועלכע זײַנען פאַרפאַלן געוואָרן אָף דעם פראָנט, און דרײַ שוועסטער. די מיטלסטע האָבן די פאַשיסטן דערהאַרגעט אינאיינעם מיט די עלטערן. געבליבן לעבן בין איך מיט מײַן קלענער שוועסטערל. ווי נאָר די דײַטשן זײַנען אַרײַן צו אונדז, האָבן מיר דערזען, אַז מיר האָבן פאַרשפּילט דאָס לעבן. נאָכן ערשטן פּאָגראָם האָט מען די לעבנגעבליבענע ייִדן צונויפגעטריבן אָף איין געטאָ־גאַס. שווער איז געווען אין געטאָ...

מיר האָבן געהאַט א פעטער — הערץ בוכבינדער האָט מען אים גערופן. ער איז געווען א גוטער באַלמעלאָכע. זײַנע א באַקאַנטע, די אוקראַיִנישע פרוי נאַטאַליע ראָמאַנצאָווא, האָט אונדז — מיך מיט מײַן קלענער שוועסטערל — אונטערגעהאַלטן. די פרוי האָט זיך באַזעצט אינעם פעטערס שטוב. אונטערן אַלקער האָט זי אויסגעגראָבן א גרויסע גרוב פאַר דרײַ מענטשן, פאַרמאַסקירט זי. אין אָט דער גרוב האָט נאַטאַליע ראָמאַנצאָווא אונדז אויסבאַהאַלטן אין מעשעך פון צוויי יאָר, געהאָדעוועט אונדז און באַשיצט, ביזוואַנען מע האָט זי אַליין ניט אַרויסגעשיקט קיין דײַטשלאַנד. מיר זײַנען געבליבן ווי אָפּן וואַסער. אָבער מיר זײַנען אַלפּי־נעס ניצל געוואָרן. אויך דער פעטער הערץ איז געבליבן לעבן. אים האָט געראַטעוועט א באַקאַנטער לעסניק. נאַטאַליע ראָמאַנצאָווא איז אַנטלאָפן פונעם עשעלאָן, וועלכער האָט געפירט די געפאַנגענע קיין דײַטשלאַנד. זי האָט זיך דערנאָך אומגעקערט אַהיים.

איצט וווינט נאַטאַליע ראָמאַנצאָווא ניט ווײַט פון מײַן שטוב. זי איז א פּענסיאָנערקע. מיר זעען זיך אַלע טאָג. און וויפל איך וועל לעבן, וועל איך ניט פאַרגעסן אָט די ליבע פרוי.

באַסיע אויפמאַן,
ליטין, וויניצער געגנט

יאַנוש קאָרטשאַק אין קיִעוו

די קיִעווער ליבהאָבער פון ליטעראַטור האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער פּוילישער שרײַבער יאַנוש קאָרטשאַק (הענריק גאָלדשמידט) איז בײַס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע געווען אַן אָרדינאַטאָר פון א מיליטער־שפּיטאָל הינטער קיִעוו און פלעגט העלפן דער טעטיקײַט פון די פּוילישע קינדער־אַנשטאַלטן אין קיִעוו. דאָ טאַקע האָט יאַנוש קאָרטשאַק אָנגעהויבן שרײַבן זײַן בוך „ווי צו ליב האָבן קינדער“.

וועגן דעם האָט דערציילט אָף דער זיצונג פונעם קלוב „צײַטשריפט“ בא דער ביבליאָטעק אָף נ. וו. גאָגאָלס נאָמען דער ליטעראַטור־פאָרשער מ. מ. פעטראָווסקי. אַגעוו, מ. פעטראָווסקי איז איינער פון די צונויפשטעלער פונעם בוך וועגן לייב קוויטקאָ, וועלכער איז דערשינען אינעם פאַרלאַג „דיעטסקאיא ליטעראַטורא“ אין 1976.

א. ריזשאַווסקי,
קיִעוו

א גרוס פון וואַרשע

נאָך אַן איבערײַס האָב איך ווידער אָנגעהויבן באַקומען אײַער כוידעש־זשורנאַל. איך דאַנק אײַך זייער פאַר דעם פּרעכטיקן העפט, פאַר דער בײַלאַגע, פאַרן קאַלענדאַר מיטן סימען פון דער אָלימפּיאַדע.

איך וויל אײַך זאָגן, טײַערע כאַווײרים פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, אַז אײַער זשורנאַל צייכנט זיך אויס מיט זײַן פּרינציפּיִעלקײַט, געטרײַשאַפט די אידעאַלן פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם, ער קעמפט מוטיק קעגן דעם נאַציאָנאַליזם אָף דער ייִדישער גאַס.

נעמט אָן פון מיר און פון מײַנע כאַווײרים־וועטעראַנען פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג די בעסטע וווּנטשן און אונדזער דאַנקבאַרקײַט פאַר אײַער טיכטיקער אַרבעט.

יאַנקעוו רויטמאַן — טשערנאָווסקי,
וואַרשע

צוגאַסט באַ מישקעט ליבערמאַן

דער מאָסקווער פאַרלאַג „פּראָגרעס“ האָט אין 1979 אַרויסגעגעבן אין דער איבערזעצונג פון דײַטש מישקעט ליבערמאַנס בוך זיכרוינעס „פון בערלינער געטאָ אין דער נײַער וועלט“ („סאָוועטיש היימלאַנד“

האָט וועגן אים דערציילט זײַנע לייענער אין 12־טן נומער פאַרן 1980 יאָר).

מיר האָט אָפּגעגליקט. מיט מײַנע כאַווײרים פון עסטלאַנד האָב איך פאָרגענומען א טוריסטישע רײַזע אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, און דאָרט האָב איך זיך באַגעגנט מיט דער שרײַבערן. איר בערלינער טעלעפאָן האָט מיר געגעבן דער גיד ריטאַ רודאָלף.

און אָט זיץ איך אין מישקעטס דירע אויף דער קליינער אַנדרעאַש שטראַסע. די באַלעבאָסטע איז שוין א באַיאָרטע, זייער א מילדע פרוי. איך בין זיכער, אַז זי וועט אויף מיר קיין פאַריבל ניט האָבן, וואָס איך רוף זי אָן באַיאָרטע — זי איז שוין אַלט 75 יאָר, נאָר איך מוז באַטאָנען, אַז זי זעט אויס יינגער פון אירע יאָרן און שענער ווי אויף דער פאָטאָ פון איר בוך.

מישקעט ליבערמאַן איז א פאַרנומענער מענטש. זי באַגעגנט זיך מיט אירע לייענער, מיט טוער פון דער קונסט, מיט געלערנטע פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. בײַם אונדזער שמועס האָט מען איר אָפט געקלונגען אין טעלעפאָן. און כאָטש איך פאַרשטיי שוואַך דײַטש, איז מיר פונדעסטוועגן קלאָר געווען אַז זי אַנטשולדיקט זיך, זי האָט קיין צײַט ניט לאַנג צו ריידן, ווײַל בא איר זיצט א סאָוועטישער גאַסט. איר הויפּט־דײַגע איצט איז דער צווייטער בוך, וועלכן זי שרײַבט.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זי אָפּגעלעבט דרײַסיק יאָר. זי האַלט, אַז דאָס איז איר צווייט היימלאַנד. זי אינטערעסירט זיך מיטן לעבן בא אונדז אין לאַנד. אין די דרײַסיקער יאָרן איז זי געווען אַן אַקטריסע פונעם מינסקער יידישן טעאַטער. זי שאַצט הויך דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”. מישקעט ליבערמאַן האָט געבעטן באַגריסן אַלע סאָוועטישע מענטשן. א באַזונדערן גרוס האָט זי געשיקט אײַך, טײַערע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד”. איך גיב אים איבער מיט פאַרגעניגן.

ס. וועליצקי,
קאָכטלאַ־יאַרווע

נאָך צוויי נעמען

ארום דעם אָבעליסק פון גרויען גראַניט לעם דער שטאָט לוואָוו וואַקסן אייביק גרינע טויעס און טאָפּאָלן מיט ווײַסע בלעטער. דאָ איז שטענדיק שטיל, אייביקע רו. עס זײַנען אויף אָט דעם אָרט געבראַכט געוואָרן צו קווורע 21 העלדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און הונדערטער אַנדערע סאָוועטישע סאָלדאַטן און פּאַרטיזאַנער.

צוזאַמען מיט זייערע שלאַכט־ברידער ליגן אינעם ברודער־קייווער וועניאַמין זײַטשיק און יאָסיף פאַסטערנאַק.

זײַטשיק איז געווען א טאַנקיסט, און פאַסטערנאַק אויך. זײַטשיק האָט געענדיקט א מיליטערישע אינזשעניער־אַקאַדעמיע, ער איז געווען א קאַפּיטאַן, באַלוינט מיט פיר אָרדענס און מעדאַלן. פונעם איינאון־פערציקסטן יאָר ביזן פינף־און־פערציקסטן איז ער געווען אויפן פראָנט. אומגעקומען איז זײַטשיק דעם 19 מאַרט 1945 אין עלטער פון 25 יאָר.

שווערע שלאַכטן האָט געפירט מיט די פאַשיסטן יאָסיף פאַסטערנאַק אין די ערשטע כאָדאָשים פון דער מילכאָמע. וואָס עס הייסט רו האָט ער ניט געוווּסט: פון איין שלאַכט אין דער צווייטער האָט ער געפירט זײַנע טאַנקען. ער ווערט שווער פאַרוווּנדעט. נאָכן האָספּיטאַל אַרבעט ער א קורץ שטיקל צײַט אין הינטערלאַנד — אין פאָליט־אָפּטייל פון א טאַנקעווער לערן־שול, נאָר אינגיכן גייט ער ווידער אַוועק פרײַוויליק אויפן פראָנט. ער ראַנגלט זיך אין די רייען פונעם קאַנטעמירער קאָרפּוס, באַפרײַט שעפּעטאָווקע, לוואָוו, קעמפט פאַר באַפרײַען פוילן. געפאַלן איז ער בא דעם דאָרף גורנאָ, קראַקאָווער אויעזד. ער איז אַלט געווען 28 יאָר.

מיר זאָגן: „קיינער איז ניט פאַרגעסן”. וואָלט איך וועלן, אַז די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד” זאָלן וויסן וועגן אָט די צוויי ערלעכע מענטשן — וו. זײַטשיק און י. פאַסטערנאַק, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס פאַרן היימלאַנד.

א. בירגער,
קאָראָסטען

די לעבנס־געשיכטע פון א ביראָבידזשאַנער טוישעוו

ער איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין א גרויסער מישפּאָכע. פון די זעקס קינדער איז ער, גאַווריעל, געווען דער עלטסטער. זײַן פאָטער, א שנײַדער, האָט געבויגן דעם רוקן פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. די מאַמע איז געשטאָרבן, ווען גאַווריעל איז אַלט געווען עלף יאָר.

בײַס דער דײַטשיש־קײַזערישער אָקופּאַציע פון פוילן איז אויסגעקומען אויסצושטיין א סאַך צאָרעס און דערנידעריקונגען. פאַקטיש, האָט די מישפּאָכע פינקעלשטיין געלעבט אונטערן שטעכיקן דראָט, אין געפענקעניש.

— אַזאַ, ווי דו, דאַרף נעמען די ביקס אין האַנט און קעמפן פאַר זײַנע רעכט, — האָט אים אַנומלטן געזאָגט דער שאָכן, א לעט לויט דער נאַציאָנאַליטעט.

אינגיכן איז שוין גאַווריעל געגאַנגען אויף געהיימע סכאָדקעס, זיך באַקאַנט מיט די באָלשעוויקעס. בא א געלעגנהײַט אַנטלויפט ער פונעם דײַטשיש־קײַזערישן לאַגער צו די פּאַרטיזאַנער. ער ווערט א לעטלענדישער שיסער. זײַן רעגיסטריר־קאַרטל איז נומער 7726.

די ערשטע שלאַכטן באַפליגלען דעם יונגן קעמפער. די פריצישע ערד טיילט מען פאַנאַנדער צווישן די פּויערים.

נאָר די קויכעס זײַנען געווען ניט קיין גלײַכע. עס איז אויסגעקומען איבערלעבן שווערינקײַטן, הונגער.

גאַווריעל האָט געקעמפט קעגן דעניקינס באַנדעס. אין איינער פון די שלאַכטן ווערט ער פאַרוווּנדעט. דערנאָך טרעט ער אַרײַן אין דער ערשטער רײַטער־אַרמיי, קעמפט בא בודיאָנין, נעמט אָנטייל אין די שלאַכטן קעגן ווראַנגעלן, אינעם שטורעם פון פערעקאָפּ.



נאָכן בירגערקריג איז גאוורי׳על שמולעוויטש פינקעלשטיין פרײַוויליק אוועק ארבעטן אין מיליציע, און אפסנײַ — דער קאמף קעגן באנדיטן, קעגן די, וואָס פּרוּוון אומקערן די אלטע פאָראָנדקעס.

אין 1937 קומט פינקעלשטיין קיין ביראָבידזשאַן. ער ארבעט דאָרט אין דער נײַ־פאבריק, בויט דעם אײַזנבאַן־וועג איזוועסטקאָוואָיע — אורגאל. דער געוועזענער רויטגווארדייער, דער לעטלענדישער שײַסער ווערט א פאטרי׳אָט פון דער ייִדישער אוטאָנאָמער געגנט. איצט איז ער שוין אלט מער פון 80 יאָר.

יע. קודיש,
ביראָבידזשאַן

צוויי קינסטלער

אין ווײַסרוסלאנד האָבן געלעבט און געארבעט די באוווּסטע סאָוועטישע קינסטלער יעהודע פּען און יאקאָוו קרוגער. ביידע האָבן זיי איבערגעלאָזט א ווערטפולע קינסטלערישע ירושע. קימאט אלע בילדער פון יעהודע פּען זײַנען דערגאנגען צו אונדז. בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט מען זיי באוויזן צו עוואקוי׳רן, דערנאָך האָט מען זיי אומגעקערט צוריק, און איצט היט מען זיי אָפּ אין די פאָנדן פון דעם ווײַסרוסישן מוזיי. קרוגערס לײַוונטן זײַנען מערסטנטייל אומגעקומען, געבליבן זײַנען בלויז די רעפּראָדוקציעס, פארעפנטלעכטע אין די פארמילכאָמעדיקע אויסגאבעס.

ביידע קינסטלער זײַנען געוועזן אלזײַטיק באגאבט. ביידע האָבן גוט געקענט דעם שטייגער פון דעם פּאָשעטן פאָלקס־מענטש.

אלס זשורנאליסט, האָב איך באזוכט יעהודע פּענען אין זײַן ווארשטאט. ער האָט געטראָגן פּענסנע — בא אים איז געווען אָפּגעשוואכט די רי׳ע, און דאָס פלעגט אים שטערן אין דער ארבעט.

מיך האָט דעמלט אופגערודערט פּענס פּאָרטרעט פון א זייגערמאכער. ביז איצט זע איך אים, דעם אלטן מענטשן, וועלכער האָט א מידער אָף א ווײַלע אָפּגעשטעלט זײַן ארבעט, לייענעדיק א ייִדישע צײַטונג. אפן טיש לעבן אים — א זייגער־וועקער, וועלכן ער דאַרף פאריכטן אָדער ער האָט שוין פארריכט. דוכט זיך — איינפאך, פּראָסט, נאָר גראָד אין אָט דער אינדערוואָכעדיקײַט איז פארטײַעט די אומגעוויינלעכע קראפט פונעם פּאָרטרעט. באוווּסט זײַנען אויך פּענס אנדערע ארבעטן: „א בריוו פון אמעריקע“, „אין טפיסע“, „נאָכן שטרײַק“, „אווטאָפּאָרטרעט“. דאָס בילד „נאָכן שטרײַק“ שילדערט א פארוווּנדעטן ארבעטער, וועלכער ליגט אן איבערגעבונדענער אין שפּיטאָל, לעבן זײַן בעטל שטייען טאטע־מאמע, זיי זײַנען פארומערט, נאָר זיי האָבן ניט קיין טײַנעס צום זון.

א רעוואָליוציאָנערער טעמע איז געווידמעט אויך דאָס בילד „אין טפיסע“. א יונגער ארעסטאנט קוקט דורך די גראטעס אין טורמע־פענצטער, און אין זײַן בליק זעט מען, אז ער גלייבט: ס׳וועט קומען די פרײַהײַט.

יעהודע פּען איז געווען א גוטער פּעדאגאָג. בא אים האָבן זיך געלערנט פיל הײַנטצײַטיקע ווײַסרוסישע קינסטלער.

ווען י. קרוגער איז נאָך געווען א שילער אין א מינסקער פאך־שול, האָט ער אָנגעמאָלט דעם פּאָרטרעט פון זײַן באליבטן שרײַבער טורגעניעוו. שוין אין אָט דער ארבעט האָט זיך געלאָזט פילן דער קינפטיקער קינסטלער. מע האָט אים געשיקט זיך לערנען — צוערשט קיין קי׳עוו, דערנאָך אין אויסלאנד, צולעצט אין דער פּעטערבורגער קונסט־אקאדעמיע. דאָרט איז זײַן לערער געווען דער באוווּסטער רוסישער קינסטלער וו. מאקאָווסקי. אונטער זײַן האַשגאָכע פילט קרוגער אויס די דיפּלאָם־ארבעט „אפן פּראָפעסאָרס מישפּעט“, וועלכע איז געוואָרן דערנאָך בארימט.

עס דארפן אָפּגעמערקט ווערן קרוגערס בילדער „אווטאָפּאָרטרעט“, „דאָס מיידל אין רויטן קלייד“ און באזונדערס דער לײַוונט, וועלכן קרוגער האָט אָנגעשריבן אפן מינסקער מאשינבוי־זאוואָד.

ביידע קינסטלער האָבן איבערגעלאָזט א טיפן שפּור מיט זײַער שאפונג.

יע. סאדאָווסקי,
מינסק

איך רוף אָן זייערע נעמען

איך וויל אײַך דערציילן אין עטלעכע ווערטער וועגן וועטעראנען פון דער פּארטיי. פיל יאָרן האָט געדינט אין דער רויטער ארמיי דער קאָמוניסט נעלסאָן, אלעקסאנדער יאקאָוולעוויטש (פון פעווראל 1917). ער איז געווען א פּאָליט־טוער. נאָך דער דעמאָביליזאציע פארנעמט ער זיך פלײַסיק מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט. ער איז א לעקטאָר — א דערציער פון אונדזער יוגנט. פאר זײַן דערצי׳ונגס־טעטיקײַט איז ער באלוינט מיט אן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן, כוץ די מיליטערישע אויסצייכענונגען.

עס וווינט בא אונדז אין שטאָט דער כאווער גאלפּערין, א מיטגליד פון דער פּארטיי פון 1920 יאָר. ער איז געווען א קורסאנט אינעם קרעמל און איז געשטאנען אף דער וואך לעבן לענינס קווארטיר.



דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד איזראַיִל איליטש פּיסאַנאָוויטש אויף זיין אונטערוואַסער־שיף נאָכן אומקער פון א קאַמפּס־פאַרגעבונג אין צאָפנדיקן יאַם

וועגן די וועטעראַנען וואָלט מען געקאָנט דערציילן זייער א סאַך, נאָר זאָלן כאָטש די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וויסן א פּאָר פאַמיליעס, וועגן וועלכע איך טייל מיט.

א דאַנק די אַלטע קעמפער פאַרן גוטס, וואָס זיי טוען.

גריגאָרי מענסיאַנזשניק,
קעשענעוו

די לעגענדאַרע אונטערוואַסער־שיף

די אונטערוואַסער־שיף „מ־172" און איר קאָמאַנדיר, דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד אי. פּיסאַנאָוויטש זיינען אַריין אין דער געשיכטע פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

איך שיק אייך פאַרן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" א פאָטאָגראַפיע, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אין יאַנואַר 1943, ווען די אונטערוואַסער־שיף „מ־172" האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון די קריגס־פּאָזיציעס אינעם צאָפנדיקן יאַם. דעמלט האָט דער עקיפּאַזש פון דער שיף דערטרונקען דריי פיינט־לעכע עסמינצעס.

ביזוואַנען די שיף איז געשוווּמען אויף דער אויבערפלאַך פונעם יאַם, האָט זי זיך באַדעקט מיט אייז. אויפן פאָדערשטן פּלאַן פון דער פאָטאָ זעט מען דעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד אי. פּיסאַנאָוויטש.

א. שאַפּיראָ,
לענינגראַד

פון די זשורנאַל־מאַטעריאַלן — א גאַנצע ביבליאָטעק

איך בין א באַשטענדיקער לייענער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". כדי עס זאָל זיין לייכטער צו אָפּזוכן די מאַטעריאַלן, ווען דאָס איז מיר נייטיק, האָב איך באַשטימט איבערבינדן זיי לויט די אויטאָרן און לויט דער טעמאַטיק. אַזוי אַרום, האָב איך באַקומען א ביבליאָטעק פון 73 בענדער, צו 300—400 זייטלעך יעדערער. אַלע בענדער מיט אַלציינע טאָוולען פון די זשורנאַלן.

אין מיין זעלבסטעטיקער ביבליאָטעק שטייען 23 איינבענדיקע ווערק, דה. ווערק פון 23 באַזונדערע אויטאָרן. אין אייניקע פאַלן זיינען בא מיר פאַראייניקט עטלעכע אויטאָרן צוזאַמען. 19 בענדער אַנטהאַלטן דערציילונגען, נאָוועלן און אַנדערע פּראָזע־ווערק פון 140 שרייבער. 7 בענדער זיינען צונויפגעשטעלט פון זכרוינעס, ליטעראַרישע געדענקדאַטעס, מיטיילונגען און אַנדערע מאַטעריאַלן. כ'פאַרמאָג דריי גרויסע בענדער לידער. באַזונדערס האָב איך אויסגעטיילט טעאַטער־פאַרצייכענונגען און אַרטיקלען פון שוישפּילער, ווי אויך איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן און מאַטעריאַלן פון דער רובריק „אויף די שפּורן פון געשעענעם". אַרטיקלען און ליטעראַרישע ווערק וועגן וו. אי. לענינען פאַרנעמען בא מיר צוויי בענדער. פאַר דער טעמע „זעכציקסטער יובילעי פון אונדזער סאָוועטנפאַרבאַנד" האָב איך אויסגעטיילט א באַזונדער בוך. אויך אַנדערע יובילייען האָב איך ניט פאַרגעסן.

פון די קינסטלערישע ביילאַגעס צום זשורנאַל האָט זיך באַקומען אן אַלבאָם פון 1800 רעפּראָדוקציעס.

איך בין צופרידן מיט מיין ביבליאָטעק. איך זע באַשיימפּערלעך, וואָס פאַר א גרויסע אַרבעט עס האָט אויפגעטאָן די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", צונויפזאַמלענדיק אין זשורנאַל די שענסטע ווערק פון די ייִדישע סאָוועטישע שרייבער און פון די קלאַסיקער.

מייטע ווייסמאַן,
קופּאַוונע, מאָסקווער געגנט

עס שרייבט אונדז א נייער לייענער

דאָ ניט לאַנג צוריק האָב איך אַנטדעקט פאַר זיך די צייטשריפט „סאָוועטיש היימלאַנד" אין דער פּאַריזשער ביכער־קלייט „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ". כאָטש ייִדיש איז ניט מיין אומגאַנג־שפּראַך, פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" איז זייער אן אינטערעסאַנטער זשורנאַל, און כ'האָב זיך אויף אים אַבאָנירט.

אייניקע פראַנצויזישע אויסגאַבעס באַהויפּטן, אַז די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרמאָגן ניט קיין קולטורעל לעבן. עס דאַכט זיך מיר, אַז די מעכאַברים פון יענע אויסגאַבעס ווייסן ניט וועגן דער עקזיסטענץ פון אייער זשורנאַל, אָדער, מעגלעך, זיי ווילן ניט וויסן...

מיך האָט פאַרינטערעסירט די רובריק „פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש". נאָר איך האָב פאַרהיט בלויז דעם זיבעטן לימעד. צי וואָלט די רעדאַקציע געקאָנט מיר שיקן די איבעריקע לימודים? כ׳וואָלט באַצאָלט פאַר זיי, טאַקע דורך דער ביכער־קראָם „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ".

איך ווינטש אײַך דערפאָלג אין אײַער זייער ווונדערלעכער טעטיקייט.

מאָריס מאָרגנשטערן,
פּאַריז

גיט איבער א גרוס דעם לערער וואַקסמאַן

א גרופּע געוועזענע שילער פון דער ווערליזשער ייִדישער זיבנקלאַסיקער שול, וועלכע האָט עקזיסטירט אין די 20־ער — 30־ער יאָרן, האָט מיך באַופטראָגט זיך ווענדן צו אײַך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער באַקאָשע: זײַט זיך מטריח און באַגריסט, אויב עס איז מעגלעך, דעם אַמאָליקן דירעקטאָר פון דער שול מאַקס מאָיסייעוויטש וואַקסמאַנען מיט זײַן 85־טן יוביליי. ער איז א לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זינט דעם 1961־טן יאָר. יעדן חודש, אין די בריוו צו אונדז, קלײַבט ער פאַנאַנדער די אָפּגעדרוקטע אינעם זשורנאַל ווערק, אייצעט, וואָס מיר זאָלן אומבאַדינגט איבערלייענען. לויט זײַן איניציאַטיוו האָבן מיר זיך אַלע אַבאָנירט אויפן זשורנאַל, און מיר זײַנען אַליין געוואָרן געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער. א געוועזענער לערער פון ייִדישער ליטעראַטור, האָט אונדז מ. וואַקסמאַן באַפרײַנדעט מיטן קינסטלערישן וואָרט, פאַרפלאַנצט אין אונדז די ליבע צו דער מוטער־שפּראַך, וועלכע מיר פאַרגעסן.

אי. קאַץ,
לענינגראַד

פון רעדאַקציע:

די באַקאָשע פון אונדזער לייענער אי. קאַץ האָבן מיר באַפרידיקט, אָפּשיקנדיק א רעדאַקציאָנעלע גראַטולירטעלעגראַמע דעם יובילאַר. בא דער געלעגנהייט באַגריסן מיר נאָכאַמאָל דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מ. וואַקסמאַנען מיט זײַן יוביליי און ווינטשן אים אַלדאָס גוטס.

שורעס, וואָס זײַנען אָנגעשריבן פון פולן האַרצן צו די אַמעריקאַנער, וואָס וואַרפן שמוץ אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד

1

דאָס מויל דאַרפט איר וואַשן, איידער דערמאָנען
פון מײַן לאַנד דעם הייליקן נאָמען.
היטלערן וואָלט איר ניט בײַגעשטאַנען,
ער וואָלט אַריבערגעשפּאַנט אָקעאַנען,
ער וואָלט אײַך געבראַכט אין אײַער מעדינע
דושעגובקעס אָסווענצימער.
איר באַרימט זיך, ס׳איז אײַער מעלוכע א רײַכע,
ער וואָלט אײַך אויסגעטריקנט די טײַכן.
מיר האָבן באַקעמפט אים און צעבראָכן,
פעלן מענטשן אין יעדער מישפּאָכע.
דער קאַמף איז געווען זייער א שווערער,
ס׳פעלן טאַטעס און ברידער און שוועסטער!
אין הערצער פון פעלקער — דאָס ניט צו פאַרמעקן,
אַזאַ איז אונדזער טײַער פאַרמעגן...

דאָס מויל דאַרפט איר וואַשן, איידער דערמאָנען
פון מײַן לאַנד דעם הייליקן נאָמען.

2

די סאָנים — זיי קאָנען דאָרט שרײַען ביז פּלאַצן,
מײַן לאַנד א פאַרבאַנד איז פון פעלקער און נאַציעס.
איך שעץ ניט קיין מענטשן, וואָס שפּילן מיט פײַער,
דער ייִדישער אומגליק צו זיי איז ניט שײַעך.
מײַדאַנעק, טרעבלינקע פאַר זיי איז א מיטל
צו לייגן אין בײַטל דעם קאַמף קעגן היטלערן.
פון וואָלגע ביז דײַטשלאַנד, אויף זעלנערשע וועגן
איך האָב זיי אין ערגעץ קיין איין מאָל באַגעגנט.
דורך טויט און דורך פײַער ניט גרינג געווען טרעטן,
מיר האָבן פאַר פעלקער געטראָגן א רעטונג.

די סאָנים — זיי קאָנען דאָרט שרײַען ביז פּלאַצן,
מײַן לאַנד א פאַרבאַנד איז פון פעלקער און נאַציעס.

מאָרדכע קאָהאַן,

וועטעראַן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, אָנטיילנעמער אין די שלאַכטן אויף די פראָנטן: סטאַלינגראַדער, בריאַנסקער און 1־טער ווײַסרוסישער, גוואַרדיע קאַפּיטאַן אין רעזערוו, פאָרזיצער פונעם רעדאַקציאָנעלן סאָוועט פון דער באַברויסקער פאַרייניקטער ראַדיאָטראַנסלירונג, דעפּוטאַט פונעם באַברויסקער שטאָטישן סאָוועט פון פאָלקס־דעפּוטאַטן.

העשל ראַבינקאָוו

א שווערע דויערנדיקע קראַנקײַט האָט אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען נאָך איין טיכטיקן טוער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור — העשל ראַבינקאָוון. ער האָט אריבערגעשפּאַנט זײַנע שיווים, נאָר אף גאָר א יונגן אויפן איז ער נאָך פול געווען מיט שעפערישע פּלענער.

העשל ראַבינקאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 25 אווגוסט 1908 יאָר אין שטעטל סערעדינאַ בודאַ אף טשערניגאָווטשטשינע (איצט סומער געגנט). פרי אָנגעווירן דעם פאָטער, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אין דער גרויסער וועלט, געאַרבעט אלס מוליער אין לעני־נגראַד און אין מאָסקווע, שפּעטער אלס דרוקער אף דער מאָסקווער פאַבריק „גאָסזנאַק". א פּייִקער, א וויסנדורשטיקער, גיט ער אָפּ זײַן פרײַע צײַט די ביבליִאָטעקן, די טעאַטערס און מוזייען, שוין פון די יונגע יאָרן אָנזאַמלענדיק טיפן וויסן אין געביט פון געשיכטע, ליטעראַטור און קונסט. די אווטאָדידאַקטיש באַקומענע קענטעניש פאַרפולקומט ער דערנאָך אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם מאָסקווער מעלוכישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לעני־נס נאָמען. אלס סטודענט נאָך פאַרעפנטלעכט ער די ערשטע קריטישע רעצענזיעס, דרוקט אָפּ די ערשטע דערציילונג.

אין 1935 יאָר, נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט, איז העשל ראַבינקאָוו געקומען צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן, און דאָ האָט ברייט און פרוכטבאַר זיך פאַנאַנדערגעוויקלט זײַן פילזײַטיקע טעטיקײַט פון א לערער, שרײַבער, זשורנאַליסט. א געוויסע צײַט אַרבעט ער אלס פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן", דערנאָך קערט ער זיך ווידער אום צו דער פּעדאַגאָגישער מי. פאַר זײַנע דערפאָלגן אף אָט דעם געביט איז ער אין 1939 באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „ערעצייכן". ער איז אויך געווען באַלוינט מיט א מעדאַל „פאַר העלדנמוטיקער מי אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע פון די יאָרן 1941—1945".

אין די געגנטלעכע צײַטונגען האָט ה. ראַבינקאָוו סיסטעמאַטיש פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, פאַרצייכענונגען, רעצענזיעס אף ביכער און ספּעקטאַקלען, עסייען. זײַנע ווערק האָבן זיך אויך געדרוקט אין זשורנאַל „פאָרפּאָסט", אין אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן" און, אָנהייבנדיק פון די זעכציקער יאָרן, אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". זײַן בוך „לאַנדסלײַט" (אין דער איבערזעצונג אף רוסיש) איז דערשינען אינעם מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" אין 1977.

מיט דערפאָלג האָט ה. ראַבינקאָוו געפּרווט זײַנע קויכעס אין דראַמאַטורגישן זשאַנער. דער ביראָבידזשאַנער ייִדישער טעאַטער האָט אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן געשטעלט זײַן היסטאָרישע דראַמע „רוווון בורלעס" און אין די מילכאָמע־יאָרן — די פּיעסע „אין די קרימער בערג".

ה. ראַבינקאָוו, וועלכער האָט פאַרבונדן זײַן גאַנץ לעבן מיט דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, האָט געשאַפן אין זײַנע ווערק א היפּשע גאַלעריי פון אירע בויער. די העלדן פון זײַנע דערציילונגען צייכענען זיך אויס מיט ליבע צום קאַנט, ווו זיי לעבן, מיט זיטלעכער ריינקײַט. אזא איז דער וואַלדציכטלער פון דער דערציילונג „מײַנע וועלדער", דער אַרכיטעקטאָר פון „א דאָר אזא", די בויער פון „נײַ־שטאָט", די לערערן פון דער דערציילונג „א בריוו" און אַנדערע.

ראַבינקאָוון האָט אַלעמאָל צוגעצויגן דער האַרעפּאַשנער פאָלקס־מענטש. אָט איז די לעצטע דערציילונג זײַנע („סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 3, 1981) — „בערעס פאַרטאָגן". זי פאַרנעמט געציילטע זײַטלעך, נאָר ווי פיל ווערט אין איר געזאָגט! בערע, דער פּענסיאָנער, איז אַלע יאָרן געווען א בלעכער. נאָר אויך איצט, שוין אף פּענסיע, קאָן ער ניט רוען, ווערט א הויף־אופּזעער. דוכט זיך, וואָס? נאָר אָט— א קלייניקער דיִאַלאָג:

„— א גוטמאָרגן, בערע, קערסט שוין די וועלט?

בערע ענטפערט:

— קעדיי די וועלט זאָל זײַן א ריינע, דאַרף מען זי קערן...

— אָבער צו וואָס אזוי פרי? ס׳קלעקט דיר ניט דער טאָג?

— אזוי דאַרף זײַן, — ענטפערט בערע, — פאָכענדיק מיט דער מעטלע. — מענטשן דאַרפן אופשטיין און דערזען פאַר זיך א ריינע אויסגעקערטע וועלט"...

קעדיי אף אזא אופן א קערעווע טאָן די פּאָשעטע טעמע, דאַרף מען זײַן א מענטש מיט א שטאַרקער באַגאַבונג. אזא איז געווען העשל ראַבינקאָוו. און דעם טאַלאַנט זײַנעם האָט ער אַנטפּלעקט אף פיל געביטן. זײַן אומדערמידלעכע שעפערישע טעטיקײַט אין פאַרלויף פון א קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט וועט פאַרבלײַבן אלס וויכטיקער בײַטראָג אין דער קולטור־בויונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט און אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

ב. מילער

אווראָם רובינשטיין

נאָך א שווערער קראנקײַט איז אין עלטער פון 75 יאָר געשטאָרבן דער פּעדאגאָג, טעאטער־טוער, אווטאָר פון וויסנשאפטלעכע ארטיקלען ארום פראגן פון שפּראַך־קענטעניש און פאָלקלאָר אווראָם רובינשטיין.

א. רובינשטיין איז געבוירן געוואָרן דעם 2־טן יאנוואר 1905 אין דער שטאָט ניקאָלײַעוו (אוקראַינע) אין אן אָרעמער מישפּאָכע. צו 14 יאָר קומט ער אָן זיך לערנען אין דער כערסאָנער קאָמערץ־שול. אין 1922 פארענדיקט ער עקסטערן די ניקאָלײַעווער גימנאזיע און פאָרט אריבער קיין מאָסקווע, ווו ער קומט אָן אין טעאטער „האבימא" אלס טעכנישער ארבעטער.

אין 1926 יאָר פאָרט ארויס אָט דער העברעיִש־שפּראכיקער טעאטער קיין אויסלאנד, און רובינשטיין טרעט ארײַן אין דער טעאטער־סטודיע „פרײַקונסט", מיט וועלכער עס פירט אָן דער רעזשיסער פונעם מאָסקווער קינסטלערישן אקאדעמישן טעאטער ווערשילאָוו. אין 1930 ווערט די סטודיע אריבערגעפירט קיין קיִעוו, און אף איר באזע קומט אוף דער ייִדישער מעלוכע־טעאטער אף שאָלעם־אלייכעמס נאָמען. רובינשטיין ארבעט אין טעאטער אלס אקטיאָר און געהילף־רעזשיסער, לערנט זיך אײַנצײַטיק אפן רעזשיסערישן אָפּטייל באם טעאטראלן אינסטיטוט אף ליסענקאָס נאָמען און באקומט א דיפּלאָם פון א פּראָפעסיאָנעלן רעזשיסער.

פארן קיִעווער טעאטער אינסצענירט ער שאָלעם־אלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן" און „דער פארקישעפטער שנײַדער", וועלכע ווערן שפּעטער, געשטעלט אויך אין אנדערע טעאטערן. אווראָם רובינשטיין מאכט דורך מיטן טעאטער די שווערע יאָרן פון עוואקואציע בייס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין 1959 פאָרט ער אריבער קיין מאָסקווע, ווו עס וויקלט זיך פאנאנדער זײַן טעטיקײַט אלס פּעדאגאָג און וויסנשאפטלעכער טוער. פיל קויכעס האָט אווראָם רובינשטיין אָפּגעגעבן, העלפנדיק דעם צונויפשטעלער פונעם איווריט־רוסישן ווערטערבוך פּ. ל. שאפּיראָ אין זײַן ארבעט איבערן מאנוסקריפּט.

פון צײַט צו צײַט זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאנד" א. רובינשטיינס ארטיקלען וועגן טעאטער־ און קולטור־אָנגעלעגנהײַטן.

אווראָם רובינשטיין איז געווען א הויך־ערודירטער און אײַנצײַטיק א טיף באשיידענער מענטש.

ערע זײַן אָנדענק!

כ. אָסטראָווסקי

ערע זײַן אָנדענק

ס'איז געשטאָרבן שעבסל ווייצנפעלד, איינער פון די אָנהייבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע. געבוירן אין 1896 אין ווילנע, האָט ש. ווייצנפעלד פון די יונגע יאָרן זיך אָנגעשלאָסן אין דער ארבעטער־באוועגונג, עטלעכע מאָל געווען ארעסטירט מיצאד דער בורזשואזער מאכט אין פּוילן און ליטע. אין 1921 איז ער אריבערגעפאָרן קיין סאָוועטנפארבאנד, פארענדיקט דעם מײַרעוו־אוניווערסיטעט, געווען אף פאראנטוואָרטלעכער פּארטיי־ארבעט.

פון 1926 איז ווייצנפעלד רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „דער ייִדישער פויער", שפּעטער — פון דער צײַטונג „דאָס סאָציאליסטישע דאָרף", דרוקט סיסטעמאטיש ארטיקלען אין די צײַטונגען „דער עמעס" און „דער שטערן", העלפט אָרגאניזירן די פּרעסע אין די ייִדישע נאציאָנאלע ראיאָנען. אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ער געדינט אין דער סאָוועטישער ארמיי.

ש. ווייצנפעלד איז דער אווטאָר פון ביכער וועגן דער קאָלעקטיוויזאציע אינעם ייִדישן דאָרף. אין „סאָוועטיש היימלאנד" האָט ער אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן געדרוקט פארצייכענונגען, היסטאָרישע אָפּהאנדלונגען, זיכרוינעס.

אן אקטיווער געזעלשאפטלעכער טוער, איבערגעגעבענער קאָמוניסט און הארציקער מענטש — אזא וועט ער פארבלײַבן אין אונדזער זיכּאָרן.

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

פריבלודע, אווראָם
(1977—1900)

— פובליציסט, פּאָרשער. געבוירן אין באַלטע אין אַ מישפּאָכע פון אַן איינבינדער, געלערנט אין גימנאַזיע, פאַרענדיקט אין אָדעס דעם יורידישן פאַקולטעט. געוועזן אַ לערער פון ייִדישער געשיכטע. געאַרבעט אַלס יוריסט אין דער קאַמער פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פונעם אָדעסער שטאָט־געריכט. אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אַ. פריבלודע פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרבעטן אַרום אָנטראָפּאָנימיק — וועגן דעם אָפּשטאַם פון די אייגן־נעמען און פאַמיליע־נעמען און אויך אין געביט פון היסטאָריאָגראַפיע, ליטעראַרישער ביבליאָגראַפיע.

ווערק: „אינטערעסאַנטע סטאַטיסטיק", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 2, מאָסקווע, 1968; „צו דער געשיכטע פון „ייִדישע פאַמיליע־נעמען", דאָרטן, נום. 7 און 12; „אַקטועלע פראַגן פון אַנטראָפּאָנימיק", דאָרטן, נום. 12, מאָסקווע, 1969; „צו דער געשיכטע פון ייִדישע פאַמיליע־נעמען", דאָרטן, נומער 8; „שאָלעם־אַלייכעמס צוויי ניט פאַרעפנטלעכטע בריוו", דאָרטן, נומער 11, מאָסקווע, 1970; „ייִדישע נעמען, אַנטליִענע פון אַנדערע פעלקער", דאָרטן, נומער 12, מאָסקווע, 1971; „מאַקסים גאָרקי און כ. נ. ביאַליק; אַלעקסיי טאָלסטאָי וועגן שאָלעם־אַלייכעמען", דאָרטן, נום. 3, מאָסקווע, 1973; „צו דער געשיכטע פון ייִדישע נעמען", דאָרטן, נום. 4, מאָסקווע, 1973; „מעטראָנימישע פאַמיליע־נעמען", דאָרטן, נומער 11, מאָסקווע, 1973; „צונעמענישן באַ שאָלעם־אַלייכעמען", דאָרטן, נומער 10, מאָסקווע, 1974; „זיי האָבן געהערט צו דער קאָהאָרטע העלדישע רעוואָליוציאָנערן. אַלעקסאַנדער כמעלניצקי, איינער פון די ערשטע סאָוועטישע יוריסטן", דאָרטן, נום. 3, מאָסקווע, 1974.

ביבליאָגראַפיע: זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 3, 1975.

פיש, ראַכמיִעל
(1973 — 1901)

— זשורנאַליסט. געבוירן אין ווילקאָמיר, קאָוונער גובערניע. צו 12 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן באַ אַ שניידער. אין 1919 גייט ער פרייוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, וווּ ער דינט ביזן 1922. אין אָט די יאָרן האָט ער אָפּגעדרוקט אין אַן אַרמייִשער צייטונג זיין ערשטע דערציילונג אַף רוסיש „סיוואַש". פונעם 1922 ביזן 1925 לערנט ער אַף די העכערע פּעדאַגאָגישע קורסן אין כאַרקאָוו, דרוקט זיין דערציילונג „סיוואַש" אַף ייִדיש. געאַרבעט אַלס לערער פון ליטעראַטור און שפּראַך אין קאַלינינדאָרפער שול. אין 1926 אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פאַרענדיקט די ייִדישע אָפּטיילונג פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף וו. אי. לענינס נאָמען. געאַרבעט אין רעדאַקציע און אין פאַרלאַג „דער עמעס" אַלס רעדאַקטאָר. אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע געווען אַ פּאָליטישער טוער אין דער סאָוועטישער אַרמיי. נאָכדעם ווידער געאַרבעט אין פאַרלאַג „דער עמעס". ר. פיש האָט געדרוקט אין די ייִדישע צייטונגען אַרטיקלען איבער פאַרשיידענע פּאָליטישע און קולטור־פראַגן. אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" נומער 4 פון 1970 האָט ער פאַרעפנטלעכט (צוזאַמען מיט אַ. פריבלודע) קאָמענטאַרן צו דער פובליקאַציע פון וו. אי. לענינס אַרטיקל „צו די ייִדישע אַרבעטער".

פרידמאַן, נאָכעם
(1976 — 1906)

— זשורנאַליסט, דיכטער. געענדיקט די ייִדישע אָפּטיילונג באַם צווייטן מעלוכע־אוניווערסיטעט אין מאָסקווע. געווען אַ לערער פון ליטעראַטור אין די ייִדישע שולן. דעביוטירט מיט פאַרצייכענונגען און אַרטיקלען אין „יונגוואַלד", „פּיִאָנער", „עמעס". געאַרבעט אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן". זיך געדרוקט אין אָט דער צייטונג, אין די זשורנאַלן „פאָרפּאָסט", „סאָוועטיש היימלאַנד", אין ליטעראַרישן אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן".

ווערק: „ביראָבידזשאַנער לידער", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 9, מאָסקווע, 1976; „אין באַגינען־קאַנט", לידער, דאָרטן, נומער 3, 1977.

ביבליאָגראַפיע: ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון ייִוואָ, וואַרשע, 1928; בוזי מילער, „אַף זוניקע וועגן פון דיכטונג", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 3, מאָסקווע, 1977.

✧ ✧ ✧

לאָמיר זינגען נײַע לידער

דאָס גלאָז

ווערטער פון ש. האַלקין

מוזיק פון ל. גאַפּמאַן



דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורך דעם די גאַנצע וועלט:
ווער עס וויינט און ווער עס קוועלט.
נאָר ווי דו האָסט איין זײַט פאַרשטעלט
מיט זילבער־פאַרב, וואָס האָט די ווערט

א גראַשן געלט צי טוואַס מער, —
פאַרשווינדט פון אויג די גאַנצע ערד,
פון רייִנעם גלאָז א שפּיגל זאָל זײַן ריין, —
און ווי דער שפּיגל זאָל זײַן ריין, —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אליין.

began appearing in 1940, when the German bombs were falling on the Jewish quarters of London. At that time, the first issue was sold out at a mass meeting.'

"Later, A. N. Shtentzl tells about the extremely awkward plight of the magazine with its 40 pages of 1/32 format: 'In the last three or four years, it has been coming out once every three months; the last two numbers were six months apart...'"

"Sovietish Heimland" is publishing three poems by A. N. Shtentzl.

From our literary heritage, we are publishing a cycle of poems by the outstanding Soviet Jewish poet Matvei Grubian.

In our section "Criticism and Bibliography", the reader will find a literary profile of prose-writer Shira Gorshman, written by Grigory Remenik of Moscow.

Soviet composer Zinovy Kompaneyets continues his "Chats on Music" with the readers of "Sovietish Heimland". In this number, he tells about a new disc issued by "Melodia". The State Academy Symphony Orchestra of the USSR, with soloits of the Bolshoi Theatre, performs the overture on Jewish themes by Sergei Prokofiev and a song cycle by Dmitry Shostakovich on Jewish folk poems. Concluding his chat, Kompaneyets writes: "Melodia" hase made a fine gift to music-lovers."

Publicist Aron Yerusalimsky of Moscow is represented by an article, "The Jewish Book Collection in the Lenin Library".

A review by art-historian Nina Velikhova of Moscow is devoted to a new production by the Moscow Jewish Drama Company of "The Night Before Babyi Yar" ("The Ladies' Tailor") based on the play by Alexander Borshchagovsky.

Our art insert, from R. M. Vugina's collection with reproductions of work by the late Gershon Kravtsov, is accompanied by an article, "A Major Artist", by Margarita Nogteva of Moscow.

We are publishing a new cycle of contemporary Russian songs translated into Yiddish by Aron Vergelis of Moscow.

Under the heading, "In Reply to Readers' Questions", we are giving a selection of foreign press items discussing problems connected with the showing of the American TV film, "The Holocaust".

Of undoubted interest in this number are our regular features, "Continuing the Conversation", "Our Mail", "Items of Interest", "Chronicle of Literary and Cultural Life", "Photo-information".

Translated by Alex Miller

Supplement to this issue: Y. Beryozkin.
Three Poets, Literary Sketches

On 16 October the occupiers entered Odessa, and ten days later, on 26 October, the fascists took away the mother and fourteen-year-old Anatoli to the ghetto at Slobodka. Asya was able to hide; she found refuge with a girl friend who lived in the country. There she learned about the terrible fate of her mother and brother; the fascists had burned them alive with other prisoners of the ghetto in a school building. . .

Shaken by this tragic news, Asya returned to the occupied city and was arrested during a house-to-house search. In January 1942, when Hitler's troops had begun transporting doomed people out of the city, Asya again escaped. She was hidden by the inhabitants of many surrounding villages and hamlets. One of the women, Nadezhda Milichenko, gave Asya her own documents.

Asya Volgendler tried to get back to her people by crossing the front line, but this proved impossible. In March, near Kiev, she was again arrested and sent to fascist Germany with a trainload of Soviet citizens being forcibly deported from their homeland. Not far from the city of Halle, she worked on a farm owned by a village kulak; then she was thrown into a camp behind barbed wire and, in striped prison uniform with "East" sewn on her chest, was driven off to work at a munitions factory. . .

She endured a great deal away from home among the fascists—hunger, mockery, and beatings. She saw the bestial face of fascism without its mask.

The only bright memory in all those oppressive days was of the old German craftsman who often took Asya and her girl friends ostensibly to work in the kitchen garden, but who actually fed them with whatever he could get and comforted them. Most important of all, they listened with him to the voice of Moscow over an antiquated radio and studied V. I. Lenin's photograph, preserved with great care in that house.

Finally, the long-awaited hour of liberation arrived. Asya Volgendler returned to her Soviet homeland and sought out her brothers. They had taken part in the Great Patriotic War, had been at the front, and had survived.

The war had reaped its bloody harvest in that family, taking away four of them. . .

Our poetry section features Bronya Sinelnikova of Moscow, Max Riant of Ashkhabad, Pinya Plotkin of Bobruisk, Mendl Lifschitz of Moscow, Dvoira Khorol of Moscow, Misha Mogilevich of Kiev, Velvl Vernik of Kiev and Chaim Gurevich of Novosibirsk, each represented by one poem. There is also a separate cycle of poems by Pinya Kirichansky of Kiev, whose sixtieth birthday anniversary is being honoured this month. We are also publishing a cycle of poems by A. N. Shtentzl, who publishes the magazine "Loshn un Lebn" ("Language and Life") in London. Our introductory article states:

"Sovietish Heimland" has already informed readers that in England, where the assimilation of the half-million Jewish population is total and neither the government nor the zionist organisations are doing anything to support Jewish culture and literature—in that country there has, by some miracle, been preserved a small group of idealistically inclined writers who are doing their utmost to preserve the Jewish cultural values of the times of the emigration. In the last number of 'Loshn un Lebn', which is compiled, edited and sold by the same main in London, A. N. Shtentzl, the 'Don Quixote of Jewish letters', we read something that disturbed us with its tragic implications-. A. N. Shtentzl complains to the reader:

"'When the previous number of 'Loshn un Lebn' was being prepared, there was already a risk that the magazine would cease to exist. However, God is merciful, and I am now compiling the next issue. I must remind you that the magazine

NAMES IN MARBLE

The world was celebrating the thirtieth anniversary of the victory over German fascism, the hard road to peace for which millions of Soviet people gave their lives. The echo of the last war found a response wherever its terrible traces remained.

On the invitation of the pupils at the international school, I went to visit them at Pustoh Bor. And again I was in the familiar house among my young friends.

The auditorium was quiet, though packed to capacity—little Africans and Latin Americans listened to the song "Sacred War", and then the master of ceremonies, a swarthy little boy of about fourteen, recited poetry about the exploits of Soviet people who had risen in defence of their homeland.

The children of various peoples, they had fallen in battle for the sake of life on earth: Yugoslav Vladimir Bratsanovich... Cubans Georg Vivo and Enrico Viller... The Pole Walentin Wolkowicki... Jews Sholom Volgendler, Avrum Volgendler and Anatoli Volgendler... German Rudolf Hunderman... Russian Alexei Davydov... Pole Peter Zarski... Bulgarian Blagoi Kasabov... Greek Georg Nikolandi... Latvian Valentin Puntsul... Estonian Edwin Robach... Germans Kurt Remling, Gustav Schutz and Elvir Eisenschneider...

Seventeen who had left Pustosh Bor for the front and had never returned...

On a day in July 1973, when the former pupils of the International Orphanage had gathered together for their traditional reunion, I met Asya Demyanova (Volgendler), a music teacher, who had come from Uzbekistan...

The daughter of a Palestinian communist, she and her four brothers, Benjamin, Sholom, Avrum and Anatoli, had been pupils of the Ivanovsky International Orphanage named after E. D. Stasova. On finishing school in 1940, Asya left for Odessa where her mother and elder brothers were living, and began working as a teacher in a music college. She was there when the war broke out...

The enemy was penetrating deep into the country and approaching her home town.

Her brothers Benjamin, Sholom and Avrum left for the front; and she too volunteered for the Red Army, but was not accepted...

At Vinnitsa, her brother Sholom fell in the fighting with the enemy.

Asya was working on the harvest with the students from her college when the Germans broke through and headed for Odessa. The evacuation of the inhabitants commenced.

For over 70 days, the soldiers of the Primorskaya Army and the Black Sea Fleet, cut off from the main forces of the Southern front, resisted the frienzied attacks of the German and Rumanian divisions. The heroic defence of this city was yet one more vivid example of the selfless love of the Soviet people for their Socialist homeland, a manifestation of the mass heroism of A people that had risen in defence of their country.

Avrum Volgendler fell in the autumn of 1941, defending Odessa. In the international home, his friends had affectionately called him Abrasha... They told me that he had been a gifted, talented musician, studying at a special music school, and the well-known Soviet composer Dunayevsky, on seing some of his works, had predicted a great future for him... That future was irrevocably obliterated by the war...

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 7, June 1981

For many years, "Sovietish Heimland" has been carrying a regular feature, "Information for Our Readers", making it possible to draw upon extensive documentary material to throw some light on the complex problems of life today. Readers are particularly interested in a problem which has arisen in recent times, that of the departure from the Soviet Union of citizens of Jewish nationality who have been misled by zionist propaganda. This unhealthy phenomenon is dealt with in our magazine by regular selections of reference material drawn from the Soviet and world press. The purpose of such selections is that the reader should learn all the truth about the fate of those who believed the promises of professional liars, consigned to oblivion everything to do with their homeland, the memory of their forefathers and their own past, and took an irresponsible and irrevocable step, leaving their birthplace and the homeland dear to their hearts and going off to an alien world. The information on this subject published in "Sovietish Heimland" is always strictly documented and fully authentic. In June last year, some of the evidence supplied by victims of zionist propaganda was collected into a separate book and published in the Library of Supplements to our magazine.

The title of this book, *The Road to the Abyss,* has been used as the heading for a new selection which opens the current issue of "Sovietish Heimland".

Prose is represented this month by the story "Two Uniforms" by Haskel Tabachnikov of Kiev, and a cycle of short stories by Alexander Lizen of Lvov, whose 70th birthday is marked by the literary world.

The action of the story "Two Uniforms" takes place on two planes, as it were: in the tense creative atmosphere of a contemporary theatre company which is staging a play about a partisan detachment during the Great Patriotic War, and in the wartime conditions of the same fighting detachment of people's avengers. The characters in the play and the members of the detachment are the same people.

We are continuing with our feature "New Translations". Dora Khaikina of Kiev has translated into Yiddish some excerpts from a documentary narrative by the Russian writer Valentin Tomin, "The House of Red Talka", in which vivid examples of proletarian internationalism and revolutionary struggle are handled in an original, lyrical and challenging way.

Here is an extract from this story.

словесности» в Лондоне А. Н. Штенцлем, мы прочитали взволновавшие нас своим трагизмом слова. А. Н. Штенцль жалуется читателю:

«Когда делался предыдущий номер «Лошн ун лебн», уже была опасность, что журнал прекратит свое существование. Однако, бог милостив, и я теперь составляю новый номер. Напоминаю Вам, что журнал начал выходить в 1940 году, когда немецкие бомбы падали на еврейские кварталы Лондона. Тогда первый номер был полностью распродан на массовом собрании»...

Далее А. А. Штенцль рассказывает о крайне тяжелом положении журнала, объем которого — 40 страниц 1/32 формата: «В последние 3—4 года он уже выходит один раз в три месяца, а последние два номера — один раз в полгода...».

«Советиш геймланд» публикует три стихотворения А. Н. Штенцля.

Из литературного наследства журнал печатает цикл стихов выдающегося советского еврейского поэта Матвея Грубиана.

В разделе «Критика и библиография» читатель найдет литературный портрет прозаика Ширы Горшман, написанный Григорием Ремеником (Москва).

Советский композитор Зиновий Компанеец продолжает свои «Беседы о музыке» с читателями «Советиш геймланд». В этом номере он рассказывает о новой пластинке, выпущенной фирмой «Мелодия». Государственный академический симфонический оркестр СССР с участием ряда солистов Большого театра исполняет на новой пластинке увертюру на еврейские темы Сергея Прокофьева и вокальный цикл на слова народной еврейской поэзии Дмитрия Шостаковича. Заключая беседу, З. Компанеец пишет: «Фирма «Мелодия» сделала хороший подарок любителям музыки».

Со статьей «Еврейский книжный фонд в библиотеке им. В. И. Ленина» выступает публицист Арон Иерусалимский (Москва).

Рецензия известного искусствоведа Нины Велеховой (Москва) посвящена новой постановке Московского еврейского драматического ансамбля «Ночь перед Бабьим Яром» («Дамский портной») по пьесе Александра Борщаговского.

Художественная вклейка из собрания Вугиной Р. М. с репродукциями работ недавно скончавшегося художника Гершона Кравцова сопровождается статьей Маргариты Ногтевой (Москва) «Крупный мастер».

Публикуется новый цикл переведенных на идиш Ароном Вергелисом (Москва) современных русских песен.

Под рубрикой «Отвечаем на вопросы наших читателей» дается подборка материалов из зарубежной прессы, обсуждающих вопросы, связанные с демонстрацией американского телевизионного фильма «Холокауст».

Несомненный интерес представляют в этом номере постоянные рубрики «Продолжаем разговор», «Почта «Советиш Геймланд», «Хроника литературной и культурной жизни», «Фото-информация».

Приложение к номеру: Г. Березкин

Три поэта. Литературно-критические очерки.

16 октября в Одессу вошли оккупанты, и спустя десять дней, 26 октября, фашисты увели мать и 14-летнего Анатолия в гетто на Слободку. Асе удалось скрыться, она спряталась у подруги, жившей в деревне. Там она и узнала о страшной гибели матери и брата — фашисты их сожгли живыми, вместе с другими узниками гетто, в здании какой-то школы...

Потрясенная этой трагической вестью, Ася вернулась в город, оккупированный врагом, и там ее схватили во время облавы. В январе 1942 года, когда гитлеровцы стали вывозить обреченных на смерть людей из города, Ася снова бежала. Ее прятали жители многих окрестных деревень и сел. Одна из женщин — Миличенко Надежда Павловна — отдала ей свои документы.

Ася Вольгендлер попыталась добраться до своих, перейти линию фронта, но это оказалось невозможным. В марте под Киевом ее опять схватили и с эшелоном насильственно угнанных из родных мест советских граждан, отправили в фашистскую Германию. Недалеко от города Галле она работала в хозяйстве деревенского кулака, затем ее бросили в лагерь за колючую проволоку и в полосатом арестантском платье с нашивкой «Ост» на груди гоняли работать на военный завод...

Многое довелось ей пережить на фашистской чужбине — и голод, и издевательства, и побои. Звериный лик фашизма она увидела без маски.

Единственное светлое воспоминание в череде тех тяжких дней — старый немец-мастер, который часто приводил Асю и ее подруг к себе, якобы работать на огороде, кормил их чем придется и утешал их. И главное, они вместе с ним слушали по старенькому радиоприемнику голос Москвы, рассматривали бережно хранимую в том доме фотографию В. И. Ленина.

Наконец пришел долгожданный час освобождения. Ася Вольгендлер вернулась на родную советскую землю, разыскала своих братьев. Они участвовали в Великой Отечественной войне, были на фронте и остались живы.

Война и в этой семье взяла свою кровавую жертву, забрав четверых...».

В поэтической рубрике выступают Броня Синельникова (Москва), Макс Риант (Ашхабад), Пиня Плоткин (Бобруйск), Мендл Лифшиц (Москва), Двойре Хорол (Москва), Миша Могилевич (Киев), Велвл Верник (Киев), Хаим Гуревич (Новосибирск), — каждый с одним стихотворением и с отдельным циклом — Пиня Кирычанский (Киев), 60-летие которого отмечается в этом месяце. В номере публикуется также цикл стихов поэта А. Н. Штенцля, издающего в Лондоне журнал «Лошн ун лебн» («Язык и жизнь»). Об этом журнале в редакционном вступлении сказано:

«Советиш геймланд» уже информировал читателей о том, что в Англии, где ассимиляция полумиллионного еврейского населения является всеобъемлющей и ни правительство, ни сионистские организации ничего не делают для поддержания еврейской культуры и литературы, — в этой стране чудом сохранилась небольшая группа писателей-идеалистов, выбивающихся из сил, чтобы сохранить еврейские культурные ценности эмигрантских времен. В последнем номере литературного издания «Лошн ун лебн», которое составляется, редактируется и продается одним и тем же человеком — «Дон Кихотом еврейской

ИМЕНА НА МРАМОРЕ

«Мир отмечал тридцатилетие Победы над германским фашизмом — трудной дороги к миру, за который отдали жизнь миллионы советских людей. Эхо минувшей войны нашло отклик повсюду, где остался ее страшный след.

По приглашению воспитанников интершколы я приехал к ним в Пустошь Бор. И снова оказался в знакомом доме, среди своих юных друзей.

В зале тихо, хотя он битком набит, — маленькие африканцы и латиноамериканцы слушают мелодию песни «Священная война», а потом ведущий, смуглый паренек лет четырнадцати, читает стихи о подвигах советских людей, поднявшихся на защиту своего Отечества.

Дети разных народов, павшие в бою ради жизни на земле: югослав Брацанович Владимир... Кубинцы Виво Георг... Виллер Энрико... Поляк Волковицкий Валентин... Евреи Вольгендлер Шолом... Вольгендлер Аврум... Вольгедлер Анатолий... Немец Гундерман Рудольф... Русский Давыдов Алексей... Поляк Жарский Петр... Болгарин Касабов Благой... Грек Николанди Георг... Латыш Пунцуль Валентин... Эстонец Робах Эдвин... Немцы Ремлинг Курт... Шютц Густав... Эйзеншнейдер Эльвира...

Их было семнадцать, ушедших из Пустошь Бора на фронт и не вернувшихся обратно...»

О трех из них — братьях Вольгендлер — автор рассказывает:

«В июньский день 1973 года, когда на свой традиционный юбилейный слет-встречу собрались в Пустошь Бор бывшие воспитанники интердома, я и познакомился с Асей Демьяновой (Вольгендлер), учительницей музыки, приехавшей туда из Узбекистана...

Дочь палестинского коммуниста, она и четверо ее братьев, Беньямин, Шолом, Аврум и Анатолий, были воспитанниками Ивановского интернационального детского дома имени Е. Д. Стасовой. Окончив школу в 1940 году, Ася уехала в Одессу, где находились мать и старшие братья, и поступила учиться в музыкальное училище. Там ее и застала война...

Враг рвался в глубь страны, приближался к родному городу.

На фронт ушли братья Беньямин, Шолом, Аврум, просилась в ряды Красной Армии и она, но ее не взяли...

Под Винницей пал в бою с врагом брат Шолом...

Со студентами своего училища Ася находилась на уборке урожая, когда гитлеровцы прорвались к Одессе. Началась эвакуация жителей. Свыше 70 дней воины Приморской армии и Черноморского флота, оторванные от главных сил Южного фронта, отбивали яростные атаки гитлеровских и румынских дивизий. Героическая оборона этого города явилась еще одним ярким примером беззаветной любви советских людей к своей социалистической Родине, проявлением массового героизма народа, вставшего на защиту своей страны.

Защищая Одессу, осенью 1941 года погиб Аврум Вольгендлер. В интердоме друзья ласково называли его Абраша... Они рассказывали мне, что был он одаренным, талантливым музыкантом, учился в специальной музыкальной школе, и известный советский композитор Дунаевский, ознакомившись с некоторыми его произведениями, предсказывал ему большое будущее... Это будущее безжалостно стерла война...

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 7, июль, 1981

На протяжении многих лет в «Советиш геймланд» ведется рубрика «Информируем наших читателей», дающая возможность привлекать обширный документальный материал для освещения сложных вопросов текущей жизни. В частности, интересует читателей возникшая в последнее время проблема выезда из Советского Союза, обманутых сионистской пропагандой, граждан еврейской национальности. Этому нездоровому явлению журнал посвящает регулярные подборки справочного материала, почерпнутого из мировой и советской прессы. Задача таких подборок заключается в том, чтобы читатель узнал всю правду о судьбе тех, которые поверили посулам профессиональных лжецов, предали забвению все то, что связано с родиной, с памятью предков, с собственным прошлым, и сделали легкомысленный, непоправимый шаг — оставили родные места, милое сердцу Отечество и перебрались в чужой мир. Печатающиеся в «Советиш геймланд» информативные материалы на эту тему всегда строго документированы, правдивы. В июне прошлого года часть свидетельств, пострадавших от сионистской пропаганды людей, была собрана в отдельную книжку, вышедшую в библиотечке Приложения к журналу.

Название этой книжки — «Дорога в пропасть» — вынесено в заголовок новой подборки, которая открывает настоящий номер «Советиш геймланд».

Проза номера представлена повестью Хаскеля Табачникова (Киев) «Два мундира» и циклом новелл Александра Лизена (Львов), чье 70-летие отмечает литературная общественность.

Действие повести «Два мундира» происходит как-бы в двух плоскостях: в напряженной творческой обстановке современного театрального коллектива, ставящего пьесу о партизанском отряде времен Великой Отечественной войны, и в боевой обстановке того же отряда народных мстителей, о котором рассказывает пьеса. Действующими лицами пьесы и участниками боев в отряде являются одни и те же люди.

Продолжается рубрика «Новые переводы». Дора Хайкина (Киев) сделала перевод на идиш части документального повествования русского писателя Валентина Томина «Дом на красной Талке», в котором в своеобразной лирико-публицистической манере рассказано о ярких примерах пролетарского интернационализма и революционной борьбы.

Приводим отрывок из этого повествования.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, **А. Гонтарь**, **С. Гордон**,
Нотэ Лурье, **Х. Меламуд**,
Б. Миллер, **Б. Могильнер**, **Г. Полянкер**,
Г. Ременик, **И. Шрайбман**,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.04.1981. Подписано к печати 18.06.1981 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 311.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1981 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

Информируем наших читателей. Дорога в пропасть.

Рассказы Х. Табачникова, А. Лизена, В. Томина.

Стихи П. Киричанского, Б. Синельниковой, М. Лифшица, П. Плоткина, Д. Хорол, М. Могилевича, Х. Гуревича, В. Верника, М. Рианта, М. Грубияна.

Литературная критика. Вопросы искусства

З. Компанеец. Новая музыкальная пластинка. Н. Велехова. О новом спектакле Московского еврейского драматического ансамбля. М. Ногтева. Выдающийся мастер (о творчестве художника-графика Г. Кравцова).

Современные русские песни в переводе А. Вергелиса.

Почта «Советиш геймланд». Хроника. Новая песня.

Резюме на русском и английском языках.

1981

№ 7